STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01031

SHAS TEHINE

Permanent preservation of this book was made possible by
Cheryl Fishbein & Philip Schatten

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שַ״ס תְּחִנָּה

רַב פְּנִינִים

מִיט פִיעלֶע פֵּירוּשִׁים און מְשָׁלִים אין עִבְרִי טַייטְשׁ, צְווִישֶׁען
וֶועלְכֶע עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ מִשְׁלֵי דָוִד, מִגְדַּל דָוִד,
מִשְׁלֵי אָבוֹת, מִשְׁלֵי מוּסָר, דִבְרֵי צַדִיקִים,
מִנְחַת יִצְחָק, מַעֲשֵׂה חֲכָמִים, דִינִים,
מוֹלָדוֹת, א. ז. וו.

ענטהאלט

הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן זִיבֶּעצִיג

נַייֶע אוּן אַלְטֶע תְּחִנוֹת אוּן מְשָׁלִים, אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן פִיעלֶע
מִדְרָשִׁים אוּן סִפְרֵי מוּסָר.

היברו פאבלישינג קאמפאני

Printed in United States
Hebrew Publishing Company, New York.

Copyright, 1916, by the Hebrew Publishing Co., New York, N. Y.

אינהאלטס־פערצייכניס:

זייט

א) תּחנה ווען מען שטעהט אויף פון שלאף 1
ב. תּחנה צו נעגעל־וואסער 1
ג) תּחנה ביים וואשען די הענד 1
ד) תּחנה אשר יצר 1
ה) תּחנה פון אלהי נשמה 2
ו) תּחנה קבלת עול מלכות שמים 2
ז) א נייע תּחנה צוא השכמת הבקר 5
ח) תּחנה מודה אני 8
ט) תּחנה ערב ובקר 16
י) א נייע תּחנה פון ירושלים 17
יא) תּחנת שערים 20
יב) תּחנה מה טובו 21
יג) תּחנה נאך מה טובו 22
יד) תּחנה צו קליין קריאת שמע 23
טו) תּחנה פאר כי אתה שומע 25
טז) תּחנה שים שלום 26
יז) תּחנה משפט צדק 27
יח) תּחנה פון ירושלים 28
יט) תּחנה ליום ראשון 30
כ) תּחנה ליום שני 31
כא) תּחנה ליום שלישי 32
כב) תּחנה ליום רביעי 33
כג) תּחנה ליום חמישי 33
כד) תּחנה ליום ששי 35
כה) תּחנה שערי רחמים 36
כו) תּחנה עומר לגלגולת. 39
כז) תּחנה שלשה שערים 40
כח) תּחנה פון חלה נעהמען 40
כט) מצות נדה 43

זייט

ל) תּחנה פאר טבילה געהן 43
לא) סדר הדלקת נר בשבת 44
לב) תּחנה צו ליכט צינדען 44
לג) סדר פון ליכט בענשען 47
לד) א נייע תּחנה נאך ליכט־צינדען 49
לה) א נייע תּחנה פון ליכט צינ־דען פיר אמעריקא 50
לו) תּחנה ברכות קודש 54
לז) תּחנה ווען א מגפה ר"ל 59
לח) א תּחנה פון ארץ־ישראל פאר מנחה 62
לט) תּחנה פון שבת פריה 63
מ) תּחנה מקרא קודש 66
מא) תּחנה ווען מען בענטשט ראש חודש חשון 71
מב) תּחנה ווען מען בענטשט ראש חודש כסליו 74
מג) תּחנה ווען מען בענטשט ראש חודש טבת 77
מד) תּחנה ווען מען בענטשט ראש חודש שבט 79
מה) תּחנה ווען מען בענטשט ראש חודש אדר 81
מו) תּחנה ווען מען בענטשט ראש חודש אדר אין א עיבור יאהר 84
מז) תּחנה ווען מען בענטשט ראש חודש ניסן 86
מח) תּחנה ווען מען בענטשט ראש חודש אייר 88
מט) תּחנה ווען מען בענטשט ראש חודש סיון 91

		זייט
נ)	תְּחִנָּה וָוען מֶען בֶּענְטְשְׁט ראש חוֹדֶשׁ תַּמּוּז	93
נא)	תְּחִנָּה וָוען מֶען בֶּענְטְשְׁט ראש חוֹדֶשׁ אָב	95
נב)	תְּחִנָּה וָוען מֶען בֶּענְטְשְׁט ראש חוֹדֶשׁ אֱלוּל	98
נג)	אַ נַייעֶ תְּחִנָּה פוּן ראש חוֹדֶשׁ בֶּענְשֶׁען	101
נד)	שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת פוּן ראש חוֹדֶשׁ בֶּענְשֶׁען	103
נה)	תְּחִנָּה עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ פוּן ראש חוֹדֶשׁ בֶּענְשֶׁען	107
נו)	בִּרְכַּת ראש חוֹדֶשׁ	109
נז)	אַנְעִים זְמִירוֹת	111
נח)	תְּחִנָּה שַׁעֲרֵי רַחֲמִים	116
נט)	תְּחִנָּה פוּן שַׁבָּת־צוּ־נַאכְט	117
ס)	תְּחִנָּה פַאר הַבְדָּלָה	118
סא)	תְּחִנָּה נָאךְ הַבְדָּלָה	120
סב)	תְּחִנָּה לְעֶרֶב ראש חוֹדֶשׁ	120
סג)	תְּחִנָּה יוֹם כִּפּוּר קָטָן	122
סד)	תְּחִנָּה לְתַעֲנִית צִבּוּר	124
סה)	תְּחִנָּה לַעֲשָׂרָה בְּטֵבֵת	127
סו)	תְּחִנָּה לְתַעֲנִית אֶסְתֵּר	127
סז)	אֵל מָלֵא רַחֲמִים לְכ' סִיוָן	128
סח)	תְּחִנָּה לְשִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז	129
סט)	תְּחִנָּה לְתִשְׁעָה בְּאָב	131
ע)	תְּחִנָּה נֶחָמַת צִיּוֹן	135
עא)	תְּחִנָּה אִמָּהוֹת	136
עב)	תְּחִנָּה פִיר חֹדֶשׁ אֱלוּל	144
עג)	תְּחִנָּה לְראש חוֹדֶשׁ אֱלוּל וּלְראש הַשָּׁנָה	146
עד)	תְּחִנָּה פוּן סְלִיחוֹת	148
עה)	תְּחִנָּה פוּן שִׁשָּׁה סְדָרִים	156
עו)	תְּחִנָּה תְּשׁוּבָה תְּפִלָּה צְדָקָה	162
עז)	סֵדֶר לִיכְט בֶּענְטְשֶׁען פוּן ראש הַשָּׁנָה	168
עח)	תְּחִנָּה נָאךְ לִיכְט בֶּענְטְשֶׁען פוּן ראש הַשָּׁנָה	168
עט)	תְּפִלָּה עַל הַפַּרְנָסָה	175
פ)	תְּחִנָּה פִיר ראש הַשָּׁנָה קוּמֶענְדִיג אִין שׁוּהל	176
פא)	תְּחִנָּה פוּן אוֹיסְגֶעמֶען	183
פב)	שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים	191
פג)	תְּחִנָּה שַׁעֲרֵי שָׁלוֹם	191
פד)	תְּחִנָּה פַאר שׁוֹפָר בְּלָאזֶען	192
פה)	סֵדֶר תְּקִיעוֹת	196
פו)	פְּסוּקִים פַאר שׁוֹפָר בְּלָאזֶען	197
פז)	בְּרָכוֹת פוּן תְּקִיעוֹת	198
פח)	תְּחִנָּה נָאךְ וּכְתוֹב	200
פט)	רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פוּן דוּכְנֶ'ען	202
צ)	סֵדֶר תַּשְׁלִיךְ	204
צא)	רַנְּנוּ צַדִּיקִים	205
צב)	אַ נַייעֶ תְּחִנָּה צוּ תַּשְׁלִיךְ	208
צג)	סֵדֶר כַּפָּרוֹת	215
צד)	תְּחִנָּה נָאךְ כַּפָּרוֹת שְׁלָאגֶען	217
צה)	תְּחִנָּה עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר צוּ לִיכְט בֶּענְשֶׁען	220
צו)	סֵדֶר לִיכְט צִינְדֶען פוּן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר	223
צז)	תְּחִנָּה עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר נָאךְ לִיכְט בֶּענְשֶׁען	223
צח)	תְּחִנָּה פַאר כָּל נִדְרֵי	229
צט)	תְּחִנָּה נָאךְ תְּפִלַּת נְעִילָה	231
ק)	אַ נַייעֶ תְּחִנָּה פוּן הַזְכָּרַת נְשָׁמוֹת	240
קא)	יִזְכּוֹר פַאר אַ פָאטֶער	244
קב)	יִזְכּוֹר פַאר אַ מוּטֶער	244
קג)	יִזְכּוֹר פַאר קְרוֹבִים	245

זייט

קד) יזכור פאר קדושים 245
קה) אל מלא רחמים 246
קו) תחנה פאר גע׳הרג׳עטע אין מלחמה 248
קז) הזכרת נשמות פאר גע־הרג׳עטע אין פאגראמען 250
קח) הזכרת נשמות פאר אומ־געקומענע אין שרפות 253
קט) הזכרת נשמות פאר דער־טרונקענע אין ים 256
קי) אן הזכרה פאר איזידאר און אידא שטראוס 257
קיא) תחנה ווען מען פאלט כורעים 258
קיב) יהי רצון יום כפור צו מנחה 259
קיג) תחנה פון אויסנעהמען צו מנחה יום כפור 260
קיד) א תחנה פאר נעילה 262
קטו) תחנה נאך ליכט בענשען פון סוכות 263
קטז) ברכות פון אתרוג בענשען 267
קיז) תחנה נאך אתרוג בענשען 267
קיח) א נייע תחנה נאך אתרוג בענשען 270
קיט) תחנה שלש עשרה מדות לשלש רגלים 271
קכ) תחנה הושענא רבה פאר הלל 273
קכא) תחנה הושענא רבה פאר הושענות 274
קכב) סדר הקפות פון הושענא רבה 275

זייט

קכג) תחנה פון ליכט צינדען לשמיני עצרת ולשמחת תורה 279
קכד) תחנה פאר מוסף צו תפלת גשם 281
קכה) א ליעד פון א״ב אויף שמחת תורה 282
קכו) תחנה פאר ארויסנעהן פון שוהל 288
קכז) תחנה פאר חנוכה ליכט בענשען 289
קכח) תחנה לפורים 290
קכט) תחנה לפסח נאך ליכט בענשען 292
קל) תחנה פאר טל 297
קלא) תחנה לשבועות 297
קלב) א תורה ליעד פון שבועות 301
קלג) עשרת הדברות 302
קלד) א נייע תחנה פיר די וואס האבען קינדער אדער קרובים אין מלחמה 304
קלה) תחנה פאר א פרויא וואס האלט זיך אויף ביי קינ־דער 307
קלו) תחנה פאר אן עגונה 309
קלז) א נייע תחנה פאר אמע־ריקא ווען מען הערט שלעכטע בשורות פון דער אלטער וועלט 311
קלח) תחנה פאר א פרוי וואס זאמעלט צדקה 313

לוּחַ הַמְשָׁלִים.

זֶעהְר שֶׁעהְנֶע און קְלוּגֶע מְשָׁלִים עֶנְטְנוּמֶען פוּן מִשְׁלֵי דָוִד, מִנְחַת יִצְחָק, מַעֲשֵׂה חֲכָמִים, מִגְדַל דָוִד, קוֹל יַעֲקֹב, מִשְׁלֵי אָבוֹת, מִשְׁלֵי מוּסָר און אַנְדֶערֶע סְפָרִים:

קלט) אַ מָשָׁל אויף מַה טֹּבוּ
קמ) אַ מָשָׁל אויף צוֹפֶה וְיוֹדֵעַ
קמא) אַ מָשָׁל אויף וְהַעֲרֶב נָא
קמב) אַ מָשָׁל אויף שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי
קמג) אַ מָשָׁל אויף וְהָיָה אִם שָׁמוֹעַ
קמד) אַ מָשָׁל אויף אַתָּה קִדַּשְׁתָּ
קמה) אַ מָשָׁל אויף וְתִתֶּן לָנוּ חַיִּים אֲרוּכִים
קמו) אַ מָשָׁל אויף שַׁבָּת'דִיגֶע זְמִירוֹת
קמז) אַ מָשָׁל אויף אֲנִי מַאֲמִין בְּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ
קמח) אַ מָשָׁל אויף מִמִּזְרַח שֶׁמֶשׁ פוּן הַלֵּל
קמט) אַ מָשָׁל אויף רַבִּי חֲנַנְיָה בֶּן עֲקַשְׁיָא פוּן פֶּרֶק
קנ) אַ מָשָׁל אויף וּבְכֵן תֵּן פַּחְדְּךָ
קנא) אַ מָשָׁל אויף וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקֹב
קנב) אַ מָשָׁל אויף אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ חָטָאנוּ לְפָנֶיךָ
קנג) אַ מָשָׁל אויף אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ עֲשֵׂה עִמָּנוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ
קנד) אַ מָשָׁל אויף אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ בַּטֵּל מַחְשְׁבוֹת שׂוֹנְאֵינוּ
קנה) אַ מָשָׁל אויף אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כַּלֵּה דֶבֶר וְחֶרֶב וְרָעָב
קנו) אַ מָשָׁל אויף אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ הַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה
קנז) אַ מָשָׁל אויף אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ קְרַע רוֹעַ גְּזַר דִּינֵנוּ
קנח) אַ מָשָׁל אויף אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כָּתְבֵנוּ בְּסֵפֶר גְּאוּלָּה וִישׁוּעָה
קנט) אַ מָשָׁל אויף אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כָּתְבֵנוּ בְּסֵפֶר פַּרְנָסָה וְכַלְכָּלָה
קס) אַ מָשָׁל אויף אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ הָרֵם קֶרֶן יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ
קסא) אַ מָשָׁל אויף אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ זָכוֹר כִּי עָפָר אֲנָחְנוּ
קסב) אַ מָשָׁל אויף אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ עֲשֵׂה לְמַעַנְךָ
קסג) אַ מָשָׁל אויף אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ חָנֵּנוּ וַעֲנֵנוּ
קסד) אַ מָשָׁל אויף עַל חֵטְא שֶׁחָטָאנוּ לְפָנֶיךָ בְּיֵצֶר הָרָע
קסה) אַ מָשָׁל אויף נוֹאֲקִים אֵלֶיךָ פוּן סֻכּוֹת'דִיגֶען פִּיּוּט
קסו) אַ מָשָׁל פוּן שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה
קסז) אַ מָשָׁל אויף וְשַׁבְתִּי אֲנִי וְאֶרְאֶה. פוּן קֹהֶלֶת
קסח) נָאךְ אַ מָשָׁל אויף וְיוֹם הַמָּוֶת מִיּוֹם הִוָּלְדוֹ, פוּן קֹהֶלֶת
קסט) אַ וִויכְטִיגֶער מָשָׁל וֶועגֶען פְרֵיילִיךְ זַיין שִׂמְחַת תּוֹרָה
קע) אַ מָשָׁל אויף שִׁירַת הַיָּם וָואס מֶען לֵייעֶנְט פֶּסַח
קעב) אַ מָשָׁל פוּן שָׁבוּעוֹת וֶועגֶען דִיא עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת
קעג) הִתְעוֹרְרוּת פַאר דֶער תְּפִלָּה
קעד) אַ בִּיסֶעל מוּסָר פוּן דִּבְרֵי צַדִּיקִים
קעה) דִינִים פוּן עֶרֶב שַׁבָּת
קעו) לוּחַ הַמּוֹלָדוֹת וראש חודש

תְּחִנּוֹת שַׁחֲרִית

אַ תְּחִנָּה צוּ זָאגֶען אִין דֶער פְרִיה וֶוען מֶען וַואכְט אוֹיף פוּן שְׁלָאף:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְט דַיין חֶסֶד וָואס דוּ טְהוּסְט מִיר צוּ יֶעדֶער צַייט, בִּפְרַט בַּיי מַיין אוֹיפְשְׁטֶעהְן פוּן שְׁלָאף. אִיךְ לוֹיבּ אוּן דַאנְק דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען פַאר דֶער נְשָׁמָה וָואס דוּ הָאסְט מִיר צוּרִיקְגֶעגֶעבֶּען מִיט דַיין עֶרְבַּארְמוּנְג:

אַ תְּחִנָּה צוּ נֶעגֶעל־וַואסֶער:

גְרוֹיסֶער בַּארֶעמְהֶערְצִיגֶער גָאט! אַזוֹי וִוי דוּ בִּיזְט קָדוֹשׁ (הֵיילִיג) וְטָהוֹר (אוּן רֵיין) אַזוֹי הָאסְטוּ פַארְזָאגְט אִין דַיין הֵיילִיגֶער תּוֹרָה אַז קְדוֹשִׁים תִּהְיוּ, אִיהְר זָאלְט זַיין הֵיילִיג. דֶערְפַאר הָאבֶּען אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים מְתַקֵּן גֶעוֶועְן, אַז מִיר זָאלֶען יֶעדֶען פְרִיהְמָארְגֶען וַואשֶׁען דִי הֶענְד, וַוייל דִי הוֹיפְּט טוּמְאָה לִיגְט אוֹיף דִי הֶענְד. דִי פִינְגֶער דַארְפֶען זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין פוּן יֶעדֶער שְׁמוּץ, אַזוֹי וִוי דוּ פֶערְלַאנְגְסְט אִין דַיין הֵיילִיגֶער תּוֹרָה:

אַ תְּחִנָּה בַּיים וַואשֶׁען דִי הֶענְד:

גֶעלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט, אוּנְזֶער גָאט, קֶענִיג פוּן דֶער וֶועלְט, וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵיילִיגְט מִיט זַיינֶע מִצְוֹת אוּן הָאט אוּנְז גֶעבָּאטֶען צוּ וַואשֶׁען דִי הֶענְד. וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט אִין דַיין הֵיילִיגֶער תּוֹרָה וִהְיִיתֶם קְדוֹשִׁים, אִיהְר אִידֶען זָאלְט זַיין הֵיילִיג. אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים הָאבֶּען גֶע־זָאגְט, מֶען זָאל דִי הֶענְד וַואשֶׁען, וַוייל דִי גַאנְצֶע אוּנְהֵיילִיגְקַייט לִיגְט אִין דִי הֶענְד, מִיט דִי הֶענְד קֶען אַ מֶענְשׁ טְהָאן פִיעל שְׁלֶעכְטֶעס, אוּן דֶערְפַאר דַארְף עֶר זֵיי הַאלְטֶען הֵיילִיג אוּן אָפְּוַואשֶׁען פוּן זֵיי אַלֶע שְׁמוּטְץ:

אַ תְּחִנָּה צוּ אֲשֶׁר־יָצַר:

גֶעלוֹיבְּט בִּיזְטוּ גָאט, אוּנְזֶער גָאט, דֶער קֶענִיג פוּן דֶער וֶועלְט וָואס עֶר הָאט בֶּעשַׁאפֶען דֶעם מֶענְשֶׁען מִיט חָכְמָה, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אִין אִיהְם לֶעבֶּער אוּן הוֹילֶע רֶערֶען, וִוי: אַ מוֹיל, נָאז־

אויערען, הארץ, געדערים, און נאך און נאך. עס איז ענטדעקט און בעוואוסט פאר דיין כסא הכבוד, אז ווען איינס פון די פערמאכטע אברים זאל געעפענט ווערען, וואלט ניט מעגליך געווען צו לעבען און צו שטעהן פאר דיר. געלויבט ביזטו גאט, דער רופא פון אלע בעשעפענישען און וועלכער טהוט גרויסע וואונדער:

תחנה פון אלהי נשמה.

דאס זאגט מען אלע טאג:

מיין גאט! די נשמה וואס דו האסט אין מיר געגעבען איז ריין. דו האסט זי בעשאפען, דו האסט געפארמט איהר געשטאלט, דו האסט זי אין מיר אריינגעבלאזען און דו היטסט זי אין מיר, און דו וועסט איהר צונעהמען פון מיר און אומקעהרען צו מיר לעתיד לבא. די גאנצע צייט וואס די נשמה איז אין מיר, דאנק איך דיר, גאט מיין גאט און דער גאט פון מיינע עלטערען, דער הערר פון אלע ווערק, דער הערר פון אלע נשמות. געלויבט ביזטו גאט, דער וואס קעהרט אום די נשמות צו די טויטע גופים:

תחנה קבלת עול מלכות שמים.

די תחנה זאל יעדע אשה זאגען אלע אין-דער-פריה, זי איז מלוקט פון די הייליגע תנאים ואמוראים און אויך פון די גרעסטע גאונים ז"ע:

רבון כל העולמים, הערר פון אלע וועלטען, קעניג איבער אלע קעניגע, וואס אין דיין האנד איז דאס נפש פון אלע באשעפענישען, די גאנצע וועלט איז פול מיט דיין כבוד,

---

התעוררות פאר דער תפלה

די ספרי מוסר שרייבען, אז יעדער מענש ווען ער שטעלט זיך תפלה טאן פאר השי"ת דארף זיך פאר-שטעלען, ווי וואלט געווען אז ער וואלט זיך געשטעלט פאר א מלך בשר ודם צו בעטען עפעס פון אים

דער מענשליכער שכל איז גאר ניט אימשטאנד צו פער־
שטעהן דיין גרויסקייט מיט דיינע מעשים. אלע הימלען, די
זונן, די לבנה מיט אלע שטערען, וואס יעדער שטערען איז
פאר זיך גאר א בעזונדערע וועלט. אויך דער ים אוקינוס,
דער ים הקרח, דער ים הגדול מיט זייערע פערשיידענע
ברואים, אלע טייכען מיט זייערע פערשיידענע פיש, אלע
בערג און טהאלען, אלע מדבריות מיט די פערשיידענע
חיות, יעדעס ווערימעל אויף דער ערד און אונטער דער
ערד, אויך אלע גרעזליך מיט אלע פערשיידענע בוימער,
לויבען אלע טאג צו דיין ליבען נאמען און ווייזען אויף דיין
גרויס כבוד פאר דער גאנצער וועלט. דו האסט בעשאפען
דעם מענשען פון ערד, אזוי ווי די תורה זאגט „עפר מן
האדמה", און דו האסט אין איהם געגעבען א נשמת רוח
חיים, דאס ער זאל זיין אויסערוועהלט פון אלע בעשעפעני־
שען און ער זאל געוועלטיגען איבער זיי. און זיין רעכטען
תכלית זאל ער געפינען מיט דעם וואס ער וועט אין אלע
זיינע מעשים באקלערען דאס דיין געטליכקייט איז פול איי־
בעראל, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים „שויתי ה׳ לנגדי
תמיד", איך האב גאט כביכול שטענדיג פאר מיר. דער פשט
איז, אין אלע דיינע מעשים זעה איך דיין געטליכקייט פאר
מיר און איך שטעל מיר פאר אין געדאנק גלייך ווי דער
אויבערשטער שטעהט לעבען מיר און זעהט אלע מיינע

התעוררות פאר דער תפלה

פיר זיך זעלבסט אדער פיר זיין הויז־
געזינד, געווים וואלט דאן אויף אים
אנגעפאלען אן אימה ופחד פילייכט
רעדט ער ניט ווי מען דארף, פילייכט
שטעהט ער ניט פאר איהם בכבוד
וכדומה. ער וואלט געשטיגען אין

מעשים. דאס איז דער ערשטער כלל פון אונזער תורה, דאס דער איד דארף שטענדיג געדענקען און האבען אין זינען דעם בורא עולם, דען ווען א איד געהט ארום מיט דעם היי־ ליגען געדאנק, איז ער בארעכענט מיט אלע זיינע מעשים, דאס זיין גאנץ לעבען מיט זיין גאנצער פיהרונג אויף דער וועלט, הן מיט פרומקייט און מיט מענשליכקייט והן מיט עהרליכקייט זאל זיין אויסגעהאלטען על פי דין תורתנו הקדושה, וואס איז שייך צו גאט, און על פי דרך ארץ, וואס איז שייך צו דעם מענשען. מען זאל זיך ניט פיהרען אויף דר וועלט ווי א בהמה, מיט נארישע געדאנקען, נאר יעדע זאך זאל זיין מיט דעת, מיט איבערקלערונג. בפרט מיר שוואכע פרויען דארפען מיר זיין געווארענט ניט צו פערשוואכען אונ־ זער דעת, דען אויף אונז ווייבער ליגט דער הייליגער חוב פון דעם הויזליכען לעבען, דאסווירטשאפט פון שטוב, מיט די קינדער ערציהונג. מיר ווערען גערופען עקרת הבית, דאר־ פען מיר זיין אויף יעדען טריט בארעכענט, יעדער זאך דארף ווערען געטהאן מיט חכמה, נאר אזוי ווי ראשית חכמה איז יראת ה׳, מען זאל זיך פירכטען פאר גאט, נעהם איך אויף מיר דעם עול מלכות שמים און איך זאג דעם הייליגען פסוק „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״, דער אויבערשטער זאל שטארקען מיין כח, ער זאל מיר געבען פערשטאנד, אז איך זאל קענען פיהרען מיין שטוב און ערציהען מיינע קינדער צו גאטס־

התעוררות פאר דער תפלה

גרויס שרעק, אין ציטערניש, פי־ צייכט וועט ניט אנגענומען ווערען זיין פערלאנג און ער וועט נאך שטרייגג בעשטראפט ווערען. היינט ווי איז אז דער מענש שטעלט זיך תפלה טהאן פאר השם־יתברך וואס

פַארְכְטִיגְקֵייט אוּן צוּ פְרֵיינְדְלִיכֶע מֶענְשְׁלִיכְקֵייט, דָאס עֶס זָאל זַיין נִמְצָא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וְאָדָם, וָועלְכֶעס אִיז דֶער רֶעכְטֶער תַּכְלִית הַבְּרִיאָה פוּן יֶעדֶער אִשָּׁה. דָאס דוּרךְ דֶעם זְכוּת זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבֶּען בֵּיידֶע וֶועלְטֶען, נַחַת אוּן עֲשִׁירוּת, גֶעזוּנְד אוּן קְרָאפְט, מִיט גוּטֶע קִינְדֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אִיךְ זָאל נִיט דַארְפֶען חָלִילָה מוֹרָא הָאבֶּען פַאר דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן יֶענֶער וֶועלְט. אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג נוֹשֵׂא חֵן זַיין אוּן הָאבֶּען אַ לִיכְטִיג מַזָל אוּן אִיךְ זָאל מִיךְ עֶלְטֶערֶען מִיט מַיין מַאן צוּזַאמֶען, אָמֵן:

אַ נַייעֶ תְּחִנָּה צוּ הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר

אָנָּא ה' אֱלֹהִים, אִיךְ בֶּעט דִיךְ, לִיבֶּער גָאט, וָואס דוּ בִּיזְט אַ רַחוּם בַּדִּין, אֲשֶׁר בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי בְּעֵת אִישַׁן וְאָעִירָה, וָואס אִין דַיין הַאנְד טְהוּ אִיךְ בֶּעהַאלְטֶען מַיין נְשָׁמָה אִין דֶער צַייט וֶוען אִיךְ שְׁלָאף אוּן אַז אִיךְ בִּין וַואכֶענְדִיג. אֲבַקֵּשׁ מִמְּךָ חֶסֶד וְרַחֲמִים, בֶּעט אִיךְ פוּן דִיר חֶסֶד וְרַחֲמִים, דוּ זָאלְסְט מִיךְ בֶּענְשֶׁען הַיינְטִיגֶען טָאג אוּן אוֹיךְ אַלֶע טֶעג. אַז מַיין פִיהְרוּנְג זָאל גֶעפִינֶען חֵן וָחֶסֶד אִין מַיין מַאן'ס אוֹיגֶען אוּן אִין מַיינֶע קִינְדֶערְ'ס אוֹיגֶען אוּן אוֹיךְ אִין דִי אוֹיגֶען פוּן אַלֶע מַיינֶע בֶּעדִיעֶנְטֶע. עֶס זָאל הָאבֶּען אַ טַעַם מַיין רֵיינְלִיכְקֵייט אוּן מַיין צִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶער שְׁטוּב, דָאס עֶס זָאל חָלִילָה

התעוררות פאר דער תפלה

עֶר אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶץ אוּן וָואס אַלֶץ וֶוערְט גֶעטְהָאן דוּרךְ זַיין ווִילֶען. דַארְף אוֹיף אִיהם גֶעוִויס פַאלֶען אַן אֵימָה וָפַחַד גָאר אָהְן אַ שִׁיעוּר. אַז דֶער מֶענְשׁ זָאל זִיךְ דָאס פַארְשְׁטֶעלֶען וֶועט עֶר גֶעוִויס תְּפִלָּה טְהָאן מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה אוּן כַּוָּנָה. אוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט גֶעוִויס צוּ־

קֵיין קְרַאנְקְהֵייט נִיט אַרַיינְקוּמֶען אִין מַיין הוֹיז. וְהַגַּם זוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם בִּיזְט אוּנְזֶער הִיטֶער, דָאךְ הָאסְטוּ גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דֶער תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, דָאס דֶר מֶענְשׁ זָאל זִיךְ נִיט פֶערְלָאזֶען אוֹיף נִסִּים, אוּן וֶוען דֶער מֶענְשׁ הִיט זִיךְ, הִיט אִיהם דֶער רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם אוֹיךְ. אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בֶּעוואוּסְט, דָאס פִּיעלֶע אַנְשְׁטֶעקֶענְדֶע קְרַאנְקְהֵייטֶען קוּמֶען פוּן נִיט־רֵיינְקַייט, לָכֵן בֶּעט אִיךְ פוּן דִיר כֹּחַ אוּן חָכְמָה צוּ וִויסֶען, וִוי אַזוֹי צוּ הַאלְטֶען רֵיין מַיין שְׁטוּב מִיט מַיין גַאנְץ הוֹיזְגֶעזִינְד. דוּ זָלְסְט אוֹיךְ מִיר שֶׁענְקֶען פֶערְשְׁטַאנְד, אִיךְ זָאל וִויסֶען וִוי צוּ הִיטֶען מַיין גֶעזוּנְד מִיט מַיין כֹּחַ, מַיין מַאן׳ס גֶעזוּנְד אוּן כֹּחַ, מִיט דֶם גֶעזוּנְד אוּן כֹּחַ פוּן מַיין גַאנְץ הוֹיזְגֶעזִינְד, הֵן מִיט רֵיינְקַייט וְהֵן מִיט גֶעזוּנְדֶע אוּן נעשְׁמַאקֶע מַאֲכָלִים, דָאס יֶעדֶע סְעוּדָה אוּן יֶעדֶער מַאֲכָל זָאל זַיין אִין צַייט, בִּכְדֵי מִיר זָאלֶען הָאבֶּען כֹּחַ צוּ עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא, אַזוֹי וִוי דֶער פֶּרֶק זָאגְט „אִם אֵין קֶמַח אֵין תּוֹרָה״. דֶער רַמְבַּ״ם זָאגְט, אַז אִין אַ גֶעזוּנְדֶען קֶערְפֶּער קֶען דֶער דַעַת מִיט דֶעם שֵׂכֶל זַיין פֶעסְטֶער אוּן קֶען גִיכֶער נִיט הָאבֶּען קֵיין טָעוּת וִוי דֶער שְׁוַואכֶער קֶערְפֶּער, בִּפְרַט נָאךְ אִין דִי הַיינְטִיגֶע צַייטֶען, וָואס בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים דֶער עוֹל־פַּרְנָסָה אִיז זֶעהְר שְׁוֶוער, דַארְף מֶען שְׁטַארְק אִין זִינֶען הָאבֶּען זִיךְ דִי כֹּחוֹת צוּ שְׁטַארְקֶען, אוּן דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין אַ שָׂמֵחַ

התעוררות פאר דער תפלה

גֶעהֶמֶען זַיין תְּפִלָּה. דָאס אִיז רֶעכְט אַז אַן אִישׁ פָּשׁוּט שְׁטֶעלְט זִיךְ מִתְפַּלֵּל זַיין, קֶען עֶר הָאבֶּען בַּיי זִיךְ דִיעֶזֶע גֶעדַאנְקֶען. ווי אִיז אָבֶּער אַז אַ קֶער־נִיג שְׁטֶעלְט זִיךְ תְּפִלָּה טָאן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, פֶעהְלְט אִיהם דָאךְ דֶר גֶע־דַאנְק, ווייל עֶר הָאט דָאךְ נִיט קֵיין גְרֶעסֶערֶען פַאר זִיךְ. דַארוּם הַאט

בְּחֶלְקוֹ, אִיךְ זָאל חָלִילָה נִיט מְקַנֵא זַיין דֶער צְוֵייטֶער אִשָׁה אוֹיף אִיהְר גוּט עֶסֶען, אוֹיף אִיהְרֶע טַייעֶרֶע מַלְבּוּשִׁים אוּן אוֹיף אִיהְר צִירוּנְג. אִיךְ זָאל מִיךְ נָאר פֶּערְקוּקֶען מְקַנֵא צוּ זַיין אִין גוּטֶע אִידִישֶׁע אוֹיפְפִיהְרוּנְג, אוּן מִיט דֶעם וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיךְ מְזַכֶּה זַיין זָאל אִיךְ מִיךְ פְרֶעהֶען, דָאס עֶס זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֶעהְלִיךְ אִין מַיין שְׁטוּב, אִיךְ זָאל חָלִילָה נִיט וִויסֶען פוּן שְׁלֶעכְטְס אוּן קַיין קְלָלָה זָאל נִיט קוּמֶען אִין מַיין שְׁטוּב. אוּן וַוייל עַל פִּי רוֹב זַיינֶען נָשִׁים מִיט שְׁוַואכֶע דֵעוֹת וָואס דָאס בְּרֵיינְגְט זֵיי חָלִילָה דָאס זֵיי רֵיידֶען זִיךְ אַיין מִיט קְרַאנְקְהַייטֶען, בִּיז זֵיי וֶוערֶען בֶּאֱמֶת שְׁוַואךְ, בֶּעט אִיךְ דִיךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זָאלְסְט שְׁטַארְקֶען מַיין שֵׂכֶל אוּן מַיין כֹּחַ, אִיךְ זָאל קֶענֶען אַזֶעלְכֶע שְׁוַואכֶע גֶעדַאנְקֶען פוּן מִיר פֶּערְטְרַייבֶּען. מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער זָאלֶען וֶוערֶן דֶערְפְרֵייט בְּעֵת זֵיי וֶועלֶען אַרַיינְקוּמֶען אִין שְׁטוּב, אִיךְ זָאל זֵיי קֶענֶען עֶרְפְרֶעהֶען מִיט גוּטֶע לִיעבְּלִיכֶע קְלוּגֶע רֵייד, וּבְאוֹפֶן זֶה וֶועט רוּהֶען דִי בְּרָכָה, שֶׁפַע פַּרְנָסָה וְהַצְלָחָה אִין מַיין שְׁטוּב, דָאס אִיךְ זָאל קֶענֶען גֶעבֶּען צְדָקָה מִיט אַ פְרֶעהְלִיךְ הַארְץ אוּן זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטֶעלֶען דַאוְונֶען מִיט רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען. דוּ זָאלְסְט מְמַלֵא זַיין אוּנְזֶער אַלֶעמֶענְס גֶעבֶּעט צוּם גוּטֶען:

התעוררות פאר דער תפלה

אִיךְ דָוִד׳ן. וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶועֶן אַ מֶלֶךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן דֶר גְרֶעסְטֶער קֶענִיג אִין דֶער וֶועלְט, פַר וֶועמֶען אַלֶע הָאבֶּען גֶעצִיטֶערְט, גֶעפֶּעהְלַט דִיעזֶער גֶעדַאנְק. וָואס־זְשֶׁע הָאט עֶר גֶעטְהָאן? הָאט עֶר פַארְזָאגְט אַז אַלֶע בַּקָשׁוֹת זָאל מֶען אִיהְם דֶערְלַאנְגֶען פַאר דֶער צַייט פוּן תְּפִלָּה.

תְּחִנָּה מוֹדֶה אֲנִי

מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ, גָאט מַיין גָאט אוּן גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְ־טֶערֶען, אִיךְ אָרִימֶע פְרוֹי שְׁטֶעה פַאר דִיר מִיט אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם קָאפּ, מִיט אַ צוּבְּרָאכֶען הַארְץ, דֶען מַיין לֶעבֶּען אִיז אִין דַיין הַאנְד אוּן מַיין טוֹיט אִיז אוֹיךְ אִין דַיין הַאנְד. אִיךְ שְׁטֶעה פַאר דִיר מִיט לוֹיטֶער צִיטֶערְנִישׁ. אִיךְ בַּאגֶעהְר פוּן דִיר, אַז דוּ זָאלְסְט מִיר מוֹחֵל זַיין מַיינֶע זִינְד וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט אוּן גֶעשׁוּלְדִיגְט פוּן דֶעם טָאג פוּן מַיין גֶעבָּארֶען בִּיז הַיינְטִיגֶען טָאג, אוּן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי דְרַיי מִצְוֹות וָואס דוּ הָאסְט גֶעבָּאטֶען אוּנְז וַוייבֶּער, חַלָּה, נִדָּה אוּן לִיכְט־צִינְדֶען, בֶּעט אִיךְ דִיךְ, אַז דוּ זָאלְסְט מִיר הַיינְט דָאס נִיט גֶעדֶענְקֶען אוּן חָלִילָה מַיינֶע יָאהְרֶען נִיט אָפְּשְׁנַיידֶען, נָאר דוּ זָאלְסְט מִיךְ נָאךְ לָאזֶען לֶעבֶּען בִּיז אִיךְ וֶועל מְקַיֵים זַיין וָואס עֶס שְׁטֶעהְט אִין דַיין תּוֹרָה, אוּן וֶוען מַיין צַייט וֶועט קוּמֶען צוּ שְׁטַארְבֶּען, זָאל דִי מִיתָה זַיין אַ כַּפָּרָה אוֹיף מַיינֶע זִינְד, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ דָאס נִיט פֶערְדִיעֶנְט בַּיי דַיין לִיעבֶּען נָאמֶען, בֶּעט אִיךְ דִיךְ אַ מַתְּנַת חִנָּם. דוּ הֶערְסְט דָאס גֶעבֶּעט פוּן אַלֶע מֶענְשֶׁען. זָאלְסְטוּ אוֹיךְ הֶערֶען מַיין גֶע־בֶּעט, אָמֵן, כֵּן יְהִי רָצוֹן:

אָנָּא הַשֵּׁם, אִיךְ בֶּעט דִיךְ גָאט אוּן גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְ־

התעוררות פאר דער תפלה

עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן בֵּית־הַכְּנֶסֶת (שׁוּל) אוּן הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער זָאל אִים אוֹיפְגֶעבֶּען זַיין בַּקָּשָׁה. הָאט עֶר גֶע־זֶעהֶען אַז הוּנְדֶערְטֶער מֶענְשֶׁען פוּן נָאהְנְט אוּן וַוייט שְׁטֶעהֶען פַאר אִים מִיט הַכְנָעָה, מִיט גְרוֹיס גֶעוַויין אוּן שְׁרֶעקֶען זִיךְ, אוּן יֶעדֶער וַויינְט אוּן קְלָאגְט, אַז עֶר זָאל אִיהְם מִשְׁפָּט'ן

טֶערֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פוּן דֶעם טָאג אָן וָואס אִיךְ בִּין גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען בִּיז דֶעם הַיינְטִיגֶען טָאג. יֶעצְט הָאט מִיךְ דֶערְהוֹיבֶּען מַיין הַארְץ און בַּאוִוילִיגְט צוּ מַיין גָאט, צוּ וִויעדֶערְקֶעהְרֶען מִיט וַוארְהַייט מִיט מַיין גַאנְצֶען הַארְצֶען, און דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, הָאבּ אִיךְ אוֹיף דֶעם חֲרָטָה. אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִיט טְהָאן קֵיין זִינְד, אִיךְ וֶועל מִיר הַיינְט אִין מַיין הַארְץ גֶעהְמֶען וַוייטֶער רֵיין צוּ בְּלַייבֶּען פוּן זִינְד וִוי אַ קְלֵיין קִינְד וָואס עֶס וֶוערְט עֶרְשְׁט גֶעבָּארֶען. גָאט, אַלְמֶעכְטִיגֶער, אִיךְ גִיבּ אִיבֶּער מַיין נְשָׁמָה אִין דַיין הַאנְד. אִיךְ בֶּעט אַז הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ זָאל אַן עֵדוּת זַיין און אַלֶע סִפְרֵי־תּוֹרוֹת אִין הֵיכָל און דִי עֵדָה הַקְדוֹשָׁה זָאלֶען זַיין עֵדוּת דָאס אִיךְ אַנְעֶרְקֶען אַז גָאט אִיז יָחִיד וּמְיוּחָד. אִיךְ הָאף צוּ הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ אַז מַיין נְשָׁמָה זָאל אִיבֶּער הוּנְדֶערְט יָאהְר אוֹיסְגֶעהְן מִיט דִי וֶוערְטֶער „שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹהֵינוּ ה׳ אֶחָד״. אִיךְ בַּאגֶעהְר אַז מַיין נְשָׁמָה זָאל קֶענֶען צוּרִיק קוּמֶען אוֹיף דֶעם אָרְט וואוּ זִי אִיז גֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען. אַצִינְד בֶּעט אִיךְ, אַז פוּן הַיינְט און וַוייטֶער, וֶוען דֶער שָׂטָן וֶועט קוּמֶען און וֶועט חָלִילָה מִיךְ אָנְרֵייצֶען צוּ בֵּייזֶען, זָאל זַיינֶע רֵייד זַיין בָּטֵל וּמְבוּטָל כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר. אִיךְ בֶּעט הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ, אַז מַיין נְשָׁמָה זָאל קוּמֶען צוּ שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל און לֵאָה, אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס מַיין

התעוררות פאר דער תפלה

מִיט חֶסֶד און רַחֲמִים. וִוי עֶר הָאט דָאס גֶעזָעהֶען, הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דִי אוֹיגֶען צוּם הִימֶעל און הָאט גֶעזָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אַז מֶען הָאט אַזוֹי מוֹרָא פַאר מִיר בָּשָׂר וָדָם, וָואס הַיינְט בִּיז אִיךְ דָא און מָארְגֶען אִין קֶבֶר, הַיינְט וִוי דַארְף אִיךְ שׁוֹין צִיטֶערְן פַאר דִיר מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים

בּאַגעהר איז. און אויב חס־וְשלום דער שָׂטָן וועט קומען און וועט וועלען מיך אָנרייצען, אַז איך זאָל עובר זיין אויף איין מִצְוָה וואס דו האָסט געבּאָטען, וואס אין דיין ליעבּער תורה שְׁטעהט, מִכָּל־שֶׁכֵּן אַז איך זאָל חס־וְשלום לייקענען אין דיין הייליגען נאָמען. זאָלסטו זיך אויף איהם אָנבּייזערען און פער־יאָגען. און אויב איך וועל שׁלעכטע געדאַנקען האָבּען, זאָל אַלץ זיין בָּטֵל וּמְבוּטָל כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר, גְלייך ווי עס איז קיינ־מאָל אין מיין געדאַנקען געוועזען. און איך גְלויבּ אין גאָט און אין דיין הייליגען נאָמען, אַז דו בּיזט אֱמֶת און דיין תּוֹרָה איז אֱמֶת און אַז דו בּיזט געוועזען און בּיזט היינט און וועסט זיין אַ קעניג אויף אייבּיג, אָמֵן, כֵּן יְהִי רָצוֹן:

שׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ, דער מענש זאָל תְּשׁוּבָה טהאָן איין טאָג פאַר זיין טויט. דאַרום בּין איך היינט מוֹסֵר מוֹדָעָה מיט מיין גאַנצען שֵׂכֶל, אַז איך בּין מַאֲמִין אין אַלע שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה עִקָּרִים, וואס די חֲכָמִים האָבּען אונז מוסר גע־ווען. דאס ערשטע בּין איך מַאֲמִין, אַז גאָט בָּרוּךְ הוּא איז אַ בּעשעפער פון די אַלע וועלטען, און האָט בּעשאַפען אַלע בּעשעפעניסען פון אַלע וועלטען. דאס צווייטע בּין איך מַאֲמִין אַז גאָט בָּרוּךְ הוּא איז אַ יָחִיד וּמְיוּחָד, וואס איז אין ערגעץ ניט צו געפינען אַן אַנדערען, ער איז הָיָה הֹוֶה וְיִהְיֶה

התעוררות פאר דער תפלה

וְנִקְדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא? מיט דיעזער פאַן־שטעלונג האָט ער זיך גישטעלט תְּפִלָּה טהאָן צו הַשֵּׁם־יִתְבָּרֵךְ מיט גרויס אֵימָה וְיִרְאָה, מיט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה און מיט פייערדיגע געדאַנ־קען. דאס זאָגט דָוִד הַמֶּלֶךְ אין תְּהִלִּים: לְךָ, ווען איך דאַרף תְּפִלָּה טהאָן צו דיר, פעהלט דאָך מיר די

ה׳ אחד ושמו אחד. דאס דריטע בין איך מאמין, אז גאט ברוך הוא איז ניט צוצוגלייכען צו א גוף און קיינער קען זיין געשטאלט ניט גרייכען און ניט פינדען, דע ער האט קיין התחלה און קיין סוף, און קיין גרונד ניט צו זיין מחשבה. דאס פיערטע בין איך מאמין, אז גאט ברוך הוא איז א קדמון לכל העולמות, ער איז דאס ערט פון אלע עולמות, אבער די עולמות זיינען ניט דם ערט פון אים, ער איז ראשון לראשונים ואחרון לאחרונים. דאס פינפטע בין איך מאמין, אז גאר צו דעם גאט איז ווערטה מתפלל צו זיין און ניט צו קיינעם מעהר, ווי דוד המלך עליו השלום האט געזאגט „ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון״. דאס זעקסטע בין איך מאמין, אז די נבואה פון אלע אונזערע נביאים, וואס האבען אונז נבואה געזאגט, גלויב איך, אז דאס האט אלץ גאט געהייסען זאגען. דאס זיעבעטע בין איך מאמין, אז משה רבנו עליו השלום איז געוועז א פאטער איבער די חכמים און א העררר איבער די נביאים. דאס אכטע בין איך מאמין, אז די תורה הקדושה איז צו אונז געגעבען געווארען דורך משה רבנו עליו השלום. דאס ניינטע בין איך מאמין, אז די תורה וועט ניט פערביטען ווערען אויף אייביג, נאר ווי די תורה איז אצינד מיט אלע אותיות און ווערטער אזוי וועט זי בלייבען אויף אייביג. דאס

התעוררות פאר דער תפלה

פארשטעלונג, אמר לבי, האב איך מיר בעקלערט, בקשו פני, איהר אלע דערלאנגט אייערע בקשות, את פניך יי אבקש, יעצט ווען איך האב געזעהען די ציטערניש פון זייער קען איך שוין מיט דעם געדאנק בעטען דיר גאט. דארום דארף יעדער מענש זיך פארשטעלען דיזען

צֶעהְנְטֶע בִּין אִיךְ מַאֲמִין, אַז גָאט בָּרוּךְ הוּא וֵוייסְט אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן דִי מֶענְשֶׁען אוּן אַלֶע פֶּערְבָּארְגֶענִישׁ, אוּן הֲגַם עֶר אִיז גֶעאַבְּפֶּערְט אִין אַלֶע וֶועלְטֶען, דִי בְּרֶענֶענְדִיגֶע מַלְאָכִים וָואס בֶּעדִיענֶען אִיהְם הָאבֶּען קַיין עֶרֶךְ נִיט אוּן קַיין מִסְפָּר, דָאךְ אִיז עֶר מַשְׁגִיחַ אוֹיף אַלֶע מַעֲשִׂים אוּן מַחֲשָׁבוֹת פוּן דִי מֶענְשֶׁען. דָאס עֶלְפְטֶע בִּין אִיךְ מַאֲמִין, אַז גָאט בָּרוּךְ הוּא נִיט שְׂכַר טוֹב צוּ דִי וָואס דִיענֶען אִיהְם מִיטְ'ן גַאנְצֶען הַארְ־צֶען. דָאס צְוֶועלְפְטֶע בִּין אִיךְ מַאֲמִין, אַז גָאט בָּרוּךְ הוּא וֶועט אוּנְז שִׁיקֶען מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד אוֹיסְצוּלֵייזֶען אוּנְז פוּן דֶעם בִּיטֶערֶען גָלוּת, אוּן וֶוען עֶר פֶּערְזַאמְט מִיט זַיין קוּמֶען, דָאךְ טְהוּ אִיךְ הָאפֶען אַלֶע טָאג אַז עֶר וֶועט זִיךְ אַ מָאל אִיבֶּער אוּנְז דֶערְבַּארְמֶען אוּן וֶועט אוּנְז פִיהְרֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֶעהְט „וּבָא לְצִיּוֹן גוֹאֵל". דָאס דְרַייצֶעהְנְטֶע בִּין אִיךְ מַאֲמִין אִין תְּחִיַּת הַמֵּתִים, אַז גָאט בָּרוּךְ הוּא וֶועט מְחַיֶּה מֵתִים זַיין בְּרַחֲמִים. אִין דִי אַלֶע דְרַייצֶעהְן עִקָּרִים גְלוֹיבּ אִיךְ מִיט מַיין גַאנְצֶען הַארְצֶען, אוּן אַז עֶס וֶועט חָלִילָה אַמָאל קוּ־מֶען אַ צַייט אוֹיף מִיר פַאר מַיין טוֹיט, אַז אִיךְ וֶועל חָלִילָה נִיט זַיין בַּיי דֶעם גַאנְצֶען שֵׂכֶל אוּן דֶער שָׂטָן וֶועט חָלִילָה מִיךְ אַרָאפְּפִיהְרֶען פוּן דֶעם רֶעכְטֶען וֶועג, בִּין אִיךְ דָאס אַלְץ הַיינְט

התעוררות פאר דער תפלה

אֵיידֶעלֶען גֶעדַאנְק אוּן זִיךְ שְׁטֶעלֶען תְּפִלָּה טְהָאן צוּ הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ מִיט גְרוֹיס פַּחַד. מֶען דַארְף נִיט פֶּערְ־גֶעסֶען אַז עֶר אִיז דָאךְ נִיט קַיין מֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם. אוּן אַז מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ דָאךְ לִפְנֵי מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם נוֹרָא תְהִלּוֹת אוּן דַאן וֶועלֶען גֶעוִויס אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת אָנְגֶענוּמֶען וֶוערֶען, אָמֵן. וְכֵן יְהִי רָצוֹן:

מבטל כחרם הנשבר, און נאָר ווי איך גלויב היינט מיט מײַן גאַנצען שׂכל אַזוי זאָל דאָס האָבען אַ קיום לעולם ועד ולעולמי עולמים. מיר זעהען אויף דער וועלט ווי פֿיעלע מענשען שטאַרבען פּלוצלינג און קענען אפילו ניט זאָגען קיין ודוי, רחמנא ליצלן, דאַרום האָב איך צייט היינט, ווען איך בּין קלאָהר און האָב מײַן גאַנצען שׂכל, מתודה צו זײַן זיך פֿאַר גאָט, און כאָטש איך בּין אַ חוטא פֿון מײַן יוגענד אָן בּיז דעם היינטיגען טאָג, וואָס איך בין ניט ווערטה צו דערמאָנען גאָט'ס נאָמען און פשיטא מתפלל צו זײַן פֿאַר איהם אויף מײַן נשמה, דאָך האָב איך אַ בּטחון אויף זײַן גרויסען חסד וואָס ער איז זיך מרחם על הבּריות און איז מקבל תשובה פֿון אַלע פּושעים וועלכע עס קעהרען זיך אום צו איהם מיט'ן גאַנצען האַרצען. דאַרום האָב איך היינט חרטה אויף אַלע מײַנע עבירות וואָס איך האָב געטהאָן פֿון מײַן יוגענד אָן בּיז יעצט, הן בּשוגג והן בּמזיד, הן בּאונס והן בּרצון:

אוי לי, וועה צו מיר, אַז איך האָב ניט געטראַכט פֿון דעם בּיטערען טויט. איך וועל דאָך מוזען אויף אַלעס אָפּגעבּען חשבּון און איך וועל מוזען לײַדען עונשים קשים ויסורים. היינט האָב איך אויף דעם אַלעם חרטה און בּעט פֿון מדת הרחמים אַז ער זאָל מיר אַלץ מוחל זײַן. און אַלע טעג וואָס

דברי צדיקים

דער ספר המוסר שרייבּט צריך האָדם לקדם פּני צורו קודם התפלה, דער מענש דאַרף מקדים פּנים זײַן זײַן היילינגען בּאַשעפּער מיט מחשבות קדושות פֿאַר דעם דאַוו־נען, דם ער זאָל תיכּף ווי ער וואַכט אויף פֿון זײַן שלאָף מקבּל זײַן אויף זיך עול מלכות שמים און ער זאָל

אִיךְ וֶועל נָאךְ לֶעבֶּען זָאלְסְטוּ מִיךְ מַיין הַארְץ נֵייגֶען נָאר צוּ דִּיעֶנֶען דִּיךְ אוּן נִיט נִכְשַׁל צוּ וֶוערֶען חַס־וְשָׁלוֹם אִין קֵיין שׁוּם עֲבֵרָה, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין מִתְוַדֶּה צוּ זַיין זִיךְ פַאר מַיין טוֹיט, אוּן מַיין נְשָׁמָה זָאל אוֹיסְגֶעהְן בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה אוּן זָאל נִיצוֹל וֶוערֶען מֵעוֹנֶשׁ הַגֵיהִנוֹם, אָמֵן סֶלָה:

אַב הָרַחֲמִים, פָאטֶער דֶערְבַּארֶמְדִיגֶער, אִיךְ בֶּעט דִיךְ הַיינְט מִיטְ'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען, אַז דוּ זָאלְסְט מִיךְ בֶּעשַׁאפֶען אַ גוּט הַארְץ דִיךְ צוּ דִּיעֶנֶען, אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְהָאן בִּיז הַיינְט זָאלְסְטוּ לָאזֶען פַאלֶען אוּן אִיךְ זָאל זַיין גְלַייךְ וִוי אִיךְ וָואלְט הַיינְט גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען. אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי וִוי אַ קִינְד וָואס אִיז רֵיין פוּן עֲבֵרוֹת. דֶען דוּ וֵוייסְט דָאךְ וואוּיל, אַז דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשׁוּלְדִיגְט קֶעגֶן דִיר, הָאבּ אִיךְ נִיט גֶעטְהָאן אוּם דִיךְ צוּ דֶערְצֶערְנֶען, נָאר מַיין נַארִישְׁקַייט הָאט דָאס מִיטְגֶעבְּרַאכְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִיט בַּארֶעכֶענְט וִוי גֶעאַכְפֶּערְט דוּ בִּיזְט, וִוי דוּ הָאסְט בֶּעשַׁאפֶען דִי עֶרְד, וֶועלְכֶע אִיז גְרוֹיס זֶעקְס טוֹיזֶענְד מַייל, אוּן אַרוּם דִי עֶרְד הָאסְטוּ אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט דֶעם גְרוֹיסֶען יַם, וָואס נָאךְ אוּנְזֶער פֶערְשְׁטַאנְד נָךְ הָאט עֶר קֵיין גְרוּנְד אוּן קֵיין סוֹף נִיט אוּן דָאס אַלֶעס אִיז אַנְטְקֶעגֶען הִימֶעל וִוי אַ טְרָאפֶען אִין יַם. אוֹיךְ הָאסְטוּ בֶּעשַׁאפֶען זִיעבֶּען הִימְלֶען, יֶעדֶער הִימֶעל אִיז וַוייט פוּן אַנְדֶערֶען פִינְף הוּנְדֶערְט יָאהְר גַאנְג. דָאס אַלְץ אִיז

דברי צדיקים

בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ קוֹבֵעַ זַיין אֵימָה וְיִרְאָה. עֶר זָאל צִיטֶערֶען פַאר דֶעם פַּחַד פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, דָאס מִיט יֶעדֶער מַעֲשֶׂה וָואס עֶר וִויל טְהָאן זָאל עֶר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלֶען שִׁוִּיתִי ה׳ לְנֶגְדִּי תָמִיד, דָאס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶעט אוּן זֶעהְט זַיינֶע מַעֲשִׂים אוּן עֶר זָל גֶעדֶענְקֶען דֶם חֶסֶד וָואס

עולם עשיה, און איבער דעם איז עולם היצירה, און איבער דעם איז עולם הבריאה, און איבער דעם איז עולם האצילות. און אלע עולמות צוזאמען זיינען זעהר קליין איז פערגלייך מיט דיין כסא הכבוד, און דער כסא הכבוד האט קיין ערך ניט אנטקעגען דיין שעהנקייט, אכפערקייט און שטארקייט, וואס איז ניט מעגליך אייביג דיך א מקצת צו לויבען. נו, ווי בין איך גאר פערנארט געוועזען און האב קעגען דיר מורד געוועזען ניט מעהר. איך בין אזוי שפל אין פערשטאנד, אז איך האב דאס ניט געטהאן מיט מיין געוויסען. היינט האב איך בטחון אין דיין ליעבען נאמען, דען דו עפענסט דיין האנד מקבל צו זיין די וואס טהוען תשובה מיט'ן גאנצען הארצען, ווי דו האסט געזאגט דורך דיינע נביאים „שובו בנים שובבים ארפא משובותיכם", טהוט תשובה, מיינע קינדער, וועל איך היילען אייער ווילדקייט. אזוי זאלסטו היינט פארנעמען מיין געבעט און מיינע טרעהרען, וואס איך פארגים פאר דיר, און זאלסט מיר געבען מיין פרנסה, אז איך זאל קענען דיך דינען בשמחה און זאל זוכה זיין לחיי עולם הבא צווישען די צדיקים וצדקניות וואס האבען תענוג מזיו השכינה, און זאלסט מיר דערנאך מאכען לעבען צו תחית המתים, ווען דו וועסט זיך דערבארעמען איבער דיין פאלק ישראל, במהרה בימינו, אמן סלה:

דברי צדיקים

הקדוש ברוך הוא האט מיט איהם געטהאן, ער האט איהם צוריק געשענקט זיין חיות און צוריק געגעבען זיין פקדון די היילגע נשמה, דארום בבית אלהים נהלך ברגש, דען יעדער מענש בארף זיין פון די ערשטע צעהן וואס קומען אין שוהל דען די ערשטע צעהן האבען אזוי פיעל שכר אנטקעגען אלע וואס זיינען אין שוהל׃

תְּחִנָּה עֶרֶב וָבֹקֶר.

דִי תְּחִנָּה זָאל מֶען זָאגֶען אַבֶּענְדְס אוּן מָארְגֶענְס פַאר יֶעדֶער תְּפִלָּה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַתָּה יָדַעְתָּ כִּי בָּשָׂר וָדָם אֲנַחְנוּ, דוּ הֶערְר פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, דוּ בִּיזְט אַן אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט, אוּן דוּ וַוייסְט דָאךְ וְואוּיל אַז מִיר זַיינֶען נָאר בְּלוּט אוּן פְלֵייש, אוּן מִיר הָאבֶּען נִיט קַיין כֹּחַ דָאס מִיר זָאלֶען קֶענֶען מְכַוֵּן זַיין אָדֶער מְצָרֵף זַיין דִי הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת אוּן אַלֶע כַּוָּנוֹת וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין יֶעדֶער תְּפִלָּה אוּן אִין יֶעדֶער בְּרָכָה. אוּן וֶוען מִיר וָואלְטֶען יָא גֶעווּאוּסְט אַלֶע צֵרוּפִים אוּן אַלֶע שֵׁמוֹת פוּן דִי בְּרָכוֹת, דָאךְ וָואלְטֶען מִיר נִיט קֶענֶען גְרֵייכֶען צוּ דֶערְצֶעהְלֶען אַלֶע דַיינֶע לוֹיבּ אוּן ווּאוּנְדֶער, דֶען מִיר זַיינֶען נָאר מֶענְשֶׁען, בְּלוּט אוּן פְלֵייש, אוּן מִיר הָאבֶּען קַיין רֶעכְטֶען פֶערְשְׁטַאנְד צוּ בֶּעגְרֵייפֶען דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן הֵיילִיגְקַייט. דַאר־רוּם זָאל זַיין דֶער ווִילֶען פַאר דִיר, גָאט, אַז עֶס זָאל זַיין גֶע־רֶעכֶענְט פַאר דִיר מַיין תְּפִלָּה פוּן שַׁחֲרִית, אָדֶער מוּסַף, אָדֶער מַעֲרִיב. יֶעדֶע תְּפִלָּה בֶּעזוּנְדֶער זָאל זַיין גְלַייךְ אַזוֹי ווִי אִיךְ וָואלְט גֶעווּאוּסְט צוּ מְכַוֵּן זַיין אָדֶער מְצָרֵף זַיין אַלֶע כַּוָּנוֹת אוּן צֵרוּפֵי שֵׁמוֹת וָואס גֶעהֶען אַרוֹיס פוּן דֶער תְּפִלָּה פוּן שַׁחֲרִית אָדֶער מוּסַף, אָדֶער מִנְחָה, אָדֶער מַעֲרִיב, אוּן מַיין תְּפִלָּה זָאל אַרוֹיפְגֶעהְן פַאר דִיר, צוּ מַאכֶען אַ קְרוֹין אוֹיף דַיין קָאפּ מִיט דִי תְּפִלּוֹת פוּן דִי יִשְׂרָאֵל. וָואס וַוייסֶען מְכַוֵּן צוּ זַיין אוּן מְצָרֵף

דברי צדיקים

דֶער בֶּבְּנוּ יוֹנָה שְׁרַייבְּט, טוֹב, עֶס אִיז גוּט, דָאס אַ מֶענְשׁ זָאל טְרָאגֶען אוֹיף זִיךְ דֶעם יָאךְ פוּן גָאט צוּ גֶעהְן אִין גוּטֶען וֶועג אוּן צוּ גֶע־דֶענְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר זָל זִיךְ יֶעדֶען טָאג מֶעהְר פֶערְשְׁטַארְקְן אִין מִצְווֹת אוּן אִין דֶער לִיעבְּשַׁאפְט צוּ גָאט אוּן זָאל טְרַאכְטֶען אוּן גֶע־

צוּ זַיין מִיט כַּוָנוֹת וָואס גֶעהֶערֶען צוּ יֶעדֶער בְּרָכָה אוּן צוּ יֶעדֶער בַּקָשָׁה, זָאלֶען אַלֶע תְּפִלוֹת גֶעהְן אִין זִיעבֶּעטֶען הִימֶעל אַרַיין, אָמֵן, כֵּן יְהִי רָצוֹן:

אַ נַייעֶ יְרוּשָׁלַיִם תְּחִנָּה

דִי טַייעֶרֶע תְּחִנָּה הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת פוּן יְרוּשָׁלַיִם, מֶען זָאל אִיהר זָאגֶען אַלֶע טָאג. פַאר דֶעם דַאוְונֶען אוּן נָאךְ דֶעם דַאוְונֶען:

בְּשֵׁם יְיָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל יוֹשֵׁב הַכְּרוּבִים, דוּ גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶען, אִיךְ טְהוּ דִיךְ בֶּעטֶען מִיטְ'ן גַאנְצֶען הַארְ־צֶען, דוּ זָאלְסְט דִיךְ אִיבֶּער מִיר דֶערְבַּארֶעמֶען כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים, אַזוֹי וִוי אַ פָאטֶער דֶערְבַּארֶעמְט זִיךְ אִיבֶּער זַיינֶע קִינְ־דֶער, אוּן הֶער מַיין גֶעבֶּעט, אוּן בֶּעהִיט מִיךְ פוּן אַלֶעם בֵּייְ־זֶען, אוּן פִיהר מִיךְ אִין דֶעם רֶעכְטֶען וֶועג אוּן פֶערְנֶעהם מַיין גֶעבֶּעט, וָואס אִיךְ טְהוּ אַלֶע טָאג בֶּעטֶען מִיט מַיין גַאנְצֶען הַארְצֶען, אוּן לָאז מִיךְ נִיט אוּמְקֶערֶען לֶעדִיג מִיט מַיין תְּפִלָּה. אוּן לָאז מִיךְ מִיט מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער לֶעבֶּען צוּ דַיין הֵייליגֶער דִיענְסְט. מֶלֶךְ הָרַחֲמִים, דוּ דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער קֶענִיג, דֶערְ־בַּארֶעם דִיךְ אִיבֶּער מִיר אוּן אִיבֶּער אַלֶע דִי מַיינִיגֶע, אוּן בֶּעְ־גֶעה זִיךְ נִיט מִיט אוּנְז חָלִילָה מִיט מִדַּת הַדִּין, נָאר מִיט מִדַּת הָרַחֲמִים, אוּן טְהוּ אָפּ דַיין צָארְן פוּן אוּנְז, אוּן דֶערְהֶער אוּנְ־

דברי צדיקים

דֶענְקֶען דָם דֶר בֶּעשֶׁעפֶער שְׁטֶעהְט שְׁטֶענְדִיג פַאר זַיינֶע אוֹיגֶען, דוּרְךְ דֶעם וָוט עֶר גָאטְ'ס פָארְכְט הָאבֶּען אוֹיף זִיךְ אוּן וֶועט מַאכֶען זַיין הַארְץ אוּנְטֶערְטֶהֶענִיג אוּן וֶועט זִיךְ הַאלְ־טֶען נִיעדֶערִיג אוּן וָוט הָאבֶּען חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע זִינְד אוּן וֶועט זִיךְ הִיטֶען מִיט אַלֶע כּחוֹת מֶעהר שׁוֹין נִיט צוּ־

זער געבעט אלע מאהל ווען מיר טהוען דיך רופען. העלף אונז אין אלע אונזערע נויטען, דערפרעה אונז מיט וואס מיר ווילען, און זיי ממלא אונזערע בקשות וואס מיר פערלאנגען פון דיין הייליגען נאמען. און זאלסט אונז העלפען אזוי ווי דו האסט געהאלפען אונזערע עלטערען פון זייער גרויסען און שווערען פיין אין מצרים, און גיב מיר גוטע און פרומע קינדער, וואס זאלען זיין צדיקים און חסידים און תלמידי חכמים און איך זאל זוכה זיין צו ערציהען זיי צו דיין הייליגע דיענסט און זיי זאלען האבען חן און חסד אין דיינע אויגען און אין לייטענס אויגען, און מיר זאלען אויסלעבען אונזערע יאהרען אין גרויס פריידען און מיר זאלען זוכה זיין אויסצוגעבען אונזערע קינדער בכבוד גדול. איך בעט דיך, דו אלמעכטיגער גאט, בארימהארציגער פאטער, הערר איבער אלע הערען, אז דו זאלסט הערען אלע מיינע תפלות און זאלסט באהיטען מיך און מיין מאן און מיינע קינדער פון אלעם בייזען, דו זאלסט מיך דערפרעהען ווי דו האסט אונזער מוטער חנה עליה השלום דערפרעהט מיט דאס, וואס זי האט באגעהרט פון דיין הייליגען נאמען. מלך רחמים, דו דערבארעמדיגער פאטער, קעניג פון דער וועלט, איך טהו דיך רופען טאג און נאכט, אלע טעג פון לעבען פערלאז אונז ניט און גיב אונז

דברי צדיקים

יעדער מענש זאל זעהען צו זיין פון די ערשטע אין שוהל, און זאל שטעהן אין שוהל מיט גרויס וויגדיגען און דאן וועט ער זיין בעליעבט ביי גאט און ביי לייטען:

פארכט דען די שוהל איז אנשטאט דעם בית־המקדש, און ווען ער קומט אין שול זאל ער זיך א ווייל פערהאלטען רוהיג און זאל זיך בעטראכטען פאר וועמען ער בארף זיך

פַּרְנָסָה און אַלֶע אוּנְזֶערֶע בֶּעדֶערְפְנִישׁ פוּן דַיין הֵיילִיגֶע גֶעטְרַייעֶ מִילְדֶע הַאנְד און נִיט חָלִילָה דוּרְךְ לַייטֶענְס הִילְף, און גִיבּ אוּנְז אַלֶע בֶּעדֶערְפְנִישׁ בְּנַחַת און נִיט מִיט צַעַר, און לָאז מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דֶערְלֶעבֶּען בִּיז הוּנְדֶערְט יָאהר מִיט מַיין מַאן און קִינְדֶער צוּ זִיצֶען בַּיי מַיין טִישׁ, און מִיר זָאלֶען הָאבֶּען גוּטֶע מְלִיצִים לְעוֹלָם הַבָּא. מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. אִיךְ טְהוּ דִיךְ אָנְרוּפֶען אִין אַלֶע צַייטֶען, דֶען דוּ בִּיזְט נָאר אֵיין גָאט און דוּ בִּיזְט מַיין שְׁפַּייזֶער, און דוּ גִיבְּסְט מִיר אַלֶע מַיינֶע בֶּעדֶערְפְנִישֶׁען, און דוּ הָאסְט מִיךְ עֶרְנֶעהְרְט און גֶעשְׁפַּייזְט און עֶרְצוֹיגֶן פוּן מַיין יוּגֶענְד אָן בִּיז הַיינְטִיגֶען טָאג. בֶּעהִיט מִיךְ און מַיין מַאן און קִינְדֶער פוּן אַ מִיתָה מְשׁוּנָה, און זָאלְסְט אוּנְז גֶעדֶענְקֶען אִין אַלֶע צַייטֶען און אוּנְז אָנְשְׁרַייבֶּען צוּ גוּטֶע יָאהְרֶען, צוּ לַאנְגְ לֶעבֶּען, דֶען צוּ דַיין הִילְף הָאף אִיךְ און אוֹיךְ אַלֶע וָואס לֶעבֶּען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. זָאלְסְט אוּנְז גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ גוּטֶען און צוּ בֶּענְשׁוּנְג. און זָאלְסְט אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת אַלֶע צַייט דֶערְהֶערֶען, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט דִי תְּפִלָּה פוּן מְנַשֶּׁה מֶלֶךְ יְהוּדָה, און זָאלְסְט אוּנְזֶער תְּפִלָּה נִיט פֶערְשֶׁעמֶען און נִיט לָאזֶען אוּמְקֶעהְרֶען זִיךְ לֶעדִיג פוּן דִיר, דֶען דוּ בִּיזְט דֶער גָאט וָואס הֶערְט אַלֶע גֶעבֶּעטֶען פוּן דִי וָואס רוּפֶען מִיטְ'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען אָמֵן, וְכֵן יְהִי רָצוֹן:

דברי צדיקים

דָא שְׁטֶעלֶען און וֶוער עֶס הֶערְט צוּ זַיינֶע רֵייד, דַאן וֶועט עֶר בֶּעקוּמֶען יוֹרְא פַאר גָאט בָּרוּךְ־הוּא און זַיין מַחֲשָׁבָה אִין זַיין כַּוָּנָה וֶועט זַיין אִין דֶער תְּפִלָּה, דַאן וֶועט זַיין תְּפִלָּה אָנְגֶענוּמֶען וֶוערֶען פוּן גָאט מִיט רַחֲמָנוּת:

תחנת שערים

א נייע תחנת שערים צו עפענען די שערי רחמים, און צו זאגען עם אלע פריהמארגען פאר דעם דאווענען:

אנא איך בעט דיך רבון העולמים, הערר פון אלע וועלטען, אל רחום וחנון, דערבארעמדיגער גאט, אז דו זאלסט עפענען די טויערען פון דיינע הימלען, דורך וועלכע עס געהען ארויף צו דיר די תפלות און דאס געבעט פון אלעמען און זאלסט זיך צו מיין געבעט אויך צוהערען, כאטש איך וויים, דאס דורך מיינע פיעל זינד בין איך ניט ווערטה צו דערמאנען דיין ליעבען נאמען אויף מיינע ליפען, פונדעסטוועגען מוז איך מיך אונטערשטעלען צו בעטען דיך, אז דו זאלסט מיר מוחל זיין מיינע זינד. דען ווען מען קומט מיט א בקשה צו א מלך בשר ודם, ווען מען פערזינדיגט זיך קעגען איהם, טרעפט אויך אפט דאס ער איז מוחל, בפרט נאך דו ליעבער גאט, וואס דו ביזט א מלך מלכי המלכים, וואס דו פערנעהמסט דאס געבעט און אויך די טרעהרען פון אלעמען. ווערסטו מיין געבעט אויך אויסהערען, אזוי ווי דוד המלך עליו השלום זאגט אין זיין ספר תהלים „אשחה בכל לילה מטתי”, פון פיעל טרעהרען וואס איך פערגים פאר דיר גאט מאך איך שווימען מיין געלעגער, און דוד המלך פיהרט אוים צום סוף „שמע ה׳ קול בכיי”, גאט האט צוגעהערט מיין געוויין, „שמע ה׳ תחנתי”, גאט האט געהערט מיין תחנה וואס איך זאג, „ה׳ תפלתי יקח”, דער אויבערשטער וועט אננעהמען מיין געבעט, אמן סלה:

תחנה מה טובו

מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל: ואני ברוב חסדך אבא ביתך בזכות אברהם שנקרא איש החסד: אשתחוה אל היכל קדשך בזכות יצחק שנעקד על גבי המזבח במקום קדוש: ביראתך בזכות יעקב שאמר מה נורא המקום הזה:

רבונו של עולם בזכות שלשת אבות אלו אבוא לבית הכנסת להתפלל לפניך ובזכותם תעלה תפלתי תפלת האביון לרחמים ולרצון לפני כסא כבודך ותעלה ותתנשא לכתר על ראשך על ידי מטטרון שר הפנים אמן סלה: אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה: סעפים שנאתי ותורתך אהבתי: יי אהבתי מעון ביתך ומקום משכן כבודך: ואני אשתחוה ואכרעה אברכה לפני ה׳ עושי: ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון אלהים ברב חסדך ענני באמת ישעך:

מה טובו ווי גוט זיינען דיינע געצעלטען יעקב און דאס רוהונג פון די ישראל, דאס איז דער הייליגער בית־הכנסת. און איך קום מיט דיין גרויס גינאד אין דיין שוהל בזכות אברהם וואס ער איז גערופען איש חסד איך טהו מיך בוקען צום היכל בזכות יצחק וואס ער איז געבונדען געוואָ־רען אויף דעם מזבח און בזכות יעקב וואס ער האט געזאגט וואס פאר איין פארכטיג ארט דאס איז:

רבש״ע אין דעם זכות פון די דריי אבות קום איך אין דיין היילי־גער שול אריין תפלה טהאן פאר דיר און אין זייער זכות זאל אויפגעהן מיין תפלה און זאל זיין איין קרוין אויף דיין קאפ

משלי דוד

מה טובו אהליך יעקב, משכנותיך ישראל, וואס איז דער טעם וואס ער זאגט אהליך און משכנותיך? למשל: א פאטער האט געהאט צוויי קינדער, איינער איז געוועזן א קויפ־מאן, ער האט זיך געפיהרט זעהר ארענטליך, נאר לעהרנען האט ער ניט געהאט קיין צייט. ער האט נאר

דוּרְךְ דֶעם מַלְאָךְ שַׂר הַפָּנִים. גָאט, אִיךְ הָאבּ לִיעבּ דִי וואוֹינוּנְג פוּן דַיין הוֹיז אוּן דָאס אָרְט פוּן דַיין רוּהוּנְג, אִיךְ טְהוּ מִיךְ בּוּקֶען אוּן לוֹי־ בֶּען פַאר גָאט מַיין בַּאשֶׁעפֶער, אוּן טְהוּ בֶּעטֶען צוּ דִיר מִיט בַּאוֹוי־ לִינְקַייט, גָאט, מִיט דַיין גִינָאד זָאלְסְטוּ מִיר עֶנְטְפֶערֶען מִיט וַואהר־ הַייט דַיין הִילְף:

דִי תְּחִנָּה זָאל מֶען זָאגֶען נָאךְ מַה טֹּבוּ:

מִי אָנֹכִי וֶוער בִּין אִיךְ דָאס אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין תְּפִלָּה צוּ טְהָאן פַאר אַזוֹי אַ פָארְכְטִיגֶען גְרוֹיסֶען קֶענִיג אִיבֶּער אַלֶע קֶענִיגֶען, מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, גֶע־ לוֹיבְּט אוּן גֶעהֵיילִיגְט אִיז דַיין נָאמֶען. אִיךְ בִּין נָאר בְּלוּט אוּן פְלֵייש, אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְטְה דָאס אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען דַיין נָאמֶען אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן דָאס אִיךְ זָאל פַאר אִיהם תְּפִלָּה טָהאן, וִויא זָאל אִיךְ אוֹיפְהוֹיבֶּען מַיין פָּנִים פַאר אַזוֹי אַ פָארְכְטִיגֶען קֶענִיג, אַ קֶענִיג אִיבֶּער אַלֶע קֶענִיגֶען, גֶעלוֹיבְּט אוּן גֶעהֵיילִיגְט אִיז זַיין נָאמֶען, עֶר אִיז דֶערְהוֹיכְט אִיבֶּער אַלֶע גֶעוֶועלְטִיגֶער, נַייעֶרְט וֶועגֶען זַיין גֶענָאד אוּן וֶועגֶען זַיין גְרוֹיס דֶערְבַּארֶעמְ־ קַייט דָאס עֶר דֶערְבַּארֶעמְט זִיךְ אִיבֶּער דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אוּן בַּאגֶעהֶרְט דִי תְּפִלָּה אוּן בַּקָּשָׁה פוּן זַיינֶע קְנֶעכְט וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֶעהְט (קָרוֹב ה׳ לְכָל קוֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאוּהוּ בֶאֱמֶת) גָאט אִיז נָאהֶענְט צוּ דִי וָואס רוּפֶען אִיהם מִיט וַואר־ הַייט אוּן מַיין גֶעשְׁרֵיי טְהוּט עֶר הֶערֶען אוּן פַארְנֶעהְמְט דִיא תְּפִלּוֹת פוּן אַלֶע דִי וָואס טְהוּעֶן דִיךְ אָנְרוּפֶען, אָמֵן:

משלי דוד

קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה גֶעוֶועֶן. אַלֶע טָאג הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַן אַנְדֶער צַייט אוֹיף לֶערְנֶען, וֶוען דִיא צַייט הָאט אִיהם עֶרלוֹיבְּט. אוּן דֶער צְווייטֶער אִיז גֶעוֶועֶן אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד אוּן אִיז גֶעזֶעסֶען אוּן גֶעלֶערְנְט יוֹמָם וָלַיְלָה, טָאג אוּן נַאכְט. פְרֶעגְט אַיי־ נֶער בַּיים פָאטֶער: ווִי רוּפְט מֶען בַּיי־

רבונו של עולם, דו הערר פון דער גאנצער וועלט, איך וויים גאנץ וואויל אז איך בין איין ארימער זינדיגער מענטש, אז איך בין ניט ווערטה צו שטעהן און תפלה צו טהאן פאר דיין גרויסען געאכפערטען נאמען, וואס צו דיין גרויס הערליכקייט און גרויס אכפערקייט האט קיין שיעור ניט און קיין ערך ניט, דיין גדולה און גבורה איז ניט מעגליך צו דערצעהלען. נאר דו ביסט איין גרויסער רחמן און באגעהרסט די תפלה פון דעם וואס טהוט דיך רופען מיט'ן גאנצען הארצען און דו גאט פארשעהמסט ניט זייער תפלה, דרום ערלויב איך מיך צו בעטען דיך. בארעמהערציגער פאטער, מיט א צובראכען הארץ און מיט ווייכע רייד און האב חרטה אויף אלע מיינע עבירות וואס איך האב געטהאן פון מיין יוגענד אן ביז דעם היינטיגען טאג, און דו זאלסט מיר שיקען די מלאכים וואס זיי זע־גען ממונה איבער די תפלות פון די ישראל, אז אונזער תפלה זאל אויך אנגענומען ווערען, אמן סלה:

די תחנה זאל מען זאגען יעדען פריהמארגען צו קליינע קריאת־שמע נאך מקדש את שמך ברבים:

אתה קדוש, דו ביסט הייליג און דיין נאמען איז הייליג און די הייליגע ישראל טהוען לויבען און הייליגען דיין געאכפערטען נאמען און טהוען ליידען די ארבע מיתות בית דין (סקילה, שריפה, הרג, וחנק) פון וועגען דיין הייליגען נא־מען. אויב עס וועט חלילה קומען א בייזע מחשבה אויף מיי־נע געדאנקען, קום איך דיר בעטען, ליעבער גאט, דו זאלסט

משלי דוד

ע קינדער? ענטפערט ער: איינעם
ופט מען אהל, און דעם צווייטען
ופט מען משכן. פרעגט ער: פאר
ואס איז דאס? זאגט דער פאטער:

דער קויפמאן איז געגליכען צו אן
אהל. ווייל (אפאלאטקע) איז ניט קיין
שטענדיגע זאך. מען טראגט איהם
איבער פון איין ארט אויף דעם אנ־

מִיךְ הֵיילִיגֶען, זָאלְסְט מִיר גֶעבֶּען אִין מַיין מַחֲשָׁבָה אוּן אִין מַיין מוֹיל, דָאס אִיךְ זָאל קֶענֶען הֵיילִיגֶען דַיין נָאמֶען פַאר אַלֶע לַייט אַזוֹי וִוי עֶס הָאבֶּען גֶעטְהָאן דִי הֵיילִיגֶע קְדוֹשִׁים (עֲשָׂרָה הֲרוּגֵי מַלְכוּת) אוּן פִּיעלֶע הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער פוּן דִי הֵיי־לִיגֶע יִשְׂרָאֵל וָואס הָאבֶּען אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען זֵייעֶר לַייבּ פוּן דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען וֶועגֶען. דוּ בִּיסְט גָאט מַיין גָאט אוּן דוּ וֵוייסְט אַלֶע פַארְבָּארְגֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְצֶען. אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ אִי־בֶּערְגֶעבֶּען מַיין בֵּיין אוּן פְלֵייש אוּן מַיינֶע אָדֶערֶען אוּן מַיין בְּלוּט אוּן מַיין חֵלֶב צוּ לַיידֶען אַרְבַּע מִיתוֹת בֵּית דִין, סְקִילָה, שְׂרֵיפָה, הֶרֶג, וְחֶנֶק, אִין אַלֶע פַּיין וָואס אִין דֶער וֶועלְט, כְּדֵי צוּ אֵיינִיגֶען דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען, דֶען דוּ בִּיסְט אַ גֶערֶעכְטֶער רַיין אוּן אַ וָוארְהַאפְּטִיגֶער שׁוֹפֵט. אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים הָאבֶּען אָנְגֶעשְׁרִיעבֶּען, וֶוען אֵיינֶער עֶנְטְפֶערְט אִיבֶּער זַיין לַייבּ פִּיר דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען מִיטְ'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען, פִיהְלְט עֶר נִיט דִי יְסוּרִים, נָאר טָאמֶער וֶועלֶען דִי יְסוּרִים גְרוֹיס זַיין אוֹיף מִיר דָאס אִיךְ וֶועל עֶס נִיט קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטֶען, בֶּעט אִיךְ דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען דוּ זָאלְסְט מִיךְ שְׁטַארְקֶען אַז מַיין מַחֲשָׁבָה זָאל זַיין בַּאהֶעפְט אִין דִיר אַלֶע צַייט אוּן אִיךְ זָאל מִיךְ מְשַׂמֵחַ זַיין אִין מַיין הַארְצֶען פוּן וֶועגֶען דִי יְסוּרִים אוּן זָאלְסְט מַאכֶען אִין מַיין מוֹיל דֶעם כֹּחַ הַדִבּוּר צוּ רֵיידֶען אוּן צוּ הֵיי־לִיגֶען דִיךְ מִיט חָכְמָה. אוּן מִיט פֶערְשְׁטַאנְדִיגְקַייט אוּן דוּ

משלי דוד

רֶערֶען. אַזוֹי אִיז דֶער קוֹיפְמַאן. עֶר הָאט נִיט קֵיין בֶּעשְׁטִימְטֶע צַייט אוֹיף לֶעהְרֶנֶען, וֵוייל עֶר אִיז אַ פַארְדְרֵיי־טֶער קָאפּ. אַ מָאהל לֶעהְרֶענְט עֶר בַּיי טָאג אוּן אַ מָאהל לֶעהְרֶענְט עֶר בַּיי נַאכְט. אָבֶּער דֶער צְוֵוייטֶער אִיז גֶע־גְלִיכֶען צוּ אַ מִשְׁכָּן (רוּהוּנְגְס־אָרְט) וֵוייל עֶר רוּהט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף אֵיין

זאלסט מיר געבען א חלק מיט די הייליגע וואס באהעפטען זיך אין די הייליגקייט, און עס זאל זיין צו ווילען די זאג פון מיין מויל, דען דו ביסט גאט מיין באשעפער און מיין דערלייזער, אמן:

דיא תחנה זאל מען זאגען אבענדס און מארגענס אין שמונה עשרה איידער מען זאגט כי אתה שומע:

אנא איך בעט דיך גאט איך האב געזינדיגט און פערקרימט און געשולדיגט פאר דיר און האב געטהאן וואס ניט רעכט איז. רבונו של עולם, טהו אום פון דיין הייליגען נאמען וועגען, און פארגיעב מיר אויף מיינע זינד וואס איך האב געטהאן אומגערען אדער מיט גוטען ווילען און האב מורד געוועזען קעגען דיין הייליגען נאמען און וואס איך האב געטהאן פון מיין יוגענד אן ביז אין דעם היינטיגען טאג און עס זאל ווערען דערפיהלט אלע שמות וואס איך האב פוגם געוועזען דורך מיינע זינד אין דיין הייליגען נאמען:

אתה, דו ביסט גאט וואס דו ביסט מפרנס ומכלכל מיט דיין גענאד צו אלע באשעפעניש פון די חיה וואס הייסט ווזיל-טיר ביז א קליין ווארים וואס הייסט ביצי כנים, זאלסטו געבען מיר און מיין הויזגעזינד אונזער שפייז איידער מיר וועלען נאך דארפען, מיט נחת און אהן צער, מיט היתר און אהן איסור, צו לעבען אין פרייד, מיט ברכה והצלחה וואס קומט פון הימעל כדי איך זאל קענען מקיים זיין דיינע מצות מיט'ן גאנצען הארצען און איך זאל ניט באדארפען קיין מענשענס גאב און ניט עפעס צו לייען ביי זיי, נאר מיט דיין

משלי דוד

ארט, ער באוועגט ניט, אזוי איז ער, ער זיצט יומם ולילה אויף אן ארט און לעהרענט, נאר זיי זיינען ביידע גוטע קינדער. דאס זאגט דער פסוק: מה טובו אהליך יעקב, ווי גוט זיינען דיינע קינדער וואס זיינען געגליכען צו אן אהל, הנם זיי ערלויבט ניט די צייט צו לעהרנען יומם ולילה, נאר זיי זיי-

פוּל הַאנְד וָואס אִיז אָפֶען. עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערֶען דֶער פָּסוּק „פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן״, דָאס אִיז טַייטְשׁ: דוּ עֶפֶענְסְט דַיין הַאנְד אוּן זֶעטִיגְסְט אוּנְז מִיט שְׁפַּייז אַלֶעמֶען נָאךְ זַייעֶר ווִילֶען נָאךְ:

תְּחִנַּת שַׁחֲרִית.

דִיא שֶׁעהְנֶע תְּחִנָּה זָאל מֶען זָאגֶען אַלֶע טָאג וֶוען דֶער חַזָן הַאלְט שִׂים שָׁלוֹם אָדֶער וֶוען דִי כֹּהֲנִים דוּכְנֶן:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ הֶערְר פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אִיךְ בִּין דַיין אוּן מַיינֶע (חֲלוֹמוֹת) טְרוֹימֶען זֶענֶען דַיין. עֶס הָאט מִיךְ גֶע־טְרוֹימְט אַ טְרוֹים אוּן ווֵייס נִיט וָואס עֶס בֶּעטַייט. אַזוֹי זָאל זַיין דֶער ווִילֶען פַאר דִיר גָאט מַיין גָאט אוּן גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶען, דָאס עֶס זָאל זַיין אַלֶע מַיינֶע טְרוֹימֶען אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף כָּל יִשְׂרָאֵל צוּ גוּטֶען אוּן צוּ בֶּענְשׁוּנְג אוּן דֶער טְרוֹים וָואס מִיר הָאט גֶעטְרוֹימְט אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען גוּטֶע טְרוֹימֶען, זָאלְסְטוּ זֵיי שְׁפַּארְקֶען אוּן בַּאשְׁטֶעטִיגֶען זֵיי זָאלֶען אִין מִיר אוּן אִין זֵיי בַּאשְׁטֶעטִיגְט וֶוערֶען אַזוֹי ווִי דֶער טְרוֹים פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק עָלָיו הַשָּׁלוֹם אוּן וֶוען זֵיי בְּרוֹי־בֶען הֵיילוּנְג. זָאלְסְטוּ זֵיי הֵיילֶען ווִי דוּ הָאסְט גֶעהֵיילְט חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ פוּן זַיין קְרַאנְקְהַייט אוּן אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט גֶעהֵיילְט מִרְיָם הַנְּבִיאָה פוּן אִיהר צָרַעַת אוֹיךְ אַזוֹי ווִי דִי בִּיטֶערֶע וַואסֶער פוּן דֶער שְׁטָאדְט יְרִיחוֹ דוּרְךְ דֶער הַאנְד פוּן אֱלִישָׁע הַנָּבִיא אוּן אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט פֶערְקֶעהְרְט דָאס פְלוּכֶען פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע פוּן פְלוּכוּנְג צוּ בֶּענְשׁוּנְג אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ פַארְקֶעהְרֶען אַלֶע מַיינֶע טְרוֹימֶען אוֹיף מִיר אוּן כָּל יִשְׂרָאֵל צוּ בֶּענְטְשׁוּנְג אֵייבִּיג, אָמֵן:

משלי דוד

גֶען קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה, אוּן זֵיי זַיינֶען מַחֲזִיק לֶעהְרֶנֶער זֵיי זָאלֶען לֶעהְרְנֶען תּוֹרָה, מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל, אוּן ווִי גוּט אוּן טְהַייעֶר זַיינֶען דַיינֶע קִינְדֶער דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וָואס זַיינֶען גֶעגְלִי־כֶען צוּם מִשְׁכָּן אוּן זַיינֶען עוֹסֵק בַּתּוֹרָה אִימֶער. אוּן דַארוּם רוּפְט עֶר דִי קוֹיפְ־לַייטֶע מִיט דֶעם נָאמֶען יַעֲקֹב, ווייל

אַ נַייעֶ תְּחִנָּה מִשְׁפַּט צֶדֶק צוּ זָאגֶען אַלֶע מָאנְטָאג אוּן דָאנֶערְשְׁטָאג בְּעֵת מֶען נֶעהְמְט אַרוֹיס דִי סֵפֶר תּוֹרָה פַאר בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ:

אֱלָהָא קְשׁוֹט, גָאט אִיז אֱמֶת, וְאוֹרַיְיתָא קְשׁוֹט אוּן דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז אֱמֶת, מִיר גֶעפִינֶען אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַ מַאֲמַר פוּן דֶעם הֵיילִיגֶען תַּנָא דֶער צַדִיק רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט, דָאס אִין דֶער צַייט וֶוען מֶען נֶעהְמְט אַרוֹיס דִי סֵפֶר תּוֹרָה בְּצִבּוּר צוּ לֵייעֶנֶען עֶפֶענֶען זִיךְ אִין הִימֶעל אַלֶע טְהוֹיעֶרֶען פוּן רַחֲמִים אוּן לִיעבְּשַׁאפְט, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס זַיינֶען יֶעצְט אָפֶען דִי שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, קוּם אִיךְ אִשָׁה (פלונית בת פלונית) פַאר דִיר מִיט אַ הֵיים גֶעבֶּעט דָאס דוּא זָאלְסְט דֶערְלֶענְגֶערֶען מַיינֶע יָארֶען, מַיין מַאנְס יָארֶען, מַיינֶע קִינְדֶער'ס יָארֶען, מִיר זָאלֶען לֶעבֶּען בְּנַחַת, נִיט חָלִילָה מִיט צַעַר, דוּ זָאלְסְט דוּרְךְ דִי אָפֶענֶע טְהוֹיעֶרֶען מִיר אוּן צוּ כָּל יִשְׂרָאֵל אַרָאפְּשִׁיקֶען שֶׁפַע בְּרָכָה פַּרְנָסָה וְהַצְלָחָה. אוּנְזֶער בִּטָחוֹן צוּ דִיר זָאל חָלִילָה נִיט פַארְשֶׁעהְמְט וֶוערֶען דֶען דוּ בִּיזְט דָאךְ מַיין שְׁפַּייזֶער אוּן דֶער שְׁפַּייזֶער פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. אוּן דוּרְךְ דֶם זְכוּת פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין דָאס פוּן מִיר זָאל וַואקְסֶען אַ גוּט דוֹר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען זָאלֶען לַייכְטֶען אִין דֶער תּוֹרָה, דֶען דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִיז אוּנְזֶער אֵיינְצִיגֶע טְרֵייסְט אִין דֶעם בִּיטֶערֶען גָלוּת, זִי אִיז בַּיי אוּנְז אַ גוּטֶער מַשְׁכּוֹן פוּן דַיין לִיעבֶּען נָאמֶען, דָאס מִיר וֶועלֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערֶען בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן:

משלי דוד

זַיי זַיינֶען אַ קְלֶענֶערֶע מַדְרֵגָה, אוּן דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים רוּפְט עֶר יִשְׂרָאֵל, וַוייל זַיי זַיינֶען אַ גְרֶעסֶערֶע מַדְרֵגָה, וַוייל דֶער נָאמֶען יִשְׂרָאֵל וַוייזְט שַׂר עִם אֵל, עֶר הָאט גֶעשְׁטְרַייט מִיט דֶעם מַלְאָךְ וַיּוּכַל לוֹ, אוּן הָאט אִיהם בַּייגֶעקוּמֶען,

תְּחִנָּה פוּן יְרוּשָׁלַיִם

דִי תְּפִלָּה זָאל מֶען אַלֶע טָאג זָאגֶען נָאךְ דֶעם דַאוְונֶען:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילֶען פוּן דִיר גָאט, מַיין גָאט אוּן גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶען, דָאס דוּ זָאלְסְט מִיךְ בַּאהִיטֶען אוּן בַּאשִׁירְמֶען פַאר דִי בֵּייזֶע כִּתּוֹת וָואס גִיבֶּען זִיךְ אָפּ מִיט חֲנִיפוּת טְרַייבֶּען, שְׁקָרִים זָאגֶען, אוּן נַארִישְׁקַייט, נִיבּוּל פֶּה אוּן לָשׁוֹן הָרָע רֵיידֶען. דוּ זָאלְסְט מִיר בַּאהִיטֶען אוּן בַּאשִׁירְמֶען פוּן אַלֶערְלֵיי לֵייד. פוּן אַלֶערְלֵיי בֵּייזֶע צָרוֹת, פוּן אַלֶערְלֵיי שְׁלֶעכְטְס, פוּן אַלֶע בֵּייזֶע בַּאגֶעגֶענִישׁ אוּן פוּן שְׁוֶוערְד, הוּנְגֶער, וַואסֶער, פַייעֶר אוּן גַזְלָנִים, סַיי אִין שְׁטָאדְט אוּן סַיי אוֹיף דֶעם פֶעלְד. בַּאהִיט אוּנְז וַוייטֶער פוּן צַעַר אוּן פוּן אַלֶעם בֵּייזֶען וָואס מִיר הָאבֶּען מוֹרָא זָאלְסְטוּ אוּנְז נִיט צוּשִׁיקֶען. אוּן דוּ זָאלְסְט אוּנְז גֶעבֶּען פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד, אָהן צַעַר אוּן אָהן זָארְג אוּן דוּ זָאלְסְט אוּנְז גֶעבֶּען אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים מִיר זָאלֶען אוֹיסְלֶעבֶּען אוּנְזֶערֶע יָאהְרֶען אוּן טֶעג אִין עֲשִׁירוּת אוּן מִיר זָאלֶען אוּנְזֶער צַייט אִין עֶהְרֶע אוּן אִין גְרוֹיס פְרֵיידֶען פַארְבְּרֵיינְגֶען. אוּן דוּ זָאלְסְט אוּנְז נִיט שִׁיקֶען קַיין זָארְג אוּן קַיין אַנְגְסְט אוּן קַיין קְרֶענְק ח"ו וָואס קֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמֶען, נִיט חָלִילָה אוֹיף מִיר אוּן נִיט אוֹיף מַיין מַאן אוּן נִיט אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער ח"ו, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין זֵיי מְגַדֵל צוּ

מִיר זָאגֶען אִין דַאוְונֶען צוּפֶה וְיוֹדֵעַ סְתָרֵינוּ וכו' עֶר ווייס אוּנְזֶערֶע פֶערְבָּארְגֶענֶעס. לְמָשָׁל: אַ גְרוֹיסֶער שַׂר הָאט בֶּעפָאהְלֶען זַיין אַרְכִיטֶעקְט עֶר זָאל אִיהם בּוֹיעֶן אַ רֶעזִידֶענְץ הָאט עֶר אוֹיפְגֶעבּוֹיט אַ שְׁטָאדְט מִיט אַלֶע זַאכֶען וָואס מֶען בַּארְף צוּ אִיהר. דְהַיְינוּ, הַיילֶען אוּן מַעֲרוֹת מֶען זאל

זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים, און לאז מיך, מיינע קינדער, אלע די מייניגע, פיעל פרייד דערלעבען. מלך רחמים, דערבארעמדיגער פאטער, קעניג פון דער גאנצער וועלט, זאלסט אויף אונז שיקען הילף און טרייסט, און דו זאלסט אונז עפענען די טהויערען פון פרנסה און דו זאלסט אונז שפייזען פון דיין מילדער געטרייער האנט. און ניט פון דער האנט פון א מענשען. און זאל אויף אונז ניט געוועלטיגען דער יצר הרע, און מיר זאלען קענען היטען דיין תורה און מצות. איך בין זיך מתודה אויף מיינע גרויסע חטאים און עונות ופשעים. וואס איך האב געזינדיגט און געשולדיגט געגען דיין הייליגען נאמען אלע טאג פון מיין הייליגען לעבען. אל שדי מלא רחמים, דו ביזט פול גענאד און בארעמהערציגקייט און איך בין פול מיט זינד. אזוי בעט איך דיך ליעבער גאט, דאס דו זאלסט מיר מוחל זיין אלע זינד, און זאלסט אונז געבען פארשטאנד, דאס מיר זאלען זיך קענען מתודה זיין פאר אונזער טויט, און זאלסט אונז אלע מאל דן זיין לכף זכות, דאס מיר זאלען קענען ביישטעהען ווען מיר וועלען זיך שיידען פון דער זינדיגער וועלט און וועלען קומען פאר דעם יום הדין הגדול והנורא. און זאלסט

מנחת יצחק

קענען באהאלטען דארטען אלע פארבארגענע זאכען (פון א שונא ובדומה). ויהי היום, האט דער שר. גוזר געווען אז יעדער מענש זאל צאהלען א געוויסען אבצאהל. האבען די איינוואהנער פון שטאדט גענומען און באהאלטען זייער גאלד און זילבער אין די הייליגען. נאכהער

טְהָאן אַלֶע צַייט חֶסֶד וְרַחֲמִים פוּן וֶועגֶען זְכוּת פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב:

אָנָא אֱלֹהֵי אַבְרָהָם, אִיךְ בֶּעט דִיךְ גָאט פוּן אַבְרָהָם, דָאס דַיינֶע אוֹיעֶרֶען זָאלֶען פַארְנֶעהְמֶען מַיין גֶעשְׁרֵיי אוּן מַיין גֶעבֶּעט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעבֶּעטֶען אוּן וָואס אִיךְ וִויל דִיךְ נָאךְ בֶּעטֶען. אוּן דוּ זָאלְסְט מִיר אוֹיסְהֶערֶען אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי תְּפִלָּה פוּן כָּל יִשְׂרָאֵל, וֶוען זֵיי זַיינֶען גֶעוֶועזֶען אִין אַ צָרָה אוּן הָאסְט זֵיי אַלֶע מָאל גֶעהָאלְפֶען, וֶוען זֵיי הָאבֶּען דִיךְ גֶערוּפֶען, זָאלְסְטוּ מִיר אוֹיךְ הֶעלְפֶען אוּן מַיין תְּפִלָּה זָאל פַאר דִיר אַזוֹי אָנְגֶענוּמֶען זַיין גְלַייךְ וֶוען אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר מַקְרִיב גֶעוֶועזֶען אַ קָרְבָּן אוּן לָאז מַיין תְּפִלָּה נִיט צוּרִיקְגֶעוִויעזֶען וֶוערֶען פוּן דִיר, אוּן לָאזֶען קֵיינֶע מְקַטְרְגִים נִיט קֶענֶען אוֹיפְהַאלְטֶען מַיין תְּפִלָּה אוּן שִׁיק בַּאלְד אוּנְזֶער גוֹאֵל צֶדֶק, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן:

תְּחִנָּה לְיוֹם רִאשׁוֹן.

דִיא תְּחִנָּה זָאל יֶעדֶע פְרוֹי זָאגֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה אַלֶע זוּנְטָאג נָאךְ דֶעם דַאוְונֶען:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילֶען פוּן דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יוֹצְרֵנוּ, אוּנְזֶער בַּאשֶׁעפֶער, וְיוֹצֵר בְּרֵאשִׁית. אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן אָנְהֵייבּ וֶועלְט, דוּ זָאלְסְט אוּנְז מְזַמֵּן

מנחת יצחק

אַז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען מָאהְנֶען דֶעם אַבְּצָאהְל הָאט מֶען בַּיי זֵיי גָאר נִיט גֶעפוּנֶען, זָאגְט דֶער אַרְכִיטֶעקְט צוּ זֵיי: אוּמְזִיסְט וָואס אִיהר בַּאהַאלְט אַייעֶר גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, צוּ דֶען אַז אִיךְ הָאבּ גֶעבּוֹיט דִיא שְׁטָאדְט אוּן הָאבּ אַלֵיין גֶעמַאכְט דִי הֵיילֶען פַאר בַּאהֶעלְטֶענִישֶׂע צְוֶועקֶען, וֶועל אִיךְ

זיין אונזער פרנסה און דו זאלסט באגליקען אונזערע מעשים פון א גאנצע וואך. זאלסט אונז באשירעמען פון אלע מיני פגעים רעים און פון עין הרע, און אזוי ווי דו האסט באשאפען דיין וועלט אין דעם היינטיגען טאג און אין דיעזען טאג ביזטו געוועזן איינער אויף דער וועלט, דען עס זיינען נאך ניט געוועזן קיין מלאכים און קיין שום בריאה אויף דער וועלט, אזוי אויך בין איך מיחד נאר דיין ליעבען נאמען און איך האב בטחון נאר אין דיר, אז דו זאלסט מיר ממציא זיין כל מיני טובות ישועות ונחמות, אמן:

תחנה ליום שני.

די תחנה זאל יעדע פרוי זאגען מיט גרויס כונה אלע מאנטאג נאך דעם דאווענען.

יהי רצון מלפניך, עס זאל דער ווילען פון דיר, רבונו של עולם, אשר תשלט בעולמיך, וואס דו געוועלטיגסט איבער דיין וועלט. ואשר הבדלת בין מים למים, און וואס דו האסט געמאכט אין דעם טאג א צווישען שייד דאס די וואסערען וואס געפינען זיך אויף דעם הימעל זאלען זיין אבגעטהיילט פון די וואסערען וואס געפינען זיך אויף דער ערד, אבקש ממך, בעט איך ביי דיר, דאס דו זאלסט מיך אויך

מנחת יצחק

דען ניט געפינען אייערע חפצים? צו דען פון מיר וועט איהר עפעס קענען פארבארגען? אזוי זאגט השי״ת צו די בעלי עבירות וואס זיי טוען אין דער פינסטער זייערע בייזע מעשים: אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו? קען דען א מענש זאגען, איך וועל זיך באהאלטען אז השי״ת זאל מיר

אָבְּשֵׁיידֶען פון אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶען, זָאלְסְט מִיךְ מַצִיל זַיין מִיט כָּל יִשְׂרָאֵל פון אַלֶע מִינֵי פֶערְפְלֵייצוּנְגֶען. עֶס זָאל בַּיי אוּנְז חָלִילָה נִיט זַיין קֵיין דֶערְטְרוּנְקֶענֶער, אוּן דִי אַלֶע וֶועלְכֶע פָאהְרֶען אוֹיף דֶעם יַם זָאלֶען נִיצוֹל וֶוערֶען פון אַ שְׁטוּרְם וִוינְד, דָאס זֵיי זָאלֶען קוּמֶען בְּשָׁלוֹם צוּ זֵייעֶר אָרְט, דֶען דוּ בִּיזְט דָאךְ אַ בַּעַל הָרַחֲמִים, וָואס דוּ הֶערְסְט יֶעדֶענְס תְּפִלָּה. בָּרוּךְ אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה:

תְּחִנָּה לְיוֹם שְׁלִישִׁי.

דִיא תְּחִנָּה זָאל יֶעדֶע פְרוֹי זָאגֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה אַלֶע דִיעֶנְסְטָאג נָאךְ דֶעם דַאוְונֶען:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עֶס זָאל זַיין דֶער ווילֶען פון דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָעוֹרֵךְ שֻׁלְחָן לִבְרִיּוֹתָיו, וָואס דוּ מַאכְסְט גְרֵייט דֶעם טִישׁ, דָאס מֵיינְט מֶען דִי מִינֵי מַאֲכָלִים, וָואס יֶעדֶער בְּרִיָּה עֶסְט צוּ אִיהר סְעוּדָה, דָאס אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפֶען אִין דֶעם טָאג אַלֶע מִינֵי תְּבוּאוֹת, אַלֶע מִינֵי גְרָאזֶען אוּן אַלֶע מִינֵי פְּרוּכְט בּוֹימֶער אוּן דוּ הָאסְט זֵיי גֶעבֶּענְשְׁט, אַזוֹי זָאלְסְטוּ מִיךְ מִיט כָּל יִשְׂרָאֵל בֶּענְשֶׁען מִיט אַלֶעם גוּטֶען, דָאס מַיין טִישׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג פוּל זַיין מִיט כָּל מִינֵי מַאֲכָלִים טוֹבִים, אוּן אַזוֹי וִויא דוּ הָאסְט גֶעדָאפֶּעלְט דֶעם טָאג מִיט צְווַיי מָאל „כִּי טוֹב״ אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מִיר דָאפְּלֶען כָּל מִינֵי טוֹבוֹת יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת, אָמֵן:

מנחת יצחק

נִיט וֶועהֶען? עֶר וֵוייס דָאךְ אַלֶע פַארְבָּארְגֶענֶעס, עֶר הָאט דָאךְ אַלֶס בַּאשַׁאפֶען, דִי פִינְסְטֶערְנֶעס אִיז דָאךְ פַאר אִיהם לִיכְטִיג. דָאס מֵיינְט מֶען וְיוֹדֵעַ סְתָרֵינוּ, גָאט וֵוייס אַלֶע אוּנְזֶערֶע פַארְבָּארְגֶענֶע גֶעדַאנְקֶען:

תְּחִנָּה לְיוֹם רְבִיעִי.

די תְּחִנָּה זָאל יֶעדֶע פְרוֹי זָאגֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה אַלֶע מִיטְוָואךְ נָאךְ דֶעם דַאוְונֶען:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילֶען פוּן דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יוֹצֵר הַמְּאוֹרוֹת, דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן דִיא אַלֶע לִיכְט, דִי זוּנֶן מִיט דִי לְבָנָה מִיט דִי אַלֶע שְׁטֶערֶען, דוּ זָאלְסְט מַצִּיל זַיין מִיךְ מִיט כָּל יִשְׂרָאֵל, עֶס זָאל נִיט שׁוֹלֵט זַיין אִין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער קֵיין אַסְכָּרָה אוּן כָּל מִינֵי חֳלָאִים רָעִים, רַחֲמָנָא לִצְּלָן, נָאר פַארְקֶעהְרְט: דִי זוּנְן זָאל זַיין צוּ אוּנְז אַ הֵיילוּנְג, אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה צוּ אַלֶע אוּנְזֶערֶע ווֵייטָאגֶען אוּן צוּ אַלֶע אוּנְזֶערֶע שְׁוואַכְקֵייטֶען, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט: „שֶׁמֶשׁ צְדָקָה וּמַרְפֵּא בִּכְנָפֶיהָ״. אוּנְזֶער שְׁטֶערֶען זָאל לֵייכְטֶען אִין הִימֶעל דָאס מִיר זָאלֶען שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט ווֶערֶען, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן:

תְּחִנָּה לְיוֹם חֲמִישִׁי.

די תְּחִנָּה זָאל יֶעדֶע פְרוֹי זָאגֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה אַלֶע דָאנֶערְשְׁטָאג נָאךְ דֶעם דַאוְונֶען:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילֶען פוּן דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַבּוֹרֵא בְּרִיּוֹת חַיִּים, וָואס דוּ הָאסְט אִין דֶעם

משלי דוד

מִיר בֶּעטֶען אַלֶע טָאג בַּייא גָאט: וְהַעֲרֶב נָא ה׳ אֱלֹהֵינוּ אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ. הש״י, עֶר זָאל אוּנְז מַאכֶען זִיס דִי תוֹרָה. אִיז דָאךְ אַ פְּלִיאָה: דִי תוֹרָה וּמִצְוֹת זַיינֶען דָאךְ בְּעֶצֶם גֶע־שְׁמַאק אוּן זִיס, ווִי אִין פָּסוּק שְׁטֶעהְט: וּמְתוּקִים מִדְּבַשׁ וְנוֹפֶת צוּפִים? ווֶע־לֶען מִיר דָאס עֶרְקְלֶערֶען מִיט אַ

טָאג בַּאשַׁאפֶען אַלֶע מִינֵי לֶעבֶּעדִיגֶע בְּרוּאִים, אַלֶע מִינֵי חַיוֹת, אַלֶע מִינֵי בְּהֵמוֹת, אַלֶע מִינֵי פֵייגֶעל, אַלֶע מִינֵי וֶוערִים, אַלֶע מִינֵי פִישׁ פוּן יַם, אוֹיךְ דֶעם גְרוֹיסֶען פִישׁ לִוְיָתָן מִיט דֶעם שׁוֹר הַבָּר, וֶועלְכֶע דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפֶען צוּלִיעבּ דֶעם מֶען זָאל וִויסֶען צוּ לוֹיבֶּען דַיין כָּבוֹד אוּן דוּ הָאסְט זֵיי אַלֶע בַּאשַׁאפֶען פְרִיהֶער פַאר דֶעם מֶענְשֶׁען, כְּדֵי דֶער מֶענְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיס הַאלְטֶען, עֶר זָאל וִויסֶען אַז דָאס קְלֶענְסְטֶע וֶוערִימֶעל אִיז בַּאשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען פְרִיהֶער פַאר אִיהם. נָאר, בְּאִם עֶר אִיז זוֹכֶה, גֶעוֶועלְטִיגְט דֶער מֶענְשׁ אִיבֶּער אַלֶע בְּרוּאִים, אוּן דִי אַלֶע בְּרוּאִים זַיינֶען אָנְגֶעגְרֵייט גֶעוָוארֶען צוּ זַיינֶע מַאֲכָלִים אוּן צוּ בֶּעדִינֶען אִיהם. אוֹיף דִיעזֶען אוֹפֶן הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיהם אָנְגֶעגְרֵייט אַלֶע זַיינֶע בֶּעדֶערְפֶענִישׁ, בֶּעט אִיךְ דִיךְ רבש״ע דָאס דוּ זָאלְסְט אָנְגְרֵייטֶען פַאר מִיר מִיט מַיין גַאנְץ הוֹיזְ־גֶעזִינְד אוּן פַאר כָּל יִשְׂרָאֵל אַלֶע אוּנְזֶערֶע בַּאדֶערְפֶענִישׁ נָאךְ אֵיידֶער מִיר וֶועלֶען זֵיי דַארְפֶען. עֶס זָאל בַּיי אוּנְז זַיין חָלָב וּדְבַשׁ אוּן אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים זָאלֶען פַארְשֶׁעהְמְט וֶוערֶען קוּקֶענְדִיג אוֹיף אוּנְזֶער גוּטְס. זֵייעֶר שְׁלֶעכְט אוֹיג זָאל חָלִילָה אוּנְז נִישְׁט שַׁאטֶען, עֶס זָאל אוֹיף אוּנְז מְקוּיָם וֶוערֶען, „וְיִדְגּוּ לָרוֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ״. אָמֵן:

משלי דוד

מָשָׁל: אַן אָרֶעמַאן הָאט גֶעהַאט אַ גְבִיר אַ קָרוֹב, פְלֶעגְט עֶר אִימֶער שְׁטָאלְצִירֶען מִיט דֶעם קָרוֹב. לְיָמִים, הָאט דֶער גְבִיר חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אַ קִינְד. דֶער אָרֶעמַאן הָאט זִיךְ גֶעפְרֶעהְט, עֶר וֶועט דָאךְ גֶעווִיס זַיין פוּן דִי קְרוּאִים אוּן וֶועט עֶסֶען אַ גוּטֶע סְעוּדָה. דֶער אָרֶעמַאן הָאט צְווֵיי טֶעג פַאר דֶער חֲתוּנָה נִיט גֶעגֶעסֶען, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען עֶסֶען אוֹיף דֶע

תְּחִנָּה לְיוֹם הַשִּׁשִּׁי.

דִּיא תְּחִנָּה זָאל יֶעדֶע פְרוֹי זָאגֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה אַלֶע פְרַייטָאג נָאךְ דֶעם דַאוְונֶען:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילֶען פוּן דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם. אֲשֶׁר יָצַר אֶת הָאָדָם בְּצַלְמוֹ וְהִתְקִין לוֹ מִמֶּנּוּ בִּנְיַן עֲדֵי עַד, וָואס הָאט בַּאשַׁאפֶען דֶעם מֶענְשֶׁען מִיט דֶעם צֶלֶם אֱלֹהִים אוּן הָאט פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעבּוֹיט אוּן צוּגֶעגְרֵייט אַ בִּנְיַן, דָאס מֵיינְט מֶען דִי אִשָּׁה אוּנְזֶער מוּטֶער חַוָּה, זִי זָאל זַיין צוּ אִיהם אַ בִּנְיַן אוֹיף אֵייבִּיג, דָאס פוּן זֵיי זָאל גֶעבּוֹיט ווֶערֶען דִי ווֶעלְט. דוּ הָאסְט זֵיי, גָאט, אוֹיךְ גֶעבֶּענְשְׁט מִיט דִי בְּרָכָה „פְּרוּ וּרְבוּ". בֶּעט אִיךְ דִיר, רַחֲמָנוּתְ'דִיגֶער פָאטֶער, דָאס דוּ זָאלְסְט מִיךְ אוֹיךְ בֶּענְשֶׁען, אַז אוּנְזֶער בִּנְיַן פוּן מִיר מִיט מַיין מַאן זָאל אוֹיךְ זַיין עַד מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה מִיט פִיעל נַחַת עֶס זָאל פוּן אוּנְז גֶעבּוֹיט ווֶערֶען אַ ווֶעלְט פוּן בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת. ווַייל אוֹיף דִי קַבָּלַת הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה ווַייזְט דִי „ה" הַיְדִיעָה פוּן „הַשִּׁשִּׁי", אַז דֶער גַאנְצֶער בִּנְיַן פוּן דֶער ווֶעלְט אִיז צוּלִיעבּ דֶעם מֶענְשֶׁען, אוּן דֶער בִּנְיַן פוּן דִיא מֶענְשֶׁען אִיז בִּזְכוּת וָואס זֵיי ווֶעלֶען דֶעם זֶעקְסְטֶען טָאג אִין סִיוָן, דָאס מֵיינְט מֶען שָׁבוּעוֹת, מְקַבֵּל זַיין דִיא תּוֹרָה. דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אוּנְז בֶּענְשֶׁען מִיט דָאפֶּעלְטֶע

משלי דוד

חֲתוּנָה דִי גוּטֶע מַאֲכָלִים מִיט גְרוֹיס אַפֶּעטִיט. דִי נַאכְט פוּן דֶער חֲתוּנָה, זִיצְט עֶר אוּן ווַארְט מֶען זָאהְל אִיהם שׁוֹין קוּמֶען רוּפֶען. עֶר זֶעהְט דוּרְךְ דֶעם פֶענְסְטֶער ווִי דֶער שַׁמָּשׁ גֶעהְט פַארְבֵּיי זַיין הוֹיז אוּן רוּפְט נָאר אַלֶע גְבִירִים אוּן אִיהם בֶּעט עֶר נִיט. אִיז אִיהם גֶעווָארֶען זֶעהר בִּיטֶער אוֹיפְ'ן

פַּרְנָסָה אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעדָאפֶּעלְט צוּ אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען דֶעם מָן אִין דֶעם הַיינְטִיגֶען טָאג, כְּדֵי מִיר זָאלֶען קֶענֶען אָנ־גְרֵייטֶען סְעוּדוֹת שַׁבָּת בְּהַרְחָבָה, מִיר זָאלֶען שַׁבָּת מְקַבֵּל תַּעֲנוּג זַיין, דֶען בִּזְכוּת פוּן הִיטֶען דֶעם הֵיילִיגֶען שַׁבָּת וֶועלֶען מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערֶען פוּן דֶעם פִינְסְטֶערֶען גָלוּת, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ. אָמֵן, סֶלָה:

תְּחִנָּה שַׁעֲרֵי רַחֲמִים

דִיא תְּחִנָּה אִיז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען פוּן „סֵפֶר חֲסִידִים" אוּן עֶס אִיז גוּט אַז מֶען זָאל זִי זָאגֶען נָאךְ אַתַּעֲנִית מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין דַאן וֶועט גֶעווִיס דִי תְּפִלָּה אָנְגֶענוּמֶען וֶוערֶען פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ:

יְהִי רָצוֹן, עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילֶען פַאר דִיר גָאט, אוּן גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶען, אַז דִי טְרֶעהְרֶען, וָואס אִיךְ פֶערְגִים אִין מַיין תְּפִלָּה זָאלֶען לֶעשֶׁען דַיין גְרִימְצָארֶען פוּן מִיר, אוּן מַיין הַארְץ, וָואס צוּגֶעהְט אִין מִיר ווִי וַואסֶער זָאל אוֹיסְלֶעשֶׁען דִי קוֹיהְלֶען, וָואס בְּרֶענֶען דַיין צָארֶען, אוּן דִי תְּשׁוּבָה אוֹיף מַיינֶע בֵּייזֶע מַעֲשִׂים זָאלֶען ווִידֶער־קֶעהְרֶען דַיין צָארֶען, אוּן מַיינֶע תַּעֲנִיתִים זָאלֶען מַאכֶען אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ נוֹהֵג זַיין מִיט מִיר מִיט רַחֲמִים, אוּן אַז אִיךְ הָאבּ הַיינְט מַיין טִישׁ גְעגְרֵייט, זָאל דָאס זַיין גְלַייךְ אַזוֹי ווִי אִיךְ וָואלְט הַיינְט אַ קָרְבָּן אָנְגֶעגְרֵייט פַאר דִיר אִין אַזוֹי ווִיא אִיךְ וָואלְט גֶעבְּרַאכְט דִיא

הַארְצֶען אוּן עֶר זָאגְט צוּ זַיין ווַייבּ: גִיבּ עֶסֶען, הָאט זִיא אִיהם גֶעגֶעבֶּען עֶסֶען בְּרוֹיט מִיט רֶעטַאךְ אוּן צִיבֶּע־לֶע אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעגֶעסֶען צוּ זַאט. אִין אַ שָׁעָה אַרוּם קוּמְט דֶער שַׁמָּשׁ אוּן רוּפְט אִיהם צוּ דֶער חֲתוּנָה. עֶר אִיז אַ הִין אַוֶועק אוּן מֶען הָאט דֶערְלַאנְגְט טְהַייֶערֶע פִישׁ אוּן גֶע־

מִנְחָה וָואס יִשְׂרָאֵל פְּלֶעגֶען בְּרֵיינְגֶען. אוּן דָאס בְּלוּט וָואס מִיר אִיז הַיינְט גֶעמִינֶערְט גֶעוָוארֶען, זָאל עֶס פַארְגֶעבֶּען וֶוערֶען אוֹיף מִיר גְלַייךְ וִוי דָאס בְּלוּט וֶוען מֶען הָאט עֶס גֶעשְׁפְּרֵיינְגְט אוֹיף דִיא בְּרֶעגֶען פוּן מִזְבֵּחַ, אוּן דָאס חֵלֶב וָואס עֶס אִיז מִיר הַיינְט גֶעמִינֶערְט גֶעוָוארֶען זָאל מִיר דָאס גֶערֶעכֶענְט זַיין אַזוֹי וִויא דָאס חֵלֶב פוּן דֶעם קָרְבָּן וָואס מֶען הָאט מַקְרִיב גֶעוֶועזֶען אוֹיף דֶעם הֵיילִיגֶען מִזְבֵּחַ, אוּן דִי טְרֶעהְרֶען פוּן מַיינֶע אוֹיגֶען זָאל זַיין וִוי דֶער וַויין וָואס מֶען הָאט מְנַסֵּךְ גֶעוֶועזֶען אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ, אוּן דֶעם שְׁטִים פוּן מַיין וֵויינֶען זָאהל זַיין גֶערֶעכֶענְט אַזוֹי וִויא דִיא שְׁטִים פוּן דִי לְוִיִם, וָואס הָאבֶּען גֶעזוּנְגֶען שִׁירָה אוֹיף אַ קָרְבָּן. דִיא טְרֶעהְרֶען, וָואס אִיךְ פַארְגִיעס הַיינְטִיגֶען טָאג פַאר דִיר, זָאלֶען אָפְּמֶעקֶען מַיינֶע עֲוֹנוֹת, אוּן דָאס שְׁוֶוערְ־קַייט פוּן מַיינֶע גְלִיעדֶער צוּלִיעבּ מַיין פַאסְטֶען זָאל זַיין וִוי דִי שְׁטִיקֶער פוּן קָרְבָּן, וָואס מֶען הָאט מַקְרִיב גֶעוֶועזֶען אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ. זָאלְסְט, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נִיט פַארְשֶׁעהְמֶען מַיין צוּ־בְּרָאכֶען הַאֶרְץ, אוּן דָאס וָואס אִיךְ טְהוּ נִיט אָן מַיינֶע שֶׁעהְ־נֶע קְלֵיידֶער זָאל בַּיי דִיר חָשׁוּב זַיין אַזוֹי וִוי דִי קְלֵיידֶער וָואס דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט אָנְגֶעטָהאן אִין דֶער צַייט אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט מַקְרִיב זַיין אַ קָרְבָּן אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן דָאס פַארְמַיידוּנְג, וָואס אִיךְ פַארְמַייד מִיךְ צוּ וַואשֶׁען אוּן צוּ בָּא־דֶען זָאל זַיין אַזוֹי וִוי קִידוּשׁ יָדַיִם וְרַגְלַיִם וָואס דֶער כֹּהֵן הָאט

משלי דוד

בְּרָאטֶענֶע פְלֵייש, דֶערְצוּ נָאךְ פִיעל מַטְעַמִים. עֶס אִיז אִיהם אָבֶּער אַלֶץ בִּיטֶער גֶעוֶועזֶען. עֶר הֶערְט וִוי פִיעל לַייט רִיהְמֶען אַלֶץ דִיא שְׁפַּייז פוּן דֶער חֲתוּנָה אוּן עֶר זָאגְט צוּ זֵיי: — עֶס אִיז דָאךְ אַלֶץ בִּיטֶער, עֶס הָאט דָאךְ קֵיין טַעַם נִיט. רוּפְט זִיךְ אָפּ אַ קְלוּגֶער מֶענְשׁ: פוּן אַייךְ אִיז נִיט קֵיין

זִיךְ דִי הֶענְט אוּן פִּים גֶעוַואשֶׁען פוּן דֶעם כִּיוֹר וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֶעהֶען אִין דֶעם בֵּית הַמִּקְדָשׁ. אוּן דוּרְךְ דָאס אוֹיסְרַייסֶען מַיין הַארְץ פוּן דֶער תְּשׁוּבָה זָאלֶען צוּרִיסֶען וֶוערֶען דִי בִּיכֶער אִין וֶועלְכֶע עֶס אִיז פַארְשְׁרִיעבֶּען מַיינֶע זִינְד. אוּן דִיא וֶוערְטֶער, וָואס גֶעהְט אַרוֹיס פוּן מַיין מוֹיל אִין מַיין תְּפִלָּה, זָאלֶען פַארְשְׁטָאפֶּען דִיא מַיילֶער פוּן מַיינֶע מְקַטְרְגִים. אוּן מַיין שְׁוַואךְ הַארְץ זָאל דֶערְפְרֶעהְט וֶוערֶען. אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס חֲרָטָה אוֹיף דִיא בֵּייזֶע וֶועגֶען וָואס אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען, סַיי בְּשׁוֹגֵג אָדֶער בְּמֵזִיד. וְאַתָּה, אוּן דוּ גָאט מַיין גָאט, זֶעהְסְט דָאךְ אַלֶע גֶעדַאנְקֶען פוּן מַיין הַארְץ, וֵוייסְטוּ דָאךְ, אַז וָואס אִיךְ רֶעד מִיט מַיין מוֹיל זַיינֶען מַיינֶע גֶעדַאנְקֶען אוֹיךְ דַאבַּיי. דַארוּם זָאל אוֹיךְ זַיין דֶער ווִילֶען פוּן פַאר דִיר גָאט, מַיין גָאט, רַחוּם וְחַנּוּן, אַז דוּ זָאלְסְט אָפְּטָהאן פוּן מִיר אַלֶע בֵּייזֶע גֶעדַאנְקֶען וָואס לָאזֶען נִיט רֶעכְט תְּשׁוּבָה טְהָאן. אוּן זָאלְסְט מִיר הֶעלְפֶען אַז אִיךְ זָאל נִיט מֶעהר טְהָאן בֵּייז פַאר דִיר, אוּן מַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, וָואס אִיךְ הָאבּ בְּדֵעָה וֵוייטֶער צוּ טְהָאן זָאלֶען וֶוערֶען אָנְגֶעבְּרֵייט פַאר דִיר אֵייבִּיג מִיט מִיר אוּן מִיט כָּל יִשְׂרָאֵל:

בְּעוַוייז, אִיהר הָאט זִיךְ פַאר דֶעם גוּט אָנְגֶעגֶעסֶען מִיט רֶעטַאךְ אוּן צִי־בֶּעלֶע גִיט דָאס אָבּ דֶעם בִּיטֶערֶען טַעַם אוּן עֶס אִיז אַייךְ אַלְץ בִּיטֶער אוּן אִיבֶּעל, אָבֶּער דִיא וַואהְרְהַייט אִיז, אַז דִי שְׁפַּייז אִיז זֶעהר גֶעשְׁמַאק אִין אַנְגֶענֶעהם, דוּ אָרֶעמֶער קָרוֹב, הָאסְט נָאר גֶעדַארְפְט בֶּעטֶען בַּייא דֶעם גְבִיר עֶר זָאל דִיךְ שִׁיקֶען רוּ־פֶען אַ פָּאאר שְׁטוּנְדֶען פְרִיהֶער, וָואלְסְטוּ שׁוֹין פִיהְלֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶען טַעַם. דֶער נִמְשָׁל אִי: דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת אִיז בְּעֶצֶם זִיס אוּן אַנְגֶענֶעהְם, וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֶעהְט: וּמְתוּקִים מִדְּבַשׁ

תחנה עומר לגלגולת

א נייע תחנה צו בעטען אלע טאג נאך דעם דאוונען אויף פרנסה:

רבון העולמים, אלהי האלהים ואדוני האדונים, הזן ומפרנס מקרני ראמים עד ביצי כנים, איך קום צוא דיר יעצט בעטען נאך מיינע אלע תחנות דו זאלסט מיר מזמין זיין גרינג מיין פרנסה, זאלסט מיר מוחל זיין מיינע זינד און זאלסט זיי פארשטויסען און די מקטריגים פון דיא עבירות זאלען ניט האבען קיין שליטה צו פארשטעלען מיר דיא שפע. דער הייליגער תנא זאגט, דאס יעדעס חיה ועוף, וואס זיינען באשאפען צוליעב דעם מענשען, האבען נישט אזוי פיעל צער פרנסה וויא דער מענש, ווייל דער מענש פארזינדיגט זיך מיט זיינע שלעכטע מעשים אזוי ווי מיר געפינען ביי אדם הראשון דאס נאך דעם חטא פון עץ הדעת איז אין איהם מקוים געווארען „בזעת אפך תאכל לחם", מיט שווערע ארבייט זאל ער זיך פארדינען זיין ברויט. מיר געפינען אויך דאס פרנסה איז קריעת ים סוף, דען אזוי וויא ביי קריעת ים סוף איז געוועזען א קטרוג רחמנא לצלן אויף די יודען צו זיי זאלען ניצול ווערען אזוי איז אויך א קטרוג פון שלעכטע מעשים אויף די פרנסה נאר ווען די ישראל זיינען זוכה איז זיי דער אויבערשטער מזמין גרינג זייער פרנסה, דאס זיי דארפען ניט מעהר טהאן ווי צו געהן אויפקלייבען די שפע, אזוי ווי מיר געפינען ביי דעם מן, דאס יעדער איד איז אלע פריהמארגען געגאנגען אויפקלייבען דעם מן, און אפילו דער וואס האט גאר ווינציג געקליבען אז ער איז געקומען אהיים צו זיך אין שטוב האט זיך אויסגעמאסטען מן פאר יעדען קינד באזונדער וויפיעל ער האט גע־

משלי דוד

ונופת צופים. דארום דיא גרויסע צדיקים און תלמידי חכמים וואס זיי לעהרנען מיט ריינע געדאנקען, בטהרת המחשבה, פיהלען אין איהר א גרויסען געשמאק, נאר די וואס ליי־גען אין הבלי העולם הזה. אין אלע נארישקייטען, ביי זיי איז די זעלבע אומריין, זיי פיהלען ניט קיין גע־

דַארְפְט, גְלַייךְ וִויא דֶער וָואס הָאט גֶעקְלִיבֶּען אַ גַאנְצֶען טָאג. לָכֵן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דֶערְמָאהן אִיךְ פַאר דִיר דֶעם זְכוּת מִיט דֶעם נֶס פוּן מַן דָאס דוּ זָאלְסְט מִיר מִיט מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער אוֹיךְ גְרִינְג מְזַמִין זַיין אוּנְזֶער בַּאדֶערְפֶענִישׁ, דָאס מִיר זָאלֶען מֶעהר נִיט דַארְפֶען טְהָאן נָאר לוֹיט וויא אוּנְזֶערֶע כֹּחוֹת נִיט חָלִילָה אִיבֶּער דֶעם כֹּחַ. דוּ זָאלְסְט שִׁיקֶען צוּ מִיר דִיא בְּרָכָה אִין אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים, עֶס זָאל אִין אוּנְז מְקוּיָם וֶוערֶען דֶער פָּסוּק „וּבֵרַכְךָ ה׳ אֱלֹהֶיךָ בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה“, אָמֵן:

תְּחִנָּה שְׁלשָׁה שְׁעָרִים.

שְׁלשָׁה מִצְוֹת נִצְטַוּוּ הַנָּשִׁים. דְרַיי מִצְוֹת זַיינֶען דִי נָשִׁים גֶעבָּאטֶען גֶעוָוארֶען, חנ״ה שְׁמוֹתָן דֶער נָאמֶען פוּן דִי דְרַיי מִצְוֹת אִיז חנ״ה. דָאס וָוארְט חנ״ה מַאכְט: חַלָּה, נִדָּה, הַדְלָקַת הַנֵּר:

מִצְוַת חַלָּה

רֵאשִׁית עֲרִיסוֹתֵיכֶם חַלָּה תָּרִימוּ. דֶער טַייטְשׁ פוּן דֶעם פָּסוּק אִיז אַזוֹי: דָאס עֶרְשְׁטֶע פוּן אַייעֶרֶע טֵייג זָאלְט אִיהר אָפְּשֵׁיידֶען חַלָּה, בִּזְכוּת זֶה ה׳ אוֹצְרוֹתֵיכֶם שׂוֹבַע יְמַלֵּא. דֶער טַייטְשׁ פוּן דִי וֶוערְטֶער אִיז: פוּן וֶועגֶען דֶעם זְכוּת פוּן מִצְוַת חַלָּה וֶועט הַשֵׁי״ת בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ אַייךְ גֶעבֶּען דִי בְּרָכָה אִין אַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת אוּן וֶועט זֵיי אָנְפִּיהְלֶען מִיט זֶעט. פַאר צַייטֶען פְלֶעגְט אַזוֹי זַיין: דֶער כֹּהֵן הָאט גֶענוּמֶען תְּרוּמָה אוּן דֶער לֵוִי מַעֲשֵׂר אוּן דֶער עָנִי מַעֲשַׂר עָנִי.

משלי דוד

שְׁמַאק אִין דֶער תּוֹרָה וּמִצְוֹת. דָאס בֶּעטֶען מִיר בַּיי הַשֵׁי״ת, עֶר זָאל אוּנְז גֶעבֶּען אַ רוּהִיגֶען לֶעבֶּען, אָהן דַאֲגַת פַּרְנָסָה, אוּן זָאל אוּנְזֶערֶע מַחְשָׁבוֹת הֵיילִיגֶען מִיר זָאלֶען קֶענֶען לֶעהְרֶנֶען דִי תּוֹרָה מִיט קְלָאהְרֶע גֶעדַאנְקֶען, מִיר זָאלֶען פִיהְלֶען אִין דֶער תּוֹרָה וּמִצְוֹת דֶעם וואהְרֶען גֶעשְׁמַאק עֶס זָאל זַיין אַנְגֶענֶעהם בַּיי אוּנְז אוּן בַּיי אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

אויך צו צייטען אָפְּגֶעשייד מַעֲשֵׂר שֵׁנִי. אָבֶער אַצוּנד בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים אַז דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ איז חָרוּב גֶעוָוארֶען איז אַלֶץ בָּטֵל גֶע־וָוארֶען נָאר די מִצְוָה פוּן חַלָּה איז גֶעבְּלִיבֶּען, דַארוּם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם בֶּעטֶען מִיר דִיךְ אַז דוּ זָאלְסְט אָננֶעהֶמֶען דיא מִצְוַת חַלָּה אוּן זָאלְסְט שִׁיקֶען גְרוֹיס בְּרָכָה וואוּ מִיר וֶועלֶען זִיךְ קֶעהֶרֶען אוּן וֶוענְדֶען. אוּנְ־זֶערֶע קִינְדֶעְרְלַאךְ זָאלֶען נִישְׁט פַארְפֶרֶעמְד וֶוערֶען אוּן אִיךְ מִיט מַיין מַאן זָאלֶען קֶענֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַלֵיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּען אוֹיפְ'ן גַאנְ־צֶען לֶעבֶּען, אוּן דיא מִצְוַת חַלָּה זָאל אָנְגֶענוּמֶען וֶוערֶען אוּן זָאל גֶע־וואוֹיגֶען זַיין וִוי אַלֶע תַּרְיַ"ג מִצְוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה.

וֶוען מֶען קְנֶעט אוֹיס אַ טֵייג פוּן אַזוֹי פִיעל מֶעהְל וִויפִיעל כְּמִנְיַן חַלָּה, דָאס הֵייסְט אַזוֹי פִיעל מֶעהְל וִויפִיעל דָאס וָוארְט חַלָּה טְרֶעפְט אָן, דְהַיְינוּ מ"ג בֵּיצִים, דָאס איז דְרַיי־אוּן־פֶערְצִיג אֵייעֶר אוּן דָאס בַּאטְרֶעפְט דְרַיי קְוָוארְט מֶעהְל מוּז מֶען פוּן דֶעם טֵייג אָפּ שֵׁיידֶען חַלָּה:

אַז מֶען נֶעהְמְט חַלָּה מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה:

בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַפְרִישׁ חַלָּה:

תְּחִנָּה פוּן חַלָּה נֶעהְמֶען:

לְכָבוֹד גָאט, לְכָבוֹד אוּנְזֶער גֶעבָּאט, לְכָבוֹד דֶעם לִיעבֶּען שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וָואס אוּנְזֶער הֶערְר גָאט הָאט אוּנְז

מעשה חכמים

מִיר דַאנְקֶען אַלֶע טָאג גָאט: שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי. פַארְצַייטֶען וֶוען עֶס הָאט נָאךְ גֶעהֶערְשְׁט דִי גֶעצֶענְדִינֶערַיי איז גֶעוֶוען אין אַ שְׁטָאדט אַ גְרוֹיסֶער מַאן אַ צַדִיק אוּן אַ עָשִׁיר גָדוֹל, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ הוֹיז מִיט אַ גְרוֹיסֶען גֶעשֶׁעפְט וֶועלְכֶען זַיין פְּ"וֹי מִיט מֶענְשֶׁען הָאבֶּען גֶעפִיהְרְט אוּן אַלֵיין איז עֶר גֶעזֶעסֶען עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה. וַיְהִי הַיּוֹם, איז דֶער צַדִיק אַוֶועקְגֶעפָאהְרֶען אין אַ וַוייטֶע וֶועג, אוּן אין זַיין אַבְּוֶועזֶענְהַייט

געגעבען און האט אונז געבאטען דיא ליעבע מצוה פון חלה נעהמען איך זאל זי קענען רעכט מקיים זיין און עס זאל זיין געוואויגען ווי כל תרי"ג מצות פון כל ישראל אמן, כן יהי רצון:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ: וְשָׁם נַעֲבָדְךָ בְּיִרְאָה כִּימֵי עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת: וְעָרְבָה לַייָ מִנְחַת יְהוּדָה וִירוּשָׁלָיִם כִּימֵי עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת:

מיין חלה זאל אנגענומען זיין אזוי ווי א קרבן אויף דעם מזבח איז אנגענומען געווארען. מיין מצוה זאל אנגענומען זיין גלייך ווי איך האב זיא רעכט מקיים געוועזן. פאר צייטען איז דאס געקומען דעם כהן און פאר דעם האט השי"ת פארגעבען דיא זינד, אזוי זאל מיר אויך פארגעבען ווערען מיינע זינד איך זאל זיין גלייך ווי א נייגעבארען קינד, איך זאל קענען מיינע ליבע שבתים און ימים טובים עהרען. גאט זאל מיר באשעהרען איך זאל מיך קענען מיט מיין מאן און מיינע קינדער דערנעהרען. עס זאל אנגענומען ווערען מיין מצוה פון חלה נעהמען, אז מיינע קינדערלאך זאלען געשפייזט ווערען פון דעם ליעבען גאט, ברוך הוא, מיט גרויס רחמנות און מיט גרויס דערבארעמקייט, עס זאל געגליכען זיין מיין מצות חלה, גלייך וויא איך האב מעשר געגעבען. אזוי ווי איך טהו מיין מצוה פון חלה מיט מיין גאנצען הארצען אזוי זאל גאט ברוך הוא מיך היטען פון פיין און שמערצען:

מעשה חכמים

האט אפגעבערענט זיין הויז מיט'ן געשעפט, און זיין פרוי מיט די קינדער זיינען פארבליבען בעירום ובחוסר כל. עס איז געקומען דיא צייט וואס דער צדיק האט געדארפט צוריקקומען זייגען איהם דיא פאמיליע און פיעל שטאדט לייט געגאנגען מקבל פנים זיין און האבען זיך מכין געווען וויא איהם ביסלאכווייז ארויסצוזאגען פון דעם גרויסען אומגליק, ווייל זיי האבען מורא געהאט דאס דיא בשורה רעה זאהל

מצות נדה

חופש ה׳ כל חדרי בטן. דאס איז טייטש: גאט ברוך הוא וברוך שמו זוכט די אלע קאמערן פון דעם בויך.

מצות נדה אם תשמרו, ה׳ יצילכם ממיתת אסכרה והדרוקן, דאס איז טייטש, אז איהר וועט רעכט היטען דיא מצוה פון נדה, אזוי וועט השם יתברך היטען אייערע קינדער פון מיתת אסכרה און פון דער מיתה וואס הייסט הדרוקן, גן נעול אחותי כלה. דאס איז טייטש: א פארשלאסענער גארטען איז מיין שוועסטער בית ישראל, וואס איך רוף זי כלה;

א תחנה איידער א פרוי געהט זיך טובל זיין:

גרויסער גאט! דורך וואסער האסט דו גרויסע נסים געוויזען פיעל מאהל. נח איז ניצול געווארען פון מבול, משה רבינו האט געגעבען וואסער דורך א קלאפ אויף א שטיין, מרים׳ס ברונען איז געגאנגען מיט דיא אידען אין דער מדבר. ווייז היינט אויך דיין נס איך זאהל געהאלפען ווערען דורך דאס וואסער צו געווינען א זוהן וואס זאל זיין א צדיק תמים, ער זאל לערנען תורה טאג און נאכט, ער זאל מיר בעלייכטען א גלייכע וועג אין גן עדן אריין, איך זאל דורך דיין זכות זוכה זיין צו זיצען מיט די אמהות אין איין מחיצה, אמן:

מעשה חכמים

ח״ו ניט ווירקען אויף זיין געזונד. זיי האבען מיט איהם פארפיהרט א גרויסען געשפרעך און פערשיידענע ספורים און אנדערע האבען זיי ארויסגעגעבען דעם גאנצען אומגליק. איז דער צדיק פארבליעבען גאנץ קאלט, האט אויפגעהויבען די הענט צו גאט און האט געזאגט מיט גרויס כונה און התלהבות די ברכה „שלא עשני גוי״. אלע וואס זיינען ארום איהם געוועזען זיינען זעהר נבהל געווארען, זיי האבען געמיינט אז ער איז חס ושלום פון זינען אראפ. פרעגט איהם איינער: רבי, וואס בעדיי־

מִצְוַת הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת:

הַדְלָקַת נֵר בְּעַרְבֵי שַׁבָּתוֹת, אָנְ־צוּ־צִינְדֶען דִי לִיכְט אוֹיף שַׁבָּת, הֵם שְׁנַיִם מִצְוֹתָן. דָאס אִיז טַייטְשׁ: עֶס אִיז אַ מִצְוָה צְוֵויי לִיכְט אָנְ־צוּ־צִינְדֶען לִכְבוֹד שַׁבָּת. כְּנֶגֶד זָכוֹר וְשָׁמוֹר רְזִימָתָן. דִי צְוֵויי לִיכְט זַיינֶען מְרַמֵז קֶענֶען זָכוֹר אוּן קֶעגֶען שָׁמוֹר. דָאס הֵייסְט, אִין דִי עֶרְשְׁטֶע עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת שְׁטֶעהְט, „זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְשׁוֹ" אוּן אִין דִיא אַנְדֶערֶע עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת שְׁטֶעהְט, „שָׁמוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְשׁוֹ". נֵר נֵר ת"ק מִסְפָּרָם. דִי צָאהְל פוּן צְוֵויי מָאהְל „נֵר" טְרֶעפְט אָן פִינְף הוּנְדֶערְט, קֶעגֶען דִי אֵבָרִים שֶׁל אִישׁ וְאִשָּׁה, אַזוֹי פִיעל וִויא דִיא אֵבָרִים פוּן דֶעם מַאן אוּן פוּן דֶער אִשָּׁה, בִּזְכוּת זֶה, וֶועט הַשי"ת הַיילֶען דִיא גְלִיעדֶער פוּן אִישׁ וְאִשָּׁה. דַארוּם זָאל מֶען זֶעהְר עֶרֶענְסְט לִיכְט צִינְדֶען וֶועט הַשי"ת דֶערְלַייכְטֶען דִיא אוֹיגֶען פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אִין דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה. בְּשַׁעַת צִינְדֶען מוּז מֶען מִתְפַּלֵל זַיין צוּ גָאט, אַז דִיא קִינְדֶער זָאלֶען קֶענֶען לֶערְנֶען. שְׁלֹשָׁה מִצְוֹת אֵלֶּה הֵם אִם תִּשְׁמְרוּ, אוֹיבּ אִיהר וֶועט דִי דְרַיי מִצְוֹת הִיטֶען, וֶועט אַייעֶר גֶעוִוינֶען זַיין שֶׁלֹּא בְּצַעַר. יָגֵן בַּעֲדָן זְכוּתָן. עֶס וֶועט מֵגִין זַיין דֶער זְכוּת פוּן דִי מִצְוֹת פַאר אַייך. יוֹם בֹּא עֵת לֵידַתְכֶן, אַז עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער טָאג פוּן אַייעֶר גֶעוִוינֶען, ה' יִשְׁמוֹר אֶתְכֶן מִדֶבֶר וְאָסוֹן, הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט אַייך הִיטֶען פוּן מָארְד אוּן פוּן אָסוֹן. וְתִרְאֶנָה שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן:

תְּחִנָּה צוּ לִיכְט צִינְדֶען:

דִי תְּחִנָּה זָאגְט מֶען פְרֵייטָאג פַאר נַאכְט צוּ לִיכְט צִינְדֶען:

אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ. דוּ בִּיסְט אוּנְזֶער גָאט אוּן גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן. עֶס זָאל זַיין דֶער וִוילֶען פוּן דִיר, אַז אִיךְ זָאל דֶערְמָאהְנְט וֶוערֶען צוּ גוּטֶען פוּן אַלֶע

מעשה חכמים

טֶעט דִי בְּרָכָה וָואס אִיהר הָאט גֶעמַאכְט? פַארְשְׁטֵעהְט אִיהר מִיךְ. רַבּוֹתַי, הָאט עֶר זַיי גֶעעְנְטְפֶערְט: וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אַ גֶעצֶען־דִיעְנֶער וָואלְט דָאךְ צוּזַאמֶען מִיט מַיין גוֹטְס מַיין גָאט אוֹיךְ פַארבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, אִיךְ בִּין דָאךְ אָבֶּער ב"ה אַ אִיד, מַיין גָאט, דֶער בּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, אִיז דָאךְ דָא, עֶר הָאט גֶענוּמֶען וֶועט עֶר מִיר צוּרִיק גֶעבֶּען, עֶר הָאט מִיר בִּיז יֶעצְט נִיט פַארְלָאזֶען וֶועט עֶר מִיר וַייטֶער מִסְתָּמָא אוֹיךְ נִיט פַארְלָאזֶען:

אֵייבֶּערְשְׁטֶע הִימְלֶען אוּן דוּא זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען דַיין דִיעֶנְסְט (פלונית בת פלונית) מִיט דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען וָואס הֵייסְט צְבָאוֹת אוּן דוּא זָאלְסְט זִיךְ קֶעהְרֶען צוּא מַיין גֶעבֶּעט וָואס אִיךְ טְהוּ בֶּעטֶען, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט דִיךְ גֶעקֶעהְרְט אוּן הָאסְט אָנְגֶענוּמֶען דִיא תְּפִלָּה פוּן אוּנְזֶער מוּטֶער חַנָּה, עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וָואס אִיז אַן עֲקָרָה גֶעוֶועְן אוּן הָאט תְּפִלָּה גֶעטְהָאן, הָאסְטוּ אִיהר בַּאשֶׁעהְרְט גוּטֶע פְרוּמֶע קִינְדֶער אוּן דוּא הָאסְט דֶערְהֶערְט אִיהר גֶעבֶּעט, דָאס פוּן אִיהר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער צַדִיק שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא, וָואס אִיז אִין דֶער וָואג שָׁאל אַזוֹי גוּט וִויא משֶׁה אוּן אַהֲרֹן. אַזוֹי וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֶעהְט, „משֶׁה וְאַהֲרֹן בְּכֹהֲנָיו וּשְׁמוּאֵל בְּקוֹרְאֵי שְׁמוֹ קוֹרְאִים אֶל יְיָ וְהוּא יַעֲנֵם“. אוּן זָאלְסְט דִיךְ קֶעהְרֶען צוּא מַיין תְּפִלָּה מִיט גֶענָאד אוּן גְרוֹיס בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקַייט אוּן זָאלְסְט מִיךְ לַייטְזֶעלִיגֶען מִיט מַתְּנַת חִנָּם אִין דֶעם זְכוּת פוּן דִי דְרַיי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז וַוייבֶּער גֶעבָּאטֶען, דָאס אִיז נִדָּה, חַלָּה, הַדְלָקַת הַנֵּר, וֶועלְכֶע אִיךְ הָאבּ מְקַיֵּם גֶעוֶועְן. זָאלֶען זֵיי זַיין מְלִיצִים פַאר דַיין הֵיילִיגֶען כִּסֵא הַכָּבוֹד, דָאס אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דֶעם דוּ זָאלְסְט מִיר גֶעבֶּען גוּטֶע אוּן פְרוּמֶע קִינְדֶער, וָואס זָאלֶען זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. דוּ זָאלְסְט עֶפֶענֶען זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער זֵיי זָאלֶען פַארְשְׁטֶעהְן דִיא סוֹדוֹת פוּן דַיין תּוֹרָה אוּן זֵייא זָאלֶען

משלי דוד

אִין קְרִיאַת שְׁמַע זָאגֶען מִיר: וְהָיָה אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּ. לְמָשָׁל זַיְ גְבִיר הָאט דֶערְזֶעהֶן אַ גוּט קִינְד, אַ גְרוֹיסֶען עִלּוּי אִין תּוֹרָה אוּן אִין אַלֶע חָכְמוֹת, הָאט עֶר גֶעוָוארְפֶען אוֹיף אִיהם אַן אוֹיג אַז עֶר וֶועט זַיין גוּט פַאר זַיין טָאכְטֶער. עֶר הָאט אוּנְטֶער גֶעשִׁיקְט אַ שַׁדְכָן צוּם עִלּוּים

לֶעהְרֶנְעֶן פוּן דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען וֶועגֶען. זֵיי זָאלֶען זַיין פְּרִישׁ אוּן גֶעזוּנְד אוּן גַאנְץ אוֹיף אַלֶע גְלִיעדֶער, אוּן זֵיי זָאלֶען גָאר קֵיין מוּם נִיט הָאבֶּען אִין דֶעם גַאנְצֶען גוּף, אוּן זֵיי זָאלֶען נִיט זַיין גָאר צוּ לַאנְג אוּן נִיט גָאר צוּ קוּרְץ, נִיט צוּ וַויים אוּן אוֹיךְ נִישְׁט צוּא שְׁוַוארְץ, נִישְׁט אִיבֶּערִיג קְלוּג אוּן אוֹיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, נָאר זֵיי זָאלֶען זַיין חֲכָמִים וִוי עֶס בַּאדַארְף צוּ זַיין, אוּן זֵיי זָאלֶען הָאבֶּען חֵן וָחֶסֶד אִין דַיינֶע אוֹיגֶען אוּן אִין דִיא לַייטֶענְס אוֹיגֶען, אוּן אִיךְ מִיט מַיין מַאן זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶערְצִיהֶען זֵיי אִין עוֹשֶׁר אוּן אִין כָּבוֹד, אוֹיף לַאנְגֶע יָאהְרֶען, אוּן קֵיין שׁוּם קִינְד פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלֶען נִיט שְׁטַארְבֶּען בַּיי מַיין לֶעבֶּען אוּן אוֹיךְ נִיט בַּיי מַיין מַאן'ס לֶעבֶּען, אוּן מִיר זָאלֶען הָאבֶּען אוּנְזֶער פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד פוּן דַיין גֶעטְרַייעֶ פוּלֶע הַאנְט אוּן נִיט דוּרְךְ הֶענְט פוּן מֶענְשֶׁען, אוּן מִיר זָאלֶען קֶענֶען טְהָאן צְדָקָה אוּן גְמִילוּת חֶסֶד מִיט לַייט, אוּן מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהֶען מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען קִינְדֶער אוּן קִינְדֶס־קִינְדֶער זָאלֶען עוֹסֵק זַיין אִין דֶער תּוֹרָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן עֶס זָאל אָן אוּנְז מְקוּיָם וֶוערֶען וָואס יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעזָאגְט: אוּנְזֶער גָאט הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל מַיין זִיכֶער־הַייט מִיט דִיר בַּאשְׁטֶעטִיגֶען אוּן מַיין נְבוּאָה וֶועל אִיךְ לָאזֶען רוּהֶען אוֹיף דִיר אוּן מַיינֶע רֵייד, דָאס מֵיינְט מֶען דִיא תּוֹרָה

משלי דוד

פָּאטֶער רֵיידֶען דֶעם שִׁידוּךְ. דֶער פָּאטֶער הָאט אָבֶּער דֶעם שִׁידוּךְ נִיט גֶעוָואלְט. פְּרוּבְט דֶער גְבִיר זָאגֶען דֶעם פָּאטֶער. אַז מְלַבֵּד דֶעם נַדְן. וָואס עֶר גִיט כַּמָה אֲלָפִים, וֶועט עֶר נָאךְ אִיהם אַלֵיין גֶעבֶּען אֵיינִיגֶע הוּנְדֶערְט רֶענְדְלִיךְ. דֶער פָּאטֶער הָאט אָבֶּער נָאךְ אַלְץ נִיט מַסְכִּים גֶעוֶועז

ווָאס אִיךְ הָאבּ גֶעטְהָאן אִין דַיין מוֹיל, דָאס וֶועט נִיט וֶוערֶען אָפְּגֶעטְהָאן פוּן דַיין מוֹיל אוּן פוּן דַיינֶע קִינְדֶער'ס מוֹיל, דָאס הָאט גָאט גֶעזָאגְט פוּן אַצוּנְד אָן בִּיז אֵייבִּיג, אָמֵן, כֵּן יְהִי רָצוֹן, אָמֵן סֶלָה:

סֵדֶר פוּן לִיכְט צִינְדֶען.

אַז מֶען צִינְד אָן לִיכְט לִכְבוֹד שַׁבָּת זָאגְט מֶען דִי בְּרָכָה:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת:

לִכְבוֹד גָאט, לִכְבוֹד אוּנְזֶער גֶעבָּאט, לִכְבוֹד דֶעם לִיבֶּען שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וָואס אוּנְזֶער הֶערְר גָאט הָאט אוּנְז גֶעגֶעבֶּען אוּן הָאט אוּנְז גֶעבָּאטֶען דִי לִיבֶּע מִצְוָה פוּן הַדְלָקַת הַנֵּר, זָאל אִיךְ זִי קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין אוּן זִי זָאל זַיין גֶעוואוֶיגֶען אַזוֹי וִויא כָּל תרי"ג מִצְוֹת פוּן כָּל יִשְׂרָאֵל, אָמֵן, כֵּן יְהִי רָצוֹן:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ: וְשָׁם נַעֲבָדְךָ בְּיִרְאָה כִּימֵי עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת: וְעָרְבָה לַיְיָ מִנְחַת יְהוּדָה וִירוּשָׁלַיִם כִּימֵי עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת:

משלי דוד

אוֹיף דֶעם שִׁידוּךְ. דֶער גְבִיר ווִיל דָאךְ אָבֶּער פָּארְט דֶעם חָתָן, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט דֶעם שַׁדְכָן צוּם חָתָן זֶעלְבְּסְט. זָאגְט דֶער חָתָן, אַז אָהְן פָּאטֶער קֶען עֶר קֵיין שִׁידוּךְ נִישְׁט טְהָאן, דֶער שַׁדְכָן הָאט אָבֶּער אִיהם נִיט אָפְּגֶעלָאזְען, אוּן ווייזְט אִיהם אַ דִין אִין יוֹרֶה דֵעָה, אַז דֶער זוּהן אִיז

רבונו של עולם, מיין מצוה פון די ליכט אנצינדען זאל אזוי אנגענומען זיין. ווי די מצוה פון דעם כהן גדול, ווען ער האט די ליכט אין ליעבען בית המקדש אנגעצונדען. „נר לרגלי דבריך ואור לנתיבתי” דאס איז טייטש: דיינע רייד איז אזוי ווי א ליכט צו מיינע פיס און מיינע קינדער זאלען געהן אין גאט׳ס וועג אין דיא מצוה פון מיינע ליכט צינדען, זאהל אנגענימען ווערען אז מיינע קינדער׳ס אויגען זאלען לייכטען אין דער ליעבער הייליגער תורה. אויך טהו איך בעטען, ביי די ליכט, דעם ליעבען גאט ברוך הוא, אז מיין מצוה פון דיא ליכט זאל אנגענומען ווערען ווי דאס ליכט וואס האט געברענט פון דעם בוימעל אין בית המקדש און איז נישט פארלאשען געווארען. בזכות דאס ליכט פון דעם ליבען שבת, זאל מגין זיין, וויא דער ליעבער שבת האט מגין געוועזן אויף אדם הראשון, וויא ער איז באהיט געווארען פון א גיכען טוידט, אזוי זאל אונזער זכות פון די ליכט מגין זיין אז אונזערע קינדער׳ס אויגען זאלען לייכטען אין דער תורה. זייערע מזלות זאלען לייכטען אין הימעל זיי זאלען קענען פרנסה געבען דיא ווייב און קינדער בעין יפה, און אלע אונזערע מצות זאלען אנגענומען ווערען, וויא די מצות פון אונזערע אבות ואמהות און די שבטים הקדושים, מיר זאלען זיין אזוי ריין, ווי א קינד ווערט געבארען פון זיין מוטער, אמן:

משלי דוד

ניט מחויב צו פאלגען דעם פאטער, ווי באלד אז ער זעלבסט איז מסכים, ער האט דעם חתן אזוי לאנג איינגערעדט, ביז וואגען עם איז געווארען דער שידוך אהן דעם פאטער׳ס הסכמה, נאך תנאים קומט דער פאטער פון חתן און גיט אפ א ברייטען מזל טוט דעם גביר מיט דער

א נייע תחנה נאך ליכט צינדען.

דיא נייע תחנה זאל מען זאגען מיט כונה ווען מען האט ליכט אנגעצונדען אויף שבת און יום טוב:

גאט פון דיין פאלק ישראל, דו ביזט הייליג און דו האסט געהייליגט דיין פאלק ישראל, און דוא האסט געהייליגט דעם שבת, און דו ביזט איינער און די ישראל האסטו אויסערוועהלט פון אלע פעלקער צו דיין דיענסט, און דעם שבת צו עהרען און צו לייכטען מיט ליכט און צו האבען פרייד און לוסט אין דיין דינסט אין דיין הייליגען שבת, וואס מיר זיינען מחויב עהרליך צו האלטען מיט אלע זאכען, אזוי ווי א מלך האלט עהרליך זיין מלכה, אדער ווי א חתן האלט עהרליך זיין כלה, ווייל פיעל חכמים האבען אנגערופען דעם שבת „בת מלכה" און „כלה". איך, דיין טאכטער האב שוין ליכט געצונדען. צוויי ליכט, ווי דיינע חכמים האבען געהייסען: צו די, וואס ווייסען דיין הייליגע תורה צו עהרען און צו הייליגען דיין נאמען און דעם שבת. אלמעכטיגער גאט, גיב מיר און מיין מאן און מיינע קינדער און מיין גאנץ הויז־געזינד דעם הייליגען שבת צוא רוהען און צוא הייליגען מיט נחת, און באהיט אונז פון אלע בייזע באגעגעניש אין דעם היינטיגען טאג, דען דיא רשעים האבען היינט אויך רוה פון

משלי דוד

כלה, און בעט מען זאהל איהם געבען די איניגע הונדערט רענדלאך וואס דער גביר האט איהם צוגעזאגט. ענטפערט איהם דער גביר: יעצט וועל איך גאר נישט געבען. פריהער האב איך גערעכענט אז אהן אייך קען דער שידוך נים זיין האב איך אייך געבאטען געלד

דעם ביטערען גיהנם. אזויא זאָרְסְטוּ מיך אויך אין דעם טאג פון שבת באהיטען פון אלעם בייזען און אלע מיינע ליכט זאָלען לויטער ברענען צו פארטרייבען דיא בייזע רוחות און מזיקים, דאס זיי זאָלען אוועקפליהען פאר די ליכט, וואס איך האב אנגעצונדען אויף דעם שבת און זיי זאָלען ניט שעדי־גען דעם מענטש ניט קיין מאן אויך ניט קיין פרוי און קינ־דער פון דאס פאלק ישראל. הערר פון אלע וועלטען, גיעב מיר קינדער, וואס זאָלען לעהרנען דיין תורה און זאָלען אלע מאל טהאָן, וואס דיר געפעהלט אין דיינע אויגען און די אויגען פון לייטען, און שיק אונז דיא ברכה מיט דעם גוטען מלאך וויאס געהט ביי דער רעכטער האנד פון דעם מענט־שען און דער בייזער מלאך זאָהל דארויף זאָגען „אָמֵן" און מיר זאָלען זוכה זיין צו ירשענען דעם טאג „שכולו שבת". עס זאָהל באוויליגט זיין פאר דיר גאָט, מיין באשעפער און מיין ערלייזער, אמן:

א נייע תחנה פון ליכט בענשען:

(ספעציעל פאר אמעריקא.)

אנא אל רחום וחנון, איך בעט דיך ערבארעמדיגער גאָט, הער צו די תפלה פון מיר, דיין דיענסט, וואס שטעהט איצט פאר די הייליגע בענש־ליכט. פארנעהם מיין געבעט,

משלי דוד

אָבער יעצט אז איהר האָט נישט מסכים געוועזען בשום אופן און דער שידוך איז געוואָרען אָהן אייך. פאר וואס קומט אייך געלד? גענוג אז דער חתן נעהמט פיעל געלד נדן. דער נמשל איז: השי"ת האָט כביכול איין טאכטער. דאס איז דיא נשמה הקדושה. וויל ער טהאן א שידוך

צוֹלִיעבּ דֶעם זְכוּת פוּן הַדְלָקַת הַנֵר, וָואס אִיךְ הָאבּ אִיצְט מְקַיֵם גֶעוֶועזֶען, וְאַל תְּשִׁיבֵנוּ רֵיקָם מִלְּפָנֶיךָ. אוּן דוּ זָאלְסְט מִיךְ נִיט אַװעקְשִׁיקֶען לֵיידִיג אוּן נִיט צוּרִיקְוַוייזֶען מַיין בַּקָשָׁה.

גוּטֶער גָאט, אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט, דוּא הָאסְט אוּנְז דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל גֶעשֶׁענְקְט דִיא מַתָּנָה טוֹבָה דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וָואס אִיז גֶעוֶועזֶען בֶּעהַאלְטֶען אִין דַיינֶע אוֹצְרוֹת פוּן שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית. דוּ הָאסְט אוּנְז אוֹיךְ גֶעגֶעבֶּען הֵיילִיגֶע יָמִים טוֹבִים אוּן דוּ הָאסְט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז מִיר זָאלֶען אִין דִיעזֶע טֶעג נִיט מִיהָאן קֵיין מְלָאכָה. מִיר זַיינֶען אוֹיךְ פֶערְזָאגְט, אַז מִיר זָאלֶען דִיא הֵיילִיגֶע טֶעג בֶּעשֶׁעהְנֶען מִיט גוּטֶע שְׁפַּייזֶען אוּן מִיט שֶׁעהְנֶע קְלֵיידֶער אוּן אֲפִילוּ דִבְרֵי חוֹל אִיז אוֹיךְ נִיט רֶעכְט אוּם שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אֶפְשַׁר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אָבְּגֶעהִיט רִיכְטִיג דַיינֶע שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים, זָאלְסְטוּ מִיר מוֹחֵל זַיין אוּן דָאס זָאהְל נִיט שְׁטֶערֶען דִיא גוּטֶע מַלְאָכִים צוּ בְּרֵיינְגֶען מַיין תְּפִלָּה פַאר דַיין הֵיילִיגֶען כִּסֵא הַכָּבוֹד.

וּמִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ גָלִינוּ מֵאַרְצֵנוּ, צוּלִיעבּ אוּנְזֶערֶע זִינְד זַיינֶען מִיר פֶערְטְרִיעבֶּען גֶעוָוארֶען פוּן אוּנְזֶער לַאנְד וואוּ מִיר זַיינֶען גֶעזֶעסֶען בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, יֶעדֶער אֵיינֶער אוּנְטֶער זַיין וַויינְ־

משלי דוד

מִיט דֶעם גוּף, פֶערְלַאנְגְט השי"ת אַז דֶער גוּף זָאהְל מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם רָצוֹן פוּן דֶער נְשָׁמָה זִיךְ עוֹסֵק צוּ זַיין בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים, פַאר דֶעם וֶועט השי"ת גֶעבֶּען גְל"ה פוּן דֶער וֶועלְט צוּ דֶעם גוּף, אוּן דִי נְשָׁמָה הָאט אִיהר שְׂכַר בֶּעזוּנְדֶער בָּעוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי וִוי דִי מִשְׁנָה זָאגְט: אֵלוּ דְבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶה וכו', אָבֶּער אַז דֶער גוּף

שְׁטָאק און פֵיגֶענְבּוים און מִיר הָאבֶּען גֶעקֶענְט פִינְקְטְלִיךְ: אָבְּהִיטֶען דַיינֶע שַׁבָּתִים און יָמִים טוֹבִים און אַלֶע מִצְוֹת פון דֶער תּוֹרָה. הַיינְט אָבֶּער זַיינֶען מִיר אִין גָלוּת, וואו דִי טִרְדַת הַפַּרְנָסָה, דִי זָארְג פון חִיוּנָה אִיז זֶעהְר גְרוֹים און אוּמְשְׁטֶענְדֶען בְּרֵיינְגֶען אָפְּטְמָאהְל, אַז מֶען קֶען נִיט הַאלְטֶען שַׁבָּת און יוֹם טוֹב וְוִי דֶער דִין אִיז. הַארְצִיגֶער פָאטֶער אִין הִימֶעל, שׁוֹין קָרוֹב צוּ צְוֵוי טוֹיזֶענְד יָאהְר אַז מִיר זַיינֶען נַע וָנַד, אַז מִיר וֶוערֶען גֶעטְרִיבֶּען פון אֵיין לַאנְד אִין דֶער אַנְדֶערֶער און מִיר הָאבֶּען נִישְׁט קַיין מְנוּחָה. דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אָבֶּער טְרָאגֶען מִיר שְׁטֶענְדִיג מִיט זִיךְ און וואו מִיר זַיינֶען אִיז זִיא אוֹיךְ מִיט אוּנְז. דִי רְדִיפוֹת וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעהַאט אוֹיסְצוּשְׁטֶעהְן אִין אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער הָאבֶּען אוּנְז פַארְטְרִיבֶּען אַהֶער קַיין אַמֶעריקַא, וָואס דִיעֶנְט אַלְס עִיר מִקְלָט פַאר דִי פַארְפָאלְגְטֶע און גֶעפֵּיינִיגְטֶע. אָבֶּער דֶער לֶעבֶּען קוּמְט דָא אָהְן זֶעהְר שְׁוֶוער און בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים מוּזֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער מְחַלֵל שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב זַיין. אִיךְ בֶּעשׁוּלְדִיג חָלִילָה קֵיינֶעם נִיט, אַז זֵיי טְהוּעֶן דָאס כְּדֵי צוּ דֶערְצֶערְנֶען דִיךְ, כְּדֵי צוּ לֶעסְטֶערֶען דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען. אָבֶּער דִיא צַייט און דִיא אוּמְשְׁטֶענְדֶען בְּרֵיינְגֶען דָאס מִיט. זֵיי טְהוּעֶן דָאס לְכַתְּחִילָה אוֹיס נוֹיטְה און נָאכְהֶער

משלי דוד

אִיז נִיט מַסְכִּים צוּ דֶער נְשָׁמָה און
וָויל נִיט עוֹסֵק זַיין אִין גַייסְטְלִיכְקַייט
אִין תּוֹרָה וּמִצְוֹת. נָאר אַז דִי נְשָׁמָה
אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר און בְּרֶעכְט דֶעם יֵצֶר

הָרָע מִיט אַלֶע תַּאֲווֹת הַגוּף, קוּמְט
דֶער גוּף בֶּעטֶען יֶעצְט עוֹלָם הַזֶה
עֶנְטְפֶערְט מֶען אִיהם: וואו בִּיסְט
פְרִיהֶער גֶעוֶועֶן? וָוארוּם דוּ הָאסְט

אוּים גֶעוָואהְנְהַייט, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא הַקְדוֹשָׁה זָאגְט: וֶוען אַ מֶענְשׁ טְהוּט אֵיין מָאהְל אַן עֲבֵירָה אוּן נָאךְ אַ מָאהְל, וֶוערְט עֶס שׁוֹין בַּיי אִיהם אַזוֹי וִוי אַ הֶיתֵּר. בֶּעט אִיךְ דִיךְ, גָאט פוּן אַבְרָהָם, פוּן יִצְחָק אוּן פוּן יַעֲקֹב, אַז דוּ זָאלְסְט מִיךְ, מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער, בֶּעהִיטֶען אוּן בֶּעשִׁירְמֶען פוּן חִלּוּל שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב. שִׁיק אוּנְז צוּ אוּנְזֶער פַּרְנָסָה בְּנַחַת וְלֹא בְּצַעַר, בְּהֶיתֵּר וְלֹא בְּאִיסוּר אוּן מִיר זָאלֶען חָלִילָה צוּלִיעבּ חִיוּנָה נִיט דַארְפֶען מַאכֶען דֶעם שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב וָואכֶעדִיג אוּן מִיר זָאלֶען קֶענֶען רוּהֶען אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוּן דִינֶען דִיךְ מִיטְ'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען.

אָנָא הָאֵל הַטּוֹב, אִיךְ בֶּעט דִיךְ גוּטֶער גָאט, הֶעלְף מִיךְ, דַיין דִיעֶנְסְט, אַז מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער זָאלֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט פֶעהְלֶען בַּיים שַׁבָּת־ אָדֶער יוֹם טוֹב־מִישׁ. זָאלֶען מִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דַיינֶע הֵיילִיגֶע טֶעג נִיט פַארְשְׁטֶערְט וֶוערֶען אוּן זָאלֶען דִיא מַלְאֲכֵי הַשָּׁלוֹם, מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת, מַלְאֲכֵי עֶלְיוֹן. וָואס קוּמֶען יֶעדֶען פְרַייטָאג נַאכְט אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע הוֹיז. חַס וְחָלִילָה נִישְׁט בְּלַייבֶּען אִין בִּזָיוֹן. זָאלֶען זֵיי אִין מַיין הוֹיז טְרֶעפֶען דֶעם רִיכְטִיגֶען אִידִישֶׁען שַׁבָּת אוּן זָאלֶען זֵיי אוּנְז

משלי דוד

נִיט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ דֶער נְשָׁמָה, וֶועט דִיא נְשָׁמָה הָאבֶּען אִיהר שְׂכַר בָּעוֹלָם הָרוּחָנִי אוּן דֶער גוּף וֶועט נִיט הָאבֶּען בעוה"ז קֵיין נַחַת. דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק: וְהָיָה אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּ וגו' לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹהֶיךָ וגו', אַז דֶער גוּף וֶועט אוֹיךְ בַּאלְד מַסְכִּים זַיין וֶועל אִיךְ אַייךְ אוֹיךְ גֶעבֶּען עוֹלָם הַזֶה. וְנָתַתִּי מְטַר אַרְצְכֶם וגו' וֶועט אִיהר גְלִיקְלִיךְ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיךְ:

שְׁטֶעגְדִיג בֶּענְשֶׁען: „יְהִי רָצוֹן שֶׁיִּהְיֶה כֵּן לְשַׁבָּת הַבָּאָה״, זָל זַיין
דֶער ווילֶען פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא, אַז קוּמֶענְדֶען שַׁבָּת זָאל אוֹיךְ
אַזוֹי זַיין. אוּן דַיינֶע הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים, וָואס קוּמֶען מִיט יֶעדֶען
יוֹם טוֹב זָאלֶען פַארְבְּלַייבֶּען אִין מַיין הויז אוּן חָלִילָה נִישְׁט
דַארְפֶען אַוֶועקְגֶעהְן בְּבוֹשֶׁת פָּנִים. בֶּעשִׁיטְץ אוּנְז. גָאטֶענְיוּ,
מִיט דַיין גְרוֹיסֶען חֶסֶד, וְאַל תְּבִיאֵנוּ לֹא לִידֵי נִסָּיוֹן וְלֹא לִידֵי
בִּזָּיוֹן, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט בְּרֵיינְגֶען מִיךְ, מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְ־
דֶער צוּ דֶעם נִסָּיוֹן פוּן חִלּוּל שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, אוּם מִיר זָאלֶען
נִיט פַארְשֶׁעהְמְט וֶוערֶען בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וְאָדָם, אִין דַיינֶע אוֹי־
גֶען אוּן אִין מֶענְשֶׁען׳ס אוֹיגֶען. גִיעבּ אוֹיךְ אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְ־
דֶער פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח, אַז זֵיי זָאלֶען חָלִילָה נִישְׁט דַארְפֶען פַארְ־
שְׁוֶועכֶען דַיינֶע הֵיילִיגֶע טֶעג אוּן מִיר זָאלֶען אַלֶע זוֹכֶה זַיין
לְיוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת, אָמֵן וְאָמֵן.

תְּחִנָּה בִּרְכַּת קוֹדֶשׁ.

אַ נֵייעֶ תְּחִנָּה צוּ זָאגֶען אַלֶע שַׁבָּת נָאךְ לִיכְט בֶּענְטְשֶׁען:

אָנָּא תָּבֹא לְפָנֶיךָ תְּפִלָּתִי וְתַטֶּה אָזְנְךָ לְשַׁוְעָתִי:

אִיךְ בֶּעט דִיךְ גָאט, לִיעבֶּער גָאט, דֶער גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶען
אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב אוּן שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל, לֵאָה, אַז עֶס זָאל
קוּמֶען פַאר דִיר מַיין גֶעבֶּעט אוּן זָאלְסְט נֵייגֶען דַיין אוֹיעֶר צוּא מַיין
גֶעשְׁרֵיי:

דינים פון ערב שבת

א) דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת אִיז אֵיינֶער
פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוֹת וָואס דֶער
אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז יוּדֶען גֶע־
גֶעבֶּען, עֶר לֶערֶענְט אוּנְז אַז גָאט
הָאט בַּאשַׁאפֶען אִין זֶעכְּס טֶעג דִיא
הִימֶעל אוּן דִיא עֶרְד אוּן אַלֶץ וָואס
אִין זֵיי גֶעפִינְט זִיךְ אוּן דֶעם זִיבֶּע־
טֶען טָאג הָאט עֶר גֶערוּהְט. אוּן

פְּתַח שַׁעֲרֵי שָׁמַיִם לִתְפִלַּת אֲמָתֶךָ:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶפֶען דיא טְהוּיעֶרֶען פון דעם הִימֶעל אַרֵיינְצוּגֶעהְן מֶען די תְּפִלּוֹת פון מִיר דַיין דִינְסְט (פלונית בת פלונית), וָואס אִיךְ קוּם בֶּעטֶען פַאר דִיר:

תְּהֵא הַשָּׁעָה הַזֹּאת שְׁעַת רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ:

דִיא דָאזִיגֶע שָׁעָה, וָואס אִיךְ שְׁטֶעל מִיךְ אַנִיעדֶער תְּפִלָּה טְהָאן פַאר דַיין לִיעבֶּען נָאמֶען, זָאל זַיין אַ בַּאוִוילִיגְטֶע שָׁעָה צוּ פַאר דִיר,

לְעוֹרֵר רַחֲמִים וַחֲסָדִים עַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ:

צוּא דֶערְוֶועקֶען פִיעל דֶערְבַּארִימְקַייט אוּן גֶענָאד אוֹיף דַיין אָרֶעם פָאלְק יִשְׂרָאֵל, וָואס זַיינֶען צוּשְׁפְּרֵייט אוֹיף אַלֶע פִיער עֶקֶען פון דֶער וֶועלְט:

הוֹשִׁיעָה אֶת עַמֶּךָ וּבָרֵךְ אֶת נַחֲלָתֶךָ:

לִיעבֶּער גָאט, הֶעלְף צוּ דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל מִיט דַיין גְרוֹיס דֶערְבַּארֶעמְקַייט אוּן בֶּענְטְשׁ דַיין אַרְבּ צִיוֹן מִיט יְרוּשָׁלַיִם, וָואס זַיינֶען אָפְּגֶעטְהָאן פון זֵייעֶר קְרוֹין אוּן זֵייעֶר שַׁיין:

הָאֵר פָּנֶיךָ אִתָּנוּ וְרַחֲמֵנוּ כְּגֹדֶל צִדְקוֹתֶיךָ:

מַאךְ לַייכְטֶען דַיין פָּנִים מִיט אוּנְז, לִיעבֶּער הַארְצִיגֶער גָאט, אוּן דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף דַיינֶע לִיעבֶּע קִינְדֶער, וָואס הָאפֶּען צוּא דִיר אַזוֹי וִוי דַיין גְרוֹיס גֶערֶעכְטִיגְקַייט:

מַלְאֲכֵי רַחֲמִים יַמְלִיצוּ טוֹב בַּעֲדֵנוּ:

לִיעבֶּער גָאט, דַיינֶע מַלְאָכִים פון רַחֲמִים זָאלֶען זַיין גוּטֶע מְלִיצִים פַאר אוּנְז, צוּ שְׁפְּרֶעכֶען פַאר דַיין כִּסֵּא הַכָּבוֹד אַלֶע זְכִיּוֹת

דינים פון ערב שבת

ווייל דאס איז דער גרעסטער עקר אין אמונה מען זאהל גלויבען אז השם יתברך האט באשאפען דיא וועלט און אלע ברואים און האט אונז אויסגעליזט פון מצרים אז

מיר זאלען איהם דיענען מיט אונ־זער לייב און לעבען ווייל ער איז מחיה אלע ברואים און משגיח אויף אלעמען און גיט שפייז צו אלעמען און אין זיין האנד איז צוא טוידטען

און אַלֶע מַעֲשִׂים טובים, וָואס וֶוערֶען גֶעטְהָאן דורך דיינֶע קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל:

וְיִזָּכֵר לְפָנֶיךָ זְכוּת יוֹם הַשַּׁבָּת הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה:

און עֶס זָאל פַאר דִיר גֶעדֶענְקְט וֶוערֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דֶער זְכוּת, וָואס דַיין לִיעבּ פָאלְק יִשְׂרָאֵל פַאנְגֶען אָן צוּ הִיטֶען דֶעם לִיעבֶּען הֵיילִיגֶען שַׁבָּת וָואס עֶס קוּמְט אָן:

אֲשֶׁר קִדַּשְׁתּוֹ מֵעֵת אֲשֶׁר עוֹלָמְךָ בָּרָאתָ:

וָואס דוּא הָאסְט דֶעם הֵיילִיגֶען שַׁבָּת גֶעהֵיילִיגְט פוּן דֶער צַייט אָן, וָואס דוּ הָאסְט דִיא וֶועלְט בַּאשַׁאפֶען, אַזוֹי וִויא אִין פָּסוּק אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען: „וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיְקַדֵּשׁ אוֹתוֹ״. גָאט הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶעם זִיעבֶּעטֶען טָאג און הָאט אִיהם גֶעהֵיילִיגְט:

קַדְּשֵׁנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ וּמְטוּבְךָ שַׂבְּעֵנוּ:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיג אוּנְז מִיט דַיינֶע הֵיילִיגֶע מִצְוֹת מִיר זָאלֶען זֵייא אַלֶע קֶענֶען מְקַיֵּם זַיין און פוּן דַיין גוּטְס זֶעטִיג אוּנְזֶער לַייבּ:

שָׁמְרֵנוּ שֶׁלֹּא יָבוֹא חִלּוּל שַׁבָּת עַל יָדֵינוּ:

הִיט אוּנְז, לִיעבֶּער גָאט, עֶס זָאל נִיט גֶעשֶׁעהֶן דוּרךְ אוּנְזֶערֶע הֶענְט קַיין חִילוּל שַׁבָּת חָלִילָה. נָאר מִיר זָאלֶען אִיהם הֵיילִיג הַאלְטֶען פוּן דֶער צַייט וָואס עֶר קוּמְט אָן בִּיז אִין דֶער צַייט וָואס עֶר גֶעהְט אַוֶועק:

תַּבִּיט וְתָצִיץ מִמְּרוֹמִים אוֹתָנוּ לְרַחֲמֵנוּ:

לִיעבֶּער דֶערְבַּארֶעמִיגֶער פָאטֶער, זָאלְסְט קוּקֶען פוּן דִיא הוֹיכֶע הִימְלֶען אַרָאפּ. צוּ דֶערְבַּארֶעמֶען זִיךְ אוֹיף אוּנְז דַיין אָרֶעם פָאלְק יִשְׂרָאֵל:

דינים פון ערב שבת

און לֶעבֶּעדִיג מַאכֶען, ווייל עֶר אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן אַלְץ. אִיבֶּער דֶעם שְׁטֶעהְט דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת צְוֶועלְף מָאהל אִין דֶער תּוֹרָה. דִיא גְמָרָא זָאגְט: וֶוער עֶס הַאלְט שַׁבָּת אַקוּרַאט שַׁבָּת ווִי דֶער דִין אִיז, רֶעכֶענְט עֶס אִיהם גָאט, גְלַייךְ ווִיא עֶר וָואלְט דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה מְקַיֵּם גֶע־

עַם סְגוּלָּתֶךָ בְּחַסְדְּךָ הַטּוֹב לְהוֹשִׁיעַ:

דַיין גֶעלִיעבְּטְ פָאלְק, וָואס אֵיינְצִיגֶען דַיין נָאמֶען און הִיטֶען דַיין לִיעבֶּען שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, זָאלְסְטוּ מִיט גֶענָאד הֶעלְפֶען און זָאלְסְט זֵיי הִיטֶען פוּן אַלֶעם בֵּייזֶען:

וְעָלַי אֲמָתֶךָ בַּת אֲמָתֶךָ יִתְעוֹרְרוּ רַחֲמֶיךָ הָרַבִּים:

און אויךְ אויף מִיר דַיין דִיענְסְט (פלונית) דִי טָאכְטֶער פוּן דַיין דִינְסְט (פלונית) זָאלֶען דֶערְוֶועקְט וֶוערֶען דַיינֶע פִיעל דֶערְבַּארֶעמְקַייט:

וְתִשְׁלַח בְּפִי דִבּוּרִים טוֹבִים לְפָנֶיךָ לְבַקֵּשׁ:

און זָאלְסְט אַרַיינְשִׁיקֶען אִין מַיין מויל גוּטֶע רֵייד און גוּטֶע בַּקָשׁוֹת צוּ בֶּעטֶען פַאר דִיר אויף מִיר און אויף מַיין מַאן און אויף מַיינֶע קִינְדֶער:

שֶׁלֹּא אֶכָּשֵׁל בִּלְשׁוֹנִי לְדַבֵּר דְּבָרִים שֶׁאֵינָם הֲגוּנִים:

אִיךְ זָאל נִישְׁט גֶעשְׁטְרוֹיכֶעלְט וֶוערֶען מִיט מַיין צוּנְג צוּ רֵיידֶען פַאר דִיר, לִיעבֶּער גָאט, אוּנְפַּאסִיגֶע רֵייד. דִי רֵייד פוּן מַיין מויל זָאל זַיין מִיט גְרוֹיס פָארְכְט און צִיטֶערְנֶעשׁ:

וּתְקַבֵּל בְּרָצוֹן אֶת בִּרְכָתִי עַל נֵרוֹת שַׁבַּת קָדְשֶׁךָ:

און זָאלְסְט אָנְגֶענֶעהְמֶען מִיט בַּאוִוילִיגוּנְג דִיא בְּרָכָה, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אויף דִי לִיכְט, וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעצוּנְדֶען לְכָבוֹד דֶעם לִיעבֶּען שַׁבָּת קוֹדֶשׁ:

וְתִשְׁמוֹר אֶת כָּל בָּתֵּי יִשְׂרָאֵל מִשְּׂרֵפָה וְתַבְעֵרָה:

און זָאלְסְט הִיטֶען אַלֶע אִידִישֶׁע הַייזֶער, עֶס זָאהְל חָלִילָה נִיט קוּמֶען אויף זֵייא קַיין שְׂרֵפָה און קַיין בְּרֶענוּנְג, בִּזְכוּת וָואס מִיר אַלֶע

דינים פון ערב שבת

וֶוען. און וֶוער עֶס אִיז מְחַלֵּל שַׁבָּת, אִיז גְלַייךְ וִוי עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶועֶן אויף דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. מֶען מוּז אַלֶע טָאג גֶעדֶענְקֶען דֶעם שַׁבָּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֶעהְט אִין פָּסוּק: „זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ", דוּ מוּזְט יֶעדֶען טָאג גֶעדֶענְקֶען דֶעם הֵיילִיגֶען שַׁבָּת (וַוייל דִיא דֶערְמָאהְנוּנְג פוּן שַׁבָּת פְלַאנְצְט אַיין אִין הַארְצֶען דִי עִקָּרִים פוּן אֱמוּנָה), אִיבֶּער דֶעם מוּז זִיךְ

וַוייבֶער טְהוּעֶן דֶערְלַייכְטֶען מִיט דֶעם פַייעֶר פוּן דִיא לִיכְט אִין אוּנְ־
זֶערֶע הַייזֶער:

וּתְזַכֵּנוּ שֶׁלֹּא יִבְעַר בְּלִבֵּנוּ שׁוּם כַּעַס וְחֵמָה:

אוּן בִּזְכוּת זֶה זָאלְסְטוּ אוּנְז מְזַכֶּה זַיין עֶס זָאל נִיט בְּרֶענֶען אִין אוּנְ־
זֶער הארץ קֵיין שׁוּם צָארֶען אוּן גְרִים־צָארֶען צוּ אֵייבִּיג. עֶס זָאל
זַיין שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה אִין אוּנְזֶערֶע גֶעמַארְקֶען:

וְתָאִיר אֶת עֵינֵי בַּעֲלִי וּבָנַי בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה:

אוּן אַזוֹיא וִויא אִיךְ הָאבּ דֶערְלַייכְט מַיין הוֹיז מִיט דִיא לִיכְט, וָואס
אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעצוּנְדֶען לִכְבוֹד דֶעם הֵיילִיגֶען שַׁבָּת, אַזוֹי זָאלְסְטוּ
דֶערְלַייכְטֶען דִי אוֹיגֶען פוּן מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער אִין דַיין הֵיי־
לִיגֶער תּוֹרָה:

שְׁלַח אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ הֵמָּה יַנְחוּנוּ:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, שִׁיק דַיין לִיכְט אוּן דַיין וַואהְרְהַייט זֵיי זָאלֶען אוּנְז
פִיהְרֶען אִין דֶעם רֶעכְטְפַארְטִיגֶען וֶועג צוּ טְהָאן מִצְוֹת אוּן
מַעֲשִׂים טוֹבִים אַלֶע אוּנְזֶערֶע לֶעבּ טֶעג:

וְתָאִיר אֶת עִירְךָ יְרוּשָׁלַיִם הַמְּאוּפֶּלֶת:

אוּן זָאלְסְט דֶערְלַייכְטֶען דַיין הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם, וָואס אִיז
פַארְפִינְצְטֶערְט אוּן פַארְוִויסְט שׁוֹין פוּן וִויפִיעל הוּנְדֶערְט יָאהְר:

אַל תַּשְׁלִיכֵנוּ לְעֵת זִקְנָה וְאַל יֶחְשְׁכוּ עֵינֵינוּ:

לִיעבֶּער דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער פָאטֶער, דוּא זָאלְסְט אוּנְז נִישְׁט אַוֶועקְ־
וַוארְפֶען אִין דֶער צַייט פוּן אוּנְזֶער עֶלְטֶער, אוּן עֶס זָאהְל
נִיט קוּמֶען קֵיין פִינְצְטֶערְנִישׁ אוֹיף אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען:

דינים פון ערב שבת

דֶער מֶענְטְשׁ נוֹהֵג זַיין, אַז וֶוען עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אִיהם אִין מִיטֶען דֶער וָואךְ אַ שֶׁעהְן עֶסֶענְוַוארְג וָואס מֶען בַּאקוּמְט עֶס נִיט אַלֶע טָאג, מוּז עֶר עֶס בַּאהַאלְטֶען אוֹיף שַׁבָּת. אוּן צוּ־לִיעבּ דֶעם זָאגְט מֶען אִין דֶעם יוֹם אַלֶע טָאג, הַיּוֹם יוֹם רִאשׁוֹן בְּשַׁבָּת. יוֹם שֵׁנִי בְּשַׁבָּת. כְּדֵי מֶען זָאהְל גֶעד־

מַזָלֵנוּ יָאִיר כְּזוֹהַר הַשֶּׁמֶשׁ בַּשָּׁמַיִם:

אוּנְזֶער מַזָל זָאהְל לַייכְטֶען אַזוֹי וִוי דִי שַׁיין פוּן דֶער זוּנְן אִין הִימֶעל אוּן מִיר זָאלֶען גֶעבֶּענְשְׁט וֶוערֶען פוּן דַיין לִיעבֶּען נָאמֶען צוּ לִיכְטִיגְקֵייט אוּן צוּ גוּט לֶעבֶּען. מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהֶען דִיא לִיכְט, וָואס מֶען וֶועט אָנְצִינְדֶען אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן:

תְּחִנָּה וֶוען עֶס בְּרֶעכְט אוֹיס

אַ מַגֵּפָה רַחֲמָנָא לִצְלַן.

דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילָה צוּ זָאגֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה וֶוען עֶס אִיז אַ מַגֵּפָה אִין לַאנְד.

רִבּוֹן הָעוֹלָמִים, הַאֹרְר פוּן דִי וֶועלְטֶען, בְּיָדְךָ נֶפֶשׁ כָּל חָי, אִין דַיין הַאנְד אִיז דָאס לֶעבֶּען פוּן אַלֶע לֶעבֶּעדִיגֶע, בָּרָאתָ תתקג מִינֵי מִיתָה, דוּ הָאסְט בֶּעשַׁאפֶען נַיין הוּנְדֶערְט מִיט דְרַייעֶרְלֵיי מִינִים טוֹיט צוּ שְׁטְרָאפֶען דִי זִינְדִיגֶע מֶענְשֶׁען. וֶוען זֵיי טְהוּעֶן נִיט דַיין הֵיילִיג רָצוֹן. אָבֶּער דוּ בִּיזְט אַ בַּעַל הָרַחֲמִים אוּן וֶוען דִי זִינְדִיגֶע הָאבֶּען אַ זְכוּת מִשְׁפַּטִסְט דוּ זֵיי מִילְד מִיט רַחֲמָנוּת, אוּן דִי תתק״ג מִינֵי מִיתָה זַיינֶען

דינים פון ערב שבת

דֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעם שַׁבָּת, וָוארוּם דִיא קְדוּשָׁה פוּן שַׁבָּת צִיהְט זִיךְ אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וָואךְ. זוּנְטָאג, מָאנְטָאג, דִינֶענְסְטָאג, הֵייסֶען אַחַר שַׁבָּת, וַוייל זֵיי צִיהֶען דִיא קְדוּשָׁה פוּן דֶעם שַׁבָּת וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען, אוּן מִיטְוָואךְ, דָאנֶערְשְׁטָאג, פְרַייטָאג, הֵייסֶען פַאר שַׁבָּת, וַוייל זֵייא הָאבֶּען דִיא קְדוּשָׁה פוּן דֶעם שַׁבָּת, וָואס וֶועט קוּמֶען:

אויף זיי ניט שולט. רבונו של עולם, דו האסט אויף אונז אנגעשיקט א מגפה און מיר ווייסען אז דו ביזט גערעכט און דיין משפט איז גערעכט, דען צדיק ה׳ בכל דרכיו, דער בורא ברוך הוא איז גערעכט אין אלע זיינע וועגען. אבער, הארציגער פאטער אין הימעל, אל נא באפך תוכיחנו, שטראף אונז ניט מיט דיין כעס און זאל דיין מדת הרחמים גובר זיין דעם מדת הדין אין דעם זכות פון דער תפלה וואס מיר טהוען איצט תפלה פאר דיר, אזוי ווי אין פסוק שטעהט: ויעמד פנחס ויפלל ותעצר המגפה. נעהם, גוטער גאט, פון אונז ניט אוועק אונזערע ליעבע און טהייערע און נעהם פון זיי ניט אוועק די וואס זיינען ביי זיי ליעב און טהייער. גיעב א בעפעהל צום מלאך המשחית ער זאל אריינטהאן זיין שווערד אין זיין שייד און ער זאל מעהר ניט בערויבען עלטערען פון קינדער און קינדער פון עלטערען. שיק א רפואה שלימה צו די קראנקע און בעהיט און בעשירם די געזונטע אז זיי זאלען חלילה ניט קראנק ווערען. עננו ה׳ עננו, ענטפער אונז גאט, און אויב מיר האבען ניט פערדינט דיין

דינים פון ערב שבת

ב) עס איז א מצוה פרייטאג פריה אויפצושטעהען פריהער ווי אלע מאג, כדי מען זאל אלדינג אנגריי־טען אויף דעם הייליגען שבת. און אפילו מען האט א סך דיענסטען און משרתים זאל מען עפעס אליין טהאן לכבוד שבת, מכל שכן וויי־טער אין די קליינע טעג איז בודאי רעכט עפעס אליין צוא טהאן, כדי די דיענסטען זאלען ניט מוזען אר־

רַחֲמָנוּת, עֲשֵׂה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל, טְהוּ דָאס צוּלִיבּ דַיין גְרוֹיסֶען נָאמֶען, אַז עֶר זָאל גֶעאַכְטֶעט אוּן גֶע־לוֹיבְּט וֶוערן. כִּי לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ יָהּ, דֶען טוֹיטֶע לוֹיבֶּען נִיט גָאט. אָנָּא שִׂימָה דִמְעוֹתֵינוּ בְּנֹאדְךָ, אִיךְ בֶּעט דִיר גָאט, טְהוּ אַרַיין אוּנְזֶערֶע טְרֶעהְרֶען אִין דַיין לָאגֶעל אוּן הֶעלְף אוּנְז אַז מִיר זָאלֶען מֶעהְר נִיט דַארְפֶען וַויינֶען. הֶרֶף מֵאַף וַעֲזוֹב חֵימָה, הֶער אוֹיף צוּ זַיין אִין כַּעַס אוּן פֶערְלָאז דַיין גְרִימְצָארֶען אוּן פֶערְמַייד פוּן אוּנְז אַלֶע קְרַאנְקְהַייטֶען. זָאלֶען דַיינֶע גוּטֶע מַלְאָכִים אַרַיינְגֶעבֶּען אַ זִינֶען דִי רוֹפְאִים אַז זֵיי זָאלֶען צוּטְרֶעפֶען דִי רִיכְטִיגֶע רְפוּאָה שְׁלֵימָה לְחוֹלֵי עַמְּךָ, אוּן שִׁיק דִי אֶמֶת׳ע רְפוּאָה צוּ אַלֶע חוֹלָאִים. זָכְרֵנוּ לְחַיִּים מֶלֶךְ חָפֵץ בַּחַיִּים אוּן זָאלֶען קֵיינֶע מַחֲלוֹת אוּן מַגֵּפוֹת שׁוֹלֵט זַיין אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער־לַאךְ. זָאל קֵיינֶער פוּן אוּנְז אָבְּגֶערִיסֶען וֶוערֶען פוּן דֶער וֶועלְט פַאר דֶער צַייט אוּן זָאל קֵיינֶער נִיט

דינים פון ערב שבת

בַּייטֶען שְׁפֶּעט אִין דֶער נַאכְט אַרַיין. מִיר גֶעפִינֶען אִין דֶער גְמָרָא אַז דִי בֶּעסְטֶע תַּנָּאִים הָאבֶּען אַלֵיין גֶע־הַאקְט הָאלְץ אוּן אַנְדֶערֶע אַרְבֵּייט גֶעטָאן לִכְבוֹד דֶעם הֵיילִיגֶען שַׁבָּת:

ג) עֶס אִיז רֶעכְט פְרַייטָאג בַּיי טָאג וֶוענִיג צוּא עֶסֶען, כְּדֵי מֶען זָאהֶל קֶענֶען בַּיי דֶער נַאכְט עֶסֶען לִכְבוֹד שַׁבָּת. אוּן אַזוֹיא וִויא עֶס אִיז נִישְׁט רֶעכְט צוּ גֶעהֶען מִיט׳ן פוּלֶען בּוֹיךְ צוּ קַבָּלַת שַׁבָּת, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ נִישְׁט רֶעכְט צוּ פִיעל צוּ טְרִינְקֶען פַאר קַבָּלַת שַׁבָּת. וָוארוּם מֶען מוּז קִידוּשׁ מַאכֶען אוּן לִכְבוֹד שַׁבָּת עֶסֶען מִיט

פעהלען אין אונזער גבול, כדי מיר זאלען דיר קענען דינען מיט פרעהליכע הערצער. רפאנו ה' ונרפא. הייל אונז, גאטעניו, רפואת הגוף און מיר וועלען געהיילט ווערען רפואת הנפש, אמן ואמן.

א בקשה אין ארץ ישראל פאר מנחה.

איך פב"פ בין מנדר די מטבע פאר עניי ארץ הקדושה און וועגען דעם כבוד פון אונזערע עלטערען הקדושים אברהם יצחק יעקב שרה רבקה רחל ולאה, זייער זכות זאהל אונז ביישטעהען אז מיין תפלה זאהל אנגענומען ווערען פאר השם יתברך. יהי רצון, עס זאהל זיין דער ווילען פון דיר, גאט, אונזער גאט און דער גאט פון אונזערע עלטערען אברהם יצחק ויעקב, אז דער זכות פון אונזערע עלטערען זאהל בייטשטעהען אויף מיר און אויף מיין מאן און אויף מיינע קינדער און אויף מיין הויזגעזינד עס זאהל געצויגען ווערען אויף אונז די שפע פון ברכה און פון חיים טובים ושלום און פרנסה טובה והצלחה און גאט זאל אונז געבען עושר ואריכות ימים ושנים,

---

דינים פון ערב שבת

דיינעם פארשטאנד נישט שכור:

ד) פרייטאג פארנאכט מוז מען איבערזעהען די קליידער אויב עס שטעקט נים אין זיי קיין נאדעל און אויב עס ליעגט נים אין די קעשע־נעס געלד אדער איין אנדער זאך, וואס מען טאהר שבת ביי זיך נים האלטען:

ה) פארנאכט מוז מען צורעכט מא־כען די בעטען און אלצדינג אין שטוב שעהן און אין דער ארד־נונג שטעלען און צום טיש גריי־טען. דער טיש מוז זיין באדעקט מיט א טישטוך. אויף דעם טישטוך לעגט מען אוועק צוויי חלות און פון אויבען באדעקט מען זיא מיט אן אנדער טישטוך, און מען טהוט זיך אן שעהנע קליידער לכבוד שבת:

און זָאהל געבען איין רפואה שלמה צו אַלע קראַנקע פון ישראל, און איך זָאהל זוכה זַיין צוא בנים תלמידי חכמים, וָואס זָאלען עוסק זַיין בתורה ובמצות און מאריך ימים ושנים זַיין, און דיא ברכה פון אברהם יצחק ויעקב זָאהל אויף אונז קומען, און דער זכות פון דער מצוה פון הדלקת נר של שבת זָאל אויף אונז בַּיישטעהען, אָמן:

תחנה פון שבת פריה.

דיא תחנה זָאגט מען שבת פריה:

אַלע צַייט וועל איך לויבען דיך גָאט, מַיין גָאט און גָאט פון מַיינע עלטערן, וָואס הָאט מיך דערנערט און געשפּייזט פון מַיין יוגענד אָן ביז דעם הַיינטיגען טָאג, און זָאל מיר ווייטער דערנעהרען דורך דעם ווילען פון זַיין דער־בַּארעמקייט וָואס ער איז נָאהענט צו אַלע וָואס רופען איהם מיט וואהרהייט. ליעבער גָאט, איך בעט דיך דו זָאלסט ניט פַארשעהמען מַיין תפלה און זָאלסט זי אָננעהמען אַזוי ווי דו הָאסט אָנגענומען דיא תפלה פון אונזער מוטער חנה און הָאט געוואונען איין זוהן שמואל הנביא, וָואס איז גלַייך גע־שעצט וויא משה און אהרן, און אַזוי ווי דו הָאסט אָנגענומען דיא תפלה פון בת שבע און זי הָאט תפלה געטהָאן זיא זָאל אַ זוהן געווינען מיט דוד המלך עליו השלום און וויא דוא

משלי דוד

אין דער פרייטאָג צו נאַכטיגער שמונה עשרה זָאגען מיר: אַתָּה קִדַּשְׁתָּ אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי לִשְׁמֶךָ. למשל: אַ גביר וועלכער הָאט גע־וואוינט ווייט פון זַיין געבורטס־שטאָדט, הָאט באַגעגענט אין גאַס אַ בעקאַנטען אָרעמען מענשען פון זַיין היים. ער איז צו איהם צוגע־גאַנגען, און הויבט זיך אָן נאָכצו־פרעגען, וָואס הערט זיך אין זַיין גע־

הָאסְט אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּפִלָּה פוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אוּן זִיא הָאט חֵן גֶעהַאט בַּיי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, אוּן הָאסְט בַּאשִׁירֶעמְט דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל פוּן דֶער הַאנְט פוּן הָמָן הָרָשָׁע, קַיין שׂוֹנֵא זָאהל נִיט הָאבֶּען קַיין שְׁלִיטָה אִיבֶּער אוּנְז אַלֶע טָאג פוּן אוּנְזֶער לֶע־בֶּען, אָמֵן סֶלָה׃

לִיעבֶּער גָאט, הֶער מַיין תְּפִלָּה אוּן לָאז מִיר גֶענִיסֶען דֶעם זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וַחֲסִידִים, וָואס הָאבֶּען דִיךְ גֶעדִיענְט מִיטְ'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען אוּן מִיט גֶערֶעכְטִיגְקַייט, אוּן דוּא זָאלְסְט מִיךְ מַאכֶען גֶענִיסֶען דֶעם זְכוּת פוּן אַלֶע קְדוֹשִׁים וָואס הָאבֶּען זֵייעֶרֶע לַייבֶּער אִיבֶּער גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען, לֵייז אוּנְז אוֹיס פוּן דֶעם בִּיטֶערֶען גָלוּת, וואו מִיר זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹיא לַאנְג. אַזוֹי גְלַייךְ וֶועלֶען מִיר דִיךְ בֶּע־טֶען, לִיבֶּער גָאט, דָאס דוּ זָאלְסְט עֶפֶענֶען אַלֶע שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן דוּא זָאלְסְט אוּנְז עֶנְטְפֶערֶען מִיט דֶערְבַּארֶעמְקַייט אוּן זָאלְסְט אוּנְז גֶעבֶּען לַייטְזֶעלִיגְקַייט אִין דַיינֶע אוֹיגֶען אוּן אִין אַלֶע אוּנְזֶערֶע אָנְזֶעהֶער, אוּן דוּ זָאלְסְט אוּנְז עֶרְנֶעהֶרֶען פוּן דַיין מִילְדֶע הַאנְד אוּן בַּאהִיט מִיךְ פַאר אַלֶע בֵּייזֶע מַחֲשָׁבוֹת. גִיעבּ מִיר אִין מַיין הַארְץ אִיךְ זָאהל דִיךְ דִיענֶען מִיט לִיעבְּ־שַׁאפְט, אוּן בַּאצְווִינְג אַלֶע צַייט מַיין יֵצֶר הָרָע, דָאס עֶר זָאל

משלי דוד

בּוֹרְטָם שְׁטָאדְט, וָואס מַאכֶען זַיינֶע עֶלְטֶערֶען, זַיינֶע קְרוֹבִים? הָאט אִיהם דֶער אָרֶעמַאן נִישְׁט גֶעעֶנְטְ־פֶערְט. דֶער גְבִיר הָאט גֶערֶעכֶענְט אַז דֶעם אָרֶעמַאן אִיז אַ שָׁאד זַיין צַייט, דֶען עֶר בַּארְף גֶעהֶען פַארְדִי־נֶען פַאר דֶעם טָאג זַיין לֶעבֶּענְס־מִיטֶעל. רוּפְט זִיךְ אָפּ דֶער גְבִיר וִויפִיעל פַארְדִיענְט אִיהר אֵיין טָאג? עֶנְטְפֶערְט עֶר: צְווֵיי טָאלֶער. זָאגְט דֶער גְבִיר: אִיךְ נֶעהְם אַייךְ צוּ מִיר אוֹיף הַיינְטִיגֶען טָאג אוּן וֶועל אַייךְ

נישט קענען געוועלטיגען אויף מיר. ליעבער גאט פון דער גאנצער וועלט, היט מיך און אלע מיינע ליעבע פריינד און כל ישראל, פון אלע גזירות רעות, פון אלע שונאים'ס הענד, פון תפיסה און פון דברי שקר און פון בלבולים און פון אלע בייזע באגעגעניש, און גיב מזל און ברכה והצלחה אין אלע אונזערע עסקים, און גיעב מיר גוטע און פרומע קינדער און העלף זיי, דאס זיי זאלען תורה לעהרנען און מצות האלטען. זאלסט אונז באהיטען אזויא וויא דוא האסט באהיט אברהם אבינו עליו השלום פון דער האנד פון נמרוד, און יעקב אבינו — פון דער האנד פון עשו און לבן, און אזוי וויא דו האסט מציל געוועזען משה רבינו עליו השלום פון דער האנד פון פרעה, און דוד המלך—פון דער האנד פון גלית הפלשתי, און חנניה, מישאל ועזריה — פון דער האנד פון נבוכדנצר, ווען ער האט זייא אין קאלך־אויוועז אריינגעווארפען. און וויא דו האסט מציל געוועזען דניאל פון דעם לייבען־גרוב, און מרדכי און אסתר פון דער האנד פון המן הרשע, אזוי זאלסט דו אויך באהיטען דיין ארעם פאלק ישראל פון אלעם בייזען, און דו זאלסט אונז שיקען פריעדען און זאלסט אונז באהי־טען פון אלע קראנקהייטען. אונזערע פיינד זאלען אונז נישט

משלי דוד

געבען דאפעלט, און דערצו נאך עסען און טרינקען אויך, גאר איהר זאלט מיר אויף אלעם, וואס איך וועל ביי אייך פרעגען גענוי ענט־פערען. דער ארעמאן איז מרוצה געווארען און איז געגאנגען מיט'ן גביר צוא איהם אהיים. זיי האבען זיך ביידע געזעצט עסען, הייבט אן דער גביר וויעדער זיך נאכצופרעגע־גען וואס עס הערט זיך אין זיין גע־בורטס־שטאדט. וואס מאכען זיינע עלטערען? דער ארעמאן שווייגט

פארשעהמען, און זאלען אונז נישט דערשרעקען מיט דער־שרעקעניש, און שעדיגען מיט שאדען, און זאלסט כל ישראל אפהיטען פאר אלעם בייזען, אויביג, ביי טאג און ביי נאכט. אמן:

תחנה מקרא קודש.

ווען מען בענטשט ראש חודש זאגט מען פריהער די תחנה און נאך דעם זאגט מען די תחנה וואס געהערט צום חודש:

יהי רצון, עס זאהל זיין דער ווילען פאר דיר גאט, דער גאט פון אונזערע היילינגע אבות, אברהם, יצחק ויעקב, גאט וואס איז א גרויסער און א שטארקער און א פארכטיגער, דאס דו זאלסט זיך דערבארעמען אויף מיר און זאלסט באגליקען מיינע וועגען און וואלכט זיין אין מיין הילף און אין דער הילף פון מיין מאן און מיינע קינדער און פון גאר מיין הויזגעזינד. דו זאלסט אונז באשירעמען פון דער האנד פון א רויבער און א גזלן און א שלעכטען מענטש, און פון אלערליי פורעניות וואס שטורמען צוא קומען אויף דער וועלט, זאלסט דו אונז אפהיטען מיך און מיין מאן און גאר מיין הויזגעזינד, און זאלסט אונז געבען אונזער פרנסה מיט כבוד נישט דורך שאנד, פון דיין פולער האנד, און מיר זאלען נישט דארפען אנקומען צו א בשר ודם, דען דו ביסט דער גאט, וואס דו שפייזט פון דעם גרויסען

ווייטער. טראכט זיך דער גביר: מן הסתם נאך דעם עסען וועט ער גע־וויס דערצעהלען. זיי האבען שוין אפגעגעסען און אויך אויסגעטרונ־קען א רעכט ביסעל משקה האט זיך דער ארעמאן צוגעלעגט שלא־פען, און האט אזוי אבגעשלאפען א צייט ביז עס איז אוועק דער טאג, אז דער ארעמאן איז אויפגעשטא־נען האט דער גביר אויף איהם אנגעפאנגען צו בייזערן זיך און האט איהם געזאגט: ווי זייט איהר

וויזיל־טיר ביז צו א ווארים. ליעבער גאט, פיהל אן מיינע הענד פון דיין רייכער גאב, און שיק ברכה און הצלחה אין גאר דיא ווערק פון מיין מאן, און פון מיינע הענד, דאס מיר זאלען אונזערע קינדער גרינג מגדל זיין און מיר זאלען אין זיי זעהען פיעל נחת און מיר זאלען קענען מסלא זיין זייער באדערפעניש, אונזערע זיהן זאלען מיר קענען דערנעהרען צו לערנען דיין היילינע תורה ומצות און מעשים טובים, און אונזערע טעכטער זאלען מיר קענען גוטע און פרומע מאנען געבען. ליעבעדיגער גאט, וויא מיר טהוען אצונד בענטשען דעם חודש, וואס עס וועט זיין, אזוי זאלסטו איהם בענטשען מיט דיין גרויס דערבארעמקייט און זאלסט אפהיטען דעם חודש און אלע חדשים פון א גאנץ יאהר און אלע יאהרען, און זייט מיר וועלען לעבען באשירעם אונז פון אלעם בייזען און עס זאהל ניט געוועלטיגען אין אונז און אין אונזערע מאנען און אונזערע קינדער און קינד'ס־קינדער ביז אלע דורות קיין שום שלעכטקייט און קיין שום שלאפ־קייט, און אין אונזערע קינדער זאל ניט געוועלטיגען דאס קראנקייט וואס הייסט אסכרה, וואס קומט טוידטען קליינע קינדער, און דיא טראגענדיגע ווייבער זאלסט דו דערבארעמען מיט דיין דערבארעמ־קייט, עס זאהל זייא נישט זיין שווער דאס טראגען און זאלן חלילה נישט מפיל זיין פאר דער צייט. און ווען עס וועט דערפיהלט ווערען זייער צייט צוא געווינען דאס קינד זאלסט דו שיקען דיינע גוטע מלאכים צו היטען זיי פון אלעם בייזען, און דאס קינד זאהל ארויס־

משלי דוד

דאס אזוי אונפארשעהמט, איך בע־צאל דאך אייך פאר היינטיגען טאג דאפעלט ווי פיעל איהר האט מיר געבעטען. און איך האב אייך נאך דאצו געגעבען עסען און טרינקען אום איהר זאלט מיר דערצעהלען וואס עס הערט זיך אין דער היים און לסוף האט איהר אויסגעבאכ[illegible] א גאנצען טאג און אויף דעם וואס איך האב אייך געפרעגט האט איהר מיר אויף קיין זאך נישט געענט־פערט! געהט ווייטער שלאפען

געהען אין א גוטע שעה אהן א שום שטרויכלונג, און עס זאהל ניט געשעהען קיין שום שלעכטקייט צו דער געווינערען און צו'ם קינד: רבונו של עולם, נעהם אן אונזער געבעט. איידער איך שריי צו דיר זאלסט דו מיר ענטפערען, אזוי וויא אין פסוק שטעהט: "והיה טרם יקראו ואני אענה עוד הם מדברים ואני אשמע", עס וועט זיין, איי־דער זיי וועלען רופען וועל איך זיי ענטפערען, ווען זיי האלטען נאך אין זייערע רייד וועל איך זייער בקשה הערען, אמן:

אנא, איך בעט דיך גאט מיין גאט, דער גאט פון מיינע עלטערען, דוא האסט מיך באשאפען און האסט מיך מגדל געוועזען און האסט מיך געשפייזט און ערנעהרט ביז היינטיגען טאג, און איך מיט מיין נארישקייט האב איך דיר געצאהלט מיט דעם וואס איז נישט גוט אין דיינע אויגען, און האב דיר דערצעהרענט מיט מיינע בייזע מעשים טאג ביי טאג. איצט ווייס איך אז איך האב מיך בע־נארישט און האב פיעל געזינדיגט, בעט איך דיר. דערבארעמיגער פאטער, איך צוריים מיין הארץ פאר דיר מיט מיין זיפצען אין פארבארגעניש טהוט מיין לייב וויינען, און איך בעט דיין דערבא־רעמקייט און דיין גענאד ווי איין עני ביי דער טהיר, דאס דו זאלסט ממלא זיין אלע מיינע תפלות און בקשות פון מיין טיפען הארצען, איך (פלונית בת פלונית) וואס שטעהט פאר דיר מיט גרויס צובראָ־כענקייט און שריי און בעט פון דיין גרויסען נאמען דוא זאלסט מיר זיין צו הילף, און דיין רעכטע האנד זאהל מיך אונטער לעהנען, און גוטע מליצים זאלען שטעהן און בעטען פאר מיר און פאר מיין מאן און מיינע קינדער, געלויבט ביסטו גאט, וואס הערט די תפלה:

משלי דוד

איהר וועט ביי מיר א פרוטה נישט באקומען. דער נמשל איז: אין מדרש שטעהט אז השם יתברך האט פערזאגט משה'ן ער זאל אויפ־קלייבען קהלות הקדש און ער זאל מיט זיי לערנען שבת און יום טוב דיא דינים וואס עס איז שייך צו'ם טאג, ווייל דער טאג שבת איז מייר־

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ אִיךְ בִּין נִישְׁט וֶוערְטְה דָאס דוּ זָאלְסְט מַיין תְּפִלָּה אוֹיסְהֶערֶען, גֶעדֶענְק מִיר דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער פָאטֶער אַבְרָהָם, וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַכְפֶּערֶען דַיין נָאמֶען אוֹיף גָאר דֶער וֶועלְט. לִיעבֶּער גָאט, גִיעבּ אוּנְז אוּנְזֶער פַּרְנָסָה בְּרֶוַח אִין זַיין זְכוּת, וָואס עֶר הָאט פִיער טְהִירֶען גֶעמַאכְט אִין זַיין שְׁטוּבּ, פוּן וָואס פַאר אַ זַייט דִיא אוֹרְחִים וֶועלֶען אָנְקוּמֶען, זָאלֶען זֵיי גְלַייךְ אִין זַיין שְׁטוּבּ אַרַיינְגֶעהֶען, אוּן הָאט זֵייא גֶעגֶעבֶּען עֶסֶען אוּן טְרִינְקֶען. זַייא מְזַכֶּה מִיר אוּן מַיין מַאן, מִיר זָאלֶען מְגַדֵל זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערְלַאךְ, עֶס זָאהל חָלִילָה נִישְׁט שְׁטַארְבֶּען קֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער פַאר אוּנְזֶער לֶעבֶּען, אִין זַיין זְכוּת, וָואס עֶר הָאט זַיין אֵיינְצִיגֶען זוּהן גֶעוָואלְט מַקְרִיב זַיין פַאר אַ קָרְבָּן, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט אִיהם גֶעבָּאטֶען:

זְכוֹר, גֶעדֶענְק אוּנְז דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער פָאטֶער יִצְחָק, וָואס עֶר אִיז צוּ דֶער עֲקֵידָה מִיט אַ פְרֶעהְלִיךְ הַארְץ גֶעגַאנְגֶען, כְּדֵי צוּא עֶרְפִיהְלֶען דַיין ווִילֶען אוּן דַיין גֶעבָּאט אוּן הָאט זַיין הַאלְז אוֹיסְשְׁטְרֶעקְט צוּ דֶעם שֶׁעכְטְ־מֶעסֶער. זַיין זְכוּת זָאהל אוּנְז בַּיישְׁטֶעהֶען, דָאס מִיר זָאלֶען חָלִילָה נִישְׁט גֶעטוֹידְטֶעט וֶוערֶען דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערְד פוּן אַ גַזְלָן אוּן אַ רוֹצֵחַ. אוּן אַזוֹי וִויא דוּ הָאסְט גֶעשִׁיקְט בְּרָכָה אִין דִיא וֶוערְק פוּן זַיינֶע הֶענְד, אַזוֹי זָאלְסְטוּ שִׁיקֶען בְּרָכָה אִין דִיא וֶוערְק פוּן דִי הֶענְד פוּן מַיין מַאן צוּ בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה אוּן אַלֶעם גוּטֶען:

זְכוֹר, גֶעדֶענְק אוּנְז דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער פָאטֶער יַעֲקֹב, וָואס פוּן וֶועגֶען דִי בְּרָכוֹת הָאט עֶר גָלוּת גֶעלִיטֶען צְוֵויי אוּן צְוַואנְצִיג יָאהר. זָאלְסְטוּ אוּנְז בַּאשִׁירֶעמֶען פוּן פַּיין אוּן גָלוּת מִיר זָאלֶען חָלִילָה

משלי דוד

גֶער, אִיךְ הָאבּ אִיהם אוֹיף תּוֹרָה וּמִצְוֹת, צוּ דֶערְצֶעהְלֶען דִיא ווּאוּנְדֶער פוּן דִיא אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים, אוּן פַאר דֶעם וֶועל אִיךְ אַייךְ גֶעבֶּען אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַּרְנָסָה, דֶען דֶער טָאג שַׁבָּת אִיז מַשְׁפִּיעַ אוֹיף אַלֶע שֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה, דָאס מֵיינְט מֶען אַתָּה קִדַּשְׁתָּ אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי, דוּא הָאסְט

ניִשְׁט דארְפֶען זַיין נָע וְנָד. און אַזויא וויא דוא הָאסְט גֶעשִׁיקְט גוּטֶע מַלְאָכִים, וָואס זֵיי הָאבֶּען אִיהם גֶעבְּרַאכְט דִיא שָׁאף פון לָבָן, אַזוֹי זָאלְסְטוּ, לִיעבֶּער גָאט, שִׁיקֶען אונז גוּטֶע מַלְאָכִים צוּ בְּרֶענְגֶען אוּנְז שֶׁפַע אִין אוּנְזֶער פַּרְנָסָה. און דִיא בְּרָכוֹת וָואס אוּנְזֶער פָּאטֶער יַעֲקֹב אִיז גֶעבֶּענְשְׁט גֶעוָוארֶען פון זַיין פָּאטֶער יִצְחָק זָאלֶען אַלֶע אוֹיף אוּנְז גֶעשֶׁעהֶען:

זכור, גֶעדֶענְק אוּנְז דֶעם זְכוּת פון שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל וְלֵאָה. אִיבֶּער דֶעם זְכוּת פון זֵייעֶרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, זָאלְסְט דוּ פַארְגֶעהְמֶען מַיין גֶעבֶּעט, און זָאלְסְט בֶּענְטְשֶׁען דֶעם חוֹדֶשׁ, וָואס מִיר בֶּענְטְשֶׁען אַצוּנְד, און דוּ זָאלְסְט בַּאנַייעֶן אוֹיף אוּנְז דֶעם חוֹדֶשׁ צוּ גוּטֶען און צוּ בֶּענְשׁוּנג און דוּ זָאלְסְט אוּנְז גֶעבֶּען אַ לֶעבֶּען פון פְרֵייד, אַ לֶעבֶּען פון בְּרָכָה, אַ לֶעבֶּען פון פַּרְנָסָה, און שְׁטַארְקַייט אִין אוּנְזֶערֶע בֵּיינֶער. מִיר זָאלֶען מוֹרָא הָאבֶּען צוּ טְהָאן אַן עֲבֵירָה, מִיר זָאלֶען נִיט וֶוערֶען פַארְשֶׁעהְמְט פַאר קֵיינֶעם, מִיר זָאלֶען הָאבֶּען רַייכְקַייט און כָּבוֹד, מִיר זָאלֶען אִין זִיךְ הָאבֶּען לִיעבְּשַׁאפְט צוּ דֶער תּוֹרָה און מוֹרָא פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. און זָאלְסְט דֶערְפִילֶען דִיא פֶערלַאנְגֶען פון אוּנְזֶער הַארְצֶען צוּ גוּטֶען צוּלִיעב דֶעם זְכוּת פון דֶער תְּפִלָּה פון רַבִּים, אָמֵן:

אֵל רַחוּם וְחַנּוּן, גָאט דָאס דוּ בִּיסְט אֵיין דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער און אֵיין לֵייטְזֶעלִיגֶער. הֶעלְף דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל און שְׁטְרֶעק אוֹיס דַיין הַאנְד צוּא נֶעהְמֶען זֵייעֶר גֶעבֶּעט. דוּא הָאסְט אוּנְז דֶעם טָאג רֹאשׁ חוֹדֶשׁ גֶעגֶעבֶּען צוּ אַ פַארְגֶעבּוּנְג צוּ אוּנְזֶערֶע זִינְד. און אוּנְז נַייבֶּער.

משלי דוד

גֶעהֵיילִיגְט דֶעם זִיעבֶּעטֶען טָאג, שַׁבָּת, נָאר צוּ דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען וֶוענֶען. דֶערְפוּן דַארְף מֶען אַ מוּסָר לֶערְנֶען, אַז מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם בְּעם הֵיילִיגֶען טָאג שַׁבָּת נִיט פַאר־ שְׁלָאפֶען און נִיט פֶערְבְּרֶענְגֶען אִין נַארִישְׁקֵייטֶען, נָאר אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, ווייל דָאס אִיז גָאר נִיט אוּנְ־ זֶער טָאג, נָאר יוֹמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא:

האסטו דעם ראש חודש געגעבען אלס א יום טוב, דאס מיר טארען קיין שווערע מלאכה ניט טהאן, ווייל אין דער צייט ווען די יודען האבען דאס עגל געוואלט מאכען, האבען זייא צוא זייערע ווייבער געזאגט. דאס זיי זאלען זייער ציערונג פון גאלד געבען מען זאהל פון דעם דאס עגל מאכען, און די ווייבער האבען ניט געוואלט זיי געבען, דארום האסטו אונז דעם טאג ראש חודש געהייליגט, דאס מיר זאלען קיין מלאכה נישט טהאן. אצונד געדענק אונז דעם חודש און מעק אפ די זינד פון דעם עגל און ברענג אונז אליהו הנביא און משיח, דאס זיי זאלען אונז אויסלייזען, במהרה בימינו, אמן!

נאך דעם זאגט מען די תחנה וואס געהערט צו דעם חודש:

ווען מען בענטשט ראש חודש מרחשון אזוי זאגט מען די תחנה.

רבון כל העולמים, הערר פון אלע וועלטען. שומע תפלה כל פה, דו הערסט די געבעט פון אלע מיילער. מיר קומען אצונד בענטשען דעם חודש מרחשון. דאס אין דעם טאג ראש חודש איז פערטיג געווארען דער ערשטער בית המקדש מיט זיין גאנצקייט און ציערונג. דארום ליעבער גאט, בענטש דעם חודש און שיק אונזער אויסלייזער און בוי דעם בית המקדש, אזוי וויא דו האסט אונז צוגעזאגט, און דער כהן גדול זאל שטעהן און פארגעבען אונזערע זינד!

מולדות לחודש חשון

תרע"ז) דער מולד איז דאנערשטאג אווענד 7 מינוט מיט 10 חלקים נאך 7. (ראש חודש איז) פרייטאג און שבת.

תרע"ח) דער מולד איז דיענסטאג פאר־טאג 56 מינוט מיט 3 חלקים נאך 3. (ראש חודש איז) דינסטאג און מיטוואך.

נוּן מִיר קוּמֶען אַצוּנְד בֶּענְטְשֶׁען דֶעם חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, דָאס אִין דֶעם עֶלְפְטֶען טָאג אִין אִיהם הָאט אוּנְזֶער מוּטֶער רָחֵל גֶעבּוֹירֶען אִיהר זוּהן בִּנְיָמִין, אוּן וַוייל זִיא אִיז שְׁוֶועהר צוּ קִינְד גֶעגַאנְגֶען אִיז זִי פוּן דֶער וֶועלְט גֶעגַאנְגֶען, שְׁטֶעה אוֹיף אוּנְזֶער גֶעטְרַייֶע מוּטֶער רָחֵל פוּן דַיין קֶבֶר אוּן קְלַאפּ אָן אִין דִי טְהוֹיעֶרֶען פוּן רַחֲמִים אוּן עֶרְוֶועק דִיא עֶרְבַּארֶעמְקַייט פוּן דֶעם אַלְמֶעכְטִיגֶען גָאט, דָאס עֶר זָאהל מְקַיֵים זַיין, דָאס וָואס עֶר הָאט דִיר צוּגֶעזָאגְט, דֶען אַז מֶען הָאט דִיא אִידֶען אִין גָלוּת גֶעפִיהְרְט, הָאט מֶען זֵיי גֶעפִיהְרְט נִישְׁט וַוייט פוּן דֶעם קֶבֶר פוּן אוּנְזֶער מוּטֶער רָחֵל, הָאבֶּען זִיךְ דִי יִשְׂרָאֵל אוֹיסְגֶעבֶּעטֶען בַּיי דֶעם שׂוֹנֵא אַז זֵיי זָאלֶען גֶעהֶען אוֹיף אִיהר קֶבֶר. אוּן ווִי דִי יִשְׂרָאֵל זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם קֶבֶר אוּן הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא שְׁרַייעֶן אוּן וַויינֶען מִיט אַ בִּיטֶער גֶעשְׁרֵיי: „מוּטֶער, מוּטֶער, ווִי קָאנְסְטוּ דָאס צוּזֶעהֶען אַז מֶען זָאל אוּנְז פִיהְרֶען אִין גָלוּת אַרַיין, אוּן מֶען זָאל אוּנְז אָנְטְהָאן אַזוֹי פִיעל לֵייד״, אִיז אוּנְזֶער מוּטֶער רָחֵל אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּא הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ מִיט אַ בִּיטֶער גֶעשְׁרֵיי אוּן הָאט גֶעזָאגְט: „רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דַיין רַחֲמָנוּת אִיז דָאךְ פִיעל גְרֶעסֶער פוּן דִיא רַחֲמָנוּת פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבּ אִיךְ דָאךְ רַחֲמָנוּת

מולדות לחודש חשון

תרע״ט) דֶער מוֹלָד אִיז שַׁבָּת נָאךְ הַאלְבֶּען טָאג 44 מִינוּט מִיט 16 חֲלָקִים נָאךְ 12. (רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) זוּנְטָאג אוּן מָאנְטָאג.

תר״פ) דֶער מוֹלָד אִיז פְרַייטָאג פְרִיה 17 מִינוּט מִיט 11 חֲלָקִים נָאךְ 10. (רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) פְרַייטָאג אוּן שַׁבָּת.

געהאט אויף מיין שוועסטער לאה, ווען מיין פאטער האט איהר פארביטען און האט זיא געגעבען צוא מיין מאן יעקב אויף מיין ארט, און האב נאך צו איהר סמנים געזאגט, וואס מיין מאן האט מיט מיר געשמועסט כדי מיין מאן זאל מיינען אז איך בין דאס. וויא עס איז מיר די זאך ווער געווען, נאר פון וועגען רחמנות פון מיין שוועסטער האב איך דאס געטהאן. און דוא גאט ביסט דאך איין רחום וחנון, דארפסטו אודאי רחמנות האבען אויף מיינע קינדער". האט א קול פון דעם הימעל געענטפערט: „דו האסט רעכט, איך וועל דיינע קינדער בעפרייען פון דיא צרות און וועל זייא אויסלייזען פון זייער פיין:

עורה נא, דערוועק דיך אצונד אויך אונזער מוטער רחל און שטעה אויף פון דיין קבר און שטעל דיך פאר דעם כסא הכבוד און בעט פאר דיינע קינדער, וועלכע זיינען געגליכען צו שעפעלאך, וואס זיי בלאנדזשען אין וועג. דאס השם יתברך זאל אויף זיי בענשען דעם חודש מרחשון צום לעבען און געזונד און פרנסה מיט אלעם גוטען:

קומה, שטעה אויף. בנימין בן יעקב אבינו עליו השלום שטעל דיך ביא דער רעכטער האנד פון דיין מו־

מולדות לחודש חשון

תרפ"א) דער מולד איז דיענסטאג אבענד 6 מינוט מיט 5 חלקים נאך 7. (ראש חודש איז דינסטאג און מיטוואך.

תרפ"ב) דער מולד איז מאנטאג נאך האלבען טאג 39 מינוט נאך 4. (ראש חודש איז) דינסטאג און מיטוואך.

טער רחל און העלף איהר בעטען ביא דעם אלמעכטיגען גאט, דאס דער חודש מרחשון וואס דו ביסט געבארען געווארען אין איהם זאל דיין זכות אצונד אונז ביישטעהען. און ווען מיר קומען אצונד אפ די זינד, וואס די ברידער האבען פערקויפט יוסף'ן, זאל השם יתברך געדענקען דיין זכות, דען דו ביסט דאך אין זייער עצה נישט געוועזען און האסט דיינע קינדער נעמען געגעבען נאך די צרות פון דיין ברודער יוסף. אצונד זאהל אונז דיין זכות אנטקעגען קומען מיר זאלען פון אלע צרות באשירעמט ווערען. און דער חודש מרחשון זאל געבענטשט ווערען לברכה והצלחה, אמן:

ווען מען בענטשט ראש חודש כסליו זאל מען די תחנה זאגען:

אל מלך יחיד שליט בעולמו, גאט איינציגער קעניג, וואס געוועלטיגט אויף גאר דער וועלט. מיר קומען אצונד צוא בענטשען דעם חודש כסלו, וואס אין דעם פערצעטען טאג אין דיזען חודש האט אונזער מוטער לאה געבוירען איהר ערשטען זוהן ראובן. רבונו של עולם, דו מהוסט דער־הויבען אלע נידעריגע און מהוסט באגליקען דעם מענטשען וואס איז אין א נידעריגען שטאנד. געדענק אונז דעם זכות פון אונזער מוטער לאה, וואס זי האט פיעל טרעהרען פער־

מולדות לחודש כסלו

תרע"ז) דער מולד איז שבת פריה 51 מינוט מיט 11 חלקים נאך 7. (ראש חודש איז זונטאג.

תרע"ח) דער מולד איז מיטוואך ביי טאג 40 מינוט מיט 5 חלקים נאך 4. (ראש חודש איז) דאנערשטאג און פרייטאג.

גָאסֶען דָאס זִי זָאהל אִין דֶעם גוֹרָל פוּן עֵשָׂו נִיט אַרײַנְפַאלֶען, דֶען לַייט פְלֶעגֶען זָאגֶען: יִצְחָק הָאט צְוֵויי זִיהן, דֶער עֶלְטֶערֶער אִיז עֵשָׂו אוּן דֶער אִינְגֶערֶער אִיז יַעֲקֹב אוּן לָבָן הָאט צְוֵויי טֶעכְטֶער, דִיא עֶלְטֶערֶע אִיז לֵאָה אוּן דִיא אִינְגֶערֶע אִיז רָחֵל, מִסְתָמָא וֶועט לֵאָה פַאלֶען אִין דֶעם גוֹרָל פוּן דֶעם עֶלְטֶערֶען זוּהן פוּן יִצְחָק, דָאס אִיז עֵשָׂו, אוּן רָחֵל וֶועט פַאלֶען אִין דֶעם גוֹרָל פוּן יַעֲקֹב, דַארוּם פְלֶעגְט אוּנְזֶער מוּטֶער לֵאָה וֵויינֶען אוּן קְלָאגֶען טָאג בַּיי טָאג דָאס זִיא זָאל אִין דֶעם גוֹרָל פוּן עֵשָׂו נִיט פַאלֶען, אוּן דוּ גָאט הָאסְט אִיהר מַזָל דֶערְהוֹיבֶּען אוּן זִי אִיז צוּ יַעֲקֹב גֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען אוּן הָאט אִין דֶעם חוֹדֶש כִּסְלֵו אִיהר עֶרְשְׁטֶען זוּהְן רְאוּבֵן גֶעבָּארֶען:

עִמְדִי נָא, שְׁטֶעה אוֹיף אוּנְזֶער מוּטֶער לֵאָה אוּן שְׁטֶעל זִיךְ פַאר דֶעם כִּסֵא הַכָּבוֹד צוּא בֶּעטֶען פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיךְ פִיר מִיר דַיין טָאכְטֶער (פלונית בת פלונית) צְווִישֶׁען זֵיי, דָאס אִיךְ אוּן מַיין מַאן זָאלֶען מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְגַדֵל זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערְלַאךְ, אוּן אוּנְזֶערֶע לִיעבֶּע טֶעכְטֶער זָאלֶען חָלִילָה נִישְׁט פַאלֶען אִין דֶעם גוֹרָל פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענֶער, אוּן עֶס זָאל דֶערְהוֹיבֶּען וֶוערֶען דָאס מַזָל פוּן אוּנְזֶער פַּרְנָסָה דָאס מִיר זָאלֶען קֶענֶען זֵייא גוּטֶע אוּן פְרוּמֶע מֶענֶער גֶעבֶּען דָאס זֵיי זָאלֶען גוּטֶע אוּן פְרוּמֶע קִינְדֶער הָאבֶּען:

מולדות לחודש כסלו

תרע"ט) דֶער מוֹלָד אִיז מָאנְטָאג פַאר טָאג 28 מִינוּט מִיט 17 חֲלָקִים נָאךְ 1. (רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז דִיענְסְטָאג.

תר"פ) דֶער מוֹלָד אִיז שַׁבָּת צוּ נַאכְט 11 מִינוּט מִיט 12 חֲלָקִים נָאךְ 1. (רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) זוּנְטָאג.

אַתָּה הָאֵל עוֹשֵׂה פְּלָאוֹת, דו גָאט וָואס דו טְהוּסְט וואוּ־דער אַלֶע צֵייט, מִיר קוּמֶען פַאר דִיר אַצוּנְד דֶעם חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו בֶּענְטְשֶׁען דָאס דוּא הָאסְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ גֶעטְהָאן וואוּנְדֶער אִין דִי טֶעג פוּן מַתִּתְיָהוּ כֹּהֵן גָדוֹל חַשְׁמוֹנָאִי מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, וָוען אַנְטִיוֹכוּס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל צוּ מַאכֶען פַארְגֶעסֶען זֵיי דַיין תּוֹרָה אוּן צוּ אַרָאפְּפִיהְרֶען זֵיי פוּן דִיא גֶעזֶעץ פוּן דַיין ווילֶען, אוּן וָוען זֵייא זַיינֶען גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַרַיין אוּן הָאבֶען מְטַמֵּא גֶעוָוען אַלֶע זַאכֶען, הָאסְטוּ אַ נֵס גֶעטְהָאן, דָאס מֶען הָאט אַ קְרֵיגֶעל בּוֹים־אוֹיל גֶעפוּנֶען, וָואס עֶס אִיז מִיט דֶער חֲתִימָה פוּן כֹּהֵן גָדוֹל גֶע׳חַתְמֶ׳עט גֶעוָוארֶען אוּן עֶס אִיז נָאר גֶענוּג אוֹיל גֶעוֶוען אוֹיף אֵיין טָאג צוּ בְּרֶענֶען אִין דֶער מְנוֹרָה, אִיז אַ נֵס גֶעשֶׁען אוּן עֶס הָאט אַכְט טֶעג גֶעבְּרֶענְט, אוּן דִי יוּדֶען הָאבֶען מִלְחָמָה גֶעהַאלְטֶען מִיט דִי פַיינְד אוּן הָאבֶען זֵיי בַּייגֶעקוּמֶען. אַזוֹי אוֹיךְ, לִיעבֶּער גָאט, זָאלְסְטוּ גֶערְוֶועקֶען דַיין דֶערְבַּארֶעמְקַייט צוּ טְהָאן מִיט אוּנְז נִסִּים וְנִפְלָאוֹת אוּן זָאלְסְט דֶערְ־לַייכְטֶען אוּנְזֶער מַזָּל אוּן גוּטֶע פַּרְנָסָה אוּן מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ צִינְדֶען לִיכְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן:

זְכוֹר לָנוּ אָב הָרַחֲמָן, גֶעדֶענְק אוּנְז דֶערְבַּארְמִיגֶער פָאטֶער, דֶעם זְכוּת פוּן דֶער צַדֶּקֶת יְהוּדִית, וָואס דוּרְךְ אִיהר

מולדות לחודש כסלו

תרפ"א) דֶער מוֹלָד אִיז דָאנֶערְשְׁטָאג פְרִיה 50 מִינוּט מִיט 6 חֲלָקִים נָאךְ 7. (רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז דָאנֶערְשְׁטָאג אוּן פְרֵייטָאג.

תרפ"ב) דֶער מוֹלָד אִיז מִיטְוָואךְ פְרִיה 23 מִינוּט מִיט 1 חֵלֶק נָאךְ 5. (רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) דָאנֶערְשְׁטָאג אוּן פְרֵייטָאג.

אִיז דֶער נֵס גֶעשֶׁעהֶען אוּן זִיא הָאט בַּיי אַנְטִיוֹכוֹס׳ן דִיא קָאפּ אָרָאפְּגֶענוּמֶען. זִיא זָאל שְׁטֶעהֶען אוּן זַיין אַ גוּטֶע מְלִיצָה פַאר מִיר אוּן מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדְ׳ס קִינְדֶער, מִיר זָאלֶען חָלִילָה קַיין אַלְמָנוֹת נִיט בְּלַייבֶּען אוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער קַיין יְתוֹמִים. זַיי זָאלֶען נִיט דַארְפֶען אוּנְטֶער פְרֶעמְדֶע הֶענְד זַיין, בָּרוּךְ שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה, גֶעלוֹיבְּט בִּיסְט דוּ גָאט, דָאס דוּ הֶערְסְט דִי גֶעבֶּעט פוּן דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל:

וֶוען מֶען בֶּענְטְשְׁט ראֹשׁ חוֹדֶשׁ טבת זָאל מֶען דִיעזֶע תְּחִנָּה זָאגֶען:

אֱלֹהִים בְּרוֹב רַחֲמֶיךָ הוֹשִׁיעֵנוּ מִצָּרוֹתֵינוּ, גָאט, מִיט דַיין גְרוֹיס דֶערְבַּארֶעמְקַייט הֶעלְף אוּנְז פוּן אוּנְזֶערֶע צָרוֹת וֶוען מִיר קוּמֶען פַאר דִיר אִיצוּנְד דֶעם חוֹדֶשׁ טֵבֵת בֶּענְטְשֶׁען. אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז אוּנְזֶער פָאטֶער אַבְרָהָם גֶעשְׁטָארְבֶּען. דַארוּם, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעדֶענְק אוּנְז זַיין זְכוּת, וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אִין קַאלְךְ־אוֹיבֶען אַרַיינְוַוארְפֶען פוּן וֶועגֶען דַיין לִיעבֶּען נָאמֶען, וֶוען נִמְרוֹד הָרָשָׁע אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף אִיהם אַזוֹי הָאסְט דוּ גֶעשִׁיקְט דֶעם מַלְאָךְ מִיכָאֵל, דָאס עֶר זָאהל קִיהלֶען דָאס פַייעֶר פוּן דֶעם קַאלְךְ־אוֹיבֶען אוּן אַבְרָהָם זָאל נִיצוֹל וֶוערֶען. אַזוֹי, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זָאלְסְט דוּ שִׁיקֶען גוּטֶע מַלְאָכִים צוּ בַּאהִיטֶען אוּנְז הַיינְטִיגֶען

מולדות לחודש טבת

תרע"ז) דֶער מוֹלָד אִיז זוּנְטָאג אָבֶענְד 35 מִינוּט מִיט 12 חֲלָקִים נָאךְ 8. (ראֹשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) מָאנְטָאג אוּן דִיענְסְטָאג.

תרע"ח) דֶער מוֹלָד אִיז פְרַייטָאג פַאר טָאג 24 מִינוּט מִיט 6 חֲלָקִים נָאךְ 5. (ראֹשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) שַׁבָּת אוּן זוּנְטָאג

חוֹדֶש און אַלֶע חֳדָשִים פון אַ גַאנְץ יָאהר, פון שְרֵיפוֹת און הֶזֵיקוֹת און עֶס זָאהל נִיט שוֹלֵט זַיין אִין קַיין שְטוּב קַיין פַייעֶר און קַיין בְּרֶענוּנְג און קַיין שוּם שְרֶעק, נָאר עֶס זָאל לַייכְטֶען אוּנְזֶער מַזָל וִויא דֶער מָארְגֶען־שְטֶערֶען אִין הִימֶעל און וִויא דִיא זוּנְן אִין מִיטֶען טָאג און קַיין שוֹנֵא זָאהל אִין אוּנְז נִישְט דֶערְפְרֶעהְט וֶוערֶען:

אֵל פּוֹדֶה מִכָּל צָרָה, גָאט וָואס לֵייזְט אוֹיס זַיין פָאלְק יִשְרָאֵל פון אַלֶע לֵייד, וֶוען מִיר קוּמֶען פַאר דִיר יֶעצְט דֶעם חוֹדֶש טֵבֵת בֶּענְטְשֶען, וָואס אִין דֶעם חוֹדֶש זֶענֶען אוּנְז צְוֵויי שְלֶעק גֶעשֶעהֶען: אֵיין שְלַאק, דָאס אִין דֶעם נַיינְטֶען טָאג פון דֶעם חוֹדֶש זֶענֶען גֶעשְטָארְבֶּען עֶזְרָא הַסוֹפֵר און נְחֶמְיָה בֶּן חֲכַלְיָה, וֶועלְכֶע הָאבֶּען דֶעם אַנְדֶערֶען בֵּית הַמִקְדָש גֶעבּוֹיט און הָאבֶּען דִיא יוּדֶען פון דֶעם גָלוּת בָּבֶל אוֹיסְגֶעלֵייזְט. יֶעצְט גֶעדֶענְק אוּנְז, רִבּוֹנוֹ שֶל עוֹלָם, זֵייעֶר זְכוּת און דֶערְבַּארֶעם דִיךְ אִיבֶּער אוּנְז און שִיק צוּ אוּנְז דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן. דֶער אַנְדֶערֶער שְלַאק הָאט אוּנְז אִין דֶעם חוֹדֶש טֵבֵת גֶעשֶעהְן, דָאס אִין דֶעם צֶעהְנְטֶען טָאג פון דֶעם חוֹדֶש, הָאט דֶער מֶלֶךְ בָּבֶל בֶּעלַאגֶערְט מִיט זַיינֶע חֲיָלוֹת אוֹיף אוּנְזֶער קְרוֹין־שְטָאדְט יְרוּשָלַיִם וֶועה צוּ אוּנְז, דָאס עֶס אִיז צוּגֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען דִיא טְהַייעֶרֶע קְרוֹין פון אוּנְזֶער קָאפּ, און דַארוּם טְהוּעֶן מִיר אַלֶע יָאהר אִין דֶעם טָאג אַ תַּעֲנִית פַאס־

מולדות לחודש טבת

תרע"ט) דֶער מוֹלָד אִיז דִינֶעְסְטָאג נָאךְ הַאלְבֶּען טָאג 13 מִינוּט נָאךְ 2. (ראֹש חוֹדֶש אִיז מִיטְוָואךְ.

תר"פ) דֶער מוֹלָד אִיז מָאנְטָאג הַאלְבֶּען טָאג 45 מִינוּט מִיט 13 חֲלָקִים נָאךְ 11. (ראֹש חוֹדֶש אִיז) מָאנְטָאג און דִינֶעְסְטָאג.

טֶען בִּכְדֵי אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל זִיךְ אוֹיף אוּנְז דֶערְבַּארֶעמֶען צוּ אוּמְקֶערֶען אוּנְז אִין אוּנְזֶער לַאנְד. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶלְפֶעד יֶעשַׁן אַפְּךָ, וֶועט דֶען בִּיז אֵייבִּיג דַיין גְרִים צָארְן אוֹיף אוּנְז רַייבֶּערֶען דֶערְוֶועק דַיין לִיעבְּהַארְצִיגֶע דֶערְבַּארִימְקַייט. וּפְדֵה אֱלֹהִים אֶת יִשְׂרָאֵל מִכָּל צָרוֹתָיו, אוּן לֵייז אוּיס גָאט דַיין פָּאלְק פוּן גָאר זַיינֶע צָרוֹת, אוּן אוֹיךְ מִיךְ אוּן מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער צְווִישֶׁען זֵיי, דָאס אוּנְזֶער מַזָּל זָאל אוֹיפְגֶערֶעכְט וֶוערֶען צוּ אַלֶעם גוּטֶען, אָמֵן וְאָמֵן, כֵּן יְהִי רָצוֹן:

וֶוען מֶען בֶּענְטְשְׁט ראש חוֹדֶש שבט זָאל מֶען דִיעזֶע תְּחִנָּה זָאגֶען:

יְהִי רָצוֹן מִלְפָנֶיךָ, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, עֶס זָאהל זַיין דֶער ווִילֶען פַאר דִיר גָאט, אוּנְזֶער גָאט, דֶער גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען, דוּא זָאלְסְט אוּנְז בֶּענְטְשֶׁען דֶעם חוֹדֶשׁ שְׁבַט, וָואס מִיר קוּמֶען יֶעצְט בֶּענְטְשֶׁען עֶס זָאהל פַאר דִיר גֶעדֶענְקְט וֶוערֶען דֶער זְכוּת פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, דָאס אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען הָאט עֶר אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁטְרָאפֶען דִי יוּדֶען, דָאס זֵיי זָאלֶען אִין רֶעכְ־

מולדות לחודש טבת

תרפ"א) דֶער מוֹלָד אִיז פְרַייטָאג צוּ נַאכְט 34 מִינוּט מִיט 7 חֲלָקִים נָאךְ 8. (ראשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) שַׁבָּת אוּן זוּנְטָאג.

תרפ"ב) דֶער מוֹלָד אִיז דָאנֶערְשְׁטָאג אָבֶענְד 7 מִינוּט מִיט 2 חֲלָקִים נָאךְ 6. (ראשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) שַׁבָּת אוּן זוּנְטָאג.

מולדות לחודש שבט

תרע"ז) דֶער מוֹלָד אִיז דִיענְסְטָאג פְּרִיה 19 מִינוּט מִיט 13 חֲלָקִים נָאךְ 9. (ראשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) מִיטְוָואךְ.

תרע"ח) דֶער מוֹלָד אִיז שַׁבָּת צוּ נַאכְט 8 מִינוּט מִיט 7 חֲלָקִים נָאךְ 6. (ראשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) מָאנְטָאג.

טֶען וֶועג גֶעהֶען. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶועה אִיז צוּ אוּנְז, דָאס מִיר הָאבֶּען יֶעצְט נִיט קַיין נָבִיא וָואס עֶר זָאל אוּנְז אוֹיף אוּנְזֶערֶע בֵּייזֶע מַעֲשִׂים שְׁטְרָאפֶען אוּן זָאל אוּנְז דֶעם גוּטֶען וֶועג ווַייזֶען. אוּן וֶוען מִיר טְהוּעֶן זִיךְ אַלֵיין בַּאדֶענֶקֶען אוֹיף אוּנְזֶערֶע חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט אוּן פַארְקְרִימְט דֶעם רֶעכְטֶען וֶועג כַאפְּט אוּנְז אָן אַ צִיטֶערְנִישׁ אוּן אַ מוֹרָא. מִיר ווַייסֶען נִישְׁט וואוּ אוּנְזֶער פָּנִים צוּ פַארְשְׁטֶעקֶען פַאר גְרוֹיס שַׁאנְד, וואוּ זָאלֶען מִיר זִיךְ פַארְבָּארְגֶען, וואוּ זָאלֶען מִיר פַאר דַיין גְרִים־צָארְן אַנְטְלוֹיפֶען? זָאלֶען מִיר אוֹיף דֶעם הִימְעל קוּקֶען בִּיסְטוּ דָארְטֶען. זָאלֶען מִיר אִין דֶער טִיעפֶענִישׁ פוּן דֶער עֶרְד גֶעהֶען, בִּיסְטוּ דָארְטֶען. זָאלֶען מִיר אִין דֶער טִיעפֶענִישׁ פוּן דֶעם יַם קוּמֶען, וֶועט מִיךְ דָארְטֶען אוֹיךְ דַיין הַאנְד טְרֶעפֶען. אוּן וֶוען אִיךְ וֶועל מִיר טְרַאכְטֶען. דָאס פִינְצְטֶערְנִישׁ וֶועט מִיךְ צוּדֶעקֶען דָאס דוּא וֶועסְט מִיךְ נִיט זֶעהְן, אִיז גַם חשֶׁךְ לֹא יַחְשִׁיךְ מִמֶּךָּ, קַיין פִינְצְטֶערְנִישׁ אִיז פַאר דִיר נִיט פִינְצְטֶער, אוּן דִיא נַאכְט אִיז פַאר דִיר לִיכְטִיג. דַארוּם, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִיט וואוּ צוּ קֶעהְרֶען נָאר צוּא דִיר אַלֵיין. דוּא זָאלְסְט אוֹיסְשְׁפְּרֶעקֶען דַיין גְרוֹיסֶען אָרֶעם צוּ צוּנֶעהְמֶען מַיין תְּשׁוּבָה. כִּי אַתָּה רַב חֶסֶד וּמַרְבֶּה לִסְלוֹחַ, דֶען דוּ בִּיסְט פוּל מִיט גֶענָאד אוּן פִיעל פַארְצַייהֶער:

מולדות לחודש שבט

תרע"ט) דֶער מוֹלָד אִיז דָאנֶערְשְׁטָאג פַאר טָאג 57 מִינוּט מִיט 1 חֵלֶק נָאךְ 3. (ראש חוֹדֶשׁ אִיז) דַאנֶערְשְׁטָאג.

תר"פ) דֶער מוֹלָד אִיז מִיטְוָואךְ פַאר טָאג 29 מִינוּט מִיט 14 חֲלָקִים נָאךְ 12. (ראש חוֹדֶשׁ אִיז) מִיטְוָואךְ.

רבונו של עולם, ווען מיר קומען פאר דיר אצונד בענטשען דעם חודש שבט, וואס אין דעם פופצעהנטען טאג פון דעם חודש איז ראש השנה צו די בוימער, געדענק אונז דעם זכות, וואס מיר טהוען דעם טאג דיר לויבען אויף די פירות פון די בוימער. בזכות זה, ליעבער גאט, בענטש דיא פרוכט פון דיא בוימער, דאס זיי זאלען אויסציהען זייער בליהונג און זאלען מאכען וואקסען היינטיגעס יאהר זייערע פירות, און אויך באהיט דיין פאלק ישראל, דאס דיא קעלט פון דעם חודש זאהל זיי ניט שאדען. און אלע וואס פאהרען אין וועג זאל זיי ניט באגעגענען דער טויט פון די קעלט און זאכסט זיי פיהרען אויף דעם גלייכען וועג דאס זיי זאלען ניט פאר אירט ווערען. און אויך די אידישע קינדער, וואס זענען אין שטאדט, זאל זיי ניט שאדען די קעלט, עס זאל זיי חלילה צו א שלאפקייט ניט ברענגען. שבטך ומשענתך המה ינחמוני, דיין רוט און דיין אונטערלעהנונג זאל אונז אין דעם חודש שבט טרייסטען, דאס מיר זאלען האבען שלום און ברכה און פרנסה טובה אויף כל ישראל, אמן, כן יהי רצון:

ווען מען בענטשט ראש חודש אדר זאל מען די תחנה זאגען אויך ווען מען בענטשט אדר שני זאגט מען דאס:

אל רחום וחנון עזרה בצרות נמצא. גאט דערבארעמיגער און לייטזעליגער, וואס אין לייד ווערסטו צו א הילף

מולדות לחודש שבט

תרפ"א) דער מולד איז זונטאג פריה 18 מינוט מיט 8 חלקים נאך. 9 (ראש חודש איז) מאנטאג.

תרפ"ב) דער מולד איז שבת פריה 51 מינוט מיט 3 חלקים נאך. 6 (ראש חודש איז) מאנטאג.

געפונען . מיר קומען אצונד בענטשען דעם חודש אדר . דו האסט אין איהם געטהאן וואונדער צו די יודען דורך מרדכי און אסתר המלכה. ווען המן הרשע איז אויפגעשטאנען צו פארטיליגען און הרג'ענען און מאכען פארלירען דיין פאלק ישראל פון גרוים ביז קליין . און דו מיט דיין גרוים דערבאר־רעמקייט האסטו זיי געמיהאן שרעקען אבער ניט שטראפען. דען דו האסט געחתמ'עט דיא גזרה מיט א חתימה פון ליים און ווען דיא יודען האבען פאר דיר תשובה געטהאן האסטו זייא ערוועהלט אויסלייזערס פון זייער צרה, מרדכי היהודי ואסתר המלכה, וואס האבען די גזירה מבטל געווען און המן הרשע מיט זיינע קינדער זענען אויף דער תליה געהאנגען געווארען. אזוי אויך, רבונו של עולם, העלף צו אונזער געבעט פון זייער זכות וועגען און בענטש דעם חודש צו גוטען, און זאלסט ענדערען אלע גזרות קשות פון אינז צו גוטען, און גיב אין די הערצער פון די רעגירונגען מיט זייערע שרים דאס זייא זאלען מיט אונז טהאן גענאד און דערבאר־רעמקייט אלע צייט:

הבט משמים וראה. קוק נאט פון דעם הימעל און זעה דעם זכות פון דיינע ליעבע יודען. פיעל צדקה געהט פון זייער האנד ארויס אין דעם טאג פון פורים. איטליכער נאך זיין פארמעגען נאך, און זיינען מקיים די מצוה פון מתנות

מולדות לחודש אדר

תרע"ז) דער מולד איז מיטוואך אבענד 3 מינוט מיט 14 חלקים נאך 10 . (ראש חודש איז) דאנערשטאג און פרייטאג .

תרע"ח) דער מולד איז מאנטאג פריה 52 מינוט מיט 8 חלקים נאך 6. (ראש חודש איז) דינסטאג און מיטוואך.

לְאֶבְיוֹנִים. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערֶן אוֹיף אוּנְז דֶער פָּסוּק: „צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה וְשָׁבֶיהָ בִּצְדָקָה". צִיּוֹן וֶועט מִיט רֶעכְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערֶען אוּן אִיהרֶע גֶעפַאנְגֶענֶע דוּרְךְ דֶעם זְכוּת פוּן צְדָקָה. דִיא מִצְוָה פוּן צְדָקָה זָאל זַיין אַ כַּפָּרָה אוֹיף אוּנְזֶערֶע זִינְד, אַזוֹי וִויא דָנִיאֵל הָאט גֶעזָאגְט צוּ נְבוּכַדְנֶצַר: „וַחֲטָאָךְ בְּצִדְקָה פְרֻק". פַארְגִיבּ אוּנְז, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוּנְזֶערֶע זִינְד אִין דֶעם זְכוּת פוּן דֶער מִצְוָה פוּן צְדָקָה אוּן מִיר זָאלֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערֶען בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן:

אֵל קַנָּא וְנוֹקֵם לָרְשָׁעִים, גָאט, דוּ בִּיסְט אֵיין דֶערְצֶערְנֶער אוּן אֵיין נוֹקֵם צוּ דִיא וָואס טְהוּעֶן שְׁלֶעכְטְס. אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעצָאהְלְט צוּ הָמָן הָרָשָׁע וָואס עֶר הָאט צוּ דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל גֶעוָואלְט בֵּייז טְהָאן, אַזוֹי זָאלְסְטוּ אָפְּמֶעקֶען דֶעם נָאמֶען פוּן זַיין פָאטֶער עֲמָלֵק, וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפֶעדֶערְט צוּ גֶעהֶען אַנְטְקֶעגֶען דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל וֶוען זֵיי זֶענֶען פוּן מִצְרַיִם גֶענַאנְגֶען. עֲשֵׂה לְמַעַן שְׁמֶךָ וּלְמַעַן כִּסֵּא כְבוֹדֶךָ, טְהוּ עֶס פוּן וֶועגֶען דַיין נָאמֶען אוּן פוּן וֶועגֶען דַיין הֵיילִיגֶען שְׁטוּהל, דָאס דוּ הָאסְט גֶעשְׁוָוארֶען דָאס זֵיי וֶועלֶען נִישְׁט גַאנְץ וֶוערֶען בִּיז דוּ וֶועסְט זַיין נָאמֶען אָפְּמֶעקֶען. וּשְׁלַח מָשִׁיחַ צִדְקֵךְ לְגָאֲלֵנוּ, אוּן שִׁיק דַיין מָשִׁיחַ, דָאס עֶר זָאהל אוּנְז אוֹיסְלֵייזֶען בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן:

מולדות לחודש אדר

תר"פ) דֶער מוֹלָד אִיז דָאנֶערְשְׁטָאג בַּייא טָאג 13 מִינוּט מִיט 15 חֲלָקִים נָאךְ 1. (ראֹש חוֹדֶש אִיז) דָאנֶערְשְׁטָאג אוּן פְרַייטָאג.

תרפ"ב) דֶער מוֹלָד אִיז זוּנְטָאג אָוֶוענְד 35 מִינוּט מִיט 4 חֲלָקִים נָאךְ 7. (ראֹש חוֹדֶש אִיז) דִינְסְטָאג, אוּן מִיטְוָואךְ.

ווען עס איז אַן עִבּוּר־יָאהר זָאגְט מען די תְּחִנָּה ווען מען בֶּענְטְשְׁט ראש חודש אֲדָר רִאשׁוֹן׃

מֶלֶךְ בְּמִשְׁפָּט יַעֲמִיד אֶרֶץ אֲשֶׁר לֹא יִשָּׂא פָּנִים וְלֹא יִקַּח שׁוֹחַד, קֵינִיג, וָואס מִיט רֶעכְט שְׁטֶעלְט דִי וֶועלְט, עֶר אִיז נִישְׁט נוֹשֵׂא פָּנִים קֵיינֶעם אוּן נֶעהמְט נִיט קֵיין שׁוֹחַד, אוּן אִיז מְדַקְדֵק מִיט זיינֶע צַדִיקִים אוֹיף אַ הָאאר. מִיר קוּמֶען יֶעצְט דֶעם חוֹדֶשׁ אֲדָר בֶּענְטְשֶׁען. וָואס אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם גֶעשְׁטָארְבֶּען, וָואס עֶר הָאט דֶעם שְׁטֵיין גֶעשְׁלָאגֶען עֶר זָאהל וַואסֶער גֶעבֶּען, וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט נָאר רֶעדֶען צוּ דֶעם שְׁטֵיין אַזוֹי וִויא דוּ הָאסְט אִיהם גֶעבָּאטֶען, דַארוּם טְהוּט אוּנְז אַ גְרוֹיס פָּארְכְט אוּן צִיטֶערְנִישׁ אָנְנֶעהְמֶען וֶוען מִיר טְהוּעֶן זִיךְ בַּאדֶענְקֶען אוּן טְהוּעֶן אוֹיפְבְּרֶענְגֶען אוֹיף אוּנְזֶער הַארְץ וָואס פַאר עֲוֹנוֹת אוּן חֲטָאִים אוּן פְּשָׁעִים מִיר הָאבֶּען גֶעטְהָאן, אוּן אַז דוּא הָאסְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם נִיט נוֹשֵׂא פָּנִים גֶעוֶועְן אִיז דָאךְ שׁוֹין אַ פְּשִׁיטָה צוּא אוּנְז, וָואס מִיר זַיינֶען פוּל מִיט זִינְד, אוֹי לָנוּ כִּי נוֹאַלְנוּ, וֶועה צוּ אוּנְז דֶען מִיר זֶענֶען פַארְנַארִישְׁט גֶעוָוארֶען׃

קוּם, שְׁטֶעה אוֹיף, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ פוּן דַיין קֶבֶר אוּן עֶפֶענ אוֹיף דִיא טְהוֹיעֶרֶען פוּן הִימֶעל צוּא אַרַיינְלָאזֶען אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת וָואס מִיר טְהוּעֶן יֶעצְט בֶּעטֶען אוּן זֶעה דַיי־

מולדות לחודש אדר ראשון

תרע"ט) דֶער מוֹלָד אִיז פְרַייטָאג נָאךְ מִיטָאג 41 מִינוּט מִיט 2 חֲלָקִים נָאךְ 4. (ראש חוֹדֶשׁ אִיז פְרַייטָאג אוּן שַׁבָּת.

תרפ"א) דֶער מוֹלָד אִיז מָאנְטָאג אָוֶוענְד 2 מִינוּט מִיט 9 חֲלָקִים נָאךְ 10. (ראש חוֹדֶשׁ אִיז דִיענְסְטָאג אוּן מִיטְוָואךְ.

גֶע שָׁאף וָואס דוּ הָאסְט זֵיי גֶעפַּאשֶׁעט אִין דֶער מִדְבָּר גְלַייךְ אַזוֹי וִוי אַ פַּאסְטוּךְ דִי שָׁאף אוּן הָאסְט פוּן זֵיי פִיעל לֵייד גֶע־לִיטֶען זֵיי שְׁטֶעהֶען יֶעצְט פַאר דִיר מִיט אַ בִּיטֶער הַארְץ אוּן אַייִן צוּבְּרָאכֶען גֶעמִיטְה אוּן פָאדֶערֶען פוּן דִיר דוּ זָאלְסְט זֵיי צוּלִיעבּ טְהָאן אוּן בֶּעטֶען פַאר זֵייא דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא דָאס עֶר זָאהל אוֹיף אוּנְז בֶּענְטְשֶׁען דֶעם חוֹדֶשׁ אֲדָר צוּ אַלֶעם גוּטֶען, אוּן עֶר זָאהל אוּנְז עֶפֶּענֶען דִיא טְהוֹיעֶרֶען פוּן דֶערְבַּארֶעמְקַייט, טְהוֹיעֶרֶען פוּן חֵן, טְהוֹיעֶרֶען פוּן גֶענָאד, טְהוֹיעֶרֶען פוּן פַּרְנָסָה אוּן הַצְלָחָה, טְהוֹיעֶרֶען פוּן לֶעבֶּען, טְהוֹיעֶרֶען פוּן גֶעזוּנְד, טְהוֹיעֶרֶען פוּן גוּטְס אַזוֹי וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֶעהְט: „יִפְתַּח יְיָ לְךָ אֶת אוֹצָרוֹ הַטּוֹב״, גָאט וֶועט דִיר עֶפֶּענֶען זַיין גוּטֶען אוֹצָר. דָאס אַלְץ זָאל גָאט טְהָאן וֶוע־גֶען דַיין זְכוּת דָאס דוּ בִּיסְט אַ שְׁלִיחַ גֶעוֶועזֶען צוּ פִירֶען אוּנְז פוּן מִצְרַיִם אוּן גֶענֶעהְנֶען אוּנְז פַאר דֶעם בַּארְג סִינַי אוּן גֶע־בֶּען אוּנְז דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן לֶערְנֶען אוּנְז דִיא הֵיילִיגֶע מִצְוֹת אוּן הָאסְט גֶעהַאט פוּן אוּנְז פִיעל מִיה אוּן טִרְחָה. וֶוען דִיא יוּדֶען הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט הָאסְטוּ פַאר זֵיי גָאט גֶעבֶּעטֶען, אַזוֹי שְׁטֶעה אוֹיף יֶעצְט אוּן בֶּעט פַאר כָּל יִשְׂרָאֵל, דָאס דֶער חוֹדֶשׁ אֲדָר, וָואס מִיר טְהוּעֶן יֶעצְט בֶּענְטְשֶׁען זָאהל גֶע־בֶּענְטְשְׁט וֶוערֶען פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא. אַזוֹי וִויא אִין דַיין זְכוּת הָאט עֶר גֶעמַאכְט רֶעגֶענֶען דֶעם מַן פוּן דֶעם הִימֶעל, אַזוֹיא

מולדות לחודש אדר שני

תרע"ט) דֶער מוֹלָד אִיז זוּנְטָאג פְרִיה
25 מִינוּט מִיט 3 חֲלָקִים נָאךְ.
4. (ראש חוֹדֶשׁ אִיז) זוּנְטָאג
אוּן מָאנְטָאג.

תרפ"א) דֶער מוֹלָד אִיז מִיטְוָואךְ פְרִיה
46 מִינוּט מִיט 10 חֲלָקִים נָאךְ.
10. (ראש חוֹדֶשׁ אִיז) דָאנֶערְ־
שְׁטָאג אוּן פְרַייטָאג.

זָאל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אויף אוּנְז מַאכֶען רֶעגֶענְען שֶׁפַע אִין בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה אִין אוּנְזֶערֶע וֶוערְק מִיר זָאלֶען חָלִילָה צוּא קַיין פְרֶעמְדֶען טִישׁ נִיט דַארְפֶען אָנְקוּמֶען. אוּן עֶס זָאל עֶרְפִּיהְלְט וֶוערֶען אוּנְזֶערֶע אוֹצְרוֹת מִיט זַאטְקַייט אוּן אוֹיךְ אוּנְזֶערֶע הֶענְט זָאלֶען עֶרְפִּיהְלְט וֶוערֶען מִיט גָאטְ'ס בְּרָכָה, אָמֵן:

וֶוען מֶען בֶּענְטְשְׁט ראש חוֹדֶשׁ ניסן זָאגְט מֶען דִיעֶזֶע תְּחִנָּה:

אֵל רַחוּם עוֹשֶׂה גְדוֹלוֹת עַד אֵין חֵקֶר נִסִּים וְנִפְלָאוֹת עַד אֵין מִסְפָּר, גָאט דֶערְבַּארֶעמִיגֶער וָואס מְהוּט גְרוֹיסְקַייט גָאר נִיט צוּ עֶרְפָארְשֶׁען נִסִים אוּן וואוּנְדֶער אָהְן אַ צָאהל, מִיר קוּמֶען יֶעצְט צוּ בֶּענְטְשֶׁען דֶעם חוֹדֶשׁ נִיסָן מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיסְגֶעלֵייזְט צוּ וֶוערֶען אַזוֹי וִויא דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל פוּן מִצְרַיִם אוּן הָאסְט זֵיי דֶעם יַם גֶעשְׁפָּאלְטֶען אוּן דִיא יוּדֶען הָאבֶּען פַאר דִיר שִׁירָה גֶעזָאגְט, אַזוֹיא אוֹיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זָאלְסְט דוּ אוּנְז אוֹיסְלֵייזֶען מִיר זָאלֶען זָאגֶען שִׁירָה פַאר דִיר אוֹיף דִיא נִסִּים וְנִפְלָאוֹת וָואס דוּ וֶועסְט מִיט אוּנְז טָאן אוּן מִיר זָאלֶען זָאגֶען צוּ דִיר אַ נַייעֶם שִׁיר, הַלְלוּיָהּ:

מולדות לחורש ניסן

תרע"ז) דֶער מוֹלָד אִיז פְרַייטָאג פְּרִיה 47 מִינוּט מִיט 15 חֲלָקִים נָאךְ 10. (ראש חוֹדֶשׁ אִיז) שַׁבָּת.

תרע"ח) דֶער מוֹלָד אִיז דִינֶנְסְטָאג אָוֶועֶנְד 36 מִינוּט מִיט 9 חֲלָקִים נָאךְ 7. (ראש חוֹדֶשׁ אִיז) דָאנֶערְשְׁטָאג.

תרע"ט) דֶער מוֹלָד אִיז מָאנְטָאג בַּיי טָאג 9 מִינוּט מִיט 4 חֲלָקִים נָאךְ 5, (ראש חוֹדֶשׁ אִיז) דִינֶנְסְטָאג.

תר"פ) דֶער מוֹלָד אִיז שַׁבָּת פַאר טָאג 57 מִינוּט מִיט 16 חֲלָקִים נָאךְ 1. (ראש חוֹדֶשׁ אִיז) שַׁבָּת.

פקח עיניך וראה, מאך אויף דיינע אויגען ליעבער גאט. און זעה דיא מיה פון דיין טהייער פאלק וויפיעל מיה זייא האבען צוא דערהאלטען דיינע מצות וואס דוא האסט זיי געבאטען צוא טהאן אין דעם חודש. צו אויסראמען דעם חמץ פון זייער שטוב און עסען מצות אלע זיעבען טעג פון פסח. ווי גרויס און שווער עס קומט זיי אן מחמת דעם דוחק פון זייער שווערע פרנסה, אבער זיי האלטען דיין באפעהל און היטען דיינע מצות. דארום ליעבער גאט, שיק שפע און ברכה צו אלע אידען, און מיך און מיין מאן זאלסט דו היטען פון חמץ אום פסח, און עס זאהל אונז גרינג דער פסח אנקומען, מיר זאלען חלילה נישט דארפען אנקומען צוא א מתנת בשר ודם:

רבונו של עולם, ווען מיר טוען יעצט בענטשען דעם חודש ניסן, וואס אין איהם האלטען מיר דעם יום טוב וואס ער ווערט אנגערופען פסח, דאס איז טייטש איבערהיפען צו אן אנדענקונג דאס גאט האט איבערגעהיפט דיא שטוב פון א יודען, ווען ער האט דורכגעשוועבט דאס לאנד מצרים צו טוידטען זייערע בכורים, און דורך דעם וואס זיי האבען זייערע בייששטידלען פון דיא טיהרען מיט דעם בלוט פון דעם

מולדות לחודש ניסן

תרפ"א) דער מולד איז דאנערשטאג אוועבד 30 מינוט מיט 11 חלקים נאך 11. (ראש חודש איז) שבת.

תרפ"ב) דער מולד איז דיענסטאג פריה 19 מינוט מיט 5 חלקים נאך 8. (ראש חודש איז) דאנערשטאג.

קָרְבַּן פֶּסַח גֶעשְׁמִירְט הָאט דֶער מַשְׁחִית קֵיין שְׁלִיטָה נִיט גֶע־
הַאט אַרֵיינְצוּגֶעהֶען אִין קֵיין שְׁטוּבּ פוּן אַ יוּדֶען, אַזוֹי זָאלְסְטוּ
אָנְשְׁרַייעֶן אוֹיף אַלֶע מַשְׁחִיתִים דָאס זֵיי זָאלֶען נִיט קוּמֶען אוֹיף
דֶער טִיהר פוּן אוּנְזֶערֶע הַייזֶער בֵּייז צוּ טְהָאן אוּנְז אוּן אוּנְ־
זֶערֶע מֶענֶער אוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדֶ'ס קִינְדֶער אוּן
גָאר אוּנְזֶער הוֹיז גֶעזִינְד, אוּן זָאלְסְט אוּנְז בַּאשִׁירְמֶען פוּן
אַלֶעם בֵּייזֶען אוּן זָאלְסְט אוּנְז אוֹיסְלֵייזֶען הַיינְטִיגֶען חוֹדֶשׁ אַזוֹי
וְויא דוּא הָאסְט אוּנְז צוּ גֶעזָאגְט: „הֵן גָאַלְתִּי אֶתְכֶם אַחֲרִית
כִּבְרֵאשִׁית”, אִיךְ וֶועל אֵייךְ אוֹיסְלֵייזֶען דָאס לֶעצְטֶע מָאהל אַזוֹי
וְוי דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהל, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן:

וֶוען מֶען בֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אייר זָאל מֶען זָאגֶען דִיא תְּחִנָּה:

אַב הָרַחֲמִים הַבּוֹחֵר בְּעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, דֶערְבַּארְמִיגֶער פָּאטֶער,
וָואס עֶרְוֶועהְלְט זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל. וֶוען מִיר קוּמֶען
יֶעצְט בֶּענְטְשֶׁען דֶעם חוֹדֶשׁ אִיָּר. וָואס אִין דֶעם חוֹדֶשׁ הָאָ־
בֶּען מִיר אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ זַיין אַ גֶעלִיעבְּטֶע פָאלְק פַאר דִיר.
אוּן דוּ הָאסְט אוּנְז דֶעם לִיעבֶּען הֵיילִיגֶען שַׁבָּת גֶעגֶעבֶּען, אַזוֹי
זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶען שַׁבָּת אוּן
אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּא הָאסְט אוּנְז וַוייבֶּער גֶעגֶעבֶּען דִיא
מִצְוָה פוּן לִיכְט בֶּענְטְשֶׁען זָאהל דֶערְהוֹיכְט וֶוערֶען אוּנְזֶער
מַזָל, אוּן זָאלְסְט אוּנְז בַּאשִׁירְמֶען פוּן אַלֶע שְׁלַאפְקֵייטֶען, וָואס

מולדות לחודש אייר

תרע"ז) דֶער מוֹלָד אִיז שַׁבָּת צוּנַאכְט 31 מִינוּט מִיט 16 חֲלָקִים נָאךְ 11. (רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) זוּנְטָאג אוּן מָאנְטָאג.

תרע"ח) דֶער מוֹלָד אִיז דָאנֶערְשְׁטָאג פְּרִיה 20 מִינוּט מִיט 10 חֲלָקִים נָאךְ 8. (רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) פְּרֵייטָאג אוּן שַׁבָּת.

עס איז גענוואונט צו קומען אין דעם חודש אזוי ווי די ראשי תיבות פון אייר ווייזט „אני יי רופאך״, איך גאט וועל דיך היילען:
רבונו של עולם, מיר קומען יעצט בענטשען דעם חודש אייר, וואס אין דער צייט ווען דו האסט דיא ישראל פון מצרים ארויסגעצויגען, האסט דו זיי אין דעם חודש אייר געמאכט רעגענען דעם מן פון דעם הימעל אין דעם זכות פון משה רבינו עליו השלום, און איין ברונען מיט וואסער, וואס איז באשאפען געווארען איז ששת ימי בראשית פריי־טאג פאר נאכט, איז ער נאכגעגאנגען דיא יודען אין דער מדבר פון דעם חודש אייר אן, אין דעם זכות פון מרים הנביאה עליה השלום. יעצט געדענק אונז ליעבער גאט איהר זכות, וואס זיא האט פאר דיר שירה געזאגט מיט דיא ווייבער, ווען די יודען זענען פון דעם ים ארויסגעגאנגען, אזוי ווי אין פסוק שטעהט: „ותקח מרים הנביאה אחות אהרן את התוף בידה ותצאן כל הנשים אחריה בתפים ובמחולות. ותען להם מרים שירו ליי כי גאה גאה סוס ורוכבו רמה בים״. און מרים הנביאה דיא שוועסטער פון אהרן האט גענומען דעם פויק אין איהר האנד און עס זענען ארויסגעגאנגען אלע ווייבער נאך איהר מיט פויקען און כלי זמר האט מרים צו זיי געשריגען: זינגט צו גאט דען ער האט געטהאן גרויסע נסים דעם פערד מיט זיין רייטער האט ער געווארפען אין ים. און

מולדות לחודש אייר

תרע״ט) דער מולד איז מיטוואך פריה 53 מינוט מיט 5 חלקים נאך 5. (ראש חודש איז מיטוואך און דאנערשטאג.

תר״פ) דער מולד איז זונטאג ביי טאג 41 מינוט מיט 17 חלקים נאך 2. (ראש חודש איז זונטאג און מאנטאג.

אַזוֹיא זָאלֶען מִיר זוֹכֶה זַיין צוּא זָאגֶען שִׁירָה מִיט אַלֶע נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּנְז אוֹיסְלֵייזֶען בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן:

הִתְעוֹרְרִי נָא, דֶערְוֶועק זִיךְ מִרְיָם הַנְבִיאָה. שְׁטֶעה אוֹיף פוּן דַיין שְׁלָאף אוּן שְׁטֶעל דִיךְ פַאר דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוּן בֶּעט פוּן אִיהם דָאס עֶס זָאל אוֹיף אוּנְז גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערֶען דֶער חוֹדֶשׁ אִיָּר וָואס מִיר טְהוּעֶן יֶעצְט בֶּענְטְשֶׁען אַז מִיר זָאלֶען הָאבֶּען גֶענוּג אוּנְזֶער עֶסֶען אוּן טְרִינְקֶען אַזוֹי וִוי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט גֶעשְׁפַּייזְט דִי יוּדֶען אִין דֶעם זְכוּת פוּן דַיין בְּרוּדֶער מֹשֶׁה אוּן דֶעם בְּרוּנֶען פִיר דַיין זְכוּת וֶועגֶען, אוּן מִיר זָאלֶען חָלִילָה נִישְׁט פַארְאָרֶעמְט וֶוערֶען. אוּן מִיר זָאלֶען גֶערֵייגִיגְט וֶוערֶען פוּן גָאר אוּנְזֶערֶע זִינְד אַזוֹי וִוי דִי יוּדֶען זַיינֶען גֶערֵייגִיגְט גֶעוָוארֶען אִין דֶעם חוֹדֶשׁ וֶוען זֵיי זַיינֶען אִין דֶער מִדְבָּר גֶעגַאנְגֶען צוּ מְקַבֵּל זַיין דִיא תּוֹרָה. הוֹשִׁיעָה יְיָ אֶת עַמֶּךָ וּבָרֵךְ אֶת נַחֲלָתֶךָ, הֶעלְף נָאר דַיין פָאלְק אוּן בֶּענְטְשׁ דַיין אַרְב אוּן דֶערְהוֹיבּ זֵייא דָאס מַזָל אוּן דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף זֵיי כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים, אַזוֹי וִוי אַ פָּאטֶער מְהוּט זִיךְ דֶערְבַּארֶעמֶען אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער אוּן בֶּענְטְשׁ דֶעם חוֹדֶשׁ אִיָּר צוּם לֶעבֶען אוּן גֶעזוּנְד אוּן בְּרָכָה גָאר אָהן שִׁיעוּר, אָמֵן:

מולדות לחודש אייר

חרפ"א) דֶער מוֹלָד אִיז שַׁבָּת בַּיי טָאג 14 מִינוּט מִיט 12 חֲלָקִים נָאךְ 12. (רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) זוּנְטָאג אוּן מָאנְטָאג.

תרפ"ב) דֶער מוֹלָד אִיז מִיטְוָואךְ אָוֶוענְד 3 מִינוּט מִיט 6 חֲלָקִים נָאךְ 9. (רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) פְרֵייטָאג אוּן שַׁבָּת.

װֶען מֶען בֶּענְטְשְׁט ראש חוֹדֶשׁ סיון זָאגְט מֶען דָאס:

אַתָּה נִגְלֵיתָ בַּעֲנַן כְּבוֹדְךָ עַל הַר סִינַי. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ בִּיסְט אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעװָארֶען צוּא דַיין פָֿאלְק יִשְׂרָאֵל אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי און הָאסְט זֵיי דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה גֶעגֶע־בֶּען זֶעקְס טֶעג אִין חוֹדֶשׁ סִיוָן װָאס מִיר קוּמֶען יֶעצְט בֶּענְטְ־שֶׁען, דַארוּם לִיעבֶּער גָאט, גֶעדֶענְק אוּנְז דֶעם זְכוּת װָאס מִיר הָאבֶּען דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מְקַבֵּל גֶעװֶען און מִיר זַיינֶען גֶעװָארֶען צוּ דִיר אַ גֶעלִיעבְּט פָּאלְק. אָבֶּער װֶען דוּ בִּיסְט צוּ יִשְׁמָעֵאל און עֵשָׂו גֶעגַאנְגֶען הָאבֶּען זֵיי דִיא תּוֹרָה נִישְׁט גֶע־װָאלְט אָנְנֶעהְמֶען, נָאר דַיין לִיעבּ פָּאלְק יִשְׂרָאֵל, דַארוּם גֶע־דֶענְק אוּנְז דֶעם זְכוּת און בֶּענְטְשׁ אוֹיף אוּנְז דֶעם חוֹדֶשׁ סִיוָן װָאס מִיר טְהוּעֶן יֶעצְט בֶּענְטְשֶׁען. און דֶערְלַייכְט דִיא אוֹי־גֶען פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צוּא דֶער תּוֹרָה זֵייא זָאלֶען הַאלְטֶען דַיינֶע מִצְוֹת, און דֶערְבַּארֶעם דִיךְ אִיבֶּער אוּנְז, דֶען מִיר זַיי־נֶען גֶעגְלִיכֶען צוּא אֵיין אִשָּׁה, װָאס אִיהר מַאן אִיז אַיין װַייטֶען װֶעג גֶעגַאנְגֶען און הָאט זִיא גֶעלָאזְט אִין אָרֶעמְקַייט און זִיא טְהוּט הָאפֶען אַלֶע טָאג דָאס אִיהר מַאן װֶעט קוּמֶען און אִיהר מַזָל װֶעט דֶערְהוֹיבֶּען װֶערֶען, אַזוֹי אוֹיךְ מִיר דַיין פָּאלְק יִשְׂרָאֵל הָאטְשׁ דוּא הָאסְט זִיךְ דֶערְװַייטֶערְט פוּן אוּנְז און מִיר זַיינֶען װִי אַן אַלְמָנָה חַיָה. אָבֶּער מִיר הָאפֶען צוּ דִיר, לִיעבֶּער

מולדות לחודש סיון

תרע"ז) דֶער מוֹלָד אִיז מָאנְטָאג בַּיי טָאג 15 מִינוּט מִיט 17 חֲלָקִים נָאךְ 12. (ראש חוֹדֶשׁ אִיז ־־יענסטאג)

תרע"ח) דֶער מוֹלָד אִיז פְֿרֵייטָאג צוּ נַאכְט 4 מִינוּט מִיט 11 חֲלָקִים נָאךְ 9. (ראש חוֹדֶשׁ אִיז זוּנְטָאג.

גאט, דאס דוא װעסט דיך אומקעהרען צוא אונז און װעסט װיעדער רײדען מיט אונז פה אל פה אזוי װי דו האסט מיט אונז געטהאן רײדען. אויף דעם בארג סיני, און װעסט מיט אונז פיעל נסים טהאן, און דו װעסט בויען דײן קרוין־שטאט ירושלים גיך און באלד, אמן:

תורה תורה, געה אויף און זײ א גוטע מליצה פאר דײנע קינדער ישראל. און געדענק פאר דעם רבון העולמים װיפיעל בלוט עס איז פון זײ יענע צײטען פארגאסען געװאָרען פון דײנעט װעגען, און װיפיעל צדיקים עס זײנען אויף קידוש השם אומגעקומען, און װיפיעל בלוט פון קלײנע קינדער װאס מען האט זײ אויף דער מוטער'ס בריסט געטוידט, װאס עס איז גאר ניט צו דערצעהלען דיא שרעק און װעהטאגען װאס מיר האבען אין יענע צײטען געהאט, און דאס איז אלץ געװעזען װײל זײ האבען נישט געװאלט פארשװעכען דעם ברית פון דער תורה און פארשטערען איהרע געזעץ, דארום דערמאהן אונז דעם זכות פאר דעם כסא הכבוד, דאס עס זאהל געגליכען זײן דאס בלוט גלײך װי דאס בלוט פון די קרבנות װאס מען פלעגט שפרײנגען אויף דעם מזבח.

מולדות לחודש סיון

תרע"ט) דער מולד איז דאנערשטאג בײא טאג 37 מינוט מיט 6 חלקים נאך. (ראש חודש איז) פרײטאג.

תר"פ) דער מולד איז דינסטאג אין דער פריה 26 מינוט נאך 3. (ראש חודש איז) דינסטאג.

תרפ"א) דער מולד איז מאנטאג פאר טאג 58 מינוט מיט 13 חלקים נאך 12. (ראש חודש איז) דיענסטאג.

תרפ"ב) דער מולד איז פרײטאג פריה 47 מינוט מיט 7 חלקים נאך 9. (ראש חודש איז) זונטאג.

עֹשֶׂה לְמַעַן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, טְהוּ פוּן וֶועגֶען דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען אִין זֵייעֶר הֶדֶר דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן בֶּענְטְשׁ אוֹיף אוּנְז דֶעם חוֹדֶשׁ סִיוָן וָואס מִיר טְהוּעֶן בֶּענְטְשֶׁען, אוּן מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין גוּטֶע קִינְדֶער צוּא הָאבֶּען אוּן מִיר זָאלֶען זֵייא קֶענֶען מְגַדֵל זַיין צוּ תּוֹרָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, וְנֹאמַר אָמֵן:

וֶוען מֶען בֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תמוז זָאהל מֶען דָאס זָאגֶען:

רִבּוֹן הָעוֹלָמִים וַאֲדוֹנֵי הָאֲדוֹנִים, הֶערר פוּן אַלֶע וֶועלְטֶען אוּן הַאר אִיבֶּער אַלֶע הַארֶען, מִיר קוּמֶען פַאר דִיר יֶעצְט דֶעם חוֹדֶשׁ תַּמוּז בֶּענְטְשֶׁען, וָואס אִין דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג רֹאשׁ חוֹדֶשׁ הָאט אוּנְזֶער מוּטֶער רָחֵל אִיהר זוּהְן יוֹסֵף הַצַּדִיק גֶעבּוֹירֶען. עֶס זָאהל זַיין דֶער ווילֶען פַאר דִיר גָאט, אוּנְזֶער גָאט, עֶס זָאל דֶערְוֶועקְט וֶוערֶען אוֹיף אוּנְז דֶער זְכוּת פוּן אוּנְזֶער מוּטֶער רָחֵל אַזוֹי וִויא דוּא הָאסְט גֶעהֶערְט אִיהר גֶעבֶּעט, וֶוען זִי הָאט גְרוֹיס צַעַר גֶעהַאט, דָאס זִיא הָאט קַיין קִינְדֶער נִיט גֶעהַאט, אוּן הָאסְט אִיהר אַ טְהַייעֶרֶען זוּהְן יוֹסֵף גֶעגֶעבֶּען, אַזוֹי זָאלְסְטוּ הֶערֶען דָאס גֶעבֶּעט פוּן דִי אַלֶע וָואס הָאבֶּען קַיין קִינְדֶער נִיט דָאס זֵיי זָאלֶען הָאבֶּען גוּטֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַּדִיק. אוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלֶען נִיט צוּגֶעְנוּמֶען וֶוערֶען פוּן אוּנְז, אוּן מִיר זָאלֶען פוּן זֵייא גְרוֹיס גְדוֹלָה

מולדות לחודש תמוז

תרע"ז) דֶער מוֹלָד אִיז מִיטְוָואךְ פַאר טָאג פוּנְקְט 1. (רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) מִיטְוָואךְ אוּן דָאנֶערְשְׁטָאג.

תרע"ח) דֶער מוֹלָד אִיז זוּנְטָאג פְרִיה 48 מִינוּט מִיט 12 חֲלָקִים נָאךְ 9, (רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) מָאנְטָאג אוּן דִיענְסְטָאג.

זֶעהֶען אַזוֹיא וִויא אוּנְזֶער פָּאטֶער יַעֲקֹב הָאט גֶעזֶעהֶען גְרוֹיס גְדוּלָה פוּן זַיין זוּהְן יוֹסֵף הַצַּדִיק, אוּן עֶס זָאל נִיט פַאַרְשְׁטֶערְט וֶוערֶען זַייעֶר גְדוּלָה בִּיז אֵייבִּיג:

יוֹסֵף, וַוייל דוּ וֵוייסְט וואוֹיל דֶעם בִּיטֶערֶען טַעַם פוּן נָע וְנָד אִין גָלוּת וֶוען דוּ בִּיסְט קַיין מִצְרַיִם פַארְקוֹיפְט גֶעוָוא־רֶען אוּן הָאסְט דָארְטֶען פִיעל צָרוֹת אוּן לֵייד גֶעלִיטֶען, דַא־רוּם דַארְפְסְט דוּ אוֹיפְשְׁטֶעהֶען אוּן בֶּעטֶען פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דָאס עֶר זָאהל אוֹיף אוּנְז בֶּענְטְשֶׁען דֶעם חוֹדֶשׁ תַּמוּז וָואס מִיר קוּמֶען בֶּענְטְשֶׁען וָואס אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז אוּנְז פִיעל שְׁלֶעק גֶעשֶׁעהְן. אֵיינְס, דִי לוּחוֹת זַיינֶען צוּבְּרָאכֶען גֶעוָוארֶען. דָאס אַנְדֶערֶע, אִין דֶעם עֶרְשְׁטֶען בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז דֶער קָרְבָּן תָּמִיד בָּטֵל גֶעוָוארֶען. דָאס דְרִיטֶע, דִיא מוֹיעֶרֶען פוּן אוּנְזֶער שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם זַיינֶען צוּשְׁפָּאלְטֶען גֶעוָוארֶען. דָאס פֶערְטֶע, אַפּוֹסְטְמוֹס הָרָשָׁע הָאט דִי תּוֹרָה פַארְבְּרֶענְט. דָאס פִינְפְטֶע, דָאס עֶס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארֶען אַ צֶלֶם אִין הֵיכָל. יֶעצְט זָאהל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דַיין זְכוּת גֶעדֶענְקֶען, וָואס דוּא בִּיסְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעקוּמֶען אוּן זָאל אוּנְז אוּמְקֶעהְ־רֶען אַלֶע הֵיילִיגֶע זַאכֶען וָואס זַיינֶען צוּגֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען פוּן אוּנְז, אוּן זָאהל אוּנְז בַּאשִׁירְמֶען דֶעם חוֹדֶשׁ פוּן צָרוֹת אוּן פוּן

מולדות לחודש תמוז

תרע"ט) דֶער מוֹלָד אִיז שַׁבָּת פְרִיה 21 מִינוּט מִיט 7 חֲלָקִים נָאךְ. (רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) שַׁבָּת אוּן זוּנְטָאג

תר"פ) דֶער מוֹלָד אִיז מִיטְוָואךְ בַּיי טָאג 10 מִינוּט מִיט 1 חֵלֶק נָאךְ. (רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) מִיטְוָואךְ אוּן דָאנֶערְשְׁטָאג.

כָּל מִינֵי פּוּרְעָנִיּוֹת וָואס שְׁטוּרְמֶען צוּ קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. עֶס זָאל קֵיינֶעם נִיט דֶערְשְׁלָאגֶען קֵיין דוּנֶער אוּן קֵיין בְּלִיץ אוּן קֵיין הָאגֶעל. דִי תְּבוּאָה פוּן דִי פֶעלְדֶער זָאל חָלִילָה נִיט פַארְבְּרֶענְט וֶוערֶען פוּן הִיץ אוּן עֶס זָאהל צוּ אִיהר נִישְׁט גֶעשֶׁעהְן קֵיין שׁוּם הֵיישֶׁערִיק אוּן קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטִקֵייט. מַלֵּא אֲסָמֵינוּ שָׂבָע, מַאךְ פוּל, לִיעבֶּער גָאט, אוּנְזֶערֶע אוֹצְרוֹת מִיט זֶועט פוּן דַיין גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער הַאנְד, דָאס עֶס זָאל חָלִילָה נִישְׁט זַיין קֵיין הוּנְגֶער אוּן קֵיין יַקְרוּת. דִי עֶרְד זָאל גֶעבֶּען אִיהר פְּרוּכְט אוּן דִיא בּוֹימֶער זַייעֶרֶע פֵּירוֹת, אוּן עֶס זָאהל אִין אוּנְז מְקוּיָּם וֶוערֶען דֶער פָּסוּק „וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם וְנָתְנָה הָאָרֶץ יְבוּלָהּ וְעֵץ הַשָּׂדֶה יִתֵּן פִּרְיוֹ". אִיךְ וֶועל גֶעבֶּען אַייעֶר רֶעגֶען אִין זַייעֶר צַייט, אוּן דִיא עֶרְד וֶועט גֶעבֶּען אִיהר תְּבוּאָה אוּן דֶער בּוֹים פוּן פֶעלְד וֶועט גֶעבֶּען זַיינֶע פֵּירוֹת. אָמֵן וְאָמֵן, כֵּן יְהִי רָצוֹן:

וֶוען מֶען בֶּענְטְשְׁט ראש חודש אב זָאל מֶען דִיעזֶע תְּחִנָּה זָאגֶען:

אַב הָרַחֲמִים, דֶערְבַּארְמִיגֶער פָאטֶער, וֶוען מִיר קוּמֶען יֶעצְט פַאר דִיר דֶעם חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב בֶּענְטְשֶׁען, וָואס אִין

מולדות לחודש תמוז

תרפ"א) דֶער מוֹלָד אִיז דִינְסְטָאג בַּיי טָאג 42 מִינוּט מִיט 14 חֲלָקִים נָאךְ 1. (ראש חודש אִיז מִיטְוָואךְ אוּן דָאנֶערְשְׁטָאג.

תרפ"ב) דֶער מוֹלָד אִיז שַׁבָּת צוּ נַאכְט 31 מִינוּט מִיט 8 חֲלָקִים נָאךְ 10. (ראש חודש אִיז מָאנְטָאג אוּן דִיעְנְסְטָאג.

מולדות לחודש אב

תרע"ז) דֶער מוֹלָד אִיז דָאנֶערְשְׁטָאג בַּייא טָאג 44 מִינוּט מִיט 1 חֵלֶק נָאךְ 1. (ראש חודש אִיז פְרַייטָאג.

תרע"ח) דֶער מוֹלָד אִיז מָאנְטָאג אָוֶוענְד 32 מִינוּט מִיט 13 חֲלָקִים נָאךְ 10. (ראש חודש אִיז מִיטְוָואךְ.

דעם ראש חודש איז אונזער פאטער אהרן הכהן געשטארבען, אזוי זאל דערוועקט ווערען זיין גרויסער זכות צו בענטשען אונז. דעם זכות וואס ער פלעגט פיעלע לייט מחזיר בתשובה זיין, דען ווען ער האט געזעהען דאס איינער האט אן עבירה געטהאן פלעגט ער איהם ליעבשאפט ווייזען און דער מענטש האט זיך געטראכט, ווען אהרן זאל וויסען וואס פאר א חוטא איך בין וואלט ער דאך בוודאי מיט מיר נישט גערעדט, דארום פלעגט דער מענטש תשובה טהאן. יעצט ליעבער גאט, געדענק אונז דיין זכות, דאס מיר זאלען זיך אליין אומקוקען אויף אונזערע בייזע מעשים און זאלסט אפמעקען אונזערע זינד און עס זאהל זיין שלום און פריעד אין אונזערע געצעלטען אין דעם זכות פון אהרן הכהן, וואס איז געוואוינט געווען צוא שלום מאכען צווישען א מענטש מיט זיין חבר און צווישען א מאן מיט זיין ווייב. יהי שלום בחילינו שלוה בארמנותינו. עס זאל זיין פריעדען אין אונזערע מויערען און שטילקייט אין אונזערע פאלאצען, אמן סלה:

הבט נא עמך כולנו, קוק נון, דאס מיר שטעהען און בעטען דיך, דאס דוא זאלסט אויף אונז בענטשען דעם חודש מנחם אב וואס מיר בענטשען יעצט און זאלסט אונז

מולדות לחודש אב

תרע"ט) דער מולד איז זונטאג פאר נאכט 5 מינוט מיט 8 חלקים נאך 8. (ראש חודש איז מאנטאג.

תר"פ) דער מולד איז פרייטאג פריה 54 מינוט מיט 2 חלקים נאך 4. (ראש חודש איז פרייטאג.

טְרֵייסְטֶען אַזוֹיא וִויא אַ פָאטֶער. און פַארְגִיעבּ אוּנְזֶערֶע זִינְד וָואס אִיבֶּער זֵייא זַיינֶען מִיר פוּן אוּנְזֶער לַאנְד פַארְטְרִיעבֶּען גֶעוָוארֶען און פוּן אוּנְזֶער עֶרד דֶערְוַוייטֶערְט גֶעוָוארֶען. אִין דַיין הֵיילִיגֶער וואוינוּנְג אִיז אִין דֶעם חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב פַאר־בְּרֶענְט גֶעוָוארֶען. אוֹי לָנוּ וְאוֹי לְנַפְשֵׁנוּ, וֶועה אִיז צוּ אוּנְז און וֶועה אִיז צוּ אוּנְזֶערֶע לַייבֶּער, דֶען עֶס אִיז צוּגֶענוּמֶען גֶעוָוא־רֶען דִי לִיכְט פוּן אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען, דָאס אִיז דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס עֶר פְלֶעגְט פַארְגֶעבֶּען אוֹיף אוּנְזֶערֶע זִינְד. אוֹיךְ וֶוען דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִיז אִין דֶעם חוֹדֶשׁ גֶעוֶוען אַזַא יוֹם טוֹב וָואס עֶס אִיז זַיין גְלַייכֶען נִישְׁט גֶעוֶוען, אָבֶּער יֶעצְט אִיז עֶר צוּ אוּנְז גָאר אַ קְלָאג און גֶעוֵויין, דֶען מִיר טְהוּ־עֶן זִיךְ בַּאדֶענְקֶען דִי גְדוּלָה וָואס עֶס אִיז פוּן אוּנְז אַוֶועקְגֶע־נוּמֶען גֶעוָוארֶען. לִיעבֶּער גָאט, הֶער צוּ דָאס קוֹל פוּן צִיוֹן. פַארְנֶעהְם דָאס גֶעשְׁרֵיי פוּן יְרוּשָׁלַיִם, וָואס זִיא טְהוּט מִיט אַ בִּיטֶער הַארְץ קְלָאגֶען. און אַזוֹי וִויא דוּ הָאסְט זִי מִיט פַייעֶר פַארְבְּרֶענְט אַזוֹי זָאלְסְט דוּ זִיא בּוֹיעֶן פוּן פַייעֶר אַזוֹי וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֶעהְט: „וַאֲנִי אֶהְיֶה לָהּ נְאוּם יְיָ חוֹמַת אֵשׁ סָבִיב". און און אִיךְ וֶועל זַיין צוּ אִיהר, דָאס זַיינֶען דִיא רֵייד פוּן גָאט, אַ מוֹיעֶר פוּן פַייעֶר אַרוּם און אַרוּם. גֶעלוֹיבְּט בִּיסְט דוּ דֶער טְרֵייסְטֶער פוּן צִיוֹן און דֶער בּוֹיעֶר פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אָמֵן:

מולדות לחודש אב

תרפ"א) דֶער מוֹלָד אִיז דָאנֶערְשְׁטָאג פְרִיה 26 מִינוּט מִיט 15 חֲלָקִים נָאךְ 2. (ראֹשׁ חוֹדֶשׁ אִיז פְרַייטָאג.)

תרפ"ב) דֶער מוֹלָד אִיז מָאנְטָאג פְרִיה 15 מִינוּט מִיט 9 חֲלָקִים נָאךְ 11. (ראֹשׁ חוֹדֶשׁ אִיז מִיטְוָואךְ.)

װען מען בענטשט ראש חודש אלול זאל מען די תחנה זאגען:

אַרְיֵה שָׁאַג מִי לֹא יִירָא. װען אַ לייב שרייט װער זאהל זיך ניט פירכטען? דאס װארט אַרְיֵה באַדייט: דער אל״ף מאכט „אֱלוּל״, דער רי״ש מאַכט „רֹאשׁ הַשָּׁנָה״, דער יו״ד מאַכט „יוֹם כִּפּוּר״ און דער ה״א מאַכט „הוֹשַׁעְנָא רַבָּה״. דאס הייסט װען עס קומען דיא דאזיגע טעג, װאס זייא זיינען פּאַרכטיגע טעג װער געהער זיך נישט פאַרכטען. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם יעצט קומען מיר בענטשען דעם חודש אֱלוּל מיט גרויס פאַרכט און מיט גרויס ציטערניש דען עס קומט אן די צייט װאס דוא װעסט זיך זעצען אויף דיין שטוהל צו מִשְׁפָּט'ן דיא גאַנצע װעלט. דאַרום טהוט אונז אַ ציטערניש אָנְחאַפּען און אונזער הַאַרְץ צוגעהט אין אונז אַזוי װי װאַסער און. איך דיין דיענסט (פלונית בת פלוניה), װאס איך בין ערד און אַש און בין געגליכען צו אַ װארים ניט קיין מענטש, בין געקומען צו װאַרפען מיין געבעט פאַר דיר. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, צו דערװעקע גרויס דערבאַרעמקייט פאַר דיין כִּסֵּא הַכָּבוֹד, דאס דוא זאלסט מיך און אַלע יודען לייטזעליגען אין דעם חודש אֱלוּל װאס איך טהו פאַר דיר בענטשען. דאס דוא זאלסט מיר עפּענען טהויערען פון תְּשׁוּבָה, טהויערען פון תְּפִלָּה, דאס

מולדות לחודש אלול

תרע״ז) דער מולד איז שַׁבָּת פריה 28 מינוט מיט 2 חֲלָקִים נאך 2. (ראש חודש איז) שַׁבָּת און זונטאג.

תרע״ח) דער מולד איז מיטװאך פריה 16 מינוט מיט 14 חֲלָקִים נאך 11. (ראש חודש איז) דאָנערשטאג און פרייטאג.

צָם זָאהל פַארְגֶעבֶּען וֶוערֶען נָאר מַיינֶע זִינְד אוּן זָאלְסְט מִיךְ שְׁרַייבֶּען אִין דֶעם סֵפֶר פוּן לֶעבֶּען דֶעם ראֹשׁ הַשָּׁנָה וָואס וֶועט זַיין, אוּן גִיעבּ מִיר פוּן דַיין גוּטְס אוּן דַיין בְּרָכָה אוּן זָאלְסְט בַּאגִיטִיגֶען אוּן בֶּענְטְשֶׁען אוּן בַּאגְלִיקֶען אַלֶע מַיינֶע וֶועגֶען אוּן גָאר דִיא וֶוערְק פוּן מַיינֶע הֶענְט, אוּן גִיעבּ מִיר אַ גוּט הַארְץ אוּן אִיךְ זָאהל שׁוֹין מֶעהר נִיט זִינְדִיגֶען אוּן זָאהל דִיךְ נִישְׁט דֶערְצֶערְעֶנֶען אוּן עֶפֶּען מִיר טְהוֹיעֶרֶען פוּן פַּרְנָסָה אוּן שְׁפַּייז אוּן זָאלְסְט אוֹיף מִיר גִייגֶען חֵן אוּן חֶסֶד אִין דַיינֶע אוֹיגֶען אוּן אִין דִיא אוֹיגֶען פוּן דִי אַלֶע וָואס זֶעהֶען מִיךְ, דֶען דוּא בִּיסְט נָאהֶענְט צוּא אַלֶע וָואס רוּפֶען דִיךְ, אוּן פָארְשְׁטֶעהן דִיךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ רוּף דִיךְ בֶּאֱמֶת, אַייל אוּן עֶנְטְפֶער מִיר אַז דֶער חוֹדֶשׁ אֱלוּל וָואס אִיךְ טְהוּ בֶּענְטְשֶׁען זָאהל גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערֶען פוּן דַיין פוּלֶער בְּרָכָה, אָמֵן׃

עַל רַחֲמֶיךָ הָרַבִּים אֶבְטַח, אוֹיף דַיין פִיעל דֶערְבַּארֶעמְקַייט. טְהוּ אִיךְ מִיךְ פַארְזִיכֶערֶען, וְעַל חֲסָדֶיךָ אֶשָּׁעֵן, אוּן אוֹיף דַיין גֶענָאד, לִיעבֶּער גָאט, טְהוּ אִיךְ מִיךְ אָנְלֶעהְנֶען, אוּן אִיךְ קוּם צוּא בֶּענְטְשֶׁען דֶעם חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דֶען אִיךְ וַויים, וֶוען דוּא וֶועסְט חָלִילָה אוֹיף מַיינֶע בֵּייזֶע מַעֲשִׂים קוּקֶען אִיז אוֹי לִי וְאוֹי לְנַפְשִׁי, וֶועה אִיז צוּ מִיר אוּן וֶועה אִיז צוּ מַיין לַייבּ. אָבֶּער וֶוען אִיךְ וֶועל מִיר צוּם הַארְצֶען נֶעהְמֶען אוּן וֶועל חֲרָטָה הָאר־

מולדות לחודש אלול

תרע"ט) דֶער מוֹלָד אִיז דִיענְסְטָאג פְרִיה 49 מִינוּט מִיט 9 חֲלָקִים נָאךְ 8. (ראֹשׁ חוֹדֶשׁ אִיז דִיענְסְטָאג אוּן מִיטְוָואךְ.

תר"פ) דֶער מוֹלָד אִיז שַׁבָּת פַאר נַאכְט 38 מִינוּט מִיט 3 חֲלָקִים נָאךְ 5. (ראֹשׁ חוֹדֶשׁ אִיז) שַׁבָּת אוּן זוּנְטָאג.

וגען בֶּאֱמֶת אויף מיינע זינד וועסטו ליעבער גאט זיך קעהרען צו דערבארעמען זיך אויף מיר און דער נאמען פון דעם חודש אֱלוּל וועט ווייזען אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי איך קעהר מיך צו מיך צו מיין פריינד, דאס איז השם יתברך. און מיין פריינד וועט זיך קעהרען צו מיר צו פארגעהמען מיין געבעט און מוחל זיין נאר מיינע עבירות. דארום ליעבער גאט, הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ מִן הַשָּׁמַיִם, קוק פון דיין היילינגען וואוינונג פון דעם הימעל אראפ און זעה מיין ביטער הארץ דאס איך בין געקומען פאר דיר, רייניג מיך פון נאר מיינע זינד, א ריין הארץ באשאף מיר גאט, און א רעכט געמיט באניי אין מיר. דאס איך זאל אפקעהרען פון דעם בייזען וועג און זאהל שוין מעהר קיין עבירות ניט טהאן און זאהל האלטען דיין היילינגע תורה און מצות כל ימי חיי, אמן ואמן:

מִמִּשְׁפָּטֶיךָ יָרֵאתִי עַל כֵּן אֲקַדֶּמְךָ בְּתַחֲנוּנִים. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, איך טהו מיך זעהר פארכטען פון דיין משפט אין דעם יום הדין וואס עס קומט אן, דארום טהו איך מיך פעדערען מיט געבעט, אלמעכטיגער גאט, דערבארעם דיך אויף מיר, גים נישט אוים דיין צארן אויף מיר און קעהר דיין הארץ און דיינע אויערען צוא פארנעהמען מיין תשובה

מולדות לחודש אלול

תרפ"א) דער מולד איז פרייטאג ביי טאג 10 מינוט מיט 16 חלקים נאך 3. (ראש חודש איז) שבת און זונטאג.

תרפ"ב) דער מולד איז דיענסטאג האלבע נאכט 59 מינוט מיט 10 חלקים נאך 11. (ראש חודש איז) דאנערשטאג און פרייטאג.

וּתְפִלָּה און בֶּענְטְשׁ דֶעם חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דָאס עֶס זָאהל דֶערְוֶועקְט וֶוערֶען אוּנְזֶער הַארְץ צוּ גוּטְס טְהָאן, עֶס זָאהל וַוייזֶען דֶער נָאמֶען אֱלוּל „אַשְׁרֵי לָךְ וְאַשְׁרֵי לְנִשְׁמָתֵךְ" ווארויל איז צוּ דַיין לַייבּ און ווארויל צוּא דַיין נְשָׁמָה, און מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעשְׁרִיעבֶּען אוּן גֶע'חַתְמֶ'עט צוּ וֶוערֶען צוּ אַ נַיי גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאהְר צוּם לֶעבֶּען און גֶעזוּנְד און פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד. בָּרוּךְ שׁוֹמֵעַ קוֹל תְּפִלַּת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בְּרַחֲמִים, גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ גָאט, דָאס דוּ הֶערְסְט דִיא גֶעבֶּעט פוּן דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל מִיט דֶערְבַּארֶעמְקַייט הֶער צוּ אוֹיךְ מַיין גֶעבֶּעט אִיךְ (פלונית בת פלונית) און דִי גֶעבֶּעט פוּן מַיין מַאן און מַיינֶע קִינְדֶער צוּ דֶערְבַּארֶעמֶען זִיךְ אוֹיף אוּנְז און אוֹיף כָּל יִשְׂרָאֵל, אָמֵן וְאָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן:

אַ נַייעֶ תְּחִנָּה פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בֶּענְטְשֶׁען:

עוּרוּ, דֶערְוֶועקְט אַייךְ אָבוֹת פוּן דִיא קְבָרִים און גֶעהְט צוּם כִּסֵּא רַחֲמִים צוּ בֶּעטֶען פַאר דִיא אִיבֶּערִיגֶע שָׁאף. קוּם, שְׁטֶעה אוֹיף אַבְרָהָם, און בֶּעט פוּן אוּנְזֶער פָאטֶער וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג, עֶר זָאל גֶעדֶענְקֶען דֶעם בְּרִית בֵּין הַבְּתָרִים, אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלֶען זַיין אַזוֹי וִויא שְׁטֶערֶען אִין הִימֶעל. און אוֹיבּ זֵיי הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט און זֵיי זַיינֶען שׁוּלְדִיג שְׂרֵיפָה, גֶעדֶענְק וָואס אִיךְ הָאבּ מִיר מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזֶען און הָאבּ מִיךְ גֶעלָאזְט וַוארְפֶען אִין קַאלְךְ־אוֹיוֶוען וֶועגֶען דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען און הָאבּ מְקַדֵּשׁ הַשֵּׁם גֶעוֶועזֶען. אוּ לָאז דָאס מֵגֵן זַיין פַאר

משלי דוד

אִין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בֶּענְטְשֶׁען בֶּעטֶען מִיר בַּיי גָאט: וְתִתֶּן לָנוּ חַיִּים אֲרוּכִים חַיִּים שֶׁל שָׁלוֹם. לְמָשָׁל: אֵיין מָאל אִיז אַ יוּנְגֶער מַאן אַרַיין אִין אַ בּוּכְהַאנְדְלוּנְג און הָאט פֶערְלַאנְגְט אַ לוּחַ, הָאט אִיהם דֶער בּוּכְהֶענְדְלֶער גֶעגֶעבֶּען אַ לוּחַ, דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט אַ בְּלִיק גֶעטְהָאן אִין לוּחַ

מַיינֶע קִינְדֶער. קוּם, שְׁטֶעה אוֹיף, יִצְחָק, וָואס דוּא בִּיסְט גֶעבּוּנְדֶען גֶעוָוארֶען אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ אוּן בֶּעט פַאר גָאט, זֶעץ דִיךְ אוֹיף דֶעם כִּסֵא רַחֲמִים אוּן גֶעדֶענְק וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ, לָאז עֶס זַיין אַ פַארְגֶעבּוּנְג אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער וָואס זַיינֶען שׁוּלְדִיג הֶרֶג. קוּם, שְׁטֶעה אוֹיף אוּנְזֶער פָאטֶער יַעֲקֹב, פַאר דֶעם גָאט וָואס דֶערְהֶערְט דָאס גֶעבֶּעט פוּן אַלֶע מֶענְטְשֶׁען אוּן בֶּעט אוֹיף דַיינֶע שָׁאף. גֶעדֶענְק אַז אִיךְ הָאבּ מִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פוּן זַייעֶרְט וֶועגֶען אוּן הַיינְט זָאלְסְטוּ זֵיי נִיט פַארְלָאזֶען אוֹיבּ זֵיי הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט אוּן זַיינֶען חַיָב גָלוּת, גֶעדֶענְק לִיעבֶּער גָאט, אַז אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען פוּן מַיין פָאטֶערְס הוֹיז אוּן עֶס הָאט מִיךְ גֶעבְּרֶענְט בַּיי טָאג דִיא הִיץ אוּן בַּיי נַאכְט דִיא קֶעלְט. קוּם, שְׁטֶעה אוֹיף, משֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן בֶּעט פַאר גָאט אוֹיף דִי קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בֶּעט דִיר וָואהְרְהַאפְטִיגֶער נָבִיא, דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען וִויא אַ פָאטֶער צוּ דִיא קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיךְ אִין דֶער מִדְבָּר, אַז זֵיי הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט הָאסְטוּ גֶעמַאכְט וִויעדֶערְקֶעהְ־רֶען דֶעם גְרִים־צָארְן פוּן גָאט זֵייא זָאלֶען נִישְׁט פַארְדָארְבֶּען וֶוערֶען, דַארוּם שְׁטֶעה אוֹיף אוּן בֶּעט פַאר גָאט עֶר זָאל נִיט פַארְדַארְבֶּען דַיין פָאלְק וָואס דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען זַייעֶר שָׁלִיחַ אוֹיסְצוּצִיהֶען זֵיי פוּן מִצְרַיִם אִין זַייעֶר לַאנְד אַרַיין וָואס גָאט הָאט צוּ זֵיי גֶעשְׁוָוארֶען, דַארוּם גֶע־דֶענְק, לִיעבֶּער גָאט, דָאס אִיךְ בִּין גֶעלָאפֶען פַאר זֵיי אִין דֶער מִדְבָּר כְּדֵי עֶס זָאל זֵיי קֵיינֶער נִיט קֶענֶען קַיין בֵּייז טְהָאן. דוּ לִיעבֶּער גָאט פוּן דֶעם הִימֶעל טְהוּ גֶעדֶענְקֶען אִין דַיין וַויין שְׁטָאק וָואס דוּא הָאסְט

משלי דוד

אוּי הָאט גֶעגֶעבֶּען אַ שְׁמֵייכֶעל אוּן אִיז אַוֶועק. נָאךְ אִיהם קוּמְט אַרַיין אַ צְוֵוייטֶער אוּן בֶּעט אוֹיךְ אַ לוּחַ. דֶער בּוּכְהַאנְדְלֶער הָאט אִיהם אוֹיךְ גֶעגֶעבֶּען אַ לוּחַ אוֹיךְ עֶר הָאט אִין אִין אִיהם אַיינְגֶעקוּקְט. אָבֶּער עֶר אִיז אַרוֹים מִיט אַ זִיפְץ. פְרֶעגְט אֵייְ־נֶער דֶעם סוֹחֵר סְפָרִים:—זָאגְט מִיר לִיעבֶּער פְרַיינְד, פַאר וָואס הָאט אֵיינֶער גֶעשְׁמֵייכֶעלְט אוּן דֶער אַנְ־

געפלאנצט מיט דיינער האנט. קום, שטעה אויף, מלך המשיח, הגץ וועה דיא עדה פון גאט. דערוועק דיין משפט פאר דיין פאטער וואס האט דיר באשאפען. דו גאט ביז ווי לאנג וועסטו זיי פארלאזען, איך זאהל זייערע זינד אפקומען און עם זאהל אויך פארגעבען אויף דיא ישראל, איך בעט דיך גאט, געדענק צוא מיר דעם חסד פון דיינע קנעכט וועגען און זאלסט וויעדערקעהרען דאס עלענטקייט פון מיר און זאלסט אונז שטארקען מיט דיין נאמען, דוא זאלסט דערהויבען דיין הערשאפט און עס זאל אנטפלעקט ווערען צו דיין היילינ פאלק ישראל צו באשירעמען זיי פאר דעם שלעכ׳ץ. און גאט זאל זיין צו א קעניג איבער דער גאנצער וועלט, דען דאס לעבען און דער טוידט איז אלץ נאר אין דיינער מאכט און דוא ביסט ממית ומחיה, דוא מאכסט לעבעדיג און טוידט און קיין אנדער גאט איז ניט פאר׳ן אנ־דען ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט, ניט פאר דיר און ניט נאך דיר. דו ליעבער גאט, דו ערניעדעריגסט דעם מענטשען אז ער געהט נישט אין דעם רעכטען וועג און דוא דערהויבסט דעם מענטשען אז ער געהט יוא אין רעכטען וועג און דו שטראפסט, און דו היילסט און מיין בטחון איז נאר אויף דיר, וואס דו פיהרסט דיך אנטקעגען דעם מענטשען מיט י״ג מדות וואס זיי ווערען גערופען

שלש עשרה מדות:

יי יי אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד

משלי דוד

דערער געזיפצט אריינקוקענדיג אין די לוחות? — ענטפערט איהם דער בוכהענדלער — דער ערשטער יונ־גער מאן איז א בוכהאלטער און באקומט זיין געהאלט מאנאטליך, ער האט באמערקט אז דער נייער יאהר איז אן עבור־יאהר, און ער וועט האבען נאך פאר א חודש גע־האלט מהוט עם איהם הנאה. דער צווייטער אבער באקומט זיין גע־האלט יעהרליך, אלזא מוז ער דאך ארבייטען א גאנצען מאנאט אומ־

וֶאֱמֶת נוֹצֵר חֶסֶד לָאֲלָפִים נֹשֵׂא עָוֹן וָפֶשַׁע וְחַטָּאָה וְנַקֵּה:

עָזְרֵנוּ אֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ עַל דְּבַר כְּבוֹד שְׁמֶךָ וְהַצִּילֵנוּ וְכַפֵּר עַל חַטֹּאתֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ. בָּרוּךְ יְיָ לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁתְּחַדֵּשׁ עָלֵינוּ אֶת הַחוֹדֶשׁ הַזֶּה לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה וְתִתֶּן לָנוּ און דו זָאלְסְט אוּנְז גֶעבֶּען חַיִּים אֲרוּכִּים, אַז דָאס לֶעבֶּען זָאהל זַיין אַ לֶעבֶּען אויף עוֹלָם הַבָּא, חַיִּים שֶׁל טוֹבָה, חַיִּים שֶׁל בְּרָכָה, מִיר זָאלֶען פון גָאט גֶעשְׁפַּייזְט וֶוערֶען, חַיִּים שֶׁל פַּרְנָסָה טוֹבָה, און מִיט נַחַת און נִיט מִיט צַעַר, חַיִּים שֶׁל חִלּוּץ עֲצָמוֹת, אוּנְזֶערֶע בֵּיינֶער זָאלֶען גֶעשְׁטַארְקְט וֶוערֶען, חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם יִרְאַת שָׁמַיִם, און אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלֶען גְלוֹיבֶּען אִין גָאט בָּרוּךְ הוּא, זֵיי זָאלֶען גֶעהֶען אִין גָאטְ'ס וֶועג, זֵיי זָאלֶען בַּאגְלִיקֶען זֵייעֶר וֶועג און שְׁטֶעג, חַיִּים שֶׁאֵין בָּהֶם בּוּשָׁה וּכְלִימָה, מִיר זָאלֶען נִיט פַארְשֶׁעהְמְט וֶוערֶען בָּעוֹלָם הַזֶּה און נִישְׁט בָּעוֹלָם הַבָּא פַאר דֶעם בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה. זָאלְסְט אוּנְז גֶעבֶּען חַיִּים שֶׁל עוֹשֶׁר וְכָבוֹד, מִיר זָאלֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מְגַדֵּל זַיין לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, וִויא דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גֶעבֶּעטֶען: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאהל אִיךְ שְׁטַארְבֶּען וויא אַ מַלְכוּת און נִיט וִוי אַן אֶבְיוֹן. זָאלְסְט אוּנְז גֶעבֶּען חַיִּים שֶׁתְּהֵא

משלי דוד

זִיסְט, דַארוּם הָאט עֶר גֶעזִיפְצְט. דֶער נִמְשָׁל אִיז: מִיר בֶּעטֶען בַּייא הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אויף לַאנְג לֶעבֶּען, אָבֶּער וָואס פַאר אַ לֶעבֶּען גֶענִיסְט מֶען פון אַ לֶעבֶּען אִין צַעַר און דַחְקוּת חַס וְשָׁלוֹם. נָאר אַ לֶעבֶּען פון צוּפְרִידֶענְהַייט, פון גֶעזוּנְד און פַּרְנָסָה. אָט דָאס בֶּעטֶען מִיר בַּייא הַשֵּׁם

בנו אהבת תורה ויראת שמים, מיינע קינדער זאָלען גלויבען אין גאָט ווי די קינדער פון יעקב אבינו עליו השלום, וואָרום אַז יעקב אבינו עליו השלום האָט געוואָלט שטאַרבען האָט ער געוואָלט מגלה זיין דעם קץ פון דער גאולה האָט זיך די נבואה פון איהם אָפּגעטהאָן, און ער האָט זיך דערשראָקען און האָט געזאָגט צו זיי: אפשר חלילה איז דאָ אַ פּסול אין מיין בעט. האָבען זייא געענטפערט: „שמע ישראל יי אלהינו יי אחד״. דאָס איז טייטש: הער צו אונזער פאָטער ישראל דער גאָט וואָס איז דיין גאָט איז אויך אונזער גאָט, גאָט ברוך הוא איז איינער. ליבער גאָט גיב אונז חיים שימלא משאלות לבנו לטובה אמן:

רבונו של עולם, איך טהו תפלה צו דיר, וויא אסתר המלכה האָט תפלה געטהאָן. הערר פון דער גאַנצער וועלט הער שוין צו מיין געשריי און ענטפער מיר, דערפרעה אונז שוין דאָס מיר זאָלען אויסגעלייזט ווערען. איך האָף צוא גאָט ברוך הוא אַז ער וועט אָננעהמען מיין גרויסע בקשה ווי ער נעהמט אָן אַלע בקשות פון אַלע שווערע געמיטהען מיט צובראָכענע הערצער. דאָס יאהר זאָהל אונז בייששטעהען דער זכות פון אברהם יצחק ויעקב. אונזערע קליינע קינדער וואָס זיינען געשטאָרבען יונגערהייד פאַר זייער צייט זאָלען פאַר אונז בעטען, און אויך דיא ריינע און היילינע דערבאַרעמדיגע מלאכים זאָלען פאַר אונז בעטען אַז ווען דוא וועסט אונז משפט'ן זאָלסטו אונז משפט'ן מיט רחמנות און נישט מיט רוגז, און מיין גע־

משלי דוד

יתברך, אַז ער זאָל אונז געבען חיים ארוכים לאנג לעבען נאָר דערצו זאָל ער אונז אויך געבען חיים של שלום א לעבען פון רוהיגקייט פון שלום ונחת, אַז מיר זאָלען קענען דיענען השם יתברך מיט אַ ריינע האַרץ און מיט רוהיגע געדאַנקען.

בֶּעט זָאל נִיט לֶעהְר וִויעדֶערְקֶעהְרֶען. הַשֵּׁם אֱלֹהֵי צְבָאוֹת. דוּ פְּרוּבְּסְט אַלֶע קַאמֶערְן אוּן גֶעדַאנְקֶען פוּן אַלֶע הֶערְצֶער אִיהר הִימֶעל עֶפֶענְט אוֹיף אַייעֶרֶע פֶענְצְטֶער אוּן זָאלֶען דִי דֶערְבַּארֶעמְ׳ גֶ׳ מַלְאָכִים בְּרֶענְגֶען מַיין תְּפִלָּה פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דֶער דֶערְבַּארֶעמִיגֶער מַלְאָךְ וֵועט גֶעווִים פַאר מִיר גֶעהֶען, עֶר וֶועט מִיר בְּרֶענְגֶען חֵן וָחֶסֶד פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דֶער חֵן פוּן יוֹסֵף הַצַּדִיק אוּן דֶער חֵן פוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה זָאהל מִיר גֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען וַוייל אִיךְ הָאבּ בִּטָּחוֹן אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דֶעז עֶר פַארְלָאזְט נִיט קֵיינֶעם דֶער וָואס פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אִין אִיהם אָמֵן סֶלָה:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶערְר פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט וָואס דוּא הָאסְט דִיא וֶועלְט בַּאשַׁאפֶען זָאלְסְטוּ מִיט דִי זֶעלְ־בִּיגֶע הֶענְט פַארְשְׁפְּרֵייטֶען אוֹיף אוּנְז אוּן זָאלְסְט אוּנְז הֶעלְ־פֶען. דֶער גָאט וָואס הָאט מַצִיל גֶעוֶועזְן אַבְרָהָם אָבִינוּ פוּן קַאלְךְ־אוֹיוֶוען, דֶער גָאט בָּרוּךְ הוּא זָאל אוּנְז נִיט שִׁיקֶען קֵיין שׁוּם בֵּייז. דֶער גָאט, וֶועלְכֶער הָאט מַצִיל גֶעוֶועזְן יִצְחָק פוּן דֶער עֲקֵידָה, דֶער גָאט בָּרוּךְ הוּא זָאהל בֶּענְטְשֶׁען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט זַיינֶע בֵּיידֶע בַּאוִוילִיגְטֶע הֶענְט. דֶער גָאט וָואס הָאט מַצִיל גֶעוֶועזְן יַעֲקֹב פוּן עֵשָׂו אוּן פוּן לָבָן. דֶער גָאט בָּרוּךְ הוּא זָאל גֶעבֶּען מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ בֶּענְטְשֶׁען אוּנְ־זֶערֶע קִינְדֶער צוּא דֶער חוּפָּה מִיט אוּנְזֶערֶע הֶענְט. לָאמִיר אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהֶען מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען וִויא גָאט בָּרוּךְ

משלי דוד

קַבָּלַת שַׁבָּת פַאנְגֶען מִיר אָן מִיט לְכוּ נְרַנְּנָה לַה׳, גֶעהְט מִיר וֶועלֶען זִינְגֶען צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אַ יִ־גֶענְטְלִיךְ דַארְף דָאךְ שְׁטֶעהְן „בּוֹאוּ״ קוּמְט, דֶען דֶער לָשׁוֹן „לְכוּ״ וַוייזְט, עַל פִּי רוֹב, גֶעהְט אַוֶועק. וֶועלֶען מִיר דָאס פַארְשְׁטֶעהֶען מִיט אַ מָשָׁל: אַ סוֹחֵר אִיז גֶעפָאהְרֶען אוֹיף דֶעם וַואסֶער

הוּא וֶועט ווידערקעהרען נָאךְ צִיּוֹן אוּן זִי וֶועט ווידער געבויט וֶוערען אוּן יְרוּשָׁלַיִם וועט ווידער געטרויסט וֶוערען אוּן מָשִׁיחַ זָאל קוּמען גִיךְ אוּן בַּאלד, דִי מֵתִים זָאלען לעבעדיג וֶוערען בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ. אָמֵן סֶלָה:

עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ לַאֲדוֹן הַכֹּל לָתֵת גְדוּלָה לְיוֹצֵר בְּרֵאשִׁית. אוֹיף מִיר (פלונית בת פלונית) אִיז דִי שׁוּלְד צוּ לוֹיבּען דַיין נָאמען בִּיְרְאָה צוּ געניסען דַיין בַּארעמהערציגקייט, וַוייל אִיךְ בִּין שׁוין פוּל מִיט עֲבֵירוֹת. וּבַעַל הָרַחֲמִים נִקְרֵאתָ וְדֶרֶךְ תְּשׁוּבָה הוֹרֵיתָ, דוּ בִּיסט דָאךְ בַּארעמהערציג אוּן הָאסט אוּנז געלערענט דעם וועג פוּן תְּשׁוּבָה, אֲזוֹי קוּם אִיךְ פב״פ פַאר דַיין נָאמען לְהִתְפַּלֵּל עַל נַפְשִׁי וְעַל בָּנַי וְעַל עַמִּי, צוּא בעטען אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף מַיין מַאן אוּן אוֹיף מַיינע קִינדער בִּבְרִיעָה וּבְהִשְׁתַּחֲוָיָה, אוּן פַאל יעצט אוֹיף מַיין פָּנִים בְּיִרְאָה וּבְמוֹרָא צוּ בעטען דַיין הֵיילִיגען נָאמען. אִיךְ קוּם צוּ לוֹיבּען אוּן צוּא דַאנקען דעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹיף דעם חֶסֶד וָואס דוּ הָאסט געטהָאן מִיט מִיר אוּן מִיט מַיין מַאן אוּן מִיט מַיינע קִינדער פוּן דעם יוּגענד אָן בִּיז הַיינט. אֵל מָלֵא רַחֲמִים, זָאהל מִיךְ ווייטער דַיין גענָאד נִישט פַארלָאזען, זָאהל יעצט זַיין אַיין עֵת רָצוֹן לִפְנֵי כִּסֵּא כְבוֹדֶךָ, זָאלְסט אוּנ־

משלי דוד

מִיט אַן אָנגעלָאדענע שִׁיף מִיט תְּבוּאָה. דִיא שִׁיף הָאט בַּאקוּמען אַ שְׁטַארקען קְלַאפּ אוּן עֶס הָאט אָנגעפַאנגען צוּ גֶעצען דִי תְּבוּאָה. עֶס אִיז געווען גְרַאדע נָאהענט צוּ אַ שְׁטָאדט. הָאט דער סוֹחֵר געדוּנגען מענטשען מען זָאהל אַרויסנעהמען דִי פערגעצטע תְּבוּאָה. דִיא קְלֵיינע

זערע עבירות מוחל זיין, וויא דו האסט פארזיכערט צו משה רבינו עליו השלום: „סלחתי כדבריך”. דוא זאלסט מוחל זיין אונזערע עבירות וואס מיר זיינען מתודה, זיי מקבל אונזערע תפלות כתפלת חנה וואס זיא האט געזאגט, „אשה קשת רוח אנכי” א פרוי מיט א בעטריבטע געמיטה בין איך. אל תבא במשפט עמנו, זיי מיך נישט דן מיט משפט, כי לא יצדק לפניך כל חי, ווייל קיין מענטש איז ניט ריין פון עבירות. ווען חס ושלום דער מקטרג וועט מקטרג זיין זאלען מיר געניסען דיין מדה פון חסד וואס זאל קומען פאר דיין כסא של רחמים און זאלסט דיך מרחם זיין איבער אונז. אונזערע זינד זאלסט דו אפמעקען מיט דיין פיעל דערבארעמקייט, אבער נישט

דורך יסורים וחלאים רעים:

רבונו של עולם, וויא זאהל אין מיר נישט צובראכען ווערען מיין הארץ, ווען איך טהו געדענקען אז דאס בית המקדש איז געשטאנען און דער כהן גדול האט דיא עבודה געטהאן אין קדשי קדשים. אבער יעצט, בעונותינו הרבים, האבען מיר ניט קיין בית המקדש און קיין כהן גדול און קיין קרבן וואס זאהל אויף אונז מכפר זיין, האבען מיר קיין אנדער מנחה ניט נור אונזער תפלה פארנעהם און גיעב מיר מיט מיין מאן עשירות אז איך זאהל קענען מפרנס זיין לומדי תורה און צדקה געבען לעניים ואביונים כשרים און נישט חס ושלום אז אונזער עשירות זאל זיין צו גאוה טרייבען. פותח את ידך,

---

משלי דוד

סוחרים פון שטאדט האבען אפגע־ קויפט די תבואה זעהר ביליג און די ארבייטער האבען דאבײ גוט פער־ דיענט. איין אווענט האבען זיי גע־ זאגט צום סוחר: איהר האט דאך אזוי שווער געארבייט, געהט אין אייער צימער רוהט זיך אוים. ער האט זייא געפאלגט, און דערווייל

גאט ברוך הוא, עפענסט דיין פולער האנד און שפייזט דיא גאנצע וועלט. אב הרחמן, יהיו לרצון אמרי פי, מיין געבעט זאהל זיין באַוויליגט פון מיין צובראכען הארץ פאר דיר, גלייך וויא איך וואלט געבראכט פאר דיר א קרבן. און ווען חס ושלום איך האב געטהאן עפעס שלעכטץ, בינה הגיגי, פרוב מיין צובראכען הארץ, וואס איז באטריבט מיט וויינען און שרייען און זאהל א מליץ טוב קומען און זאל ממליץ זיין פאר מיר און פאר מיין מאן און פאר מיינע קינדער. און ווען איך בין חס ושלום נישט ווערטה איך זאהל מתפלל זיין על עצמי ומכל שכן אויף מיין מאן און מיינע קינדער פארזיכער איך מיך אויף דיר, וואס דו טהוסט חסד לאלפים אז דו וועסט הערען די תפלה פון (פלונית בת פלונית) און ניט לאזען מיינע טרעהרען לעהר אפ־לויפען דער מדת הדין זאהל ווערען געאיינציגט מיט מדת הרחמים און עס זאהל דאס יאהר קומען דער גואל צדק, און גאט זאל געבען מיר זאלען דערלעבען אז אין אונזערע טעג זאהל דער בית המקדש געבויט ווערען און דער כהן גדול זאהל דיא עבודה טהאן אין בית המקדש. און איך (פלונית בת פלונית) מיט אלע נשים צדקניות זאלען מיר דערלעבען דארטען מתפלל זיין בזכות דיא אמהות שרה, רבקה, רחל ולאה, במהרה בימינו, אמן סלה:

יהי רצון מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו שתחדש עלינו את החודש הזה לטובה ולברכה. ותתן לנו חיים ארוכים. חיים של שלום.

משלי דוד

האבען די קליינע סוחרים מיט דיא ארבייטער פערבראכט א פרעהליכען אווענט, אלע זיינען געווען צופריעדען און פרעהליך, האבען געגעסען און געטרונקען און זיך לוסטיג געמאכט. אויף מארגען פרעגט זיי דער סוחר: — וואס וואלט איך האבען אז איך וואלט אויך מיט אייך

חַיִּים שֶׁל טוֹבָה. חַיִּים שֶׁל בְּרָכָה. חַיִּים שֶׁל פַּרְנָסָה. חַיִּים שֶׁל חִלּוּץ עֲצָמוֹת. חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם יִרְאַת שָׁמַיִם וְיִרְאַת חֵטְא. חַיִּים שֶׁאֵין בָּהֶם בּוּשָׁה וּכְלִמָּה. חַיִּים שֶׁל עֹשֶׁר וְכָבוֹד. חַיִּים שֶׁתְּהֵא בָנוּ אַהֲבַת תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם. חַיִּים שֶׁיִּמָּלְאוּ מִשְׁאֲלוֹת לִבֵּנוּ לְטוֹבָה בִּזְכוּת תְּפִלַּת רַבִּים. אָמֵן סֶלָה:

מִי שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ וְגָאַל אוֹתָם מֵעַבְדוּת לְחֵרוּת. הוּא יִגְאַל אוֹתָנוּ בְּקָרוֹב. וִיקַבֵּץ נִדָּחֵינוּ מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ. חֲבֵרִים כָּל יִשְׂרָאֵל וְנֹאמַר אָמֵן:

רֹאשׁ חֹדֶשׁ (פלוני) יִהְיֶה בְּיוֹם (פלוני) הַבָּא עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל לְטוֹבָה:

יְחַדְּשֵׁהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל. לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם. לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה. לִישׁוּעָה וּלְנֶחָמָה. וְנֹאמַר אָמֵן:

משלי דוד

צוזאַמען דעם אָווענט פאַרבּראַכט? פאַרוואָס האָט איהר מיר געבּעטען איך זאָל אַוועקגעהען? — ענטפערען זיי איהם: — ווייל מיר האָבּען גע־וואוסט אַז איהר האָט גרויס היזק געהאַט האָבּען מיר אייך נישט גע־וואָלט מצער זיין, נאָר מיר האָבּען זיך חס ושלום ניט געפרעהט אויף אייער סבה, נאָר מיר האָבּען זיך געפרעהט וואָס אונז האָט השם יתברך צוגעשיקט אַ גוטען פער־דינסט. דער נמשל איז, מיר טאָרען

אַנְעִים זְמִירוֹת.

אַנְעִים. איך וועל זיסען איין צימליך געזאַנג. און וועל דיא געזאַנגען צו אַנאַנדער וועבען, דען צו דיר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא טהוט מיין לייב שרייען מיט דער תְּפִלָּה:

נַפְשִׁי. מיין לייב טהוט גלוסטען צוא זיצען אין דער שיין פון דיין היילינגער שְׁכִינָה, צו וויסען דיינע היימליכע סודות:

מִדֵּי דַבְּרִי. ווען איך טהו ריידען פון דיין כָּבוֹד ברומט מיין הַארץ צו דיין פריינדשאפט:

עַל כֵּן. דארום וועל איך ריידען פון דיא געעהרטע רייד. און דיין נאמען וועל איך עהרען מיט א פרעהלאך געזאַנג:

אֲסַפְּרָה. איך וועל דערצעהלען דיין כָּבוֹד אָבער איך האב דיך נישט געזעהען. איך טהו גלייכען דיך און טהו דיך רופען אָבער איך וויים דיך ניט:

בְּיַד נְבִיאֶיךָ בְּסוֹד עֲבָדֶיךָ. דורך דיינע נְבִיאִים אין סוד פון דיינע קנעכט האסטו געגליכען דיין שעהנהייט פון דיין געעהרטע לויב:

גְּדוּלָּתְךָ. דיין גרויסקייט און דיין שטארקייט האבען זיי אָנגע־רופען און געגליכען צום שטארקייט פון דיינע באַשע־פעניש:

משלי דוד

זיך ניט פרעהען אויף דעם אונגליק פון אונזערע שׂוֹנְאִים, נאר מיר דאַרף־פען זיך פרעהען אויף אונזער גליק. דער לעצטער פָּסוּק פונ׳ם פריהער־דיגען קאפיטעל ענדיגט זיך בְּצַמִּיתֵם ה׳ אֱלֹהֵינוּ, גאט וועט אונגליקליך מאכען דיא שׂוֹנְאִים פון דָּוִד הַמֶּלֶךְ, נאר ווען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וועט אונז געבען די יְשׁוּעָה, זאגען מיר „לְכוּ“ איהר צוֹרְרֵי דָוִד געהט אוועק, נְרַנְּנָה לַה׳ אֱלֹהֵינוּ. מיר וועלען זינגען און באנקען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ פאר אונזער גליק.

דמו, זיי האבען געגליכען דיך אבער ניט אזוי וויא דו ביסט. זיי האבען דיך געגליכען נאר נאך דיינע מעשים נאך:

המשילוך. זייא האבען דיך געגליכען אין פיעלערליי נביאות אבער דו ביסט איינציג אין אלע גלייכעניש:

ויחזו. זיי האבען אויף דיר געזעהען ביי דעם בארג סיני און ביי דעם ים סוף:

זקנה. אלטקייט האבען זיי געזעהען אין דעם טאג פון משפט. יונגקייט האבען זיי געזעהען אין דעם טאג פון מלחמה. גלייך ווי א שטארקער בעל מלחמה וואס ער האט ביי זיך גרוים קראפט:

חבש. ער האט אנגעגורט איין היטעל פון הילף אויף זיין קאפ עס העלפט איהם זיין רעכטע האנד און זיין הייליגע ארעם:

טללי. מיט דער ליכטיגער טהוי פון קרייטער איז פול זיין קאפ, זיינע גרייזלען זיינען פול מיט דיא טראפען ראסי פון דער נאכט:

יתפאר. ער טהוט זיך באריהמען מיט מיר אז ער באגעהרט אין מיר און ער וועט זיין צוא מיר ישראל צו א געלוס־טיגע און איין ליעבליכע קרוין:

מגדל דוד

אין זמירות פון פרייטאג־צו־נאכט זאגען מיר: וקדוש רבה ברוב מטעמים וכו שבת קדש איז א מצוה צו מאכען קדוש אויף וויין וויא דיא גמרא זאגט: זכרהו על היין און צו מאכען פארשיעדענע גוטע שפייז. איז דאך א פליאה: דער עיקר פון שבת איז דאך אז מען זאהל האבען רוהע כדי מען זאל קענען עוסק זיין רוהיג אין תורה און אין עבודת ה'. וויא אין פסוק שטעהט: שבת לה' אלהיך, דער טאג שבת זאל זיין היי־

כֶּתֶר. אַ רֵייגֶע קְרוֹין פוּן גִּיןְ־גָאלְד אִיז דָאס גְלַייכֶען פוּן זַיין קָאפּ. עֶס אִיז גֶעקְרִיצְט אוֹיף זַיין שְׁטֶערֶען דֶער כָּבוֹד פוּן זַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען:

לְחֵן. צוּ חֵן אוּן צוּ כָּבוֹד אוּן צוּ אַ לִיעבְּלִיכֶע שֶׁעהֶנְהַייט טְהוּט זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל אָן קְרוֹינֶען צוּ הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִיט זֵייעֶר תְּפִלָּה:

מַחְלְפוֹת. דִי הָאאר פוּן זַיין קָאפּ זַיינֶען אַזוֹי וִויא אִין דִי יוּנְגֶע טֶעג. זֵיי זַיינֶען גֶעגְרַייזֶעלְט אוּן שְׁוַוארְץ:

נְוֵה הַצֶדֶק. דָאס שֶׁעהֶנֶע וָואהנוּנְג פוּן דֶעד גֶערֶעכְטֶער שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם זַיין לִיעבְּלִיכֶע שֶׁעהֶנְהַייט. זָאהל זַיין דֶער ווִילֶען פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא אַז עֶר זָאהל זִי אוֹיפְ־בְּרֵיינְגֶען אוּן גֶעדֶענְקֶען אָפְט בַּיי זַיין פְרֵייד:

סְגוּלָתוֹ. זַיין גֶעלִיעבְּט פָאלְק יִשְׂרָאֵל זָאלֶען זַיין אִין זַיין הַאנְד ווִי אַ קְרוֹין, ווִיא אַ הוֹיבּ פוּן אַ שֶׁעהֶנֶע חָשׁוּבֶ׳ע מַלְכָּה:

עֲמוּסִים. דִי יִשְׂרָאֵל וָואס הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָאט זֵיי גֶעטְרָאגֶען פוּן מִצְרַיִם עֶר הָאט זֵייא דֶערְהוֹיבֶּען אוּן הָאט זֵייא גֶעקְרוֹינְט פוּן דֶענְסְטְמָאל אָן וָואס זֵיי זַיינֶען חָשׁוּב גֶעוֶוען אִין זַיינֶע אוֹיגֶען הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶהְרְט:

מגדל דוד

לִיג צוּ גָאט, אִיז דָאךְ דֶער עִיקָר אַז דֶער נֶפֶשׁ זָאהל זַיין רֵיין אוּן רוּהִיג, הַיינְט צוּ וָואס אִיז דִי מִצְוָה אַז מֶען זָאל מַאכֶען פֶערְגֶענִיגֶען דֶעם גוּף מִיט וַויין אוּן פַארְשִׁיעדֶענֶע שְׁפַּײזֶען, וֶועלֶען מִיר דָאס פַארְשְׁטֶעהֶען מִיט אַ מָשָׁל: עֶס אִיז אַ מָאל גֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאדְט אַ בַּארִיהְמְטֶער מוּזִיקֶער הָאט עֶר גֶעקְלֶעפְּט הוֹדָעוֹת אַז עֶר וֶועט גֶעבֶּען קָאנְצֶערְט. ווִיא מֶען הָאיז זִיךְ דֶער פוּן דֶערְוואוּסְט אִין שְׁטָאדְט הָאבֶען אַלֶע רֵייכֶע לַייטֶע גֶעקוֹיפְט בִּילֶעטֶען צוּם קָאנְצֶערְט. אִין שְׁטָאדְט הָאט זִיךְ גֶעפוּ־

פְּאֵרוֹ. דָאס שֶׁעהְנְהַייט פוּן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אִיז אוֹיף מִיר אוּן עֶר זָאהל זַיין נָאהֶענְט צוּ מִיר וֶוען אִיךְ וֶועל אִיהם אָנְרוּפֶען.

רוֹצֶה. הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא זַיין ווִילֶען זָאל זַיין אִין פָאלְק יִשְׂרָאֵל דִיא וָואהְרְהַאפְטִיגֶע זָאהל עֶר בַּאשֶׁעהְנֶען עֶר וַוארְט צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי לוֹיבּ פוּן יִשְׂרָאֵל צוּ בַּארִיהְמֶען זִיךְ מִיט זֵיי:

רֹאשׁ. אִין אָנְהוֹיבּ פוּן דַיינֶע רֵייד פוּן דֶער תּוֹרָה אִיז דִי סוֹפֵי תֵּבוֹת אֱמֶת, דָאס מֵיינְט מֶען „בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹהִים”. עֶר הָאט אָנְגֶערוּפֶען אַלֶע תֵּבוֹת פוּן פְרִיהֶער אָן, מִיר בֶּעטֶען דִיךְ אַז אִיטְלִיכְם דוֹר פוּן יִשְׂרָאֵל וָואס זֵייא פָארְשְׁטֶען דִיךְ זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיךְ פָארְשְׁטֶען:

שִׁית. דוּ זָאלְסְט טְהָאן דָאס בְּרוּמוּנְג פוּן מַיינֶע גֶעזַאנְג בַּיי דִיר אוּן אַ לוֹיבּ זָאל גֶענֶעהְנֶען צוּ דִיר:

תְּהִלָּתִי. מַיין לוֹיבּ זָאהל זַיין אַ קְרוֹין צוּא דַיין קָאפּ אוּן מַיין תְּפִלָּה זָאל זַיין אָנְגֶעבְּרֵייט פַאר דִיר ווִי קְטוֹרֶת הַסַּמִים וָואס דִי כֹּהֲנִים הָאבֶּען מַקְטִיר גֶעוֶוען אִין הֵיילִיגֶען בֵּית הַמִּקְדָּשׁ:

תִּיקַר. עֶס זָאל טְהַייעֶר זַיין דָאס גֶעזַאנְג פוּן דִי אָרִימֶע יִשְׂרָאֵל אִין דַיינֶע אוֹיגֶען ווִי דָאס גֶעזַאנְג וָואס דִי לְוִיִּם הָאבֶּען גֶעזוּנְגֶען בַּיי דִי קָרְבָּנוֹת אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ:

מגדל דוד

גְעען אַ גְרוֹיסֶער מֵבִין אוֹיף מוּזִיק נוּר עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קַאלִיקֶע אוֹיף בֵּיידֶע פִּים, אוֹיסֶער דֶעם אִיז עֶר נָאךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אֶבְיוֹן אוּן הָאט נִיט גֶעהַאט גֶענוּג גֶעלְט צוּ קוֹיפֶען אַ בִּילֶעט. עֶס הָאט אִיהְם אָבֶּער נִיט גֶעלָאזְט רוּהֶען, הָאט עֶר גֶעדוּנְגֶען פַאר קְלֵיין גֶעצָאהְלְט אַ לַאסְט-טְרֶעגֶער אוּן הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אַוֶועקְטְרָאגֶען צוּם קָאנְצֶערְט זַאל. עֶר אִיז

בִּרְכָתִי. מַיין לִיבּ זָאהל אַרוֹיפְגֶעהֶען אוֹיף דֶעם קָאפּ פוּן גָאט וָואס עֶר הֶעלְפְט דֶער גֶעוִוינֶערֶען וֶוען זִי אִיז אוֹיף דֶעם בְּרָאךְ שְׁטוּהל, עֶר מַאכְט זִיא וֶועהֶען הָאבֶּען אוּן עֶר מַאכְט זִי גֶעוִוינֶען דָאס קִינְד, עֶר אִיז אַ פִּיעל גֶערֶעכְ־טֶער גָאט:

וּבְבִרְכָתִי. אוּן פוּן וֶועגֶען מַיין לִיבּ זָאלְסְטוּ צוּ מִיר שָׁאקְלֶען מִיט דַיין קָאפּ צוּא וַוייזֶען מִיר אַז מַיין לִיבּ אִיז צוּ דִיר לְרָצוֹן אוּן מַיין לִיבּ זָאלְסְט דוּ מְקַבֵּל זַיין וִויא חֲשׁוּבֶע בְּשָׂמִים:

יֶעֱרַב. עֶס זָאל זַיין זִיעס דִי רֵייד פוּן מַיין תְּפִלָּה פַאר דִיר גָאט דֶען מַיין נֶפֶשׁ טְהוּט שְׁרַייעֶן צוּ דִיר לִיעבֶּער גָאט:

לְךָ. צוּ דִיר, גָאט בָּרוּךְ הוּא גֶעהֶער דָאס אַכְפֶּערְטְקַייט אוּן דָאס שְׁטַארְקַייט אוּן דָאס שֶׁעהֶנְקַייט אוּן דָאס אוֹיבִּיגְ־קַייט אוּן דִיא לִיבּ, דֶען אַלֶע זַאכֶען וָואס אִיז פַארְהַאנְ־דֶען אִין הִימֶעל אוּן אוֹיף דֶער עֶרד גֶעהֶער אַלְץ צוּ דִיר:

לְךָ. צוּ דִיר גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיז דָאס דֶערְהוֹיבּוּנְג פוּן אַלֶע קֶעפּ. וואוּ אִיז דֶען פַארְהַאנְדֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאל קֶענֶען אוּיס דֶערְצֶעהְלֶען אַלֶע שְׁטַארְקַייט פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא אָדֶער עֶר זָאל קֶענֶען מַאכֶען הֶערֶען גָאר דִי לִיבּ פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא:

מגדל דוד

גֶעזֶעסֶען בַּיים לַאסְט־טְרֶעגֶער אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס אוּן הָאט אוֹיפְמֶערְקְזַאם גֶעהֶערְט דֶעם קָאנְצֶערְט אוּן אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מְתִיקוּת, פוּן גְרוֹיס הִתְפַּעֲלוּת הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען אַזוֹיא שְׁטַארְק צוּ בַּאוֶועגֶען אַז דֶעם לַאסְט־טְרֶעגֶער אִיז דָאס נִיט גֶעפֶּע־לֶען גֶעוָוארֶען, אוּן הָאט אָנְגֶעפַאנְ־גֶען שְׁרַייעֶן: אִיהר דְרִיקְט מִיר דִיא פְּלֵייצֶעס אִיךְ קָאן דָאס נִישְׁט פַארְ־

תחנה שערי רחמים.

דיא תחנה זאגט מען שבת און יום טוב ווען דער חזן זאגט אנעים זמירות:

פתח לי שערי רחמים שערי שמים. יי מלך יי מלך יי ימלוך לעולם ועד: ואנחנו כורעים ומשתחוים ומודים לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. שהוא נוטה שמים ויוסד ארץ. כי יי הוא האלהים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד: נא חלץ ממסגר נפשי גם לך יי קויתי לישועה: יי נחני בצדקתך למען שוררי הישר לפני דרכך: יי ישמור צאתי ובאי לחיים ולשלום מעתה ועד עולם:

ליעבער הערר גאט, עפען מיר די טהויערען פון תפלות ותחנות און הערצו מיין געבעט וויא דאס געבעט פון אברהם יצחק ויעקב, משה אהרן, דוד ושלמה. און עפען מיר די טהויערען פון הימעל און פון גן עדן און עס זאל אין אונז ניט געוועלטיגען דער יצר הרע. און דער היילינער שבת אדער יום טוב זאהל מיין מליץ זיין פאר מיר און פאר מיין מאן און מיינע קינדער און כל ישראל צו אלעם גוטען, אמן. וברחמיך הגדולים נא חזק ושמור נפשי, מיט דיין גרויס דערבארעמונג שטארק און באשירעם מיין לייב פון גיהנם וחבוט הקבר וחבלי משיח, און גיעב מיר אל דאס גוטס און זאלסט מיך מזכה זיין צוא ערציהען מיינע קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים. אמן:

מגדל דוד

טראגען! דער קאליקע הערט וייטער דעם קאנצערט און באוועגט זיך נאך מעהר, זאגט דער לאסט־טרעגער:— איך ווארף איך באלד גאר אראפ. פרעגט דער קאליקע ביי איהם:— געפינט זיך ניט דא א ווייןגעשעפט: ענטפערט ער איהם:—ניט וייט פון דאנען געפינט זיך א וויין־געשעפט. האט ער זיך געהייסען אריינטראגען אהין און האט איהם געגעבען א גוטען טרונק שארפע משקה. וויא דער לאסט־טרעגער האט אויסגעטרונקען די משקה איז ער גאר לעבעדיג געווארען און האט

תחנה פון שבת־צו־נאכט.

דאס זאגט מען שבת־צו־נאכט נאך מזמור אלהים יחננו:

יהי רצון, עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר גאט מיין גאט און גאט פון מיינע עלטערען, דער היילגער און גרויסע שטארקער און פארכטיגער שם וואס איז מצורף אין דעם מזמור וואס איך האב פאר דיר געזאגט, זאל אזוי אנגענומען זיין און זאלסט מיך צו הערען אזוי ווי דו האסט איהם געהערט פון דוד המלך עליו השלום וואס האט דעם מזמור מתפלל געוועזען, און דוא זאלסט פארנעהמען מיין געבעט און דער היינטיגער טאג זאהל זיין א מליץ יושר פאר דיר, אמן, סלה:

יהי רצון, עס זאהל זיין דער ווילען פאר דיר גאט, מיין גאט און גאט פון מיינע עלטערען, הערר איבער אלע וועלטען, זאלסט מיר געבען א מתנה טובה און פרנסה טובה און דו זאלסט מיך געדענקען אין אלע צייט מיט א גוט געדעכעניש, און דוא זאלסט אונז העלפען מיט גוט דערבארמונג און מיט דיא הילף פון דיין היילגען נאמען, און זאלסט מיר געבען א גוט חלק און א גוטען שכר, דאס איך זאהל טהאן מעשים טובים, איך זאהל זוכה זיין צו עולם הבא און זאלסט מיך מאכען הערען בשורות טובות און שמועות

מגדל דוד

אויך אנגעהויבען צוא טאנצען בייא יעדען טאן פון דיא מוזיק און דורך דעם איז געשלאסען געווארען ביי זיי שלום. דער נמשל איז: דער עיקר פון שבת קודש איז צו לויבען השם יתברך נור מיט דעם נפש, נור דער נפש זעלבסט איז דאך א קאליקע אהן דעם גוף; דען אהן איהם קאן

טוֹבוֹת, אוּן דוּ זָאלְסְט מִיר גֶעבֶּען לַאנְג לֶעבֶּען מִיט מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער אוּן אַ לֶעבֶּען פוּן שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה אוּן עוֹשֶׁר וְכָבוֹד אוּן שָׁלוֹם אוּן קְלוּגְהַייט אִין דַיינֶע אוֹיגֶען אוּן אִין אַלֶע אוֹיגֶען פוּן דִיא וָואס וֶועלֶען אוּנְז זֶעהֶען, אוּן זָאלְסְט אֵיינִיגֶען אוּנְזֶער הַארְץ צוּ לִיעבּ הָאבֶּען דִיךְ אוּן צוּ פָארְכְטֶען פַאר דַיין הֵייליגֶען נָאמֶען אוּן דוּא זָאלְסְט מִיר גֶעבֶּען אִין מַיין הַארְץ גֶעדַאנְקֶען צוּא גוּטֶען אוּן גִיעבּ מַיין חֵלֶק צְווִישֶׁען צַדִיקִים, אוּן זָאלְסְט מִיךְ זֶעטֶען מִיט דַיין זֶענְפְּטִיגְקַייט, אוּן דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אִיבֶּער מִיר מִיט דַיין הִילְף אוּן בַּאהִיט מִיךְ מִיט מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן אַלֶעם בֵּייזֶען, אוּן זָאלְסְט מִיךְ מְזַכֶּה זַיין מִיט גוּטֶע אוּן פְרוּמֶע קִינְדֶער, וָואס זָאלֶען קֶענֶען לֶערְנֶען דַיין תּוֹרָה, אוּן דוּ זָאלְסְט פַאר דִיר נֶעהְמֶען מַיין גֶעבֶּעט, גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ גָאט, וָואס הֶערְט אַלֶע תְּפִלּוֹת פוּן דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל, וָואס רוּפֶען דִיךְ אַלֶע צַייטֶען מִיט גַאנְצְהַייט אוּן וַואהְרְהַייט, אָמֵן׃

אַ נַייעֶ תְּחִנָה פַאר הַבְדָלָה

רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים, דוּא הֶערְר פוּן אַלֶע וֶועלְטֶען, וָואס דוּא קוּקְסְט מִיט לִיעבֶּע אוּן גֶענָאד אוֹיף אַלֶע דַיינֶע בְּרוּאִים, וֶועלְכֶע דוּא הָאסְט אוֹיף דַיין וֶועלְט בַּאשַׁאפֶען. הֶערְצוּ דֶעם רַיינֶעם גֶעבֶּעט פוּן

מגדל דוד

עֶר גָאר נִישְׁט לוֹיבֶּען אוּן דַאנְקֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הַיינְט אַז דֶעם קֶערְפֶּער וֶועט זַיין אוּמֶעדִיג קָאן דָאךְ נִיט זַיין קֵיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, דַארוּם הָאט דִיא תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה פַארְזָאגְט מֶען זָאל דֶעם קֶערְפֶּער מְשַׂמֵּחַ זַיין מִיט וַויין אוּן גוּטֶע מַאֲכָלִים, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ אוֹיךְ מִתְעוֹרֵר זַיין וֶועט

'דיין דיענסט, וועלכע קומט פאר דיר אויף א פולע וואך אויסצוגיסען איהר פולע הארץ און שווערע געמיטה. דער ליעבער שבת קודש איז שוין אוועק, מיט איהם צוזאמען איז אויך אונזער רוהע פארשוואונדען און א נייע וואך קומט אונז אנטקעגען, רבונו של עולם, ווער נאך ווי דו, הימלישער פאטער, ווייסט דעם שווערען לעבען פון דיין פאלק ישראל, זייער ביטערען געמיטה, וויא שווער און ביטער יעדער יוד פארדיענט זיין ביסען ברויט, מיט וועלכע זארג און עגמת נפש, מיט וועלכע שרעק און מאטערנעש ער טרייבט צוזאמען זיין פינצטערע חיונה. ווער נאך פון אלע פעלקער אין דער וועלט שפירט אזוי דעם שרעקליכען רושם פון א נייע וואך וויא דיינע ארעמע בעטריבטע קינדער. א נייע וואך קומט אונז אנטקעגען, א נייע וואך ברייננט אונז נייע זארג, נייע שרעק, נייע קיממער. דאס איינציגע וואס אונז איז געבליעבען איז נאר די האפנונג צו דיר אליין, נאר די איינציגע האפנונג און גלויבען אין דיר, ערבארעמיגער גאט, האט אונז געגעבען קרעפטען ביז היינט אונזערע צרות מיט געדולד צוא ערטראגען, לכן יהי רצון מלפניך, זאל זיין דער ווילען פון דיר גרויסער אלמעכטיגער גאט, אז אין דיא נייע וואך, וועלכע קומט אונז אנטקעגען, זאלסטו אונז עפענען די טהויערען פון דיינע רחמנות. דו זאלסט אונז צושיקען אונזער חיונה בנחת און ניט בצער. דו זאלסט אונז געבען פרנסה פון דיין פולע האנד, וויא דוד המלך עליו השלום האט געזאגט: „פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון”, דוא עפענסט דיין האנד און זעטיגסט אלע דיינע ברואים. דיא נייע וואך זאהל

מגדל דוד

דאמאלס דער נפש מיט איהם צוזאמען קאנען לויבען השם יתברך און זינגען זמירות מיט א פרעהליכע שעהנע שטימע וויא אונזערע קדמונים האבען מתקן געווען, וועט דערפון זיין אן עונג שבת.

מיר זאגען אלע טאג: אני מאמין וכו' בביאת המשיח, מיר גלוי-

בְּרֵיינְגֶען בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת אויף אוּנְז און אויף אַלֶע אוּנְזֶערֶע אָרֶעמֶע בְּרִידֶער, טְרֵייסְט אַלֶע אוּנְזֶערֶע צוּבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, הֵייל אוּנְזֶערֶע וואוּנְדֶען, דֶערְפְרֶעה דַיינֶע בֶּעטְרִיבְּטֶע קִינְדֶער וואוּ זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ, און שִׁיק אוּנְז דַיין גוֹאֵל צֶדֶק, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן:

אַ תְּחִנָּה נָאךְ הַבְדָּלָה:

לִיעבֶּער גָאט, דוּ בִּיסְט דֶער פָאטֶער פוּן אַלֶע וֶועלְטֶען בֶּעט אִיךְ דִיר דוּא זָאלְסְט זִיךְ עֶרְבַּארְמֶען אויף מִיר און אויף כָּל יִשְׂרָאֵל, כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים. דֶער שַׁבָּת קֹדֶשׁ אִיז שׁוֹין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען עֶס קוּמְט אָן דִיא נַייעֶ וָואךְ, זָאהל זִיא זַיין מִיט מַזָל, מִיט פְרֵיעד, מִיט גְלִיק, מִיט פְרֵייד און מִיר זָאלֶען חָלִילָה נִיט טְהָאן אַזַא זַאךְ וָואס אִיז גֶעגֶען דַיין ווִילֶען, און דוּ זָאלְסְט אוּנְז עֶפֶענֶען דִיא טְהוֹיעֶרֶען פוּן לִיכְטִיגְקַייט, און טְהוֹיעֶרֶען פוּן שֵׂכֶל, מִיר זָאלֶען מִיט פַארְשְׁטַאנְד מְקַיֵים זַיין דַיינֶע גֶעבָּאט, טְהוֹיעֶרֶען פוּן מְכַפֵּר זַיין אויף אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת, טְהוֹיעֶרֶען פוּן טְרֵייסְט, דוּא אַלֵיין זָאלְסְט אוּנְז טְרֵייסְטֶען פוּן אַלֶע אוּמֶעטִיגְקַייט, טְהוֹיעֶרֶען פוּן תּוֹרָה, תְּפִלָּה וּתְשׁוּבָה, מִיר זָאלֶען גֶעהָאלְפֶען וֶוערֶען און מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּא הֶערֶען בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת, יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת אויף דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל און אויךְ בַּיי מִיר צוּ הויז זָאהל זַיין אַ פְרֶעהְלִיכֶע וָואךְ, אָמֵן:

תְּחִנָּה לְעֶרֶב ראֹשׁ חוֹדֶשׁ:

דִיעזֶע תְּחִנָּה זָאהל מֶען זָאגֶען אַלֶע עֶרֶב ראֹשׁ חוֹדֶשׁ:

לִיעבֶּער גָאט, בַּאוַוייז אוּנְז דַיין קְרַאפְט און הֶעלְף אוּנְז וִוי דוּא הָאסְט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט צוּא פִיהְרֶען אוּנְז אִין

מגדל דוד

כְּעֶן אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט גֶעווִים קוּמֶען אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם, נָאר רֶעכֶענֶען וֶוען עֶר וֶועט קוּמֶען הָאבֶּען חֲכָמֵינוּ ז״ל פַארְזָאגְט אַן אִסוּר גָמוּר, אַז מֶען טְהָאר דָאס נִיט. נוּר בֶּאֱמֶת אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְּלִיאָה: מִיר גֶעפִינֶען דָאךְ אִין הֵיילִיגֶע סְפָרִים נָאר פוּן דִי לֶעצְטֶע דוֹרוֹת, אַז דִי גְאוֹנִים וּמְחַבְּרִים

דיין הייליג לאנד, דען ווי דו ביסט אֱמֶת אַזוי איז דיינע רייד אויך אֱמֶת. נאר מיר בעטען דיך, ליעבער גאט, אַז עס זאהל זיין גיך און באלד אין אונזערע טעג. אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ, אונזער פאטער קיניג, אַז מיר האבען געזינדיגט אין דער מִדְבָּר, האט משה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם פאר אונז תְּפִלָּה געטהאן, אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ, אונזער פאטער קיניג, פארגיעב צו דיין פאלק ישׂראל דיא זינד וואס זיי האבען געטהאן ווייל דו האסט דיך אליין מיט זייא באריהמט און האסט געזאגט: „בְּנִי בְּכוֹרִי יִשְׂרָאֵל“, איך וויים דאך אַז דיין מִדָּה איז מָלֵא רַחֲמִים, דערי־בער שְׁמַע תְּפִלָּתִי. הער מיין געבעט וויא דו האסט געהערט דאס געבעט פון אונזערע פרומע עלטערען, ווען זיי האבען צו דיר געבעטען. דערהער מיך היינט, דו בּוֹחֵן לְבָבוֹת. איך בעט דיך גאט, אַל תַּשְׁלִיכֵנִי לְעֵת זִקְנָה, ווארף מיך נישט אַוועק אויף מיין עלטער כְּדֵי לְעָבְדְךָ בְּלֵבָב שָׁלֵם, איך זאהל דיך קענען רעכט דינען מיט גאנצען הארצען. וּמַה שֶּׁחָטָאתִי און וואס איך האב געזינדיגט זיי מיר מוֹחֵל און היט מיך פון זינד ווייטער און מיינע שׂוֹנְאִים זאלען נישט דערפרעהט ווער־רען אויף מיר, וויא דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם האט געבעטען, פארשטאפ די מיילער פון די שׂוֹנְאִים און זיי זאלען ,ניט קע־נען בייז טהאן, און די דערבארמיגע מַלְאָכִים זאלען ברייננגען

מגדל דוד

האבען געררעכענט דעם קֵץ הַפְּלָאוֹת ווען די גְאוּלָה וועט זיין? זאגט דאר־רויף הָרַב הַמַּגִּיד רַבִּי יַעֲקֹב דובנער זְכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה א מָשָׁל: עס איז גע־ווען א גרויסער גְבִיר, האט ער גע־האט א נארישען זוהן, האט ער מיט איהם געטהאן א שִׁידוּךְ פון מֶרְחַקִּים, ווי מען בארף שוין פאהרען צו דער

פַאר דִיר מַיין תְּפִלָּה אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ דֶערְבַּארֶעמֶען אִיבֶּער מִיר אוּן זָאלְסְט מִיךְ גֶערֶעכְט מַאכֶען פַאר דִיר אוּן זָאלְסְט דִיךְ נוֹהֵג זַיין מִיט מִיר מִיט חֶסֶד אוּן מִיט רַחֲמִים. לִיעבֶּער גָאט, דוּא וֵוייסְט דָאךְ אַלְץ וואוֹיל, וָוארוּם דוּא בִּיסְט דָאךְ אַ יוֹדֵעַ מַחֲשָׁבוֹת, דַארוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ, רְאֵה בְעָנְיִי, דוּ זָאלְסְט זֶעהֶען אִין מַיין פַּיין, דֶען דָאס הָאבֶּען אַלְץ גֶעמַאכְט מַיינֶע זִינְד וָואס אִיךְ מוּז טְרַאכְטֶען פַאר מַיין שְׁפַּייז אוּן פַאר מַיין גוּף צוּ דֶערְנֶעהְרֶען:

תְּחִנָּה פוּן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ צוּ יוֹם כִּפּוּר קָטָן

אַב הָרַחֲמִים וְהַסְלִיחוֹת, פָאטֶער פוּן בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקַייט אוּן פַארגֶעבּוּנְג, וָואס דַיין שְׁטַארְקֶע, מֶעכְטִיגֶע הַאנְד אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט צוּ עֶמְפְּפַאנְגֶען אַלֶע דִיא וֶועלְכֶע קֶעהְרֶען זִיךְ אוּם צוּ דִיר מִיט אַ רֵיינֶע הַארְץ, הֶער צוּ דָאס גֶעבֶּעט פוּן דַיין דִינֶסְט, וֶועלְכֶע אִיז גֶעקוּמֶען אַצוּנְד אִין דַיין הֵיילִיגֶע הויז אוֹיסְצוּגִיעסֶען אִיהר פוּלֶע הַארְץ אוּן שְׁווֶערֶען גֶעמִיטְה, הַיינְט אִיז עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, דַיינֶע אָרֶעמֶע בֶּעטְרִיעבְּטֶע קִינְדֶער זַיינֶען צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען אִין דַיין הֵייליגֶען הויז, וֶועלְכֶע עֶם דִינְט זַייא אַצוּנְד פַאר דֶעם בֵּית הַמִּקְדָשׁ, זֵייעֶרֶע צוּבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער צוּ בְּרֵיינְגֶען פַאר דִיר קָרְבָּנוֹת, אָפְּרִיכְטֶען יוֹם כִּפּוּר קָטָן, מִתְוַדֶה זַיין פַאר דִיר אַלֶע זִינְד, אוּן צוּ בֶּעטֶען פוּן דִיר מְחִילָה וּסְלִיחָה וְכַפָּרָה. וְאַתָּה אֵל רַחוּם וְחַנּוּן מְקַבֵּל שָׁבִים, אוּן דוּ בַּארֶעמְהֶערְצִיגֶער גָאט בִּיסְט דָאךְ שְׁטֶענְדִיג מְקַבֵּל דִי וֶועלְכֶע

מגדל דוד

חֲתוּנָה. הָאט דֶער חָתָן אָפְּגֶערֶעדְט מִיט דֶעם בַּעַל עֲגָלָה. אַז עֶר זָאהל אִיהם זָאגֶען יֶעדֶער סְטַאנְצִיֶע וויא ווייט אִיז נָאךְ, לְמָשָׁל, צוּ לֶעמְבֶּערְג. וויא זֵיי זַיינֶען אַרוֹיסְגֶעפָאהְרֶען פוּן זֵייעֶר שְׁטָאדְט בְּעֶרֶךְ אַ הַאלְבּ מַייל פְרֶעגְט דֶער חָתָן: ווִי ווַייט אִיז נָאךְ צוּא לֶעמְבֶּערְג? דֶער פָאטֶער הָאט

קֶעהְרֶען זִיךְ אוּם צוּ דִיר, דֶען דָאס אִיז דָאךְ אֵיינֶע פוּן דַיינֶע מִדוֹת צוּא צוּנֶעהְמֶען דִיא װֶעלְכֶע קֶעהְרֶען זִיךְ אוּם צוּא דִיר מִיט אַ רֵיינֶע הַארְץ, אוּן צוּ פַארְגֶעבֶּען אַלֶע זֵייעֶרֶע זִינְד, װֶעלְכֶע זֵייא זַיינֶען בֶּע־גַאנְגֶען גֶערְן אוּן אוּנְגֶערְן:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פָּאטֶער פוּן עֶרְבַּארְמוּנְג אוּן פַארְגֶעבּוּנְג, דֶערְהֶער אוֹיךְ דָאס גֶעבֶּעט פוּן דַיין דִיענְסְט, װֶעלְכֶע קוּמְט אַצוּנְד פַאר דִיר, אוּן אוֹיבּ חָלִילָה דִיא טְהוֹיעֶרֶען פוּן תְּפִלָּה זַיינֶען פַארְשְׁלָא־סֶען, אָבֶּער דִיא טְהוֹיעֶרֶען פוּן טְרֶעהְרֶען זַיינֶען דָאךְ שְׁטֶענְדִיג אָפֶען, װִיא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיעבֶּען: „שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת לֹא נִנְעָלוּ״. נֶעהְם צוּ, בַּארֶעמְהֶערְצִיגֶער פָּאטֶער, מַיינֶע הֵייסֶע טְרֶעהְרֶען, װֶעלְכֶע אִיךְ פַארְגִיעס אַצוּנְד פַאר דִיר אִין דַיין הֵיילִיגֶע הוֹיז. זָאלֶען זֵיי אָפְּוַוא־שֶׁען אַלֶע מַיינֶע זִינְד, װֶעלְכֶע אִיךְ בִּין גֶעגֶען דִיר בַּאגַאנְגֶען. זֶעה, גְרוֹיסֶער גָאט, מַיין פַארְקְלֶעהְמְטֶע, צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ. זֶעה מַיין שְׁוֶוערֶען בִּיטֶערֶען גֶעמִיטְה אוּן זַיי נָאהֶענְט צוּ מִיר בְּעֵת אִיךְ רוּף צוּ דִיר, װִיא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיעבֶּען „קָרוֹב ה׳ לְכָל קוֹרְאָיו״, גָאט אִיז נָאהֶענְט צוּא אַלֶע װֶעלְכֶע רוּפֶען אִיהם. עֶרְבַּארֶעם דִיךְ בַּארֶעמְהֶערְ־צִיגֶער פָּאטֶער אוֹיף מִיר, אוֹיף מַיין מַאן אוּן אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער. זָאל זַיין אִין דֶעם נַייעֶם חוֹדֶשׁ, װֶעלְכֶער קוּמְט אוּנְז אַנְטְקֶעגֶען אַ גוּ־טֶער װִילֶען פוּן דִיר, גְרוֹיסֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט, אַז דוּ זָאלְסְט מוֹחֵל זַיין דִיא זִינְד פוּן אוּנְז אוּן פוּן כָּל יִשְׂרָאֵל. דוּא זָאלְסְט פַארְלַייכְטֶערֶען דֶעם שְׁוֶוערֶען גֶעמִיטְה פוּן מַיין מַאן אוּן פוּן אַלֶע אָרֶעמֶע בֶּעטְרִיבְּטֶע בְּרִידֶער. גִיעבּ אוּנְז פַּרְנָסָה פוּן דַיין פוֹלֶע הַאנְד, בְּנַחַת וְלֹא בְּצַעַר,

---

מגדל דוד

דָאס דֶערְהֶערְט, הָאט עֶר אִיהם אָנ־גֶעשְׁטְרָאפְט פַאר זַיין נַארִישְׁקַייט, אוּן הָאט צוּ אִיהם גֶעזָאגְט: אַז מִיר הָאבֶען נָאךְ דִי גַאנְצֶע װֶעג צוּ פָאה־רֶען, פְרֶעגְסְטוּ שׁוֹין װִי װַייט אִיז צוּ לֶעמְבֶּערְג? דֶער חָתָן אִיז קְלִיגֶער גֶעװָארֶען אוּן פְרֶעגְט בַּייא יֶעדֶער סְטַאנְצְיֶע װִי װַייט זַיינֶען מִיר שׁוֹין

בְּכָבוֹד וְלֹא בְּבִזָּיוֹן, כְּדֵי מִיר זָאלֶען קֶענֶען גֶעהֶען אִין דֵיינֶע הֵיילִיגֶע וֶועגֶען, הִיטֶען דִי מִצְוֹת פוּן דֵיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן עֶרְצִיהֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער בְּחָכְמָה וּבְהַשְׂכֵּל וּבְיִרְאַת שָׁמַיִם, אַז זֵייא זָאלֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעפִינֶען חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וְאָדָם. אוּן מִיר אַלֶע זָאלֶען דִיר קֶענֶען דִיעֶנֶען מִיט אַ רֵיינֶע הַארְץ אוּנְזֶער גַאנְצֶען לֶעבֶען, אָמֵן:

תְּחִנָּה לְתַעֲנִית צִבּוּר

גָאט פוּן עֶרְבַּארְמוּנְג אוּן פַארְגֶעבּוּנְג, דוּא שְׁטַארְקֶער, אַל־מֶעכְטִיגֶער, גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דוּא קוּקְסְט פוּן דֵיין הוֹיכֶען שְׁטוּהְל אִין יֶעדֶע מֶענְטְשְׁלִיכֶע הַארְץ. יֶעדֶע פַארְבָּארְגֶענֶע מַחֲשָׁבָה אִיז פוּן דִיר נִיט בַּאהַאלְטֶען, יֶעדֶער גֶעהֵיימֶער גֶעדַאנְקֶען אִיז דִיר בַּאווּאוּסְט. דוּ ווֵייסְט דָאךְ מַיין שְׁוֶוערֶען בִּיטֶערֶען גֶעמִיטְה, מַיין בְּלוּטִיגֶע צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ מִיט וֶועלְכֶע אִיךְ קוּם פַאר דִיר אִין דִיעזֶען פַאסְט־טָאג בֶּעטֶען דִיר. אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אִיבֶּער אוּנְזֶערֶע זִינְד חָרֵב גֶעוָוארֶען, מִיר הָאבֶּען נִישְׁט מֶעהְר קֵיין כֹּהֵן. קֵיין קָרְבָּנוֹת, קֵיין עֲבוֹדָה מְכַפֵּר צוּא זַיין אוּנְזֶערֶע זִינְד. אוּנְזֶער אָפְּפֶער, וֶועלְכֶע מִיר בְּרֵיינְגֶען פַאר דִיר אִיצְט זַיינֶען אוּנְזֶערֶע צוּבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער אוּן שְׁוֶוערֶע גֶעמִיטְהֶער. אוּנְזֶערֶע נְסָכִים אִיז נָאר אוּנְזֶערֶע הֵייסֶע טְרֶערְהֶען, וֶועלְכֶע מִיר פַאר־

מגדל דוד

־ויא ווַייט זַיינֶען מִיר אָפְּגֶעפָאהְרֶען אָפְּגֶערַייזְט פוּן אוּנְזֶער הֵיים? זֵייא הַאלְטֶען שׁוֹין נָאהֶענְט בַּייא לֶעמְבֶּערְג פְרֶעגְט דֶער נַארִישֶׁער חָתָן: פוּן אוּנְזֶער הֵיים? זָאגְט דֶער פָאטֶער: נַארִישֶׁער זוּהְן, יֶעצְט בַּארְף מֶען שׁוֹין פְרֶעגֶען: ווִי ווַייט אִיז צוּ לֶעמְבֶּערְג? ווַייל דִיא גַאנְץ ל׳ונגע

גִיעֶסֶען פַאר דִיר. נָאר דַאמִיט קֶענֶען מִיר פָארְקוּמֶען פַאר דִיר אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט, צוּא בֶּעטֶען פוּן דִיר מְחִילָה וּסְלִיחָה אוֹיף אוּנְזֶערֶע זִינְד:

מִיר ווייסֶען זֶעהְר גוּט, דָאס דוּא גָאט פוּן עֶרְבַּארֶעמוּנְג אוּן פַארְגֶעבּוּנְג, פַארְלַאנְגְסְט נִיט דִי פַּיינִיגוּנְג פוּן אַ מֶענְשֶׁען, וִויא דֶער הֵיילִיגֶער נָבִיא יְשַׁעְיָה זָאגְט: „הֲכָזֶה יִהְיֶה צוֹם אֶבְחָרֵהוּ יוֹם עַנּוֹת אָדָם נַפְשׁוֹ", הֵייסְט דֶען דָאס בַּייא מִיר אַ פַאסְט־טָאג וואו אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נָאר פַּיינִיגֶען, נָאר טְהָאן גוּטֶעס אוּן גֶענָאד, זַאט מַאכֶען דֶעם הוּנְגֶערִיגֶען, אָנְקְלֵיידֶען דֶעם נַאקֶעטֶען, מִיטְפִיהְלֶען דֶעם לַיידֶענְדֶען, נָאר דָאס אִיז דַיין הֵיילִיגֶער וואוּנְשׁ. אוּן וִויא דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גֶעזָאגְט: „זִבְחֵי אֱלֹהִים רוּחַ נִשְׁבָּרָה", גָאטֶעס אָפְּפֶער אִיז אַ צוּבְּרָאכֶענֶער גַייסְט. אוּן דֶערִיבֶּער אַלֵיין פַאסְטֶען מִיר נָאר אוּם אוּנְטֶערְטְהֶענִיג צוּ מַאכֶען דֶעם שְׁטָאלְצֶען גוּף, כְּדֵי מִיר זָאלֶען קֶענֶען קוּמֶען פַאר דִיר מִיט אַ רֵיינֶע צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, מִיט אַ גֶעווֶעהְטָאגְטֶע זֶעלֶע דִיךְ צוּ בֶּעטֶען מְחִילָה וּסְלִיחָה וְכַפָּרָה אוֹיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע זִינְד:

עֶרְבַּארְמִיגֶער גָאט, דֶערְהֶער אוֹיךְ דָאס גֶעבֶּעט פוּן דַיין דִיענְסְט, וועלְכֶע אִיז גֶעקוּמֶען אִין דַיין הֵיילִיגֶע הויז אוֹיסְגִיעסֶען אִיהר בַּאטְרִיעבְּטֶע הַארְץ צוּזַאמֶען מִיט דַיינֶע בַּאטְרִיעבְּטֶע קִינְדֶער, וועלְכֶע שְׁטֶעהֶען פַאר דִיר

מגן דוד

וֶועג זַיינֶען מִיר שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיבֶּער גֶעפָאהְרֶען. פּוּנְקְט אַזוֹי הָאט אוּנְז גֶעטְרָאפֶען, מִיר פָאהְרֶען דָא זֶעהְר אַ לַאנְגֶע וֶועג צַייט פוּן חוּרְבַּן יְרוּשָׁלַיִם, אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבֶּען דָאס גוּט גֶעוואוּסְט אַז דִיא וֶועג אִיז זֶעהר ווַייט, דֶער אֲרִיכוּת הַגָּלוּת אִיז לֶענְגֶער וִויא פָארִיגֶער

יעצט. בארעמהערציגער פאטער, צייג אונז דיא וועגען פון דיין גוטס. זעה ווי עלענד מיר שטעהען אויף דער וועלט, צו וועמען זאלען מיר שרייען פאר הילף? צו וועמען זאלען מיר זיך קעהרען און ווענדען, ווען נישט צו דיר, הימלישער פאטער? ווער נאך, ווי דו, גרויסער גאט, ווייסט די פארבארגענע וואונדען, וועלכע מיר טראגען טיעף אין אונזערע צוריסענע הערצער? טרייסט, ערבארמיגער גאט, דיינע אבלי ציון וירושלים, דיינע פארפינצטערטע בעטריבטע קינדער. זעה בארעמהערציגער פאטער, דיינע אונגליקליכע פארביטערטע שעפסעלאך, זיינען נעבאך צוזעעט און צושפרייט אין אלע עקען פון דער וועלט, מיר האבען אלעס פארלארען נאר ניט דעם בטחון אין דיר, נאר דיא האפנונג אויף דיר, שטארקער גאט, איז אונז געבליעבען אין אלע אונזערע ליידען און צרות. עס איז שוין צייט אז דו זאלסט צוזאמענקלייבען דיינע פארשטויסענע פון עק וועלט, ווי דו האסט פארשפראכען אין דיין הייליגע תורה: „אם יהיה נדחך בקצה השמים משם יקבצך“, דאס הייסט, אויב דיינע פארשטויסענע וועלען זיין וואו די הימלען ענדיגען זיך, וועל איך זיי אויך צוזאמענקלייבען. ברייננ אונז אין די טהייערען פון ירושלים, ושם נעבדך ביראה כימי עולם, און דארטען וועלען מיר דיך דיענען מיט

מגדל דוד

גלות ירושלים, היינט אז יעדערער וועט נעהמען רעכענען וויא ווייט איז נאך צו דער גאולה, קענען נאך חס ושלום פיעל פערליערען דעם טהייערען האפנונג. וואס דאס איז פון דיא עקרי אמונה, האבען זיי שטרייננ פארזאגט אין זייער צייט (וואס זייא זיינען געווען נישט ווייט פון חורבן) אז מען זאל ניט רעכענען ווען וועט זיין דער זמן הגאולה און אין אלע שטרות און אין אלע ספרים האבען זיי גערעכענט דעם

פָּארְכְט וְויא פַאר צַייטֶען, דֶען דוּ בִּיסְט אוּנְזֶער פָּאטֶער, דוּ בִּיסְט אוּנְזֶער עֶרְלֵייזֶער, נָאר דוּא אַלֵיין וֶועסְט אוּנְז הֶעלְפֶען, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן:

תְּחִנָּה לַעֲשָׂרָה בְּטֵבֵת.

רַחוּם זֶה אֵלִי, דֶער וָואס אִיז אַ רַחוּם וְחַנוּן דֶער אִיז מַיין גָאט, חוּשָׁה לִי לְעֶזְרָ"י, אַייל מִיר צוּ הֶעלְפֶען, וְתַגִּיהַּ אֶת חָשְׁכִּי, אוּן דוּא זָאלְסְט עֶרְלַייכְטֶען מַיין פִינְצְטֶערְנֶעשׁ וֶועלְכֶע אִין דֶעם פִינְצְטֶערֶען טָאג עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען, דֶען אִין דֶעם טָאג הָאט נְבוּכַדְנֶצַר הָרָשָׁע בַּאלַאגֶערְט דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם. אִיבֶּער דֶעם אִיז דֶער טָאג נִקְבַּע גֶעוָוארֶען פַאר אַ תַּעֲנִית צִבּוּר, דָאס מִיר זָאלֶען זִיךְ דֶערְמָאהְנֶען אָן דִיא צָרוֹת, וָואס אוֹיף אוּנְז יוּדֶען אִיז גֶעקוּמֶען אִיבֶּער אוּנְזֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, בִּכְדֵי מִיר זָאלֶען עֶרְוֶועקֶען אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער תְּשׁוּבָה צוּ טְהָאן, דָאס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאהל רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף אוּנְז אוּן זָאהל זָאגֶען עֶס זָאל שׁוֹין זַיין אַ סוֹף צוּ אוּנְזֶערֶע צָרוֹת אוּן מִיר זָאלֶען שׁוֹין מֵהַיּוֹם וְהָלְאָה זִיךְ קָאנֶען מַאכֶען אַ יוֹם טוֹב אִין דֶעם טָאג וָואס עֶס וֶועט זַיין וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן:

תְּחִנָּה לְתַעֲנִית אֶסְתֵּר.

אַתָּה הָאֵל עוֹשֶׂה פְּלָאוֹת, דוּא בִּיסְט דֶער גָאט, וָואס טְהוּט וואוּנְדֶער מִיט אוּנְז בְּכָל רֶגַע וָרֶגַע, נָאר דוּרְךְ דֶעם

זְמַן וויפִיעל אִיז שׁוֹין נָאךְ דֶעם חוּרְבַּן יְרוּשָׁלַיִם, נָאר גֶעלוֹיבְּט אִיז הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אַז מִיר זַיינֶען שׁוֹין אַרִיבֶּער גֶעפָאהְרֶען אַזוֹי אַ לַאנְגֶע ווַייטֶע וֶועג, מִיר זַיינֶען שׁוֹין ווַייט אִין אֶלֶף הַשִּׁשִׁי, אִין דֶער צַייט הָאפֶען מִיר, אַז דִיא גְאוּלַּת יִשְׂרָאֵל וֶועט גֶעווִיס זִיךְ שׁוֹין נִיט צִיהֶען, ווִי דִי הֵיילִיגֶע

וואס מיר זיינען ניט גוט און פרום שפירען מיר ניט די פאר־ באָרגענע נסים וואס דו טוסט מיט אונז, ווייל דער נס ווערט פארדעקט און באהאלטען מיט א דרך הטבע, גלייך וויא עס איז מיט דער נאטור געבראכט, דען בימי מרדכי ואסתר זיינען דאך די נסים געוועזען גאר גרוים, פון דעסטוועגען ווייל דיא יודען זיינען דענסטמאהל ניט ווערטה געוועזען, זיינען דיא נסים געגאנגען פארבארגען דאס ושתי זאל זיך פארזינדיגען ביי דעם מלך אחשורוש און אסתר המלכה זאהל בייא איהם נושא חן זיין, דאס דורך איהר האבען די שונאים איינגענו־ מען א מפלה, אזוי ווי די גמרא הקדושה זאגט א רמז פון די תורה אויף דעם נס פון אסתר. די תורה זאגט: „ואנכי הסתר אסתיר", וועל איך זיי באווייזען נסים בהסתר, דען דער אויי־ בערשטער האט געשוואָרען דאס דיא שונאים זאלען חלילה ניט קאָנען אומברייינגען די יודען. מיר פאסטען היינט אזוי ווי אונזערע עלטערען האבען געפאסט בימי המן הרשע, דאס דער אויבערשטער זאל זיך שוין מרחם זיין איבער אונז מיר זאלען זוכה זיין צו זעהען נסים בפרהסיא כימי מועד צאתך מארץ מצרים, אמן:

אל מלא רחמים לכ׳ סיון.

אל מלא רחמים, דוא נאט ביסט פול מיט דערבארעמקייט און דיין רוהונג איז אין הויכען הימעל און דוא פארנעהמסט דאס גע־ שריי פון די פארביטערטע הערצער, גרייט אן א רעכטע רוהונג אויף

מגדל דוד

נביאים האבען אונז צוגעזאגט. ואם תתמהמה אחכה לו בכל יום שיבוא, האבען שוין אונזערע חכמים און די מקובלים אין די לעצטע דורות גע־ רעכענט ווען וועט שוין זיין דיא גאולה צייט, במהרה בימינו. אמן:

דיא פליגעל פון דיין הייליגע שכינה אין דער הויך וואו אלע ריינע קדושים וטהורים רוהען וואס זיי לייכטען וויא דאס לויטערקייט פון דעם הימעל און זאלסט דערהויבען די נשמות פון דיא צדיקים וואס האבען געדרש׳ת דיין הייליגע תורה סיי די גרינגע און סיי די הארבע. וועה איז אונז אין אונזערע הערצער, אונזערע קרוינען זיינען אונז אראפגעפאלען פון דיא קעפ, גאט האט אונז אזוי וואונדערליך געשלאגען זיבען מאל מעהר ווי אונזערע זינד און צוגענומען אונזערע צדיקים וואס האבען טאג און נאכט געלערענט תורה און אונזערע אלע חכמים און רבנים און לומדים וואס זיינען געזעסען אין בית המדרש און זיי זיינען געוועזען דיא זיילען פון דער וועלט:

רבונו של עולם, אמרר בבכי, איך טהו ביטערען מיט געוויין אויף דיא הייליגע שטאדט ירושלים וואס אין היינטיגען טאג איז איהר מויער געשפאלטען געווארען, דער שונא האט געטהאן אין דער הייליגער שטאדט וואס ער האט נור געוואלט, די הייליגע תורה איז אויך אין דעם טאג אויך פארברענט געווארען. הייליגער באשעפער, האב חס אויף דיין הייליגען נאמען, וואס ווערט פארשוועכט ביי די געטצען דיענער, נעהם א נקמה אין די שונאים, דאס אלע זאלען זעהען דיא הילף מיט דאס גרויסקייט פון די ישראל צוליעב דיין גרויסען נאמען, אמן סלה:

תחנה לשבעה עשר בתמוז.

רבונו של עולם, איך פאסט און פייניג זיך דיעזען טאג, ווייל אין איהם האט זיך אנגעפאנגען דער חורבן ירושלים, אזוי וויא

מגדל דוד

מיר זאגען אין הלל: ממזרח שמש וגו׳. למשל, אויף א וועלט-אויסשטעלונג ברייגגט מען צוזאמען פון אלע עקען וועלט פארשיעדענע מערקווירדיגע זאכען, פארשיעדענע חיות, בהמות און עופות, פארשיעדענע בוימען בלומען און פרוכט, אויך פארשיעדענע קונסטפאלע מאשינען און נאך אנדערע מערקווירדיגע זאכען. דאס

מִיר זָאגֶען אִין דִי הַיינְטִיגֶע סְלִיחוֹת: „אִם גָבַר הָאוֹיֵב יִתְבָּקַע הָעִיר“, דֶער טָאג וָואס דֶער שׂוֹנֵא הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן דִיא הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם אִיז צוּשְׁפָּאלְטֶען גֶעוָוארֶען. אוֹיף דִיעזֶען בְּרָאךְ טְרוֹיעֶר אִיךְ אוּן אִיךְ פַארְגִים טְרֶערֶען. מַיינֶע אוֹיגֶען טְרִיקֶענֶען נִיט אוּן מַיין הַארְץ קֶען נִיט גֶעשְׁטִילְט וֶוערֶען, וֶוען אִיךְ דֶערְמָאהְן זִיךְ אָן דִיזֶען שְׁרֶעקְלִיכֶען טָאג. אוֹי לִי וְאוֹי לְנַפְשִׁי, אַז צוּלִיעבּ אוּנְזֶערֶע זִינְד הָאבֶּען מִיר פַארְלָארֶען אוּנְזֶער לַאנְד, אוּנְזֶער שְׁטָאדְט אוּן אוּנְזֶער בֵּית־הַמִקְדָשׁ, וָואס דַיין שְׁכִינָה הָאט אִין אִיהְם גֶערוּהְט. אִיךְ בֶּעט דִיר, הַארְצִיגֶער פָאטֶער אִין הִימֶעל, אַז מַיינֶע טְרֶערֶען זָאלֶען זִיךְ צוּזַאמֶענְמִישֶׁען מִיט דִיא טְרֶערֶען פוּן דַיין גַאנְצֶען פָאלְק יִשְׂרָאֵל, וֶועלְכֶע פַאסְטֶען, וַויינֶען אוּן טְרוֹיעֶרֶען אִין דִיעזֶען טָאג, אוּן זָאלֶען אוּנְזֶערֶע טְרֶערֶען אָנְפִילֶען דַיין בֶּעכֶער אוּן דוּ זָאלְסְט שׁוֹין מַאכֶען אַ סוֹף צוּ אוּנְזֶער גָלוּת, דֶען מִיר הָאבֶּען שׁוֹין גֶענוּג גֶעלִיטֶען אוּן גֶענוּג אָפְּגֶעקוּמֶען פַאר אוּנְזֶערֶע זִינְד.

אַב הָרַחֲמִים, דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער פָאטֶער, אִין דִיעזֶען טָאג הָאט זִיךְ דֶער שׂוֹנֵא גֶעשְׁטַארְקְט אוּן דִי שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעשְׁפָּאלְטֶען גֶעוָוארֶען, זָאלֶען זִיךְ שׁוֹין מֶעהְר אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים נִיט שְׁטַארְקֶען אִיבֶּער אוּנְז אוּן קַיין שְׁפַּאלְטוּנְג זָאהְל בַּיי אוּנְז נִיט פָארְקוּמֶען. זָאהְל דַיין רֶעכְטֶע הַאנְד אוּנְז הֶעלְפֶען גוֹבֵר צוּ זַיין אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים אוּן קַיין שְׁפַּאלְטוּנְג זָאהְל פַּאסִירֶען אִין קַיין פַאמִילְיֶע, אִין קַיין גֶעמֵיינְדֶע אוּן אִין גַאנְצֶען פָאלְק יִשְׂרָאֵל. זָאהְל בַּיי אוּנְז אַלֶעמֶען הֶערְשֶׁען שָׁלוֹם אוּן אַחְדוּת אוּן קַיין שִׂנְאָה זָאהְל צְווישֶׁען אוּנְז נִישְׁט זַיין, וַוייל פַאר דִיא זִינְד פוּן שִׂנְאַת חִנָם אִיז דֶער בֵּית־הַמִקְדָשׁ חָרוּב גֶעוָוארֶען. שְׁטַארְק, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְ־

מגדל דוד

אַלֶעס צוּזַאמֶען אִין אַ גְרוֹיסאַרְטִיגֶע צוּזַא־ מֶענְשְׁטֶעלוּנְג פוּן וֶועלְטבֶּערִיהמְטֶע זַאכֶען. דִיא גְרֶעסטֶע מֶענְשֶׁען אוּן קִינְסְטלֶער פוּן דֶער וֶועלְט פָאהְרֶען צוּזַאמֶען אוּם צוּ זֶעהְן דִי אַלֶע וֶועלְטֶענְהַייטֶען. אוֹיף אַזַא אוֹיסְ־ שְׁטֶעלוּנְג צְווִישֶׁען אַלֶע קוּנְסְטְפָאלֶע זַא־ לֶען אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַ גָאלְדֶע־ נֶע קֶעסְטֶעל גֶעזֶעצְט מִיט דִימַאנְטֶען אוּן

גֶער צוּ מְקַיֵּם זַיין דִי מִצְוָה פוּן „וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ” אוּן אַלֶע מִצְווֹת פוּן דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן בּוֹי צוּרִיק דֶעם בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ. אָמֵן:

תְּחִנָּה לְתִשְׁעָה בְּאָב.

דִיא תְּחִנָּה זָאגְט מֶען אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב אוֹיף דֶער נַאכְט אוּן אוֹיךְ אִין דֶער פְרִיה מִיט גְרוֹיס גֶעוַויין:

אֵל מָלֵא רַחֲמִים, גָאט, וָואס דוּ בִּיסְט פוֹל מִיט דֶערְבַּארֶעמְ־קַייט אוּן בִּיסְט דֶער רִיכְטֶער פוּן דֶער וֶועלְט אוּן אַלֶע דַיינֶע מִשְׁפָּטִים זַיינֶען מִיט וַואהְרְהַייט, הַיינְטִיגֶען טָאג הָאבֶּען אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען אִין דֶער מִדְבָּר וָואס דוּ הָאסְט זֵיי אוֹיסְ־גֶעצוֹיגֶען פוּן מִצְרַיִם ווִידֶערְגֶעשְׁפֶּענִיגְט אַקֶעגֶען דִיר אוּן הָא־בֶּען נִיט גֶעוָואלְט אָנְנֶעהְמֶען דָאס גוּטְס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטְהָאן אוּן הָאסְט צוּגֶעזָאגְט צוּא זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערֶען אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, אוּן הָאבֶּען גֶעשֶׁענְדְט דָאס הֵיילִיגֶע לַאנְד, וָואס דַיין שְׁכִינָה הָאט גֶערוּהְט אִין אִיהר אוּן הָאבֶּען אַלֶע צַייט גֶערֶעדְט אוֹיף דַיינֶע וָואהְרְהַאפְטִיגֶע קְנֶעכְט מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן. הַיינְטִיגֶע נַאכְט הָאבֶּען זֵיי אַלֶע גֶעווֵיינְט אוּן הָאבֶּען פַארְגָא־סֶען פִיעל טְרֶערְהֶען אוּן הָאבֶּען נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶערְוַוארְטֶען דִי צַייט וָואס דוּ הָאסְט זֵיי גֶעלָאזְט ווִיסֶען דוּרְךְ דַיינֶע קְנֶעכְט מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן אוּן יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב. אוּן פַאר דֶעם גֶעוֵויין וָואס זֵייא הָאבֶּען אוּמְזִיסְט גֶעווֵיינְט, הָאסְט דוּ בַּאצָאהְלְט צוּ

מגדל דוד

בְּרִייאַנְטֶען. מִיט אִיהְרֶע אַרְבַּייט הָאט זִי גֶעצוֹיגֶען אוֹיף זִיךְ דִיא אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט פוּן אַלֶע בֶּעזוּכֶער, יֶעדֶער הָאט אִיהְם בֶּע־טְרַאכְט מִיט דֶער גְרֶעסְטֶער פֶערְווּאוּנְדֶע־רוּנְג אוּן אִיז נַייגֶעריג גֶעוֶוען צוּא ווִיסֶען וֶוער עֶס הָאט גֶעמַאכְט דִיא אַרְבַּייט. דֶער אוֹיפְזֶעהֶער פוּן דֶער אוֹיסְשְׁטֶעלוּנְג הָאט אוֹיסְגֶערוּפֶען: אַז וֶוען עֶס וֶועט זִיךְ מֶעלְ־

זייערע קינדער, דאס אין דעם טאג זיינען פארוויסט און צו־שטערט געווארען דער ערשטער און דער אנדערער בית־המקדש, וואס דורך דעם איז אוועקגענומען געווארען פון אונז אונזער שעהנקייט און די קרוין פון אונזערע קעפ, און מיר קענען שוין נישט ברייגנען קיין קרבנות און דעמפפונג אויף דיין הייליגען מזבח, און מיר קענען נישט געהען דריי מאל אין יאהר צו זעהען די שיין פון דיין הייליגע שכינה און זעטיגען אונזערע זעעלען מיט דיא גרויסע פרייד פון דיין שכינה. וועה איז צו אונז און וועה איז צו אונזערע לייבער, דען אין היינטיגען טאג איז פארברענט געווארען אונזער היי־ליגער בית המקדש דורך א פייער פון דעם הימעל איבער די גרויסע עבירות פון דיא ישראל וואס זיי האבען ווידער־גע־שפעניגט אקעגען דיר און זיינען געגאנגען אין בייזען וועג צו דערצערנען דיך, אלמעכטיגער גאט, און דארום האסטו פארניכטעט זייער הערשאפט און קעניגרייך און אלע זייער גלוסטיגקייט האסטו צובראכען און האסט זייא געגעבען אין דער האנד פון זייערע באליידיגער, און זייערע ווייבער און זייערע קינדער וואס זיינען עדעל ערצויגען געווארען זיינען געפאנגען געווארען און זיי האבען געמוזט ארבייטען זעהר שווערע ארבייט און טראגען גרויסע מיהל־שטיינער אויף זיי־ערע אקסלען און העלצער אנגעבונדען אויף די פיס צו מאכען שטרויכלען זיי, און האבען געליטען גרויס הונגער און דורשט

מגדל דוד

דען דער ארבייטער פון די קעסטעל וועט מען איהם בעלאהנען נאך זיין פערדינסט. עס האבען זיך געמעלדעט מענטשען וואס האבען זיך אנגעגעבען פאר דעם מייסטער פון דיא קעסטעל, מען האט זיי געהייסען עפענען דאס קעסטעל, האבען זייא איהר געקעהרט אויף אלע זייטען און האבען בשום אופן נישט געוואוסט וויא איהר צוא

און אויף אזעלכע גרויסע ביטערע צערשטערונג האבען אלע פעלקער געקלאפט מיט זייערע הענד און האבען זיך גע־וואונדערט און האבען געזאגט: „איז דאס דיא קרוין פון ירושלים, וואס זיא איז געוועזען די קרוין פון אלע שטעדט פון אלע לענדער“? און אצונד איז זיא חרוב און פארוויסט דורך איהרע פיינד גאר אהן דערבארעמקייט, און זיי פרעהען זיך אויף איהר בראך און לעסטערען זיא מיט צארענדיגע רייד:

רבונו של עולם, איך שטעה פאר דיר מיט א ביטער הארץ, מיט געשריי און געוויין. מיינע אויגען פליסען אזוי ווי דיא טייכען וואסער און מיין הארץ ווערט אין מיר צובראכען ווען איך באדענק מיך אן דאס גרויסע שעהנקייט פון דיינע קינדער ישראל וואס עס איז אוועקגענומען געווארען און דיין הייליגער בית המקדש וואס ער איז פארברענט גע־ווארען, און עס זיינען פארטריעבען געווארען די כהנים וואס האבען געדיענט אין דיין הויז, און די לוים וואס האבען גע־זונגען און געשפיעלט די הייליגע געזאנגען זיינען פארשטערט געווארען, און דער מזבח און דער שלחן און דיא מנורה און דער האנד־פאס און גאר דאס הייליגע געפעס איז געקומען אין אומרייניגע הענד. מיינע אויגען זיינען געשוואלען פון גרויס געוויין און מיין הארץ איז שלאף איבער דיא פיעל זיפצען וואס איך זיפץ אלע צייט. מיינע גליעדער זיינען צובראכען פון גרויס יאמער אויף דעם בראך פון דיינע קינדער ישראל:

מגדל דוד

עפענען, זיי האבען זיך גאר געוואלט מא־כען א נאמען דורך פרעמדע ארבייט, זיי־נען זיי דערפאר אוועק מיט גרויסע בזיונות. איגדעם האט מען געהערט א שטימע וואס זאגט: אז צו א געוויסע שטונדע וועט זיך דיא קעסטעלע זעלבסט עפענען און וועט ענטדעקען ווער דער מייסטער איז, מען האט אבער ניט געוואוסט ווער עס רעדט.

וְאַתָּה אֵל רַחוּם וְחַנּוּן, אוּן דוּ גָאט בִּיסְט אַ דֶערְבַּארְמִיגֶער אוּן אַ לַייטְזֶעלִיגֶער, טְהוּ פוּן וֶועגֶען דַיין גְרוֹיסֶען נָאמֶען אוּן עֶפֶען דַיינֶע אוֹיגֶען צוּא זֶעהֶען אוּנְזֶערֶע פַארְוִוי׳סְטוּנְג אוּן דָאס פַארְוִויסְטוּנְג פוּן דַיין הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם וָואס דוּ הָאסְט דַיין נָאמֶען אוֹיף אִיהְר גֶערוּפֶען, אוּן זֶעה, וִויא מִיר, דַיינֶע לִיעבֶּע קִינְדֶער, זַיינֶען גֶעוֶוען צוּ שַׁאנְד אוּן צוּ חֶרְפָּה, אוּן וִויפִּיעל בְּלוּט עֶס אִיז פַארְגָאסֶען גֶעוָוארֶען פוּן דַיין לִיעבּ פָאלְק יִשְׂרָאֵל, אוּן קוּק אִין זֵייעֶר צִדְקוֹת וָואס זֵיי הָאבֶּען גֶע־לָאזְט מֶען זָאהְל זֵיי אוּמְבְּרֵיינְגֶען פוּן דַיינֶעט וֶועגֶען, אוּן הָאבֶּען נִישְׁט חַס גֶעהַאט אוֹיף זֵייעֶרֶע לַייבֶּער אוּן הָאבֶּען פַארְ־מִיאוּסְ׳ט דֶעם לֶעבֶּען פוּן דֶער וֶועלְט אוּן הָאבֶּען מְבַטֵּל גֶע־וֶוען זֵייעֶר רָצוֹן פַאר דַיין רָצוֹן, אוּן הָאבֶּען גֶעהֵיילִיגְט דַיין גְרוֹיסֶען נָאמֶען אוּן הָאבֶּען אִיהְם נִיט פַארְשְׁוָועכְט, אוּן הָאבֶּען אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט זֵייעֶרֶע הֶעלְדְזֶער צוּא דֶער שְׁחִיטָה אוּן זַיינֶען בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף זֵייעֶר נִסָּיוֹן אוּן זַיינֶען גֶעפוּנֶען גֶע־וָוארֶען גַאנְץ. עֶס הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶערִיהֶרְט דִיא בְּלוּט וָואס הָאט גֶערוּנֶען פוּן דִי פָאטֶערְס מִיט דִי קִינְדֶערְ׳ס אוּן דִי בְּלוּט פוּן דִי מוּטֶערְס מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן עֶס אִיז אוֹיסְגֶעמִישְׁט גֶעוָוארֶען בְּלוּט פוּן בְּרִידֶער מִיט שְׁוֶועסְטֶער אוּן בְּלוּט פוּן חֲתָנִים מִיט כַּלּוֹת אוּן בְּלוּט פוּן חֲכָמִים מִיט זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער אוּן בְּלוּט פוּן חַזָּנִים אִין בְּלוּט פוּן דַּיָּנִים מִיט זֵייעֶרֶע סוֹפְרִים אוּן מְלַמְּדִים מִיט תַּלְמִידִים, וָואס זַיינֶען אַלֶע אִין אֵיינֶעם גֶע־הַרְגֶ׳עט גֶעוָוארֶען:

מגדל דוד

אִין אֵיינִיגֶע שְׁטוּנְדֶען אַרוּם הָאט זִיךְ דִיא קֶעסְטֶעל אַלֵיין גֶעעֶפֶענט אוּן הָאט אָנְגֶע־האנְגֶען צוּ שְׁפִּילֶען אוּן צוּגְלַייךְ אוֹיסְגֶערוּ־פֶען אַז עֶס אִיז דִי אַרְבַּייט פוּן דֶעם וֶועלְט־בֶּערִיהְמְטֶען מֶעכַאנִיקֶער דֶער אוּן דֶער. דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַזאַ גְרוֹיסֶען אַיינְדְרוּק אוֹיף אַלֶע בֶּעזוּכֶער פוּן דֶער אוֹיסְשְׁטֶעלוּנְג, אוּן דָאס הָאט אַזוֹי וַוייט פֶערְנוּמֶען זֵייעֶרֶע

אלה מזבחות זכור, די דאזיגע מזבחות פון די הרוגים געדענק, דערבארעמיגער גאט, און העלף אונז און זאמעל אונז פון אלע פיער עקען פון דער וועלט, און בוי וויעדער מיט פייער דיין שטאדט ירושלים, און טרייסט אונז פון אונזער טרויער, און שיק דיין משיח ער זאהל אונז ברייגגען קיין ארץ ישראל, מיר זאלען אין דיעזען טאג פרעהלאך זיין און לויבען דיין נאמען און דערצעהלען דיינע וואונדער. עס זאהל שוין מקוים ווערען, וואס דער נביא האט געזאגט, אז דער חודש אב וועט פארקעהרט ווערען צו פרייד און נישט צו וויינען און קלאגען. דאס זאהל געשעהען באלד אין אונזערע טעג, אמן ואמן:

תחנה נחמת ציון.

א נייע תחנה צ' זאגען מיט גרויס כונה שבת נחמו:

אנא איך בעט דיך, אלהי הנחמות, גאט, וואס דוא טרייסט יעדען, דו זאלסט טרייסטען מיך מיט מיין גאנץ הויזגעזינד מיט כל ישראל, דאס עס זאל ווערען פון אונז אפגעטהאן אלע שלעכטס מיט אלע גזירות רעות. זאלסט צו אונז שיקען דיא נחמה דאפעלט, דאס מיר זאלען דאפעלט געטרייסט ווערען, אזוי וויא דער נביא ישעיה זאגט: „נחמו נחמו עמי יאמר אלהיכם". און פאר אלע צרות מיט אלע יסורים מיט אלע פארשידענע עגמת נפש, רחמנא לצלן, זאלסט ...ו אונז באגיטיגען מיט פיעל טובות ישועות ונחמות, דאס מיר זא...ען פארגעסען אן אונזערע ערשטע צרות. מיר זאלען שוין אויפגעריכט ווערען מיט דיא גאולה שלמה, במהרה בימינו, אמן:

מגדל דוד

געדאנקען אז זייא האבען שוין אויף אלע אנדערע זאכען מעהר ניט געוואלט זעהען, און אלע בעזוכער פון דער אויסשטעלונג, אבוואהל זייא האבען דעם מייסטער נ...שט געקענט, נאר פון זיינע ארבייט האבען זיי פארשטאנען, וואס פאר א קאפ ער האט, זייא האבען איהם זעהר געריהמט און געשעצט. דער נמשל איז, אז מען באטראכט

תחנה אמהות לראש חודש אלול.

צו לייענען גאנץ אלול אלע טאג:

סמכתי ברחמיך הרבים לבקשך, איך פארלאז זיך אויף דיין פיעל דערבארעמקייט צוא בעטען דיך. הער מיין תפלה, וואס איך בעט מיט מיין צובראכען הארץ און ענטפער מיר אויף מיין געבעט, וויא אין דיין הייליגע תורה שטעהט געשריעבען: „בטרם תקרא ואני אענה“, איידער דו וועסט מיך רופען וועל איך דיר ענטפערען. אל מלא רחמים, דו גאט, וואס דו ביסט פול מיט דערבארעמקייט, דערבארעם דיך אויף מיר און נעהם אן מיין געבעט. וואס איך וועל דיך בעטען און נעהם אן מיינע וידוים, וואס איך וועל זיך מתודה זיין אויף מיינע ביטערע עבירות. איך האב ווידער געשפעניגט דיינע הייליגע מצוות און איך האב ניט געהאלטען דיינע געבאט, וואס דו האסט אונז געבאטען. הער פון דער גאנצער וועלט, איידער איך הויב אן פאר דיר זיך רעכט מתודה צו זיין, פאל איך אויף מיין פנים און בעט דיך אז דיין רחמים זאל זיך שטארקען איבער דעם רוגז, דאס דו זאלסט מיין וידוי צוהערען און זאלסט מיר מיין מויל עפענען, דאס איך זאל זיך ריכטיג מתודה זיין:

עשה עמדי כחסדך הגדול, טהו מיט מיר חסד און משפט מיך מיט גרוים דערבארעמקייט. איך בעט דיך, נעהם אן מיין געבעט און זאלסט עפענען די טהויערען פון תשובה צו דיא ישראל,

---

דיא גרויסע וועלט מיט אלעם וואס אויף איהר געפינט זיך איז זיא גלייך צוא דיא קינסטליכע קעסטעל. דיא וועלט ווייזט אונז שרייט אויס, אז דער אלמעכטיגער גאט איז דער גרויסער מייסטער פון איהר. און דאס איז עס איבעראל באוואוסט אז אפילו די ווילדע מענשען וואס געפינען זיך אין דער וועלט, ווען זייא ווילען איינעם וואס

ווייל זיי האבען די ליעבע תורה מקבל געוועזען אויף דעם בארג סיני, איך בעט דיך, אז דו זאלסט אננעהמען מיינע ביטערע טרעהרען, ווי דו האסט אנגענומען דיא טרעהרען פון די מלאכים וואס האבען געוויינט ווען אברהם אבינו האט זיין ליעבען זוהן געוואלט בריינגען צו דער עקידה. דאמאלס זיינען די טרעהרען פון די מלאכים געפאלען אויף דעם מעסער פון אברהם און האבען איהם נישט געלאזט שעכטען זיין זוהן יצחק, אזוי זאלען אונזערע טרעהרען פאלען אויף דעם מעסער פון דעם מלאך המות און זאלען ניט לאזען חלילה אומבריינגען מיך אדער מיין מאן אדער חלילה מיינע קליינע קינדער און אלע מיינע פריינד. דו זאלסט דיך איבער אונז דערבארמען און זאלסט אליין זיין מיין מליץ יושר ביים דעם משפט וואס דוא וועסט מיך משפט'ן, אמן:

רחמיך הרבים יגינו עלי, דיין גרויס דערבארעמקייט זאהל אויף מיר באשיצען. איך שרעק מיך זעהר פאר מיינע גרויסע זינד, דען איך האב מיט מיינע מעשים געוויס ניט פארדיענט קיינע חסדים. מיין געבעט זאל פאר דיר אנגענומען ווערען וועגען מיין זכות אבות ווי עס שטעהט געשריעבען: „ועשה חסד וזכרתי זכות אבות על בנים ועל בני בנים", איך וועל טהאן מיט מיין גרויס געגעדיגקייט און וועל געדענקען דעם זכות אבות אויף אייערע קינדער און אויף אייערע קינדס־קינדער. דו ביסט גאט, אונזער גאט און גאט פון אונזערע עלטערען אונזער טרייסטער זאלסטו זיין, דוא זאלסט דיך איבער אונז דערבארעמען און זאלסט אונז טרייסטען, אמן:

מגדל דוד

איבערצייגען, הויבען זיי אויף דיא אויגען און די הענד צום הימעל און שווערען אויך ביי גאט. דאס באווייזט אז די גאטהייט איז פארפלאנצט ביי יעדען מענשען. דאס זאגט דער פסוק ממזרח שמש, פון דעם ארט, פון וואנען דיא זונן הויבט אן אויפצוגעהען, עד מבואו, ביז דעם ארט וואו זי פארגעהט, דאס [illegible] איין עק וועלט

„**עשה** עמנו אות לטובה ויראו שונאינו ויבושו כי אתה יי עזרתנו ונחמתנו", גאט וועט טהאן מיט אונז מיט גוטען און אונזערע שונאים, דער יצר הרע און דער שטן מקטרג, וועלען זעהען און וועלען פארשעהמט ווערען, ווארום דו ביסט א גאט, א העלפער און א טרייסטער צו אלע וואס טהוען דיך אנרופען מיט א צובראכען הארץ, וויא עס שטעהט געשריעבען: לב נשבר ונדכה, וכו' אמן:

למשפטיך יעמדו כלם, צוא דיין משפט וועלען מיר זיך שטעלען. דארום וויין איך און שריי פאר דיין הייליגען נאמען, אז דו זאלסט מיך אנרופען מיט חסד ורחמים און דו זאלסט דיך אליין זעצען בייא מיין משפט. שטראף אונז נישט מיט גזירות אכזריות און לאז אונזערע קינדערלאך ערציהען צו גוטען, דען דוא ביסט דיך מרחם אויף קליינע קינדער:

במה אקדם לפניך, מיט וואס זאהל איך קומען פאר דיין הייליגען נאמען צו בעטען דו זאלסט מיינע בייזע עבירות פארגעבען? איך ווייס דאס איך האב גאר קיין מליצים ניט, איך האב קיין מליץ פאר מיר נאר מיינע ביטערע טרעהרען, וויא עס שטעהט: „שערי דמעות אינם ננעלים", די טהויערען פון טרעהרען ווערען ניט פארשלאסען. דארום דערבארעמיגער גאט, נעהם מיינע טרעהרען, וואס איך פארגיעס און טהו זייא אריין אין דיין לאגעל און וואש אפ מיט זייא אונזערע זינד און זאלסט פערבייטען דעם מדת הדין אויף מדת הרחמים, אמן:

תקרב תחנתי לפניך, עס זאל געגעהנען פאר דיר מיין געבעט, אז קיין מקטרג זאהל נישט קענען מפסיק זיין

מגדל דוד

ביז דיא אנדערע, מהולל שם ה', איז געריהמט גאטס נאמען, אז ער האט אזויא קינסטליך דיא וועלט באשאפען מיט גרויס חכמה און מיט איבערנאטירליכען פארשטאנד, און יעדער נאך זיין גלויבען, לויבט און שעצט דעם נאמען „גאט" דעם באשעפער פון דער וועלט, און אויף יעדער שריט זעהט מען אז נאר ער איז דער באריהמטער מייסטער פו' א'הר:

צְוִוישֶׁען מַיין גֶעבֶּעט אוּן צְוִוישֶׁען דַיין כִּסֵא הַכָּבוֹד. אִיךְ בֶּעט דִיךְ. אַז דוּא זָאלְסְט צוּרִיק אַרַיינְטְהָאן דַיין שְׁוֶוערְד אִין דַיין שֵׁייד, דוּ זָאלְסְט דַיין הַאנְד הַאלְטֶען אִיבֶּער אוּנְז אוּן אִיבֶּער דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלַאךְ. אָמֵן:

הַט אָזְנְךָ לִתְפִלָּתִי בֵּייג אַיין דַיין אוֹיעֶר צוּ מַיין תְּפִלָּה. לִייבֶּער גָאט בַּאהִיט מִיךְ פוּן אַלֶעם בֵּייזֶען אוּן פוּן אַ מֶענְטְשֶׁענְס גָאבּ, אוּן זָאהְל מְקוּיָם וֶוערֶען אִין מִיר, וְוִיא עֶס שְׁטֶעהְט אִין הֵיילִיגֶען תְּהִלִּים: „פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן”. דוּ וֶועסְט עֶפֶענֶען דַיין הַאנְד אוּן וֶועסְט אוּנְז שְׁפַּייזֶען אוּן נִיט דוּרְךְ אַ מֶענְטְשֶׁענְס גָאבּ, אָמֵן:

רְאֵה עָנְיִי וְהוֹשִׁיעֵנִי. זֶעה מַיין פַּיין פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפֶען. נֶעהְם אָן מַיין גֶעבֶּעט, כָּאטְשׁ אִיךְ וֵויים, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט וֶוערְטְה צוּ עֶפֶענֶען מַיין מוֹיל צוּ בֶּעטֶען דִיךְ, דֶען אִיךְ הָאבּ מִיט מַיין מוֹיל גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת גֶעטְהָאן. אִיךְ הָאבּ לֵיצָנוּת גֶעטְרִיעבֶּען אוּן אִיךְ הָאבּ נִיבּוּל פֶּה גֶערֶעדְט, נָאר דוּא בִּיסְט אַ דֶערְבַּארֶעמִיגֶער גָאט, וְוִיא דוּא הָאסְט אָנְגֶענוּמֶען דָאס גֶעבֶּעט פוּן אוּנְזֶער מוּטֶער חַנָּה אוּן פַארְגִיעבּ מִיר מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָמֵן:

הַעֲבֵר מִמֶּנִי אַפְּךָ וַחֲרוֹנְךָ. טְהוּ אָפּ פוּן מִיר דַיין צָארְן אוּן נֶעהְם אָן מַיין גֶעבֶּעט, וָואס אִיךְ בֶּעט, אוּן זָאלְסְט מִיר פַארְגֶעבֶּען מַיינֶע זִינְד, דֶען אִיךְ וֶועל זַיי שׁוֹין אִימֶער נִיט טְהָאן, נָאר אִיךְ וֶועל טְהָאן דֵיינֶע מִצְוֹות. אִיךְ בֶּעט דִיךְ, דוּא

משלי אבות

מִיר זָאגֶען אִין פִּרְקֵי אָבוֹת: רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא אוֹמֵר רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל וכו׳. הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט גֶעוואלט מְזַכֶּה זַיין דִיא יִשְׂרָאֵל. דַארוּם הָאט עֶר זַיי פַארְמֶעהְרְט דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹות. פְרֶעגֶען דִי מְפָרְשִׁים דוּכְט זִיךְ גְרַאדֶע פַארְקֶעהְרְט אַז גָאט וָוארְט אוּנְז

זאלסט שטארקען מיינע הענד צדקה צו געבען און ליכט צו צינדען און מיינע פיס זאלסטו שטארקען אין דער שוהל צוא געהען דיך צו לויבען:

מה נאמר ומה נבקש, וואס זאלען מיר ריידען און וואס זא־לען מיר בעטען. איך ווייס אלע מיינע זינד, וואס איך האב געטהאן. איך שיץ מיך אין דעם זכות פון מיינע קליינע קינדער וואס וועלען לערנען תורה און אין זייער זכות זאלסט דו מיר העלפען אז עס זאהל קיינמאהל ניט זיין קיין טרויער־קייט און קיין געוויין נאר שמחה. אמן:

אודך בכל לבי, איך טהו דיך לויבען מיט מיין גאנצען הארצען, דען דו ביסט א באשעהיטער גאט ביי אלע לייט. דו ביסט א בארמיגער גאט איבער אלע לייט, דו הערסט צו אלע געבעט פון די אָרעמע לייט און דו ביסט מכפר אלע עבירות, דען דו ביסט היי־ליג און גרויס און מעכטיג. איך בעט דיין ליעבען נאמען, דאס דוא זאלסט אריינלאזען אין דיין מדת הדין דעם מדת הרחמים, וויא מען לאזט אריין אין ביטערס עטוואס זיסעס. אונזער משפט זאהל זיין זיס, אמן:

רחקתי מעשיך הטובים, איך האב דערוויטערט דיינע גוטע גע־באט, איך האב ווידערגעשפעניגט דיינע ליעבע מצוות. וואס דוא האסט ניט געהייסען טהאן האב איך יוא געטהאן און וואס דו האסט יוא געהייסען טהאן האב איך ניט געטהאן. וואס דו האסט גע'אסר'ט האב איך מתיר געוועזען און וואס דוא האסט מתיר געוועזען האב איך גע'אסר'ט, וואס דוא האסט מטמא געוועזען האב איך טהור

משלי אבות

גענעבען ווייניגער מצוות וואלט געוועזען גרינגער צו היטען, זאגט דער אהל יעקב א משל. א רייכער יונ־גער מאן, וועלכער עס האט זיך ביי איהם געענדיגט די קעסט האט ער צוזאמענגענומען זיין קאפיטאל און איז אוועקגעפאהרען איין האנדלען סחורה אין א גרויס פאבריק שטאט

געמאכט, אבער איך האב מיך ניט מתכוון געוועזן דיך צו דערצערנען, נישט מעהר דער יצר הרע האט מיך אנגערעדט, דארום פארגיעב מיר מיינע זינד, אמן:

הקם לאמתך חסדה, מאך ביישטעהען דיין דערבארעמקייט אויף דיין דיענסט, דען ווי זאל איך מיך נישט דערשרעקען, וויא זאל מיך ניט אנהאפען א ציטערניש, ווען איך וועל מוזען שטעהען צום משפטביי דעם בית דין של מעלה און ענטפערען אויף דיא עונות? און דוא, רבונו של עולם, טהוסט ניט ווי א בשר ודם, דען אז מען קומט זיך צו שטעלען צום משפט פאר א בשר ודם וועט ער ניט באווייזען אין משפט קיין דערבארעמקייט, אבער דוא גאט, דוא טהוסט אלערליי וואונדער, דאס דוא באווייזט אין מיטען משפט דיין דערבארעמקייט. דארום דערבארעם דיך איבער מיר און שיינק מיר מיין לעבען און מיין מאנ'ס לעבען און מיינע קינדער'ס לעבען, אמן:

גל מעלי חרונך, נעהם ארונטער פון מיר דיין רוגז. דו זאלסט מיט'ן קול פון שופר פארשליעסען דעם מויל פון שטן, וועלכער איז תמיד אויף אונז מקטרג, און פארגיב אונז אונזערע זינד דורך דעם קול פון שופר, דען וויא דער שופר איז איינגעבויגען, אזוי וועלען מיר אונזער הארץ איינבויגען צוא טהאן תשובה אויף אונזערע עונות, און מיר זאלען זוכה זיין דאס יאהר צו הערען שופר של משיח, אמן:

האט ער זיך צוזאמענגעטראפען מיט זיינעם א פעטער, ער האט זיין פעטער דערצעהלט דעם צוועק פון זיין נסיעה, זיי האבען ביידע פארבראכט א צייט און דערנאך איז דער יונגער מאן אוועק צו זיך אויף זיין סטאנציע, דער טרייער פעטער איז געגאנגען צוא זיינע באקאנטע פאבריקאנטען

דָבַקְתִּי בְּמַעֲשִׂים רָעִים, אִיךְ הָאבּ מִיךְ בַּאהֶעפְט אִין בֵּייזֶע אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעלָאזְט פוּן דֶעם יֵצֶר־הָרָע אָנְרֵיידֶען, אִיךְ הָאבּ גָאר נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל מוּזֶען שְׁטֶעהֶען צוּם מִשְׁפָּט אוּן אִיךְ בִּין נָאכְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ דִיא תַּאֲוַת לִבִּי. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶוען אִיךְ וֶועל וֶועלֶען מִתְוַדָּה זַיין פַאר דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת וֶועלֶען דִיא טֶעג זִיךְ אוֹיסְלָאזֶען אוּן אִיךְ וֶועל נִיט קָאנֶען אוֹיסְרֶעכְנֶען מַיינֶע בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, וָוארוּם זֵיי זַייגֶען זֶעהְר פִיעל. אוֹיף וֶועלְכֶע עֲבֵירוֹת זָאל אִיךְ זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין, צוּזוּ אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטָאן בְּמֵזִיד אָדֶער אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְהָאן אוּמְגֶערְן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיךְ, אַז דוּ זָאלְסְט אָפְּוַואשֶׁען פוּן מִיר דִי עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְהָאן אוּן זָאלְסְט מִיךְ מַאכֶען רֵיין פוּן מַיינֶע עֲוֹנוֹת, אָמֵן:

לוּלֵי חֲסָדֶיךָ עַל מָה אֶסְמוֹךְ, וֶוען נִיט דַיין גֶענֶעדִיגְקֵייט אוֹיף וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט צוּ פַארְלָאזֶען זִיךְ אִין אַזֶעלְכֶע טֶעג, וָוארוּם דִיא טֶעג זַיינֶען זֶעהְר מוֹרָא'דִיג. מֶען רֶעכֶענְט אִיטְלִיכֶען אִיבֶּער אוּן מֶען לֵייעֶנְט אִיטְלִיכֶענְס מַעֲשִׂים וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט גֶעטְהָאן. אִיךְ הָאבּ מִיךְ נָאר סוֹמֵךְ צוּ זַיין אוֹיף תְּשׁוּבָה, דֶען דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפֶען תְּשׁוּבָה אוֹיף דִיא עֲבֵירוֹת, דַארוּם בִּין אִיךְ מְקַבֵּל אוֹיף מִיר צוּ תְּשׁוּבָה טְהָאן אוּן דִיךְ רֶעכְט צוּ דִינֶען:

בְּחַסְדְּךָ תְּדִינֵנִי, גָאט מַיין גָאט, מִשְׁפָּט מִיךְ מִיט דַיין גֶענָאד. מִיר שְׁרַייעֶן אוּן בֶּעטֶען דוּא זָאלְסְט אוּנְז פַארְגֶעבֶּען אוּנְזֶערֶע זִינְד אוּן זָאלְסְט אָנְנֶעהְמֶען אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה. דֶערְוֶועקְט אַייךְ אוּנְזֶערֶע אָבוֹת וָואס לִיעגֶען אִין דֶער מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה צוּא שְׁטִיצֶען מִיךְ. קַיין מַעֲשִׂים טוֹבִים אִיז אִין מִיר נִיט פַארַאן, בֶּעט אִיךְ גָאט עֶר זָאהְל זִיךְ

משלי אבות

אוּן הָאט פַאר אִיהְם צוּזַאמֶענְגֶעקוֹיפְט בַּייא פַארְשִׁיעֶדֶענֶע פַאבְּרִיקַאנְטֶען פַארְשִׁיעֶדֶענֶע סָארְטֶען סְחוֹרָה צוּא דִי בִּילִיגְסְטֶע פְּרַייזֶען, דִיא פַאבְּרִיקַאנְטֶען הָאבֶּען אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּזַאמֶענְצוּשִׁיקֶען דִיא סְחוֹרָה, וֶועלְכֶער דֶער פֶעטֶער הָאט פַאר אִיהְם אָנְגֶעקְלִיבֶּען, פוּן אֵיין פַאבְּרִיקַאנְט אִיז

אויף מִיר דֶערְבַּארְמֶען. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מַאךְ אוּנְז ווִידֶערְקֶעהְרֶען צוּ דִיר מִיר זָאלֶען ווִיעדֶער אָנְגֶערוּפֶען ווֶערֶען דַיין פָאלְק, זָאל זִיךְ דֶערְבַּארְמֶען דַיין גֶענָאד אִין זְכוּת פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת, אָמֵן סֶלָה:

רַחֲמֶיךָ יָלִיץ בְּעַד רְשׁוּמִים בַּכִּסֵּא, דַיין גֶענָאד אוּן דֶערְבַּארֶעמְקַייט זָאלֶען זַיין מְלִיצֵי יוֹשֶׁר פַאר דִיא יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיךְ דֶער זְכוּת פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק דָאס עֶר הָאט גֶעטְהָאן כָּבוֹד צוּ דַיין נָאמֶען זָאל אוּנְז בַּיישְׁטֶעהֶען מֶען זָאהְל חָלִילָה נִיט קוּמֶען צוּ שִׁפְלוּת אָדֶער צוּ אָרֶעמְקַייט, אָמֵן:

יָדַעְתִּי כִּי סַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ, אִיךְ ווֵייס אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָבְּגֶעווֶענְדֶט פוּן דַיינֶע לִיעבֶּע גֶעבָּאט, אָבֶּער אִיךְ טְהוּ הָאפֶען אוֹיף דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען אַז דוּ ווֶעסְט מִיט מִיר נִיט מְדַקְדֵק זַיין. זָאהְל אוֹיף מִיר מְקוּיָם ווֶערֶען ווָאס אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטֶעהְט: נָאט ווַארְפְט אַוֶועק דִי עֶרְשְׁטֶע עֲבֵירוֹת אוּן זֶעהְט דִי זְכִיּוֹת זָאלֶען אִיבֶּערְוֶועגֶען דִי עֲבֵירוֹת:

בְּצִדְקָתְךָ תַּדִּיחַ כְּתָמִים, מִיט דַיינֶע גֶערֶעכְטִיגְקַייט זָאלְסְט דוּ אוֹיסְמֶעקֶען דִי פְלֶעקֶען ווָאס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אִין דֶעם קְלֵייד פוּן מַיין נְשָׁמָה מִיט מַיינֶע גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת. ווָאס ווֶעט דִיר אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן אוּנְזֶער בִּיטֶערֶען טוֹידְט אָדֶער חָלִילָה פוּן דֶעם טוֹידְט פוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלַאךְ? ווָאס הָאבֶּען מִיר דֶען גֶעטְהָאן צוּ דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען? מִיר הָאבֶּען נָאר זִיךְ שְׁלֶעכְטֶס גֶעטְהָאן. דַיין נָאמֶען אִיז הֵיילִיג אוּן אִימֶער אוּן אֵייבִּיג. דַארוּם דֶערְבַּארֶעם דִיךְ אִיבֶּער

משלי אבות

מֶען אַרוֹיס אוּן פוּן דֶעם אַנְדֶערֶען אִיז גֶעקוּמֶען מִיט סְחוֹרָה, בִּיז מֶע־ הָאט אִיהְם אַרוּמְגֶענוּמֶען פוּן אַלֶע זַייטֶען אוּן עֶר אִיז מִיט זַיי בַּאשֶׁעפְ־ טִיגְט גֶעווֶען אֵיינִיגֶע טֶעג, דֶער יוּנְ־ גֶערמַאן הָאט פַאר אַלֶעם בַּאצָאהְלְט פַאר אַלֶעם מְזוּמָּן בִּיז עֶר אִיז גֶעבְּלִי־ בֶּען אָהְן גֶעלְט נָאר ווָאס עֶר הָאט

אונז און זאהל אן אונז מקוים ווערען דער פסוק: „קרוב ה׳ לכל קוראיו״, דו ביסט נאהענט צו די וואס רופען דיך. ורחם על ממליכך, דערבארעם דיך איבער אונז. כי אנחנו עמך וצאן מרעיתך. דען מיר זיינען דיינע שאף, וואס דו פאשעסט אונז. השב שכינתך לציון, קעהר אום דיין שכינה אין דער שטאדט ציון און עס זאהל מקוים ווערען „ובא לציון גואל״, שיק קיין ציון דיין ערלייזער, אמן סלה:

תחנה פון ראש חודש אלול.

די תחנה זאל מען זאגען אום ראש חודש אלול און אויך מאנטאג און דאנערשטאג ווען מען זאגט בריך שמיה, בפרט אום ראש השנה און יום כפור:

יי יי, דו ביסט א בארעמהערציגער גאט און דערבארעמסט דיך איבער יעדען מענטשען, חאטש ער זינדיגט און דו ביסט איהם מוחל דורך תשובה:

אל רחום, דו ביסט א בארעמהערציגער גאט און דערבארעמסט דיך איבער דעם מענטש וואס טהוט דיך בעטען אז דו זאלסט איהם טהאן חסד חנם און איהם מוחל זיין זיינע עבירות. וחנון, און דו ביסט א לייטזעליגער גאט. דו טהוסט לייטזעליגען צו דעם וואס קומט מיט תפלה צו דיר. ארך אפים דו דערלייגערסט דיין גרימצארן און דו ביסט ניט גיך צו דערצערנען אפילו צו דעם רשע. אייל סט ניט צו צאהלען דעם מענטשען נאך זיינע מעשים רעים נאך, נאר דו

משלי אבות

ויך געלאזען אום צו קאנען רייזען צוריק. בעת ער האט אפשיעד גענומען פון פעטער, זאגט ער צו איהם: — ליבער פעטער, מיט אייער פריינד־שאפט האט איהר מיר פארמאטערט, יעדער פאברקאנט האט מיר געשיקט סחורה אין אייער נאמען מיט בעשטימטע פרייזען איך האב אלעם

וואַרטסט טאָמער וועט ער תשובה טאָן. ורב חסד, און דו טהוסט פיעל גענאַד צו דיא לייט וואָס האָבען קיין זכות ניט. ואמת, און דו ביסט אַ וואָהרהאַפטיגער גאָט. דו שטראָפסט דעם מענטשען פאַר זיינע זינד, אָבער דערנאָך ווערסטו איהם געבען אַ גוטען שכר לעולם הבא פאַר דעם גוטס וואָס ער האָט געטהאָן אויף דער וועלט. נוצר חסד לאלפים, דוא גע־דענקסט דאָס גוטס וואָס דער צדיק האָט געטהאָן אויף דער וועלט ביז צוויי טויזענד געבירט. נושא עון ופשע, דוא פאַר־טראָגסט די זינד, וואָס ער האָט געזינדיגט און אַז ער טהוט תשובה ביסטו איהם מוחל. וחטאה, אפילו דיא עבירות וואָס דער מענטש קען זיך היטען פאַר זיי, סיי מיט הערצען, אָדער מיט זעהן, אָדער מיט רייד. ונקה, און דו רייניגסט דעם מענ־שען פון זיין זינד און ווען ער טהוט תשובה מיט זיין גאַנצען

האַרצען ווערט פון די עבירות זכיות:

רבונו של עולם, הערר פון דער גאַנצער וועלט, דוא זאָלסט דער־הערען מיין בקשה צוא גוטען און דוא זאָלסט מיר און מיין מאַן און מיינע קינדער פאַרגעבען אַלע זינד וואָס מיר האָבען געזינ־דיגט און געשולדיגט געגען דיין היילינגען נאָמען, און דו זאָלסט אונז געדענקען יעצט צוא דעם יום הדין צו גוטען, צו אַ כתיבה וחתימה טובה און העלפען אונז מיט דערבאַרמקייט, און זאָלסט אונז יעצט גע־דענקען צו לעבען לאַנג מיט געזונד און מיט שלום און זאָלסט אונז גע־בען אַ גרינגע פרנסה, דען יעצט איז דיא צייט וואָס דו צייכענסט אָן דעם מענטשען פרנסה אויף דעם גאַנצען יאָהר. אַלמעכטיגער גאָט,

---

משלי אבות

געמוזט צו נעהמען און באַצאָהלען און יעצט בין איך געבליעבען אָהן אַ פרוטה. איך בין דעם ערשטען מאָל דאָ האָב איך געוואָלט עטוואָס פאַר־גניעגען האָבען יעצט מוז איך שוין פאָהרען צו הויזע דען איך בין שוין קורץ אין געלד ענטפערט איהם דער פעטער: — ווי גליקליך ביסטו יעצט

זָאלְסְט אוּנְז טְהָאן לִפְנִים מְשׁוּרַת הַדִּין אוּן דוּ זָאלְסְט אוּנְז אָנְשְׁרַייבֶּען צוּ פַּרְנָסָה וְכַלְכָּלָה. עֶס זָאהְל נִיט זַיין מִיט בִּזָיוֹן חַס וְשָׁלוֹם, נָאר מִיט כָּבוֹד אוּן מִיט הֶיתֵּר, נִיט מִיט אִיסוּר חַס וְשָׁלוֹם, דֶען דוּא בִּיסְט דֶער הֶערְר פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, וָואס שְׁפַּייזְט אַלֶע בַּאשֶׁעפֶּענֶעשׁ פוּן דֶעם קְלֶענְסְטֶען בִּיז דֶעם גְרֶעסְטֶען, דֶען דִי אוֹיגֶען פוּן אַלֶע בַּאשֶׁע־פֶּענֶעשׁ פוּן דֶער וֶועלְט הָאפֶּען צוּא דִיר, לִיעבֶּער גָאט, אוּן דוּא גִיסְט אִיטְלִיכֶען זַיין בַּאדֶערְפֶּענֶעשׁ אוּן שְׁפַּייז אִין זַיין צַייט. דוּ זָאלְסְט אוּנְז אָנְשְׁרַייבֶּען צוּא אַ גוּט לֶעבֶּען, דָאס מִיר זָאלֶען רֶעכְט הַאלְטֶען דַיינֶע לִיעבֶּע הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אוּן דוּ זָאלְסְט אוּנְז גֶעבֶּען שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה דָאס מִיר זָאלֶען פַארְשְׁטֶעהֶען דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אוּן זָאלְסְט שִׁיקֶען אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה צוּ אוּנְזֶער וֶועהְטָאג. אוּן מִיר זָאלֶען בַּאלְד דֶערְלֵייזְט וֶוערֶען פוּן אוּנְזֶער דַחֲקוֹת, אוּן גִיעבּ אוּנְז בְּרָכָה וְהַצְלָחָה אִין אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲסָקִים אוּן מַשָּׂא וּמַתָּן וָואס מִיר טְהוּעֶן. דוּ זָאלְסְט עֶרְוֶועקֶען דִי הֶערְצֶער פוּן דִי מְלָכִים אוּן זֵייעֶרֶע יוֹעֲצִים אִיף אוּנְז צוּא גוּטֶען, אוּן עֶס זָאהְל זַיין דֶער ווִילֶען פוּן דִיר אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט, אַז דִיא רֵייד פוּן מַיין מוֹיל אוּן דִיא גֶעדַאנְקֶען פוּן מַיין הַארְצֶען זָאלֶען זַיין בַּאווִילִיגְט פַאר דִיר, דֶען דוּא בִּיסְט מַיין בַּאשֶׁעפֶער אוּן מַיין דֶערְלֵייזֶער, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן:

(דֶערְנָאךְ זָאגְט מֶען „וַאֲנִי תְפִלָּתִי" דְרַיי מָאל):

תְּחִנָּה לְחוֹדֶשׁ אֱלוּל וּלְרֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דִיא שֶׁעהְנֶע תְּחִנָּה זָאהְל מֶען זָאגֶען אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אַלֶע טָאג וֶוען מֶען הֶערְט שׁוֹפָר בְּלָאזֶען, בִּפְרַט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה:

אֵל מֶלֶךְ דַּיָּן שׁוֹפֵט צֶדֶק וֶאֱמֶת. דוּא בִּיסְט אַ וָואהְרְהַאפְטִי־גֶער, גֶערֶעכְטֶער גָאט. דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט אוּן דַיין מִשְׁפָּט

משלי אבות

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשִׁיקְט דִי שֶׁעהֶנְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה וָואס עֶס אִיז נִי־טָא צוּ זַיי בַּיין דָמִיוֹן אוּן זֶעהְר בִּי־

לִיג ווִי עֶס קָאן נוּר גֶעבֶּען דוּ וֶועסְט קוּמֶען אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם צוּ הוֹיזֶע וֶועסְט דוּ אָן זֵיי זֶעהְר גוּט פַארְדִיענֶען אוּן

איז געערכט, דוא ביסט דן אלע באשעפעניש מיט אמת און מיט גערעכטיגקייט. מה נאמר ומה נדבר, וואס זאלען מיר זאגען אדער וואס זאלען מיר ריידען? דער מנהג איז צווישען אונז ישראל, דאס מען פאנגט אן דרייסיג טעג פאר ראש־השנה צו בלאזען שופר צו דערוועקען דיא לייט צו תשובה, דארום דארף יעדער מענטש ציטערען און דערשרעקען זיך, ווען ער הערט שופר בלאזען און זיך שטעלען מיט גרוים פארכט און ציטערניש צו בעטען פאר הקדוש ברוך הוא צו דעם יום הדין הגדול והנורא:

רבונו של עולם, דו הערר פון דער גאנצער וועלט, איך בין געקומען פאר דיר מיט א צובראכען הארץ צוא בעטען פון דיין הייליגען פארכטיגען נאמען א מחילה, סליחה וכפרה אויף מיינע עבירות וואס איך האב געטהאן אין דיא טעג פון מיין לעבען, סיי עבירות בשוגג אדער במזיד, סיי בדבור, במחשבה אדער במעשה, בעט איך דיך דוא אלמעכטיגער גאט, דוא זאלסט מיר מוחל זיין א מחילה גמורה אויף זיי. דען ווען דו ווילסט מיר חס ושלום ניט מוחל זיין צוא וועמען זאהל איך מיך ווענדען? בארעמהערציגער גאט פון דער גאנצער וועלט, דוא האסט דאך ליעב דעם מענטשען ווען ער האט חרטה אויף זיינע עבירות און וויל זיי מעהר נישט טהאן, בעט איך דיך מיט'ן גאנצען הארצען, אוי לי, וועה איז צו מיר, וואס איך האב געטהאן מעשים רעים און האב בעשמוצט מיין נשמה, וואס קומט פון א הייליגען ריינעם ארט און השם יתברך האט מיר זי געגעבען דאס איך זאל זי הייליגען און ריין האלטען וויא אן אבן טוב.

משלי אבות

דו וועסט מיר אימער דאנקען וואס
איך האב ביי דיר דיין צייט און דיין
געלד צוגענומען דען דא איז מעשים
בכל יום אז עס קומען יונגע לייט מיט

גרויסע קאפיטאלען עס לאזען זיך צו
זייא צו חברה און מען פארברייגנט
נאר אין פארגניעגען ביז מען צאפט
זיי אוים די עטליכע גילדען און פאר־

וָואס װעל אִיךְ טְהָאן אוּן עֶנְטְפֶערֶען, װען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ װעט מִיךְ פַאר־
דֶערֶען אוּן אִיךְ װעל מוּזֶען חֶשְׁבּוֹן גֶעבֶּען פַאר זַיין הֵיילִיגֶען כִּסֵא
הַכָּבוֹד? דַארוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ דוּ לִיעבֶּער בַּארֶעמְהֶערְצִיגֶער גָאט, אַז
דוּ זָאלְסְט דִיךְ דֶערְבַּארֶעמֶען אִיבֶּער מִיר אָרֶעמֶער זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ,
אוּן דוּ זָאלְסְט מִיר גֶעדֶענְקֶען מַיינֶע זְכוּת אוּן דוּ זָאלְסְט הֶערֶען מַיין
תְּפִלָּה וָואס אִיךְ בִּין פַאר דִיר יֶעצְט מִתְפַּלֵל, אוּן נֶעהְם פַאר דִיר מַיי־
נֶע טְרֶעהְרֶען, דֶען װען שׁוֹין אַלֶע טְהוֹיעֶרֶען זַיינֶען צוּא גֶעשְׁלָאסֶען,
אָבֶּער דִי טְהוֹיעֶרֶען פוּן טְרֶעהְרֶען זַיינֶען דָאךְ נִיט פַארְשְׁלָאסֶען. דוּא
זָאלְסְט זֶעהֶען מַיין צַער אוּן זַיי דִיךְ מְרַחֵם אִיבֶּער מַיין גוּף אוּן נְשָׁמָה
אוּן זָאלְסְט מִיר מוֹחֵל זַיין אַ מְחִילָה גְמוּרָה, אוּן זָאלְסְט מִיךְ מִיט מַיין
מַאן אוּן קִינְדֶער אָנְשְׁרַייבֶּען צוּ אַ שָׁנָה טוֹבָה, לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם, לְשָׂשׂוֹן
וּלְשִׂמְחָה, לִגְאוּלָה שְׁלֵמָה, אוּן זָאלְסְט אוֹיף אוּנְז גוֹזֵר זַיין גְזֵירוֹת
טוֹבוֹת יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת אוּן דוּא זָאלְסְט מְבַטֵל זַיין אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת
פוּן מִיר אוּן פוּן מַיין מַאן אוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן פוּן כָּל יִשְׂרָאֵל,
אָמֵן סֶלָה:

תְּחִנָּה פוּן סְלִיחוֹת.

די תְּחִנָּה זָאל מֶען זָאגֶען אִין דֶער פְרִיה צוּ סְלִיחוֹת פַאר ראש הַשָּׁנָה:

אֲדוֹן עוֹלָם, הֶערְר פוּן דֶער גַאנְצֶער װעלְט, דוּא בִּיסְט גֶעװען אַ קֶענִיג נָאךְ אֵיידֶער דוּא הָאסְט בַּאשַׁאפֶען דִיא װעלְט אוּן דוּ הָאסְט אַלְסְדִינְג בַּאשַׁאפֶען אַזוֹי װיא דוּ הָאסְט גֶעװָאלְט פוּן דַיין כָּבוֹד װעגֶען. װער קֶען זִיךְ צוּ דִיר גְלַייכֶען אָדֶער אַנְטְקֶעגֶען דִיר זִיךְ שְׁטֶעלֶען? װער קֶען דֶערְצֶעהְלֶען

רַייזֶען מִיט גָאר נִיט. הָאבּ אִיךְ דִיר
פַארְהִיט אַז מִיט דִיר זָאהְל עֶס חַס
וְשָׁלוֹם נִיט פַאסִירֶען. יֶעצְט פָאהְר
אַהֵיים גֶעזוּנְד, מַיין קִינְד (ה' יִשְׁמָר
צֵאתְךָ וּבוֹאֶךָ). דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט
אִיהְם גֶעדַאנְקְט פוּן טִיעֶפֶען הַארְ־
צֶען אוּן אָבְּגֶערַייזְט נָאךְ הוֹיזֶע לְשָׁלוֹם.
דֶער נִמְשָׁל אִיז. הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט

דיין גרויסקייט און דיין באריהמטהייט? דאס שטארקייט און דאס הערשאפט איז אין דיין האנד. דו ביסט איין איינציגער גאט, דוא קענסט מיך דערלייזען און מיך דערפרעהען ווען איך רוף צו דיר, אין דיין האנט באהאלט איך מיין נשמה אז איך געה שלאפען, און אז איך כאפ זיך אויף פון מיין שלאף קעהרסטו ווידער די נשמה אין מיין גוף אריין. אז גאט איז מיט מיר האב איך גאר נישט צוא זארגען און מורא האבען פאר קיין שום זאך, פאטער גאט, זעה פון דיין הייליג ארט און דערבארעם דיך איבער אונז און העלף אונז, דען אז אונזער בית המקדש איז געשטאנען איז ביי אונז וויניג זינד געווען, דען אונזער הייליג הויז האט אונז דיא זינד פארגעבען, דיא קרבנות פון ביי נאכט האבען פארגעבען פאר דיא עבירות וואס מען האט געטהאן ביים טאג, יעצט מיט וואס זאלען מיר צו דיר קומען? דארום זאלסטו פאר דיר נעהמען אונזערע צובראכענע הערצער און עס זאל פאר דיר אנגענומען ווערען אונזער תפלה אזוי וויא א קרבן עולה און דוא זאלסט אונז אונזער בית המקדש בויען במהרה בימינו, אמן:

רבונו של עולם, הערר פון דער גאנצער וועלט, איך קום בעטען פאר דיר מיט א צובראכען הארץ, איך קען זיך קיין שום עצה ניט געבען, וואס איך זאהל טהאן צו דעם יום הדין הגדול והנורא וואס קומט צוא דעם נייעם יאהר, חאטש אונזערע חכמים האבען מתקן געווען אז עטליכע טעג

משלי אבות

אבאפגעשיקט דעם מענטשען אויף דער וועלט ער זאל דא איינהאנדלען תורה ומצוות, נאר ווי דער מענש קומט אהער זעהט ער פאר זיך א וועלט מיט אלערלייתאוות עולם הזה און אז ער זאל זיך חס ושלום צולאזען צו זיי איז ער אונגליקליך, (כי יצר לב האדם רע מנעוריו), דער מענש

פאַר ראש השנה זאָל מען אויפשטעהען גאַנץ פריה און מען זאָהל זאָגען סליחות, כדי עס זאָהל אָנגענומען ווערען פאַר השם יתברך. אָבער זייא האָבען געמיינט אַזעלכע מענטשען, וואָס זיינען ריין פון זינד, די זאָלען בעטען פאַר השם יתברך, ער זאָהל זיי געבען זייערע באַדערפענישן, אָבער נישט אַזאַ מענש ווי איך בין, דען איך ווייס וואויל אַז איך בין פול מיט זינד און וויא אַזוי קען איך בעטען פון השם יתברך אַז ער זאָהל מיר געבען פיעל גוטס, אַז איך בין גאָר ניט ווערטה? פון דעסטוועגען האָב איך מיך פאַרט דערוועקט מיט גרויס מורא און ציטערניש צו בעטען השם יתברך. איך ווייס ניט וואָס זאָל איך טהאָן, מיט וואָס זאָל איך דיך איבער בעטען און מיט וואָס זאָהל איך דיך באַוועגען אַז דוא זאָלסט מיר פאַרגעבען מיינע זינד וואָס איך האָב געטהאָן? אויב מיט תשובה און ווידוי, טהו איך בודאי תשובה און בין מתודה פאַר דיר גאָט מיין גאָט און גאָט פון מיינע עלטערען. איך האָב געזינדיגט און געשולדיגט און ווידערגעשפעניגט פאַר דיר און דוא ליעבער גאָט דו ביסט דאָך אַ דערבאַרעמיגער און פאַרטראָגסט דיא זינד פון אַלע, זיי מיר אויך מוחל. און אויב מיט תפלה און תחנה ביסט דו מוחל, מאַך איך פאַלען, ליעבער גאָט, מיין געבעט פאַר דיר, און אויב מיט געוויין און געשריי ביסט דו מוחל, טהו איך וויינען און זיפצען. וועה איז צוא מיר אויף מיינע זינד, דוא ביסט אַ גאָט וואָס מען

משלי אבות

האָט דאָך אַ יצר הרע צו אַלע נאַ־רישע פאַרגניגען און תאוות און ער שעהמט זיך קומען לעולם הבא מיט שענדליכע מעשים וויא דיא חכמים זכרנו לברכה זאָגען (עבירה גוררת עבירה) איין עבירה שלעפט נאָך זיך די אַנדערע. דארום איז געווען דיא עצה פון השם יתברך צוא פאַרשאַ־

דארף צו דיר ניט פיעל שרייען. דו פארנעהמסט די צובראכענע הערצער, ניט וויא אליהו הנביא האט געזאגט צו דיא פאלשע נביאים: שרייט שטארק צו אייער גאט טאמער וועט ער דערהערען, און אויב מיט איין צובראכען הארץ פארגיבסטו דיא זינד, צוברעך איך מיין הארץ פאר דיר און דוא ווייסט דאך וואויל, וועלכע הערצער זיינען צובראכען:

רבונו של עולם, בשעת אברהם האט זיין זוהן יצחק געוואלט ברייגגען אויף דער עקדה זיינען דיא טרעהרען געפאלען אויף דעם מעסער און אברהם האט איהם דארום ניט געקאנט שעכטען, בעט איך דיך אז דורך דעם וואס זייערע טרערען זיינען אראפגעפאלען, זאלען אונזערע טרעהרען ארויפקומען פאר דיר צום נייעם יאהר. און אזוי ווי בשעת אסתר איז געגאנגען צו דעם מלך אחשורוש צוא בעטען פאר דיין פאלק ישראל האסט דו מיט איהר געשיקט א מלאך און אסתר האט באקומען חן אין זיינע אויגען, אזוי זאלסט דו, ליעבער גאט, ביי אונזער משפט שיקען אזעלכע מלאכים זיי זאלען אויף אונז אויסגיעסען חן וחסד. אין דיינע הייליגע אויגען, און איך בין זיכער אין דיין גרוים גענאד אז דוא וועסט מיר בודאי העלפען, דען עס איז ניטא קיין שום צדיק אויף דער וועלט אז ער זאל נישט זינדיגען און איך ארעם מענטש קען מיך ניט מאכען פאר קיין רשע חס ושלום אז איך זאהל זאגען אז עס איז שוין חלילה צוא מיר קיין הילף ניטא, דען מיר ווייסען און גלויבען אז השם יתברך האט גע־**וואוסט בשעת ער האט די וועלט באשאפען אלע דורות וואס וועלען**

משלי אבות

זען איהם זעהר פיעל סחורה. דאס איז פיעל תורה ומצוות אז ער זאהל גאר ניט האבען קיין לידיגע צייט. (ומצוה גוררת מצוה), איין מצוה ברייגגט צו דיא אנדערע דען קוים האט ער מקיים געווען איין מצוה שטעהט איהם פאר נאך א מצוה מקיים צו זיין, דאס זאגט דער תנא: רצה הקדוש ברוך הוא וכו׳, השם יתברך האט געוואלט גליקלאך מא־

זַיין בִּיז לֶעָתִיד לָבֹא אוּן וֶועלְכֶע מֶענְטְשֶׁען עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען אַז עֶר וֶועט אִיהְם נוּצֶען הָאט עֶר אִיהְם בַּאשַׁאפֶען אוּן דֶעם מֶענְטְשֶׁען וָואס עֶס וֶועט פוּן אִיהְם גָאר קַיין נוּץ נִיט זַיין הָאט עֶר גָאר נִיט בַּאשַׁאפֶען. דַארוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ, לִיעבֶּער גָאט, דוּ זָאלְסְט זִיךְ דֶערְבַּארְמֶען אִיבֶּער מִיר צוּם נַייעֶם יָאהְר, דֶען דוּא בִּיסְט אוּנְזֶער דֶערְבַּארֶעמִיגֶער גָאט אוּן מִיר זַיינֶען דַיין לִיעבּ פָאלְק, אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען: וֶוער אִיז אַזוֹי וִויא דַיין לִיעבּ פָאלְק? לִיעבֶּער גָאט, דוּא זָאלְסְט אוּנְז אַלַיין מִשְׁפָּט'ן, דֶען פַאר דִיר פַּאסְט דוּא זָאלְסְט מִשְׁפָּט'ן דַיין פָאלְק וַוייל דוּ גָאט בִּיסְט אוּנְזֶער גָאט אוּן אוּנְזֶער טְרֵייסְטֶער, אוּן דוּ

זָאלְסְט אוּנְז שִׁיקֶען אוּנְזֶער גוֹאֵל צֶדֶק הַיינְטִיגֶם יָאהְר, אָמֵן סֶלָה:

שְׁמַע, הֶער צוּ, לִיעבֶּער גָאט, מַיין תְּפִלָּה אוּן נֶעהְם זִיא אָן גְלַייךְ וִוי אִיךְ וָואלְט גֶעבְּרַאכְט אַ קָרְבָּן עוֹלָה, אַזוֹי וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֶעהְט: אַ צוּבְּרָאכֶען הַארְץ אִיז גְלַייךְ וִויא אַ קָרְבָּן צוּא גָאט. דוּא זָאלְסְט זִיךְ אִיבֶּער אוּנְז מְרַחֵם זַיין אוּן זָאלְסְט מִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אוּמְבְּרֵיינְגֶען חָאטְשׁ מַיינֶע זִינְד זַיינֶען גְרוֹיס, דֶען אַלֶע מֶענְטְשֶׁען לֶעבֶּען נָאר מִיט דַיין גֶענָאד אוּן מַחֲמַת דַיין דֶערְבַּארֶעמְקַייט טְהוּסְטוּ חֶסֶד חִנָּם, אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶעהְט אִין פָּסוּק: גָאט אִיז אַ דֶערְבַּארֶעמִיגֶער אִיבֶּער אַלֶע זַיינֶע בַּאשֶׁעפֶענֶעשׁ. דָארוּם לִיעבֶּער גָאט דֶערְבַּארֶעם דִיךְ אִיבֶּער אוּנְז פוּן דַיין לִיעבֶּען כָּבוֹד וֶועגֶען, מִיר זָאלֶען נִיט נִיעדֶערִיג זַיין בַּיי לַייט, אָמֵן:

אָנָּא יְיָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל. אִיךְ בֶּעט דִיךְ אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט אַז דוּ זָאלְסְט דִיךְ אִיבֶּער מִיר מְרַחֵם זַיין. אֵל מָלֵא רַחֲמִים.

משלי אבות

כֶען דִי יִשְׂרָאֵל (לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת). דַארוּם הָאט עֶר זֵייא גֶעגֶעבֶּען פִיעל תּוֹרָה וּמִצְווֹת אַז זֵיי זָאלֶען קַיין צַייט נִיט הָאבֶּען צוּ זוּכֶען תַּאֲווֹת עוֹלָם הַזֶּה נָאר (לְהַגְדִּיל תּוֹרָה וּלְהַאֲדִירָה). אוּן דֶער זְכוּת פוּן דֶער תּוֹרָה וֶועט אוֹיף אוּנְז מֵגֵן זַיין לְעוֹלָם וָעֶד:

דו ביסט דאך פול מיט רחמים, דערבארעם דיך איבער מיר, ליעבער גאט, אז מיינע קינדער און קינדס קינדער זאלען ניט שטארבען פאר מיין לעבען. דו ביסט דאך א בארעמהערציגער גאט און דוא האסט אנגעשריבען אין דיין היילינגער תורה: ווען איינער געפינט א נעסט פון פויגעלאך זאל ער די מוטער אוועקשיקען און די קינדער צונעהמען, חאטש אז די פויגעלאך ווערען דערוואקסען קענען זיי נישט זייער פאטער און מוטער און דיא פאטער און מוטער קענען זיי נישט, פון דעסטוועגען האסטו פארט גוזר געווען מען זאל ניט נעהמען דיא קינדער פאר דיא מוטער אין דיא אויגען, מכל שכן מיר מענטשען האבען דאך גרויס מיה איידער מיר ערציהען אונזערע קינדער דורך דיין גענאד, דארפסטו בודאי אונז העלפען מיר זאלען זיי און אויך זייערע קינדער ערציהען צו גאטס דיענסט, און עס זאל אן אונז מקוים ווערען דער פסוק: עטרת זקנים בני בנים ותפארת בנים אבותם, א קרוין איז צוא עלטערען פון זייערע קינדס קינדער און דאס שעהנקייט פון די קינדער איז א כבוד צו זייערע עלטערען. און ווען איך האב דאס ביי דיין ליעבען נאמען נישט פארדיענט, בעט איך דיך א מתנת חנם:

אב הרחמים, פאטער דערבארמיגער, גיב מיר מיט מיין מאן און מיט מיינע קינדער, פרנסה פון דיין האנד און נישט פון קיין מענטשען, דען דיא גאב פון א מענטשען איז גאר

משלי מוסר

מיר זאגען אין שמונה עשרה: ובכן תן פחדך, וכו׳. למשל עס האבען זיך א מאהל באגעגענט צוויא באקאנטע, האט איינער געפרעגט דעם צווייטען וויא עס געהט איהם אויף זיין נייע שטעלע. — מיר געהט יעצט גאט צוא דאנקען זעהר גוט, האט ער געענטפערט — מיר איז יעצט

נִיט. קָען דֶען אַ מֶענְשׁ גֶעבֶּען וָואס דֶער אַנְדֶערֶער בַּאדַארְף? און וֶוען עֶר גִיט שׁוֹין עֶפֶּעס גִיט עֶר אִיהְם נִיט אִין דֶער צַייט, אָבֶּער דוּ, לִיעבֶּער גָאט, דוּ וֵוייסְט אִיטְלִיכֶען מֶענְטְשֶׁענְס בַּאדֶערְפֶענֶעשׁ אִין אִיטְלִיכֶע רֶגַע, זָאלְסְטוּ אוּנְז שְׁפַּייזֶען פוּן דַיין הַאנְד, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֶעהְט אִין פָּסוּק: פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן, דוּ עֶפֶענְסְט דַיין הַאנְד און מַאכְסְט זֶעטֶען אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענֶעשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט דוּרְךְ דַיין גוּטְס. און אַז אִיךְ וֶועל דַארְפֶען שְׁטַארְבֶּען, זָאהְל אִיךְ שְׁטַארְבֶּען פוּן דַיין רֵיינֶע הַאנְד און מַיין מִיתָה זָאל זַיין אַ כַּפָּרָה אוֹיף מַיינֶע זִינְד. עֶס זָאל זַיין בַּאוִוילִיגְט דִיא רֵייד פוּן מַיין מוֹיל און דִיא גֶעדַאנְקֶען פוּן מַיין הַארְצֶען פַאר דִיר גָאט מַיין בַּאשֶׁעפֶער און דֶערְלֵייזֶער בִּיז אוֹיבִּיג, אָמֵן סֶלָה:

לִיעבֶּער הֶערְר גָאט, חָאטְשׁ דִיא וֶועלְט אִיז אַ קְלֵיינֶע וֶועלְט, אָבֶּער אַז מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין גוּטְס אוֹיף דֶער וֶועלְט קָען מֶען יֶענֶע וֶועלְט אוֹיךְ נִישְׁט הָאבֶּען. דַארוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ, לִיעבֶּער גָאט, אַז דוּ זָאלְסְט דֶערְפְרֶעהֶען מַיין הַארְץ, דֶען מַיינֶע וואוּנְדֶען זַיינֶען אַזוֹי גְרוֹיס אַז אִיךְ קָאן זֵיי גָאר נִיט אַרוֹיסְרֵיידֶען. זָאל אִיךְ זֵיי זָאגֶען פַאר אַ מֶענְשֶׁען, וָואס קָאן עֶר מִיר הֶעלְפֶען וֶוען עֶר וֶועט שׁוֹין אֲפִילוּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת הָאבֶּען? און בִּפְרַט טָאמֶער אִיז עֶר מִיר גָאר אַ שׂוֹנֵא, וֶועט עֶר זִיךְ נָאךְ פְרֶעהֶען אוֹיף מַיין צַעַר. וֶועה אִיז מִיר, פַאר וֶועמֶען זָאל אִיךְ קְלָאגֶען מֶעהְר וִוי פַאר דִיר? לִיעבֶּער גָאט, אִיךְ בֶּעט דִיךְ, דוּא זָאלְסְט מַיינֶע פַיינְד נִיט דֶערְפְרֶעהֶען. דוּא בִּיסְט דָאךְ אַ שְׁטַארְקֶער גָאט, דַארוּם זֶעה וָואס פַאר יְסוּרִים אִיךְ טְרָאג אוֹיף

משלי מוסר

דָאפֶּעלְט גוּט, עֶרְשְׁטֶענְס, וָואס אִיךְ בִּין פָּטוּר גֶעוָואֶרען פוּן מַיין פְרִיהֶערְדִיגֶע שְׁטֶעלֶע, וָואס אַז אִיךְ דֶערְמָאהְן מִיר אָן אִיהְר און אָן מַיין גֶעוֶועזֶענֶעם ווִירְטְה, גֶעהְט מִיר אַרַייבֶּער אַ שְׁרֶעק, עֶר אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער און אַ קַאפְּרִיזְנֶער מֶענְשׁ, אִיךְ הָאבּ אִיהְם קֵיינְמָאל נִיט גֶעקָאנְט צוּפְרִי־

מין הארץ און שטראף מיינע שונאים וואס ווילען אויף מיר שלעכ־
טעס זעהן. דוא זאלסט מיר געדענקען דעם זכות פון דיא אמהות אז
איך זאל שוין מעהר קיין צער ניט האבען פון מיינע קינדער און פון
אלע מיינע גוטע פריינד. און מיר זאלען געשפייזט ווערען פון דיין
הילף בכבוד און מיר זאלען צוא קיינעם נישט באדארפען. ליעבער
גאט, לאז אונז געניסען דעם זכות פון אונזער מוטער חנה, און אזוי
ווי דו האסט איהר געהאלפען, אזוי זאלסטו מיר, ליעבער גאט, אויך
ענטפערען. אויב איך האב אפילו געזינדיגט, בעט איך דיך, דערבאר־
רעמיגער גאט, באגעה זיך מיט מיר מיט מדת הרחמים און ניט מיט
מדת הדין, אזוי ווי יעקב אבינו עליו השלום האט דיך געבעטען, ווען
זיינע קינדער ווען חס ושלום שולדיג זיין זאלסט דו זיי געדענקען
וואס פאר א צרות ער האט פאר זייא געליטען איידער ער האט זייא
ערצויגען. אזוי בעט איך דיך אויך אז איך זאל קיין צער ניט זעהען
אין מיינע קינדער. איך ווייס וואויל אז איך בעט דיך צופיעל. איך
בין בוודאי ניט ווערטה צו שטעהן אפילו פאר דיר, נאר ווייל דו באר־
גערסט אז דער מענטש זאל דיך בעטען, דארום בעט איך דיך גאט,
אז דו זאלסט מיך ניט אוועקווארפען אויף מיין עלטער ווען מיין כח
וועט אויסגעהן. לאז מיך ניט פאלען אין דער האנד פון א מענטשען,
דען עס איז קיין גרעסערער צער ניטא ווי א מענטש דארף אנקומען
צום אנדערען. זאלסט מיך היטען דערפון און זאלסט געבען מיר און
מיין מאן און מיינע קינדער דאס גליק צוא לעבען אין עושר און אין
כבוד. מיינע קינדער און קינדס קינדער זאלען עוסק זיין בתורה
טאג און נאכט און מיר זאלען אויספיהרען דיא וועלט אין נחת. און
ווען עס וועט קומען מיין לעצטע צייט זאהל קיין שטן קיין מאכט

משלי מוסר

דענשטעלען און האט פון מיר גע־
ריסען שטראפען וויפיעל זיין הארץ
האט געגוסט. צווייטענס, האב איך
יעצט אזא גוטען ווירטה. וואס זיין

גלייכען איז כמעט ניטא. ער איז אן
איידעלער מענש, און א גומל חסד.
ער באהאנדעלט מיר אויפ'ן פיינס־
טען אופן און טהוט מיט מיר חסדי'ס

נִישְׁט הָאבֶּען אִיבֶּער מַיין נְשָׁמָה אוּן דוּא זָאלְסְט מִיר שִׁיקֶען מַלְאֲכֵי רַחֲמִים אוּן מַיין חֵלֶק זָאהל זַיין מִיט דִיא נָשִׁים צִדְקָנִיוֹת אוֹיף יֶענֶער װעלְט. אִיךְ בֶּעט דִיךְ, לִיעבֶּער גָאט, דֶערְוַוייטֶער דִיךְ נִישְׁט פוּן מִיר. װען עֶס װעט חַס וְשָׁלוֹם זַיין אוֹיף מִיר אַ צָרָה אוּן אִיךְ װעל דִיךְ רוּפֶען, זָאלְסְטוּ מִיר עֶנְטְפֶערֶען אוּן מַיינֶע גוּטֶע פְרֵיינְד זָאלֶען זִיךְ פְרֵיידֶען װען זֵיי װעלֶען זֶעהֶען אוֹיף מִיר פִיעל גוּטְס, אָמֵן סֶלָה׃

תְּחִנָּה שִׁשָּׁה סְדָרִים.

פוּן דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג סְלִיחוֹת בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה װען מֶען קוּמְט אִין שׁוּהל אַריין זָאגְט מֶען די תְּחִנָּה׃

רִבּוֹן הָעוֹלָמִים, הַאר פוּן אַלֶע װעלְטֶען, קִדְּמוּ עֵינַי אַשְׁמוּרוֹת לִשְׁפּוֹךְ לִבִּי כַּמַּיִם, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פַאר טָאג צוּ פַארְגִיעסֶען מַיין הַארְץ אַזוֹי װי װַאסֶער. אוּן נוּן, גָאט מַיין גָאט, װָאס בִּין אִיךְ אוּן װָאס אִיז מַיין לֶעבֶּען אוּן מַיין כֹּחַ אוּן מַיין גֶערֶעכְטִיגְקֵייט אוּן װָאס זַיינֶען מַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, דָאס אִיךְ זָאהל מִיט זֵיי קוּמֶען פַאר דִיר? אִיךְ בִּין לֵיידִיג פוּן גוּטְס אוּן בִּין פוֹל אוֹיף אַלֶע מַיינֶע זַייטֶען מִיט אַלֶע אוּמְרֵיינִיגְקֵייט. אוֹי לִי וְאוֹי לְנַפְשִׁי, װעה אִיז צוּא מִיר אוּן װעה אִיז צוּא מַיין לַייב, דֶען אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט׃

סְלַח לִי אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם׃

פַארְגִיעבּ מִיר. מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל. װָאס אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט מִיט פִיעל זַאכֶען, סַיי אוּמְגֶעעֶרְן סַיי

משלי מוסר

װָאס אִיךְ בִּין נָאר נִיט װעֶרְטְה — אוֹיבּ אַזוֹי? הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער גֶעפְרֶעגְט. — פַאר־װָאסְ׳שֶׁע זֶעהְסְטוּ אִיצְט נָאךְ אוֹיס אַזוֹי שְׁלֶעכְט, נִיט בֶּעסֶער װיא בַּיים עֶרְשְׁטֶען װירְטְה? — יֶעצְט זֶעה אִיךְ אוֹיס שְׁלֶעכְט, הָאט דֶער מַאן גֶעעֶנְטְפֶערְט, — נִישְׁט דֶערְפַאר װָאס אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פַאר מַיין װירְטָה װיֵ

גערן דורך נויטה אדער מיט מיין ווילען, און אויף אלע גרויסע עבירות וואס איך האב געטהאן און פיעל מאל דיך דערצערענט. דו האסט מיר גוטס געטהאן אלע צייט, אבער איך האב דיר שלעכטס באצאהלט. דארום טראכט איך, אז איך וועל מודה זיין אויף אלע מיינע זינד פאר דיר גאט און וועל מיינע טרעהרען פארגיסען אפ־צו־וואשען מיט זיי גאר מיינע חטאים:

סלח לי אבי שבשמים:

פארגיעב מיר, מיין פאטער אין הימעל, דען איך בין דיר מודיע מיינע זינד און באהאלט ניט מיינע פעהלערען. ווי אזוי זאל איך מיינע זינד פארבארגען, אז דו גאט ווייסט גאר מיינע נארישקייטען? און וויא אזוי זאל איך פארבארגען מיינע זינד ווען דו זוכסט אויס אלע מיינע חדרים פון מיין בויך און מיינע נירען? און ווי אזוי זאל איך לייקענען אין דיין גוטס, ווען דו ווייסט דאס באהעלטעניש פון אלע מיינע מחשבות אין מיין הארץ? עס איז אמת אז איך האב געזינדיגט וועה איז צו מיר:

סלח לי אבי שבשמים:

פארגיעב מיר, מיין פאטער אין הימעל, דען איך פארלאז מיך אויף דיין גרויס דערבארעמקייט און דיין גענאד און אויף דיין לייטזעליגקייט, וואס דו שטרעקסט אויס דיין האנד צו די זינדיגע און ווייזט זיי די וועג פון תשובה זיי

משלי מוסר

פאר דעם אלטען, גאר איך זעה אויס שלעכט דערפאר וואס איך האב מורא טאמער שטעל איך איהם נישט צופריעדען און בין איהם נישט געגונג געטריי וויא ער פארדיענט. דער נמשל איז, מיר בעטען ביי גאט, אז

זאלען זיך אומקעהרען פון זייער בייזען וועג, אזויא וויא אין פסוק שטעהט: טוב וישר יי על כן יורה חטאים בדרך, גאט איז א גוטער און א פארכטיגער, דארום טהוט ער ווייזען די זינדיגע דעם גוטען וועג. רבונו של עולם, שיק דיין ליכט און דיין וואהרהייט זיי זאלען מיך פיהרען און דעם רעכטען וועג ווייזען:

סְלַח לִי אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

פארגיעב מיר, מיין פאטער אין הימעל, דען איך קום פאר דיר מיט א צו־וועהטאגט הארץ און א צובראכען געמיטה. איך בעט דיך, אזוי וויא אן עני ביי דער טיהר, דאס דו זאלסט מיר ווייזען די וועגען פון תשובה, און זאלסט ריינינגען אלע מיינע צוויי הונדערט אכט און פערציג אברים און אלע מיינע גליעדער און זאלסט מיך לעהרנען דעם וועג צו געהן אין איהם איך זאל געוועהנט ווערען צו טהאן דיין ווילען, דען דו ביסט דאך א מוחל עוונות און דו ווילסט ניט דעם טוידט פון דיא זינדיגע. דארום בעט איך דיך, ליעבער גאט, דו זאלסט אננעהמען דאס געבעט פון די סליחות, וואס מיר זאגען און מיר זאלען מיט זיי ביי דיר אויסבעטען סליחה און מחילה און כפרה אויף אלע אונזערע בייזע מעשים:

סְלַח לִי אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

פארגיעב מיר, מיין פאטער אין הימעל, דען ווען מיינע זינד זיינען געמעהרט וואס שאדען זייא צו דיר? נאר צוא

משלי מוסר

אנשטאדט דעם פחד וואס מיר הא־
בען א מאהל געהאט בעת מיר זיי־
נען געוועזען אונטער דעם יאך און
שרעק פון דיא קעניגע פון מצרים,
בבל און פרס, וועלכע האבען אויף
אונז ארויפגעלייגט אלע ווילדע גזי־

מִיר אִיז וֶועה אוּן וִוינְד וָואס אִיךְ הָאבּ צוּא דִיר גֶעזִינְדִיגְט, אוּן וֶוען מַיינֶע זִינְד הָאבֶּען מִיר גְרִיבֶּער גֶעגְרָאבֶּען אוּן הָאבֶּען אוֹיף מִיר גֶעבְּרַאכְט קְלָאג אוּן זִיפְצֶען, אִיז דָאךְ צוּ דִיר גָאט פִיעל דֶערְבַּארְמִקְייט אוּן פַארְגֶעבּוּנְג. גָאט מַיין גָאט, גֶעדֶענְק דָאס אִיךְ בִּין וִויא אוֹיסְגֶעקְלַאפְּטֶע גְרָאז אוּן וִויא אַ בְּלַאט פוּן בּוֹים. מַיין אָנְהוֹיבּ אִיז פוּן עֶרְד אוּן מַיין סוֹף אִיז צוּא וֶוערֶעם. מַיינֶע טֶעג זַיינֶען וִויא אַ שָׁטָן וָואס לוֹיפְט אִיבֶּער, אוּן וֶוען מַיין נְשָׁמָה וֶועט פוּן מִיר אוֹיסְגֶעהְן וֶועט מֶען מִיךְ אִין דֶער עֶרְד וַוארְפֶען, מַיין לַייבּ וֶועט וֶועהְטָאגֶען אוּן מַיין הַארְץ וֶועט אִין מִיר וֶועה טְהָאן, אִיךְ בִּין דָאךְ נָאר עֶרְד אוּן אַשׁ, יֶעצְט בִּין אִיךְ דָא אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועל אִיךְ פַארְרוּקֶען מַיין גֶעצֶעלְט אִין דֶעם קֶבֶר וָואס מֶען וֶועט פוּן מַיינְטְוֶועגֶען גְרָאבֶּען אוּן וֶוען אִיךְ זָאהְל אֲפִילוּ לֶעבֶּען טוֹיזֶענְד יָאהְר וֶועט זַיין גְלַייךְ וִוי אִיךְ וָואלְט גָאר נִיט גֶעוֶוען. גָאט מַיין גָאט, מֶעק אָפּ אַזוֹי וִוי אַ וָואלְקֶען מַיינֶע זִינְד, לֶעשׁ אוֹיס דִי קוֹילֶען פוּן מַיינֶע זִינְד מִיט דֶעם וַואסֶער פוּן דִי טְרֶעהְרֶען וָואס רִינֶען פוּן מַיינֶע אוֹיגֶען:

עָלֶיךָ נַפְשִׁי אֲקוֹנֵן בְּלֵב מַר, אוֹיף דִיר מַיין נְשָׁמָה טְהוּ אִיךְ קְלָאגֶען מִיט אַ בִּיטֶער הַארְץ, וִויא אַזוֹי הָאבּ אִיךְ דִיךְ אוֹיסְגֶערִיסֶען פוּן דֶעם קְוַואל פוּן לֶעבֶּען אוּן הֵיילִיגְקַייט אוּן הָאבּ דִיר גֶעפְּלַאנְצְט אִין דֶעם אָרְט פוּן טוֹידְט אוּן אוּמְרֵיינִקַייט. אֵיךְ לֹא חַסְתִּי עָלֶיךָ בַּת הַיְקָרָה? וִוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ נִיט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִיר מַיין נְשָׁמָה, וָואס דוּא וֶוערְסְט גֶערוּפֶען טְהַייעֶרֶע טָאכְטֶער? וֶועה צוּא מִיר, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטְהָאן? וִוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מוֹרֵד גֶעוֶוען אִין גָאט, וָואס עֶר אִיז אַ קֶענִיג אִיבֶּער אַלֶע קֶענִיגֶע? וִויא אַזוֹיא הָאבּ אִיךְ פּוֹגֵם גֶעוֶוען מַיין נְשָׁמָה אוּן הָאבּ פַארְבִּיטֶען אַן אוֹיבִּיגֶע וֶועלְט אוֹיף אַ וֶועלְט וָואס עֶנְדִיגְט זִיךְ? וָואס וֶועל אִיךְ טְהָאן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער טָאג וָואס

משלי מוסר

גְזֵרוֹת, זֵיי הָאבֶּען אוּנְז גֶעדְרִיקְט אוּן גֶעפַּיינִיגְט. אוּן שְׁטֶענְדִיג הָאבֶּען מִיר גֶעלֶעבְּט אִין שְׁרֶעק זָאלֶען מִיר נָאר הָאבֶּען נָאר דֶעם פַּחַד פַאר אִיהְם אַלֵיין, וָואס מִיר קָאנֶען אִיהְם נִישְׁט גֶענוּג דִיעֶנֶען אוּן גֶענוּג אָפְּדַאנְקֶען

אִיךְ וֶועל דַארְפֶען שְׁטַארְבֶּען אוּן נִיעדֶערֶען אִין גְרוּבּ? מַיין הַארְץ טְהוּט מִיר וֶועה דַארוּיף וָואס אִיךְ הָאבּ מוֹרֵד גֶעוֶועזֶען אִין גָאט וָואס אִיז רֵיין אוּן זַיינֶע בַּאדִינֶער זַיינֶען רֵיין אוּן אִיךְ בִּין אַ שֶׁענְדְלִיכֶע אוּן אַ זִינְדִיגֶע, וֶועה גֶעשְׁרִיגֶען אוּיף מִיר:

סְלַח לִי אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

פַארְגִיעבּ מִיר, מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל, דֶען אִיךְ צוּרַייס מַיין הַארְץ מִיט מַיין זִיפְצֶען אוּן אִין פַארְבָּארְגֶענֶעשׁ טְהוּט מַיין נְשָׁמָה וֵויינֶען אוּן אִיךְ בִּין זֶעהְר גֶעפַּיינִיגְט אוּן מַיין כֹּחַ אִיז שְׁוַואךְ. דוּ גָאט כִיסְט דָאךְ אַ דֶערְבַּארְמִיגֶער אוּן בַּאגֶערְסְט פוּן דֵיי־נֶע לַייט זֵיי זָאלֶען זִיךְ אוּמְקֶעהְרֶען פוּן זֵייעֶר אוּמְרֶעכְט אוּן זֵייא זָא־לֶען עֶס שׁוֹין מֶעהְר נִישְׁט טְהָאן, אַזוֹיא וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֶעהְט: קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל יְיָ. דָאס אִיז טַייטְשׁ: נֶעהְמְט מִיט אַייךְ רֵייד אוּן קֶעהְרְט אַייךְ אוּם צוּ גָאט:

סְלַח לִי אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

פַארְגִיעבּ מִיר, מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל, טְהוּ מִיט מִיר גְרוֹים גֶענָאד אוּן שְׁטַארְק מִיךְ צוּא אַיינְבּוֹיגֶען מַיין יֵצֶר הָרָע אִיךְ זָאהְל שׁוֹין מֶעהְר נִיט זִינְדִיגֶען, אוּן זָאלְסְט אוֹיסְשְׁטְרֶעקֶען דַיין רֶעכְטֶע הַאנְד אָנְצוּנֶעהְמֶען מַיין תְּשׁוּבָה. הֶעלְף מִיר צוּא מְקַיֵּים זַיין אַלֶע זַאכֶען וָואס אִיךְ נֶעהְם אוּיף מִיר הַיינְטִיגֶען טָאג צוּא טְהָאן אִיךְ זָאהְל מִיךְ שְׁטַארְקֶען אִין דַיינֶע מִצְוֹות אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים הָאבֶּען גֶעזָאגְט: הַבָּא לְטַהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ, דָאס אִיז טַייטְשׁ: וֶוער עֶס קוּמְט זִיךְ רֵיי־

משלי מוסר

נָאךְ זַיינֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טְהוּט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג, דָאס זָאגֶען מִיר: וּבְכֵן תֵּן פַּחְדְּךָ, דָאס הֵייסְט גִיבּ אוּנְז גָאט נוּר דַיין שְׁרֶעק, פַאר דִיר אַלֵיין זָאלֶען מִיר מוֹרָא הָאבֶּען אוּן מִיר זָאלֶען נִיט הָאבֶּען דֶעם שְׁרֶעק פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשֶׁען:

נִיגֶען הֶעלְפְט מֶען אִיהְם . אַ רֵיין הַארְץ בַּאשַׁאף אִין מִיר אוּן אַ נַיי גֶעמִיטְה בַּאנַיי אִין מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעהִיט צוּ הַאלְטֶען דַיין גֶעבָּאט אוּן זָאל נִיט גֶעשְׁטְרוֹיכֶעלְט וֶוערֶען אִין קַיין שׁוּם עֲבֵירָה . זָאלְסְט פְּלַאנְצֶען אִין מַיינֶע גֶעדַאנְקֶען דַיין מוֹרָא , דָאס עֶס זָאהְל מִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקֶען קַיין בֵּייזֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן פְרֶעמְדֶע גֶעדַאנְקֶען , בִּפְרַט אִין דֶער צַייט וֶוען אִיךְ וֶועל מִיךְ שְׁטֶעלֶען תְּפִלָּה טְהָאן פַאר דִיר . אַלֶע מַיינֶע גֶעדַאנְקֶען זָאלֶען נָאר זַיין פוּן גָאטְ'ס וֶועגֶען אוּן אִיךְ זָאהְל זַיין גוּט צוּ גָאט אוּן צוּ לַייטֶען, אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִיט מְקַנֵא זַיין אוּן זָאהְל בַּאשִׁירֶעמְט וֶוערֶען פוּן כַּעַס אוּן חֲנוּפָּה אוּן רְכִילוּת אוּן לָשׁוֹן הָרָע, אִיךְ זָאל גָאר גַאנְץ זַיין מִיט גָאט אוּן מִיט מֶענְשֶׁען:

סְלַח לִי אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

פַארְגִיעבּ מִיר, מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל, אוּן נֶעהְם מִיךְ נִיט צוּ פוּן דֶער וֶועלְט בִּיז אִיךְ וֶועל פַארְרִיכְטֶען, דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ פַארְדָארְבֶּען, אוּן מַיינֶע זִינְד זָאלֶען נִישְׁט גֶעדֶענְקְט אוּן גֶעדַאכְט וֶוערֶען וֶוען אִיךְ וֶועל דִיר מַיין נְשָׁמָה גֶעבֶּען , אוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדְס קִינְדֶער זָאלֶען אַלֶע לֶערְנֶען דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן עֶס זָאל זַיין דַיין מוֹרָא אוֹיף זֵייעֶר פָּנִים זֵייא זָאלֶען נִישְׁט זִינְדִיגֶען , אוּן וֶוען מַיין כֹּחַ וֶועט זִיךְ אוֹיסְלָאזֶען , זָאלְסְטוּ מִיךְ לִיעבֶּער גָאט נִיט פַארְלָאזֶען , אוּן אִין דֶער צַייט פוּן מַיין עֶלְטֶער זָאלְסְט דוּ מִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְוַוארְפֶען אוּן הֶעלְף מִיר זִיךְ צוּ וַואשֶׁען אוּן רֵיינִיגֶען פוּן

משלי מוסר

מִיר זָאגֶען אִין דֶער מוּסָף שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה: וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקֹב אִיךְ גֶעדֶענְק מַיין בּוּנְד מִיט יַעֲקֹב , וְאַף אֶת בְּרִיתִי יִצְחָק אוֹיךְ מַיין בּוּנְד מִיט יִצְחָק , וְאַף אֶת בְּרִיתִי אַבְרָהָם אוּן מַיין בּוּנְד מִיט אַבְרָהָם , אֶזְכּוֹר , גֶעדֶענְק אִיךְ אוֹיךְ . אִיז דָאךְ אִין גְרוּנְד אַ פְרַאגֶע ; פַארְוָואס שְׁטֶעלְט

מיינע זינד, און אין גערעכטע וועגען זאלסט דו מיך פיהרען און פון דיין באהאלטען גוטס זאלסט דו מיך אנזעצען. די טרייסטונג פון ציון און ירושלים זאלסטו מיר ווייזען און עס זאל זיין אצונד א צייט צוא באווילגען מיך און מיינע תפלות צווישען אלע יודישע תפלות: יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך יי צורי וגואלי, אמן:

תחנה תשובה תפלה וצדקה.

רבונו של עולם, איך האף צו דיר, דאס דו וועסט מיין תפלה אנ־נעהמען, דען דוד המלך עליו השלום האט געזאגט: א צו־בראכען הארץ טהוסטו ניט פארשעהמען, דו זעהסט די פיין פון דיא וואס יאמערן, און קלאגען און ווען דער קלאגער רופט טהוסטו איהם דערהערען, דען דו ביסט דער גאט וואס דערפרעהט טרויעריגע, מיי־נע אויגען רינען טרעהרען און מיין הארץ איז טרויריג, איך קאן ניט פרעהלאך ווערען, דען איך קאן מיר קיין עצה געבען אויף וואס איך זאהל פריהער בעטען, צוא אויף מיינע בייזע מעשים, וואס איך האב געטהאן דאס דוא זאלסט מיר העלפען ווייטער ניט צו טהאן, אדער זאל איך בעטען אויף אונזער ליעבען בית המקדש און אויף די בא־דערפענעש וואס דער מענש דארף. ליעבער פאטער, העלף מיר גע־גען דעם שטן, ווייל איך קאן איהם ניט בייקומען און מיינע חטאים זיינען שוין גרוים. ווען איך טהו תפלה צו דיר, ליעבער גאט, לאזען דיא מקטריגים מיין תפלה נישט קומען פאר דיר צוליעב מיינע זינד וואס איך האב געטהאן פון מיין יוגענד אן. איך קאן שוין איינם פאר

משלי מוסר

דער פסוק יעקב'ן צום ערשטען און אברהם צום לעצטען? זאגט דארויף הרב. המגיד זכרנו לברכה מדובנא א משל: א קינד איז געגאנגען אין חדר און האט געקויפט ניס, עפעל און נאך זאכען. אז ער האט דעם קרעמער באצאהלט, האט ער בייא איהם געבעטען ער זאל איהם עט־

דאס אנדערע נישט וויסען און נישט געדענקען, און ווען איך וואלט זייא שוין אפילו יא געדענקט, וואלט דיא צייט געוועז ווייניג אויס־צורעכענען זייא:

ליעבער גאט, זיי מיר מוחל, איך האב ביז אהער געטהאן ווי א שוטה, וויא וועל איך קאנען ענטפערען צו מיין באשעפער הקדוש ברוך הוא, וואס האט מיך אויף דער וועלט באשאפען. אוי לי אויף מיינע בייזע מעשים וואס איך האב געטהאן אויף דיזר וועלט וואס איז גאר הבל הבלים ווי א שאטען אויף דער וואנד. דיא טעג געהען אוועק און איך בין אלץ נעהענטער צום טוידט, איך בין אלע טאג און אלע שעה און אלע רגע ניט זיכער פאר דעם טוידט, און ווען איך וואלט שוין געלעבט טויזענד יאהר, איז דאס אויך אין דיינע אויגען נור ווי איין טאג. צו אלעם האט א מענש א האפנונג, אן ארעם־מאן האפט, רייך צוא ווערען, א קראנקער האפט, געזונד צוא ווערען אבער פון דעם טוידט, איז קיין האפנונג אויסצומיידען. ווער וועט מיר העלפען אין מיינע נויטהען אז דער בעל פקדון וועט שיקען נאך מיין נשמה? מיין האב און גיטס וועט מיך נישט קאנען אויסלייזען, מיינע קינדער און פיעל לייט וועלען וויינען און מיך ניט קאנען אויסוויינען. על כרחך אתה נולד ועל כרחך אתה מת, איבער געוואלד בין איך באשאפען געווארען און איבער געוואלד וועל איך שטארבען, ווען מיין נשמה וועט זיך שיידען פון מיין גוף און

משלי מוסר

יאם צולייגען, האט איהר דער קרעמער געגעבען א צולייג. דאס קינד'ס חבר וואס האט געזעהן וויא דער קרעמער האט געגעבען דעם קינד אן עפעל האט ער אויך געבעטען אן עפעל. זאגט צו איהם דער קרעמער: — קינד איינער, דיין חבר האט דאך ביי מיר געקויפט עפעל

עֶס וֶועט פַארְלָאשֶׁען וֶוערֶען דיא לִיכְט פוּן מַיינֶע אויגֶען, פוּן מַיין שֶׁעהְן לִיכְטִיג הויז וֶועט מֶען מִיךְ אַװֶעקְטְרָאגֶען אִין דֶעם פִינְצְטֶערֶען קֶבֶר אַרַיין. אִין אֵיין שָׁעָה בִּין אִיךְ גֶעבּוירֶען גֶעוָוארֶען, אִין דיא אַנְדֶערֶע שָׁעָה, וֶועל אִיךְ וֶוערֶען פַארְלָארֶען. אִיךְ וֶועל פַארְגֶעסֶען וֶוערֶען פוּן דֶער וֶועלְט אוֹיף אוֹיבִּיג אוּן דיא וֶוערֶעם וֶועלֶען קוּמֶען אִיבֶּער מַיין גַאנְץ לַייבּ אוּן וֶועלֶען מִיךְ עֶסֶען אוּן צַאפֶּען מַיין בְּלוּט וִוי גוּטֶען וַויין, אוּן מַיין נְשָׁמָה וֶועט נֶעבַּאךְ שְׁטֶעהֶען אוּן וֶועט דָאס אַלְס צוּזֶעהֶען, נָאכְדֶעם וֶועט מֶען מִיךְ עֶרְשְׁט ר פֶען צוּם יוֹם הַדִין הַגָדוֹל וְהַנוֹרָא לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְלָכִים הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוּן פַאר דֶעם בֵּית דִין הַגָדוֹל וְהַנוֹרָא אוּן מֶען וֶועט אוֹיפְמַאכֶען דָאס סֵפֶר הַזִכְרוֹנוֹת. נָאךְ מַיין כְּתַב נָאךְ וֶועט מֶען מִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן אוּן מַיינֶע מַעֲשִׂים וֶועלֶען עֶרְקְלֶעהְרֶען מַיין דִין, אַ שְׁטֵיין פוּן וַואנְד וְועט אוֹיף מִיר עֵדוּת זָאגֶען אִין דִין, אַ שְׁפָּאן פוּן הָאלְץ וֶועט עֶנְטְפֶערֶען דֶעם דִין, אַלְץ מִיט וַואהְרְהַייט אוּן מִיט מִדַת הָרַחֲמִים אוּן מִדַת הַדִין, וֶוער וֶועט פַאר מִיר רֵיידֶען אִין דִין? אִיךְ וֶועל בְּלַייבֶּען שְׁטֶעהֶען מִיט אַ פַארְשֶׁעהְמְט פָּנִים פַאר דִיר הָאֵל הַגָדוֹל הַגִבּוֹר וְהַנוֹרָא אִין דֶעם יוֹם הַדִין, אוּן מַיין מִשְׁפָּט וֶועט מִיר זַיין בִּיטֶערֶער אַלְס דֶער טוֹידְט. מֶען וֶועט מִיךְ אָבְּגֶעבֶּען צוּ דִי מַלְאֲכֵי חֲבָּלָה וָואס אִיךְ הָאבּ אַלֵיין בַּאשַׁאפֶען אוּן מַיין פַייעֶר אִין גֵיהִנֹם וֶועט נִיט פַארְלָאשֶׁען וֶוערֶען. נוּ וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ נִיט גֶעדֶענְקֶען דֶעם סוֹף. אוֹי לִי, אִיךְ הָאבּ מֶעהְר נִישְׁט

משלי מוסר

פַאר בַּארֶעם גֶעלְד, וָואס דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ דֶער פִּדְיוֹן פוּן אִיהְם, גִיעבּ אִיךְ אִיהְם אַן עֶפֶּעל אָהְן גֶעלְד אוֹיךְ, אָבֶּער דוּא הָאסְט דָאךְ פוּן מִיר גָאר נִיט גֶעזְקוֹיפְט פַארְוָואס זָאל אִיךְ דִיר גֶעבֶּען אַן עֶפֶּעל אוּמְזִיסְט? דֶער נִמְשָׁל אִיז, אַז עֶס וָואלְט גֶעשְׁטַאנֶען אִין פָּסוּק אַבְרָהָם דֶער עֶרְשְׁטֶער,

געטראכט נאר צו בויען שעהנע הייזער און שלעסער און זיך נישט באדענקט אז א ביסעל צדקה און מעשים טובים איז בעסער פאר גאר דער גאנצער וועלט. דארום ווייל דאס ליכט ברענט גיעב אויל איידער עס ווערט פארלאשען. איך וויל בעטען צו דיר גאט, דען דו ביסט א דערבארמיגער דין, דו טהוסט אונז ריכטען מיט משפט און לאזט אונז שטארבען מיט דין, לאז אונז לעבען מיט דיין גרויס דערבארעמקייט:

אנא, איך בעט דיך, הויכער קיניג, איך קום פאר דיר מיט מיין ביטער געשריי און מיט מיין וויינען, מיינע אויגען רינען גלייך ווי קוואלען וואסער איבער מיין פנים, ווייל איך וויין און קלאג אויף מיינע זינד, עס וואלט מיר בעסער געווען, ווען איך וואלט גאר אויף דער וועלט ניט געוועזען, נאר דו דערבארמיגער גאט, דו ביסט דאך א רחום וחנון און האסט געגעבען א הילף צוא דעם מענטשען, דאס ער זאל דערוועקען זיין הארץ מיט תשובה, תפלה וצדקה, וואס צובייסט אלע בייזע גזירות און ביסט מוחל, אזוי וויל איך בעטען צו מיין באשעפער מיט א צובראכען הארץ וועגען דערבארמקייט, וויא דער עני בייא דער טיהר, אזוי בעט איך עס זאהל זיך ערוועקען דיין דערבארמקייט אויף מיר אין זכות פון מדת הרחמים. איך פארכט מיך צו בעטען, ווי זאל איך פאר אזוי א גרויסען מלך שטעהען? דיא מלאכים וואס זיינען נאר פלאם פייער זיינען נישט לויטער אין זיינע אויגען, מכל שכן איך, וואס בעשטעה פון בלוט און פלייש און ווערעם און ערד און דערצו האב איך נאך זעהר פיעל עבירות געטהאן? און ווען איך וויל בעטען, וויים וואס איך ניט וואס איך זאהל פריהער בעטען, דען מיין באדערפענעש איז זעהר פיעל. גאט, דוא ווייסט דאך

משלי מוסר

וואלטען ביים יום הדין געזאגט די בני ישמעאל, מיר שטאמען דאך אויך פון אברהם דארפען מיר אויך געניסען זיין זכות, דערפאר שטעהט אין פסוק: וזכרתי את בריתי יעקב, דער עיקר זכות איז נאר צוליעב יעקב, וואס פון איהם שטאמען דיא צוועלף שבטים צדיקים. ואף את

אלם וואויל, ווייל דוא ביסט דאך א יודע נסתרות און א בוחן לבבות און דוא ווייסט וואויל מיין צובראכען הארץ, מיט דעם טרויסט איך מיך, דאס א צובראכען הארץ טהוסטו נישט פארשעהמען, איך בעט דיך, בעל הרחמים, אז דוא וועסט משפט'ן דיא נפשות זאלסטו אליין מיך משפט'ן מיט דערבארמקייט און זאלסט אויסציהען צו ליכט מיין משפט. איך בעט דיך, ליעבער פאטער, טהו מיט מיר משפט נאך דיין מנהג נאך און זיי מיר מוחל, דען אז דו וועסט מיך משפט'ן נאך מיינע מעשים נאך וועל איך דען קענען בייששטעהן צו פאר דיר? און וואס פאר א געווינס וועסטו האבען ווען דוא וועסט מיך שטראפען? דיא נשמה איז דיינע און דער גוף איז אויך דיינער. איך בין אייביג אין דיין האנד ווי ליידהם אין האנד פון דעם טעפער און אלם שטרוי פאר דעם פייער. איך בין ערד און וועל ווערען ערד, ווען דו וואלסט מיך געוואלט ריכטען נאך מיינע מעשים האב איך שוין לאנג גע־דארפט פארפוילט ווערען אין דער ערד, עס וואלט שוין קיין געדע־כעניש ניט געבליעבען פון מיר, אבער דו ביסט דאך א מאריך אף, דיין מדה איז, דאס דוא ביסט נוהג חסד מיט דיא באשעפעניש און נעהמסט אן דיא תפלה וואס קומט פון טיעפען הארצען. נעהם אן מיין תפלה און זייא נישט מדקדק אין דין, און אז דוא וועסט וועלען מדקדק זיין, טהו איך מיך טרויסטען מיט שלש עשרה מדות, וואס זיינען לויטער רחמים. יי יי אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נושא עון ופשע וחטאה ונקה. דיין האנד איז אפען צו עמפפאנגען די וואס האבען חרטה און דו ענטפערסט. ווען מען טהוט תפלה. ענטפער מיר, דו דערבארמיגער גאט, וואס ענט־פערט צו זיינע אביונים. ענטפער מיר, וויא דו ענטפערסט צו די צו־

משלי מוסר

בריתי יצחק, מיין בונד מיט יצחק וועל איך דערמאהנען אלם צוליינג, ואף את בריתי אברהם אזכור, און נאך א צוליינג וועל איך געבען, איך וועל דערמאהנען מיין בונד מיט אברהם אויך. נאר דער זכות פון יעקב איז דער עיקר, דארום האבען אויסער דיא ישראל. קיינער קיין

בראכענע הערצער. רחום וחנון, ענטפער מיר, ווי דו האסט געענט־פערט אונזער מוטער חנה, און נעהם אן מיין תשובה וויא דו האסט אנגענומען די תשובה פון מנשה. העלף מיר איך זאהל שוין ווייטער ניט זינדיגען און שטארק מיר מיין הארץ צוא געהן אין דיינע וועגען צוא געבען צדקה און צו טהאן מעשים טובים, אז מיין לעבען זאהל הייסען א רעכט לעבען. דו גאט, דו ווייסט דאך וואויל מיין מחשבה און דוא העלפסט דעם מענטשען אין דעם וועג וויא ער נעהמט זיך פאר, טא זיי זיך מרחם איבער מיר כרחם אב על בנים, אז איך וועל חס ושלום זינדיגען זאלסטו מיר דערמאהנען תשובה צו טהאן און אז איך וועל דיך אנרופען זאלסטו מיר ענטפערען און זאלסט מיך נישט פארלאזען אז עס וועט מיר חס ושלום א נויטה זיין, און זאלסט מיר העלפען און זאלסט מיר היילען, דען דוא ביסט א רופא חנם און א רופא לשבורי לב. איך בעט דיך, אבינו שבשמים, דוא זאלסט מיר דערהויכען מיין מזל מיט מיין מאן און זאלסט מיר געבען גוטע קינ־דער און איך זאהל פון זייא קיין צער ניט האבען, דען דאס איז נאר דאס לעבען בעולם הזה און בעולם הבא. זאלסט אונז געבען לחם לאכול ובגד ללבוש בכבוד און נישט מיט בזיון. זאלסטו אונז לאזען אויסלעבען אונזערע יאהרען אין גרוים פריידען מיר זאלען זוכה זיין צו זעהן אונזער געוואלכטען משיח, במהרה בימינו, אמן:

משלי מוסר

צוטרעט נישט געהאט צו געניסען דעם זכות פון יעקב:

מיר זאגען ראש השנה און די אלע עשרת ימי תשובה „אבינו מלכנו". מיר ווילען דיא פסוקים פון דיעזער תפלה געבען צו פארשטעהן מיט משלים:

אבינו מלכנו חטאנו לפניך, אונ־זער פאטער, אונזער קעניג, מיר האבען געזינדיגט פאר דיר. למשל: אין א שטאדט איז געוועזן איינער וואס האט געהאנדעלט מיט לאטערי צעטלען ויהי היום, האט איהם דער פריסטאוו אנגעזאגט, אז ער זאל דיעזען מסחר ניט טהאן, ווייל דאס איז געגען די געזעץ. דער מאן האט אבער ניט געפאלגט און האט פארקויפט צעטלען אין פריסטאווס

סֵדֶר לִיכְט צִינְדֶען פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה:

אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֶעפַאלְט אוּם דֶער וָואכֶען זָאגְט מֶען דִיעזֶע בְּרָכוֹת
פַאר לִיכְט צִינְדֶען:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל יוֹם טוֹב:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה:

אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֶעפַאלְט אוּם שַׁבָּת זָאגְט מֶען דִיעזֶע בְּרָכוֹת נָאךְ
לִיכְט צִינְדֶען:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת וְשֶׁל יוֹם טוֹב:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה:

תְּחִנָּה לְרֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאךְ לִיכְט בֶּענְשֶׁען.

דִי תְּחִנָּה זָאגְט מֶען בֵּיידֶע טֶעג רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאךְ לִיכְט בֶּענְשֶׁען:

הִנְנִי בָּאָה לְדַבֵּר לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

משלי מוסר

גֶעגֶענְוַוארְט׳ דֶעם פְּרִיסְטַאוו הָאט מִיר אִין דִיא אוֹיגֶען עוֹבֵר זַיין אוֹיף
עֶס זֶעהר פַארְדְרָאסֶען, סְטַייטְשׁ, פַאר מַיין פַארְזָאג!

איך קום יעצט צו ריידען פאר דיר גאט, וואס דו ביסט מיין פאטער אין הימעל און שטעל מיך אניעדער תְּפִלָּה צוא טהאן פאר דיר דערבארמדיגער פאטער:

בְּלֵב נִשְׁבָּר וְרוּחַ נְמוּכָה וְקוֹמָה זְקוּפָה:

מיט א צובראכען הארץ, וואס עס צוגעהט אין מיר אזוי ווי וואסער און מיט א ניעדריג געמיטה און אן איינגעבויגען שטאנד:

כִּי יִרְאָה וַחֲרָדָה אֲנִי מֵאֵימַת דִּינֶךָ:

דען איך פארכט מיך זעהר און ציטער פון דער מורא פון דיין מִשְׁפָּט, וואס דוא זעצט זיך היינט צו משפט'ן גאר די וועלט:

זֵכֶר כָּל הַמַּעֲשִׂים לְפָנֶיךָ בָּא:

היינטיגען טאג קומט פאר דיר דאס געדעבעניש פון אלע מַעֲשִׂים וואס דער מענטש טהוט א גאנץ יאהר. סיי דיא זאכען וואס ער טהוט אפען און סיי דיא זאכען וואס ער טהוט פארבארגענערהייד:

הַיּוֹם יִכָּתְבוּ הַבְּרִיּוֹת לַחַיִּים וְלַמָּוֶת:

היינטיגען טאג טהוען געשריעבען ווערען אלע באשעפעניש פון דער וועלט זייא זאלען לעבען בלייבען אדער זאלען געטוידט ווערען:

משלי מוסר

כך, אזוי איז מיט אונז אידען, מיר טהוען אזעלכע זאכען וואס גאט ברוך הוא האט פארבאטען, און וויא גאך זינדיגען מיר? אין גאט'ס נעגענווארט ווייל דער בורא יתברך זעהט דאך אלעס, אזוי וויא אין פסוק שטעהט: „אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו"? העז זיך דען א מענטש בא־

וְאָנֹכִי אִשָּׁה קְשַׁת רוּחַ הַנִּצֶּבֶת בְּלֵב מַר:

און איך אשה (פלונית בת פלוניט) האב א שווער געמיטה און איך שטעה מיט א ביטער הארץ, דען איך באדענק מיך אויף מיינע מעשים פון א גאנץ יאהר:

רוּחִי קְצָרָה וּנְשָׁמָה לֹא נוֹתְרָה בִּי:

מיין אטהעם איז קורץ צוא ריידען פאר דיר, דער דערבאר־רעמדיגער פאטער, און עס בלייבט אין מיר קיין נשמה ניט איך זאל עפענען יעצט מיין מויל:

יָדַעְתִּי אֶת מֶרְיִי וְאֶת עָרְפִּי הַקָּשָׁה:

איך ווייס זעהר וואויל מיין ווידערשפעניגקייט געגען דיר און וואס איך בין הארטנאקיג געוועזן צוא הערען דיינע ליעבע הייליגע געבאט:

אוֹי לִי וְאוֹי לְנַפְשִׁי כִּי טִמֵּאתִיהָ.

וועה טהו איך שרייען אויף מיר און וועה אויף מיין לייב דען איך האב זיא פאראומרייניגט מיט מיינע בייזע מעשים וואס איך האב געטהאן א גאנץ יאהר:

אֵיזֶה זְכוּת אֲבַקֵּשׁ בְּקוּמְךָ לְשָׁפְטֵנִי:

וואס פאר א זכות קען איך געפינען אויף מיר און אויף מיין לייב ווען דו וועסט אויפשטעהן צו משפט'ן מיך היינט אין דעם יום הדין:

משלי מוסר

האלטען און דער רבונו של עולם זאל איהם ניט זעהן? באריבער זייגען מיר זיך מתודה און מיר זאגען: „אבינו מלכנו חטאנו לפניך". מיר האבען געזינדיגט פאר דיר, אין דיין געגענווארט און אונזער פארברעכען איז זעהר גרויס:

רחם עלי כרוב רחמיך לצדקני במשפט:

רבונו של עולם, איך בעט דיך, האב אויף מיר רחמנות אזוי ווי דיין פיעל דערבארמקייט צו גערעכט מאכען מיך אין דעם משפט און זאלסט אנשרייען אויף דיא מקטרגים זיי זאלען ניט רעדען קיין בייז אויף מיר:

כי רחום וחנון אתה ומרבה לסלוח:

דען דוא ביסט א דערבארעמיגער און א לייטזעליגער און מהוסט מעהרען צו פארגעבען אויף דיא זינד פון דעם מענשען האטשע ער זינדיגט פיעל מאל. ווי באלד ער טהוט תשובה מיט זיין גאנץ הארץ, נעהמסט דו אן זיין תשובה:

אל תעש כלה לשארית ישראל עמך:

זאלסט נישט פארניכטען דיא איבערגעבליעבענע פון דיין ליעב פאלק ישראל וואס זיינען איבערגעבליעבען זעהר א ווינציגע צאהל:

זכור דמם אשר נשפך כפלגי מים:

געדענק, דערבארעמיגער גאט, דאס בלוט פון דיין פאלק ישראל וואס עס איז יענע צייטען פארגאסען געווארען אזוי וויא טייכען וואסער, ווען זיי זיינען געטויטעט געווארען אויף קידוש השם:

ואל ישפך דמם עתה בחרב מלאך המות:

משלי מוסר

אבינו מלכנו עשה עמנו למען שמך, אונזער פאטער, אונזער קעניג, טהו מיט אונז גוטעס צוליעב דיין נאמען. למשל: אין א שטאדט האט געוואוינט א זייגערמאכער א גרויסער קינסטלער וואס האט געמאכט זעהר זעלטענע זייגערס, אבער מען האט פון איהם

און אין דעם זכות זאלסט דו זייא אנשרייבען צו א לעבעדיג יאהר עס זאהל ניט פארגאסען ווערען זייער בלוט דורך דער שווערד פון דעם מלאך המות:

וראה עמך כלם מתקבצים אל בית תפלתם:

און קוק, ליעבער גאט, ווי אזוי דיין ליעב פאלק ישראל טהוען זיך היינט פארזאמלען אין דיא שוהלען צו וויינען און שרייען און טהאן תפלה פאר דיר:

זועקים אליך בלב מר ודורשים חסדך:

זיי טהוען אלע שרייען צו דיר מיט א ביטערע הארץ און מיט א צובראכען געמיטה און פארלאנגען פון דיר דו זאלסט מיט זיי טהאן גענאד און דערבארמקייט:

מצפים לישועתך ועיניהם לך תולים:

זיי טהוען האפען צו דיין גוטע הילף און זייערע אויגען הייג־גען צו דיר און קוקען ארוים אז דו זאלסט זיך דערבאר־מען אויף אונז און שרייב אונז אריין היינטיגען טאג אין דעם ספר פון לעבען:

ואתה אל רחום זכרנו לחיים טובים ומתוקים:

און דו, דערבארמיגער גאט, בעט איך, דו זאלסט אונז גע־דענקען צו א גוט לעבעז און זיסע יאהרען מיך און מיין מאן און מיינע קינדער און כל ישראל אחינו:

משלי מוסר

ניט געוואוסט און ער האט ניט גע־האט קיין בארויף. איינמאל איז צוא איהם געקומען א בריזענדער און גע־זעהן זיינע קונציגע ארבייט. ער האט נאכהער אויף זיין בייזע איבעראל דערצעהלט וועגען דעם גרויסען קינסטלער און זיין פראכטפאלע אר־בייט און ער האט געקראגען א שר

וְתַעֲלֶה לְפָנֶיךָ לְרָצוֹן בִּרְכָתִי עַל הַנֵּרוֹת:

און עס זָאהְל אויפגֶעהֶען פַאר דִיר, דֶערְבַּארְמִיגֶער פָאטֶער, צוּ גוּטֶען־ווִילֶען דִי בְּרָכָה ווָאס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אויף דִי לִיכְט ווָאס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעצוּנְדֶען לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִי־גֶען יוֹם הַדִין:

בַּחֲסָדֶיךָ הַמְרֻבִּים אֶת מִשְׁפָּטִי לְהָאִירָה:

און אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ גֶעטְהָאן דֶערְלַייכְטֶען מַיין הויז מִיט דִי לִיכְט ווָאס אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּענְטְשְׁט, אַזוֹי רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאלְסְט דוּ מִיר דֶערְלַייכְטֶען מַיין מִשְׁפָּט און זָאלְסְט מִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן צוּ גוּטֶען:

וְלֹא יֶחְשַׁךְ אוֹר חַיֵּי נַפְשִׁי בָּעוֹלָם הַזֶּה:

און עס זָאהְל חָלִילָה נִיט פִינְצְטֶער ווֶערֶען דָאס לִיכְטִיגְקַייט פוּן דֶעם לֶעבֶּען פוּן מַיין לַייבּ אויף דֶער ווֶעלְט, מַיין שַׁיין זָאל נִיט פַארְגֶעהְן אַזוֹי ווִיא דִי שַׁיין פוּן דֶער זוּהְן גֶעהְט אוּנְטֶער אויף דֶער נַאכְט:

וְתָאִיר אֶת מַזָּלִי לְפַרְנָסָה טוֹבָה וְכַלְכָּלָה:

און זָאלְסְט דֶערְלַייכְטֶען, לִיעבֶּער גָאט. מַיין מַזָל און דָאס מַזָל פוּן מַיין מַאן און מַיינֶע קִינְדֶער צוּא אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה און שְׁפַּייז מִיר זָאלֶען נִיט דארְפֶען אָנְקוּמֶען צוּ דֶער גָאבּ פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם, נָאר צוּא דַיין פוּלֶע גֶעבֶּענְשְׁטֶע הַאנְד:

משלי מוסר

אויף דֶער ווֶעלְט. שָׂרִים און מְלָכִים הָאבֶּען אָנְגֶעהויבֶּען הויפֶען זַייגֶע זֵיי־גֶערְס און מֶען הָאט פַאר זֵייא גֶע־צָאהְלְט גְרויסֶע פְּרַייזֶען. אִין אַ צַייט אַרוּם אִיז דֶער זֶעלְבֶּער בַּייזֶענְדֶע־גֶעקוּמֶען צוּם זֵייגֶער־מַאכֶער און אִיהְם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל אִיהְר פַאר־רִיכְטֶען אַ צוּבְּרַאכֶענֶעם זֵייגֶער. דֶער

וְאֶת עֵינֵי בַּעֲלִי וְזַרְעִי תָּאִיר בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה:

און די אויגען פון מיין מאן און מיינע קינדער זאלסטו דער־לייכטען אין דיין הייליגער תּורה אזוי ווי איך האב בא־לויכטען מיין הויז מיט דיא ליכט וואס איך האב געבענטשט לכבוד ראש השנה:

וְלֹא תִבְעַר עָלֵינוּ חֲמָתְךָ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם:

ליעבער גאט, דערבארמיגער פאטער, עס זאל ניט ברענען אויף אונז דיין צארן פון היינט ביז אויביג און דוא זאלסט מיט אונז נאר טהאן גענאד א ן דערבא־רעמקייט:

וְתַכְרִית וּתְכַלֶּה כָּל הַמְקַטְרְגִים עַל יִשְׂרָאֵל:

זאלסט פארשניידען און אויסראטען אלע וואס ריידען פאר דיר בייז אויף דיין ליעב פאלק ישראל. שרייא אן אויף'ן שטן און אויף אלע בייזע מלאכים זיי זאלען פארשליי־סען זייער מויל פון ריידען אויף אונז בייז:

וְהָאֵר פָּנֶיךָ עַל מִקְדָּשְׁךָ הַשָּׁמֵם, אָמֵן סֶלָה:

און מאך לייכטען, ליעבער דערבארמיגער גאט, דיין היילי־גע שיין אויף דעם בית המקדש וואס איז וויסט און חרב שוין פון וויפיעל יאהר, און מיר זאלען זוכה זיין צוא צינדען ליכט אין דער הייליגער מנורה, במהרה בימינו. אמן סלה:

משלי מוסר

גרויסער מייסטער האט איהם גע־ענטפערט: „וויא אזוי קאנסטו דאס פארלאנגען, אז איך, וואס מיין אר־בייט געפינט זיך אין קייזערליכע פאלאצען. זאהל ביין צוברעכען זייגער פארריכטען?" דער בייזעני דער האט איהם דאן געזאגט: „איך האב א רעכט צוא פארלאנגען דאס

תפלה על הפרנסה.

יהי רצון, עס זאהל זיין דער ווילען פאר דיר גאט, אונזער גאט און גאט פון אונזערע עלטערן, גרויסער און שטארקער און פארכטיגער גאט, אז דוא זאלסט דערפיהלט ווערען מיט דערבארעמקייט אויף אונז פון דיינעט וועגען און וועגען דעם היילינגען מזמור און די היילינגע שמות וואס ווערען דערמאהנט אין איהם און דאס היילינגקייט פון זיינע פסוקים אין ווערטער און אותיות און טראפ און רמזים און סודות און דאס היילינגקייט פון דעם היילינגען נאמען, וואס געהט ארויס פון דעם פסוק והריקותי לכם ברכה עד בלי די. דאס איז טייטש: איך וועל צוא אייך אויסליידיגען ברכה ביז גענוג. און פון דעם פסוק „נסה עלינו אור פניך יי׳", דערהויב אויף אונז דאס ליכטיגקייט פון דיין פנים גאט, וכתבנו און שרייב אונז אין דעם ספר פון פרנסה און שפייז היינטיגס יאהר און אלע יאהר, אונז און אלע אונזערע בני בית ביז וואנען מיר וועלען לעבען. במלוי, מיט דער ערפיהלונג און ברייטקייט, בהתר און ניט באיסור, אין נחת און ניט אין צער. בשלוה מיט פריעד און שטילקייט אהן א שום עין הרע, און זאלסט אונז מזכה זיין צוא עוסק זיין אין דיין היילינגער דיענסט אהן א שום טרדה, און זאלסט אונז מפרנס זיין מיט א פרנסה וואס עס זאהל אין איהר ניט זיין קיין שאנד און מיר זאלען נישט דארפען אנקומען צוא א בשר ודם, נאר פון דיין פולע און ברייטע האנד, און זאלסט אונז באגליקען און דערברייטען אין אונזער לעהרנונג און אין אלע אונזערע האנדעלשאפט. אונזערע הייזער זאלען זיין פול מיט גאטס ברכה און מיר זאלען זאט זיין מיט ברויט און אונז זאל

משלי מוסר

פון דיר דערפאר וואס איך האב דיך מפרסם געוועזן, ווארום ווען ניט איך וואלט די וועלט גאר ניט געוואוסט אז דו ביסט אזא קינסטלער און דיין סחורה וואלט ניט געהאט אזא גרויסען אבגאנג".

כך, אזוי קומען מיר אידען מיט א טענה פאר הקדוש ברוך הוא:

זַיין גוּט. חַנוּן, דֶערְבַּארְמִיגֶער, לַייטְזֶעלִיגֶער, הִיטֶער, אוּנְטֶערְלֶעהְ־גֶער, בַּאשִׁירְמֶער, רֶעכְטְפַארְטִיגֶער, אוֹיסְלֵייזֶער, דֶערְבַּארֶעם דִיךְ אוֹיף אוּנְז אוּן הֶער צוּ אוּנְזֶער גֶעבֶּעט, דֶען דוּ הֶערְסְט דִי גֶעבֶּעט פוּן אַלֶע וָואס טְהוּעֶן תְּפִלָּה צוּ דִיר. בָּרוּךְ, גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ וָואס דוּ הֶערְסְט צוּ גֶעבֶּעט: יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי:

תְּחִנָּה לְרֹאשׁ־הַשָּׁנָה אִין דֶער פְרִיה

דִי תְּחִנָּה זָאגְט מֶען אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל אַרַיין:
וֶוען שַׁבָּת אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאגְט מֶען נִיט דִי תְּ. נָה:

זְכוֹר לָנוּ בְּרִית אַבְרָהָם אָבִינוּ:

גֶעדֶענְק אוּנְז, לִיעבֶּער גָאט, דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער פָאטֶער אַבְרָהָם וָואס פוּן דְרַייא יָאהְר אָן הָאט עֶר דֶערְקֶענְט זַיין בַּאשֶׁעפֶער אוּן הָאט גֶעלָאזְט וִויסֶען דַיין נָאמֶען אוֹיף גָאר דֶער וֶועלְט, אוּן אִיז מִיט צֶעהְן פְּרוּב גֶעפְּרוּבְט גֶעוָוארֶען. גֶעדֶענְק אוּנְז, לִיעבֶּער גָאט, זַיין זְכוּת, דֶען מִיר צִיטֶערֶען אוּן פָארְכְטֶען פוּן דֶעם יוֹם הַדִין, וֶוען מִיר טְהוּעֶן זִיךְ בַּאדֶענְקֶען דָאס הַיינְטִיגֶען טָאג זֶעצְסְטוּ זִיךְ אוֹיף דֶעם שְׁטוּל צוּ מִשְׁפָּטְ'ן דַיינֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ אוּן עֶס וֶוערְט גֶעלֵייעֶנְט פַאר דִיר דֶער בּוּךְ פוּן אַלֶע מַעֲשִׂים פוּן דִיא מֶענְטְשֶׁען פוּן גָאר דֶער וֶועלְט. קֵיין זַאךְ אִיז פַאר דִיר נִיט פַארְבָּארְגֶען אוּן קֵיין פַארְגֶעסוּנְג אִיז פַאר דִיר נִיטָא. דֶערְמָאהְן דִיךְ אָן אוּנְזֶער פָאטֶער אַבְרָהָם אוּן דֶערְבַּארֶעם דִיךְ אוֹיף זַיינֶע קִינְ־

משלי מוסר

"אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ עֲשֵׂה עִמָּנוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ", טְהוּ מִיט אוּנְז גוּטֶעס דֶערְפַאר וָואס מִיר מַאכֶען גְרוֹיס דַיין נָאמֶען צְוִוישֶׁען דִי פֶעלְקֶער. אוּן אַז דוּ וֶועסְט אָנֶנֶעהְמֶען אוּנְזֶער תְּפִלָּה. וֶועלֶען מִיר נָאךְ דַיין נָאמֶען מֶעהְר פַארְגְרֶעסֶערֶען:

דער אין די צעהן טעג פון ראש השנה ביז יום כפור אין זיין זכות, וואס ער איז מיט צעהן פרוב געפרובט געווארען:

זכור לנו זכות שרה אמנו:

געדענק אונז, ליעבער גאט, דעם זכות פון אונזער מוטער שרה, וואס זיא איז אין דעם טאג ראש השנה נפקד געווארען, אונ שרייב אונז אן בספר החיים אונ מיר זאלען האבען קינדער תלמידי חכמים. רבונו של עולם, דוא האסט איהר צו ניינציג יאהר אן איינציגען זוהן געגעבען אונ האסט איהר צוגעזאגט, דאס זיינע קינדער וועלען זיין פיעל ווי שטערען אין הימעל, יעצט ליעבער גאט, זאל איהר זכות ביישטעהן דאס איהרע קינדער, וואס זיינען דיין פאלק ישראל, זאלען חלילה נישט אומגעבראכט ווערען אונ שרייב אן א גוט לעבען מיר אונ מיין מאן אונ מיינע קינדער אונ קינדס קינדער אונ כל ישראל, אמן:

זכור לנו עקידת יצחק אבינו:

געדענק אונז, ליעבער גאט, דעם זכות פון אונזער פא־טער יצחק, וואס מען האט איהם מקריב געוועזען אויפ'ן הר המוריה. רבונו של עולם, עס זאל זיין גלייך ווי זיין אש איז געהויפענט אויף דעם מזבח אונ זיין בלוט איז פאר־גאסען, אונ דאס קול פון דעם שופר וואס מיר וועלען בלא־זען זאהל פארטומלען אלע וואס קומען מקטרג צוא זיין אויף

משלי מוסר

אבינו מלכנו בטל מחשבות שונאינו, אונזער פאטער, אונזער קעניג, פארניכטע דיא גע־דאנקען פון אונזערע שונאים למשל: אין א מדינה האבען דיא מיניס־טארען אויסגעארבייט א פראיעקט, וואס וואלט שלעכט געוועזען פאר די איינוואהנער פון לאנד. דער קעניג

דיין פאלק ישראל און דו זאלסט צורייסען דעם גזר דין. און מיט דעם קול פון דעם שופר זאלען ארויפגעהען פאר דיר אלע אונזערע תפלות און בקשות דאס דוא זאלסט אונז אנ־שרייבען צו א גוט געבענטשט יאהר:

זכור לנו זכות רבקה אמנו:

געדענק אונז, ליעבער גאט, דעם זכות פון אונזער מו־טער רבקה, וואס זיא האט זיך געפלייסט, דאס אונזער פאטער יעקב זאל געמען די ברכות פון אונזער פא־טער יצחק, אזוי זאל זי שטעהן און זיין א גוטע מליצה אויף אונז איהרע קינדער, דאס מיר זאלען אנגעשריבען ווערען צוא גוטען און אלע ברכות פון אונזער פאטער יצחק זאהל אויף אונז געשעהן און עס זאל דערוועקט ווערען איהר גרוי־סער זכות אויף איהרע קינדער היינט אין דעם יום הדין:

זכור לנו זכות יעקב אבינו:

געדענק אונז, ליעבער גאט, דעם זכות פון אונזער פא־טער יעקב. אזוי ווי דוא האסט איהם געהאלפען פון עשו און פון לבן אזויא זאלסט דו אונז העלפען פון כל המקטרגים זיי זאלען אויף אונז נישט קאנען מקטרג זיין צוא דעם יום הדין. אונזער משפט זאהל ארויסגעהען פאר דיר לטובה מיט גרוים דערבארעמקייט, מיר זאלען האבען א גוי־טען משפט מיט אונזערע מענער און קינדער. און אזוי וויא

משלי מוסר

פון לאנד איז געווען א גוטער מענש, א מלך שר חסד, און ווען מען האט איהם געבבראכט דעם פראיעקט אונ־טערצושרייבען, האט ער זיך ענטש־ זאגט דאס צו טהאן. דיא מיניסטא־רען האבען דעם געשריבענעם פרא־יעקט צוגענומען און באהאלטען אין ארכיוו. ווען דער קעניג האט זיך

ער איז גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארֶען פוּן זַיין פָאטֶער יִצְחָק, דָאס ער זָאהְל מִיט קוֹל גֶעהָאלְפֶען וֶוערֶען, אַזוֹי זָאהְל אוּנְז בַּייִשְׁטֶעהְן דָאס דוּ זָאלְסְט אָנְנֶעהְמֶען דָאס קוֹל פוּן אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת אוּן דָאס קוֹל פוּן דֶעם שׁוֹפָר אוּן מִיר זָאלֶען גֶעשְׁרִיעבֶּען אוּן גֶע־חַתְמֶ׳עט וֶוערֶען צוּ אַלֶעם גוּטֶען:

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת רָחֵל אִמֵּנוּ:

גֶעדֶענְק אוּנְז, לִיעבֶּער גָאט, דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער מוּ־טֶער רָחֵל, וָואס זִיא הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט וֶוען נְבוּזַרְאֲדָן הָאט דִיא אִידֶען אִין גָלוּת גֶעפִיהְרְט, בִּיז דוּא הָאסְט אִיהְר צוּגֶעזָאגְט דָאס דוּ וֶועסְט אוּנְז אוּמְקֶעהְרֶען צוּא אוּנְזֶער לַאנְד. לִיעבֶּער גָאט, גֶעדֶענְק אוּנְז אִיהְר זְכוּת אוּן דֶעם זְכוּת וָואס מִיר טְהוּעֶן הַיינְט שׁוֹפָר בְּלָאזֶען, דָאס דוּא זָאלְסְט גִיךְ מְקַיֵים זַיין דָאס וָואס דוּ הָאסְט אִיהְר מַבְטִיחַ גֶע־וֶוען אוּן מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערֶען שׁוֹפָר שֶׁל מָשִׁיחַ גִיךְ אוּן בַּאלְד, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן:

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת לֵאָה אִמֵּנוּ:

גֶעדֶענְק אוּנְז, לִיעבֶּער גָאט, דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער מוּ־טֶער לֵאָה אוּן קֶעהְר דִיךְ צוּ אוּנְזֶער גֶעוֵויין אַזוֹי וִויא דוּ הָאסְט אָנְגֶענוּמֶען אִיהְר גֶעוֵויין, דָאס זִי זָאל צוּ עֵשָׂו נִיט גֶענוּמֶען וֶוערֶען אוּן זִי זָאל אִין זַיין גוֹרָל נִיט פַאלֶען, דֶען

משלי מוסר

דֶערְפוּן דֶערְוואוּסְט. הָאט ער זִיךְ בַּארֶעכֶענְט אַז עֶס קָאן אַ מָאל אוֹיפְ־שְׁטֶעהְן אַ נַייעֶר קֶענִיג, וָואס וֶועט נִיט זַיין אַזַא גוּטֶער מֶענְשׁ, אוּן וֶוען ער וֶועט דֶעם שְׁלֶעכְטֶען פְּרָאיֶעקְט גֶעפִינֶען וֶועט ער אִיהְם לָאזֶען פַארְ־ווירְקְלִיכֶען, ער הָאט דַארִיבֶּער גֶע־הֵייסֶען אַז מֶען זָאל דֶעם פְּרָאיֶעקְט אִין גַאנְצֶען פַארְנִיכְטֶען.

דַארִיבֶּער בֶּעטֶען מִיר בַּיי גָאט

דוא ביסט א גאָט וואָס הערט דאָס קול פון געוויין · קוק פון הימעל אראָפּ און זעה ווי דיין פאָלק טהוען אלע וויינען מיט ביטערע טרעהרען און ציטערען פאר דיין משפט. זעה אז מיר זאָלען ניט פאלען אין דעם גורל פון דעם שטן און צו די מקטרגים וואָס קומען מקטרג זיין אויף אונז. רבונו של עולם, קעהר דיך בעסער צו דעם קול פון אלע גוטע מלאכים וואָס שטעהען פאר דיין שטוהל און בעטען גוטס אויף דיין פאָלק ישראל און קעהר דיך ניט צוא דעם קול פון דעם שטן וואָס קומט צו זאָגען אויף זיי בייז. שריי אן אויף איהם ער זאָל זיין מויל ניט עפענען און ער זאָהל פארטומעלט ווערען פון צ״א ריידען בייז. און דאָס קול פונ׳ם שופר מיט אונזערע תפלות, זאָלען אויפגעהען פאר דיר אנצושרייבען אונז אין דעם ספר הצדיקים לחיים טובים, אָמן:

זכור לנו זכות שבטי יעקב:

געדענק אונז, ליעבער גאָט, דעם זכות פון די שבטים, די קינדער פון יעקב, וואָס האָבען אלע באנאנד דיין נאָמען געאייניגט, דען איידער יעקב איז געשטאָרבען האָט ער זיינע קינדער צונויפגערופען און האָט געזאָגט צוא זיי: ליעבע קינדער, טאָמער איז חלילה צווישען אייך דאָ א פסול אזוי וויא מיין עלטער פאָטער אברהם האָט געהאַט א זוהן ישמעאל אָדער מיין פאָטער יצחק, וואָס ער האָט גע־

משלי מוסר

„אבינו מלכנו בטל מחשבות שונאינו" פארניכטע די בייזע מחשבות וואָס אונזערע שונאים האָבען אויף אונז, אום זיי זאָלען קיינמאָל ניט פּראָ־ יעקטירט און פארווירקליכט ווערען חס ושלום:

אבינו מלכנו כלה דבר וחרב ורעב ושבי ומשחית ועון מבני

הַאט אַ זוהן עֵשָׂו. אַזוֹי הָאבֶּען דִיא שְׁבָטִים אַלֶע בַּאנַאנְדֶער גֶעזָאגְט: „שְׁמַע יִשְׂרָאֵל", דָאס אִיז טַייטְשׁ: הֶער צוּא יִשְׂרָאֵל, דָאס אִיז יַעֲקֹב. „יְיָ אֱלֹהֵינוּ יְיָ אֶחָד", דָאס אִיז טַייטְשׁ: גָאט אוּנְזֶער גָאט אִיז אֵיין אֵיינְצִיגֶער גָאט, אוּן מִיר רֵיעֶנֶען אַלֶע צוּ דֶעם גָאט. וָואס אַבְרָהָם אוּן יִצְחָק אוּן דוּ אוּנְזֶער פָאטֶער הָאבֶּען גֶעדִיענְט. דַארוּם גֶעדֶענְק אוּנְז, לִיעבֶּער פָאטֶער, זַייעֶר זְכוּת, דֶען מִיר טְהוּעֶן אַלֶע אֵיינְצִיגֶען דַיין נָאמֶען אַלֶע טָאג אוּן מִיר טְהוּעֶן דִיךְ אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר אַ קֶענִיג אִיבֶּער אוּנְז קְרֵיינֶען אַלֶע יָאהר:

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת יוֹסֵף הַצַּדִּיק:

גֶעדֶענְק אוּנְז, לִיעבֶּער גָאט, דֶעם זְכוּת פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דָאס אִין דֶעם טָאג הָאסְטוּ אִיהם אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען פוּן זַיין תְּפִיסָה אוּן הָאסְט אִיהם דֶערְהוֹיבֶּען צוּא זַיין אַ מוֹשֵׁל אוֹיף דֶעם לַאנְד מִצְרַיִם, אַזוֹי רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִין זַיין זְכוּת זָאלְסְטוּ דֶערְהוֹיבֶּען אוּנְזֶער מַזָּל מִיר זָאלֶען חָלִילָה קַיין בִּלְבּוּל נִישְׁט הָאבֶּען, דָאס מִיר זָאלֶען אִין תְּפִיסָה זִיצֶען. אוּן זָאלְסְט רוּפֶען צוּא דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע פְרֵייהַייט אוּן זָאלְסְט אוֹיפְבִּינְדֶען זֵייעֶר שְׁלָאס הַיינְטִיגֶען טָאג:

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:

גֶעדֶענְק אוּנְז, לִיעבֶּער גָאט, דֶעם זְכוּת פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דָאס עֶר אִיז אִין דִיא טֶעג אוֹיף דֶעם הִימֶעל גֶע־

משלי מוסר

בְּרִיתָךְ אוּנְזֶער פָאטֶער, אוּנְזֶער קֶענִיג, וֶוענְד אָפּ פֶּעסְט אוּן שְׁווערְד אוּן הוּנְגֶער אוּן גֶעפַאנְגֶענְשַׁאפְט אוּן פַארְדַארְבּוּנְג אוּן זִינְד פוּן דַייגֶע קִינְדֶער־קִינְדֶער לְמָשָׁל:

אֵיינֶער אִיז אַבֵּיינְגֶעקוּמֶען צוּ אַ צְוַוייטֶען אִין הוֹיז אִין אַ רֶעגֶענְדִיגֶען טָאג אוּן הָאט גֶעטְרָאפֶען אִין הוֹיז אָנְגֶעשְׁטֶעלְט כֵּלִים פוּל מִיט וַואסֶער וָואס אִיז גֶערוּנֶען פוּן דֶער סְטֶעלְיֶע,

ווען און האט פון אונזערט וועגען די לוחות געגומען. זעה ליעבער גאט, דאס מיר זיינען מקיים אזוי ווי דו האסט אונז געבאטען מיר זאלען היינטיגען טאג שופר בלאזען. זיי אויך מקיים אזוי וויא דוא האסט געזאגט צוא משה רבינו „סלחתי כדבריך“. דאס איז טייטש: איך האב פארגעבען אזוי וויא דיינע רייד:

זכור לנו זכות אהרן הכהן:

געדענק אונז, ליעבער גאט, דעם זכות פון אהרן הכהן, דאס זיין מדה איז געוועזען צו שלום מאכען צווי־שען מאן און ווייב און צווישען מענטשען וואס האבען זיך געקריגט, אזוי אויך, רבונו של עולם, זאלסט דו איהם געבען רשות דאס ער זאהל א מליץ זיין פאר דיר אויף דיין פאלק ישראל אפצוטהאן דיין גרימצארן פון אונז. און זאלסט אונז אנשרייבען צו א יאהר פון פריידען און שלוה און שטילקייט, צו נחת און ניט קיין צער חלילה:

זכור לנו זכות דוד מלכנו:

געדענק אונז, ליעבער גאט, דעם זכות פון דוד אונזער קעניג, וואס דו האסט איהם פון אלע זיינע פיינד געהאלפען. אזוי העלף אונז, רבונו של עולם, אין זיין זכות פון אלע בייזע מלאכים און מקטרגים און משחיתים, וואס האבען פיינדשאפט אויף דיין פאלק ישראל און אויך קיין

משלי מוסר

ער האט באמערקט, אז אי דיא סטעליע, אי די פאדלאגע זיינען שוין צוגעפוילט, ווייל זיי ווערען אפטנאס פון רעגען. האט יענער געזאגט צום בעל הבית פון הויז: — איך וועל דיר אן עצה געבען אז דיא סטעליע און די פאדלאגע זאלען ניט פוילען און רוא זאלסט פארשפארען אונטער־

פֿיינד זָאל אִין אוּנְז קֵיין נְקָמָה נִיט הָאבֶּען אוּן זָאלֶען אָן אוּנְז
נִיט דֶערְפְרֶעהט וֶוערֶען:

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת צַדִיקִים וְצִדְקָנִיוֹת:

גֶעדֶענְק אוּנְז, לִיעבֶּער גָאט, דֶעם זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים אוּן נָשִׁים צִדְקָנִיוֹת, וָואס זַיינֶען גֶעוֶוען פוּן דֶער צַייט פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן בִּיז הַיינְטִיגֶען טָאג. זֵייעֶר זְכוּת זָאהל אוֹיף אוּנְז מֵגֵן זַיין, דָאס דֶער גוֹאֵל צֶדֶק זָאל שׁוֹין קוּמֶען, עֶס זָאל זַיין תְּחִיַת הַמֵתִים אוּן מִיר זָאלֶען שׁוֹין הֶערֶען שׁוֹפָר שֶׁל מָשִׁיחַ, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן:

שְׁלשׁ עֶשְׂרֵה מִדוֹת.

די תְּחִנָה זָאל מֶען זָאגֶען וֶוען מֶען נֶעמְט אוֹיס דִיא סִפְרֵי תּוֹרוֹת פוּן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוֹם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּפּוּר.

יְיָ יְיָ, אֵל רַחוּם וְחַנּוּן, אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חֶסֶד וֶאֱמֶת: נֹצֵר חֶסֶד לָאֲלָפִים, נֹשֵׂא עָוֹן וָפֶשַׁע וְחַטָּאָה וְנַקֵּה: ג״פ דריי מאל.

לראש השנה וליום כפור.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מַלֵא מִשְׁאֲלוֹתַי לְטוֹבָה וְהָפֵק רְצוֹנִי, וְתֵן שְׁאֶלָתִי, וְתִמְחוֹל לִי עַל כָּל

משלי מוסר

שְׁטֶעלֶען דִי כֵּלִים, דֶער רֶעגֶען רִינְט אַבּיין, ווייל עֶס אִיז פַארַאן אַ לָאךְ אִין דָאךְ. פַארְלַאטֶע יֶענֶע לָאךְ וֶועט דֶער רֶעגֶען נִישְׁט אַרוּנְטֶער רִינֶען:

אָט דָאס בֶּעטֶען מִיר בַּיים רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם: „כַּלֵה דֶבֶר וְחֶרֶב וְרָעָב וּשְׁבִי וּמַשְׁחִית״, נֶעהְם פוּן אוּנְז צוּ אָט דִי אַלֶע פְּלַאגֶען, דִי אַלֶע צָרוֹת, ווי

עֲוֹנוֹתַי, וְעַל כָּל עֲוֹנוֹת אַנְשֵׁי בֵיתִי, מְחִילָה בְּחֶסֶד, מְחִילָה בְּרַחֲמִים. וְטַהֲרֵנִי מֵחֲטָאַי וּמֵעֲוֹנַי וּמִפְּשָׁעַי. וְזָכְרֵנִי בְּזִכָּרוֹן טוֹב לְפָנֶיךָ. וּפָקְדֵנִי בִּפְקוּדַת יְשׁוּעָה וְרַחֲמִים. וְזָכְרֵנִי לְחַיִּים אֲרוּכִים, לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם. וּפַרְנָסָה טוֹבָה וְכַלְכָּלָה. וְלֶחֶם לֶאֱכוֹל וּבֶגֶד לִלְבּוֹשׁ, וְעֹשֶׁר וְכָבוֹד, וַאֲרִיכַת יָמִים בְּתוֹרָתֶךָ וּבְמִצְוֹתֶיךָ, וְשֵׂכֶל וּבִינָה לְהָבִין וּלְהַשְׂכִּיל עִמְקֵי סוֹדוֹתֶיהָ. וְהָפֵק רְפוּאָה לְכָל מַכְאוֹבֵינוּ. וּתְבָרֵךְ אֶת כָּל מַעֲשֵׂה יָדֵינוּ. וּגְזוֹר עָלֵינוּ גְּזֵרוֹת טוֹבוֹת יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת, וּבַטֵּל מֵעָלֵינוּ כָּל גְּזֵרוֹת קָשׁוֹת וְרָעוֹת. וְתֵן בְּלֵב מַלְכוּת וְיוֹעֲצָיו וְשָׂרָיו עָלֵינוּ לְטוֹבָה, אָמֵן וְכֵן יְהִי רָצוֹן: יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי, וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶערר פון דֶער וועלט, עֶרְפִיל דֶעם פֶּער־לַאנְג פון מַיין הַארְץ צו גוטֶען, און פִירֶר דוּרְךְ מַיין

משלי מוסר

אַזוֹי? „וְעָוֹן מִבְּנֵי בְרִיתֶךָ”, אַז דוּ וֶועסְט שְׁטַארְקֶען אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער מִיר זָאלֶען נִיט זִינְדִיגֶען, וֶועלֶען דִי צָרוֹת בְּמֵילָא אוֹיף אוּנְז נִיט קוּמֶען, ווייל זֵיי קוּמֶען דָאךְ נָאר צוּלִיעבּ אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת און וֶוען מִיר וֶועלֶען נִישְׁט זִינְדִיג זַיין וֶועלֶען מִיר פון קֵיינֶע צָרוֹת נִיט וִויסֶען.

ווילען, און גיב מיין געבעט, און זיי מיר מוחל אויף אלע מיינע זינד און אויך אויף אלע זינד פון מיין הויז־געזינד, א פערצייהונג מיט געזונד, א פערצייהונג מיט רחמנות. און ריינינ מיך פון מיינע זינד און פון מיינע שולדען און דער־מאהן מיך מיט א גוטע געדעכעניס פאר דיין הייליגען נאמען, און ריכט מיך אויף מיט אן אויפריכטונג פון הילף און דער־בארימקייט, און דערמאהן מיך צו א גוט לאנג לעבען און צו פריידען, און צו פרנסה און צו נאהרונג, און ברויט צו עסען און א בגד אנצוקליידען, און רייכטהום און כבוד, און לאנגע יאהר צו בעשעפטיגען זיך מיט דיין תורה און דיינע מצוות, און שכל און פערשטאנד צו פערשטעהען און צו בעגרייפען איהרע טיעפע סודות, און ברייננ א רפואה שלמה צו אלע אונזערע וועהטאגען, און דו זאלסט בענשען אלע אונזערע בעשעפטיגונגען, און זאלסט אויף אונז גוזר זיין גוטע גזרות, הילף און טרייסטונגען, און זאלסט פון אונז ארונטערנעהמען אלע שווערע און שלעכטע גזרות, און גיב דעם הערשער און זיינע ראטה־געבער און זיינע הארצען א זינען זיי זאלען זיין גוט צו אונז, אמן וכן יהי רצון.

משלי מוסר

אבינו מלכנו החזירנו בתשובה שלמה לפניך, אונזער פא־טער, אונזער קעניג, קעהר אונז אום מיט א גאנצע תשובה פאר דיר.

למשל:

איינער האט א מאל ביים צוויי־טען געליהען א כלי צו שעפען וואַ־סער. שעפענדיג איז די כלי אריינ־געפאלען אין ברונעם און איז דארט פארבליעבען. אין א צייט ארום האט

תְּחִנָּה פוּן אוֹיסְנֶעהְמֶען פִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּפּוּר .

רבש״ע פֶערְלָאזֶענְדִיג זִיךְ אוֹיף דִי י״ג מִדּוֹת שְׁטֶעל אִיךְ זִיךְ בֶּעטֶען דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען, אַז אַזוֹי וִוי מֶען עֶפֶענְט דִי טָהוֹר פוּן אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ אַרוֹיסְצוּנֶעהְמֶען דַיין הֵיילִיגֶע סֵפֶר תּוֹרָה, אַזוֹי זָאלְסְטוּ עֶפֶענֶען דַיינֶע שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן מוֹחֵל זַיין אוּנְזֶערֶע זִינְד וָואס מִיר הָאבֶּען דָאס גַאנְצֶע יָאהְר גֶעטָהאן. אוּן אַזוֹי וִוי מִיר הָאבֶּען אָנְגֶעטָהאן דַיינֶע הֵיילִיגֶע סֵפֶר תּוֹרָה׳ס אִין וַוייסֶע מֶענְטֶעלַאךְ, אַזוֹי זָאלְסְטוּ וַוייס מַאכֶען דִי פְלֶעקֶען פוּן אוּנְזֶערֶע נְשָׁמוֹת, וָואס מִיר הָאבֶּען אַיינְגֶעפְלֶעקְט מִיט אוּנְזֶערֶע חֲטָאִים, אַזוֹי וִוי דֶר נָבִיא זָאגְט: אִם יַאְדִּימוּ כַתּוֹלָע כַּצֶּמֶר יִהְיוּ, אוֹיב אוּנְזֶערֶע זִינְד זַיינֶען רוֹיט וִוי רוֹיטֶע פָאדֶעם וֶועלֶען זֵיי וַוייס וֶוערֶען וִוי וַוייסֶע וָואל. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם. אַזוֹי וִוי מִיר נֶעהְמֶען אִיצְט אַרוֹיס דִי תּוֹרָה וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפֶען סֵפֶר. אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוּנְז הַיינְט אָנְשְׁרַייבֶּען אִין סֵפֶר הַחַיִּים אוּן אִין סֵפֶר שֶׁל בְּרָכָה וְהַצְלָחָה. אוּן אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּגֶעהֶערְט דִי תְּפִלָּה פוּן אוּנְזֶער מוּטֶער שָׂרָה אוּן דִי צַדֶּקֶת חַנָּה, אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ צוּהֶערֶען אוּנְזֶער תְּפִלָּה, אוּן אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט יוֹסֵף הַצַּדִּיק

דֶער בַּעַל הַכֵּלִי שְׁטַארְק אָנְגֶעהוֹיבֶּען מַאכֶען זַיין כֵּלִי בַּיי דֶעם וָואס הָאט וִי גֶעלִיהֶען. יֶענֶער הָאט מִיט אִינְ־סְטְרוּמֶענְטֶען אַרוֹיסְבֶּאקוּמֶען דִי כֵּלִי פוּן גְרוּנְד פוּן בְּרוּנֶעם. אָבֶּער לִיעֶ־גֶענְדִיג אִין וַואסֶער אַ לַאנְגֶע צַייט אִיז זִיא פַארְפוֹילְט אוּן פַארְדָארְבֶּען גֶעוָוארֶען. דֶער אֵייגֶענְטְהִימֶער פוּן

ארויסגעצויגען פון תפיסה אום ראש השנה, אזוי זאלסטו אונז ארויסנעהמען פון אלעם שלעכטעס און אנשרייבען און אנ־חתמ'ענען אונז א גוט יאהר און א געזונד יאהר, דען די טויערען פון תפלה זיינען קיינמאל ניט פערשלאסען און דיינע אויערען זיינען שטענדיג געניינט צו הערען אונזער געבעט. רבונו של עולם, בעגעה זיך מיט אונז מיט דיין מדת הרחמים און זאלסט אונז חלילה ניט אוועקנעהמען פון דער וועלט פאר זיבעציג יאהר. זאלען אונזערע קינדער ניט פערבלייבען קיין יתומים און העלף אונז מיר זאלען זיי קענען ערציהען און פיהרען אין די הייליגע וועגען פון דיין תורה הקדושה. נעהם ניט אוועק אונזערע ביי אונזער לעבען, כדי זיי זאלען קענען לערנען דיין תורה און מקיים זיין איהרע מצות. שייד גיט אפ מאנען פון זייערע ווייבער און ווייבער פון זייערע מאנען. זאלען אונזערע שוועסטער און ברידער זיין אלע אין גאנצע און קיין טויט דם ושלום זאל קומען אין אונזער גבול. זאלען אונזערע טרעהרען דורכלעכערען אן אריינגאנג צו דיין הייליגען שטוהל און אונזער תפלה זאל אין דיין האנד קומען. אונזערע הערצער זיינען איצט צובראכען אויף דרייצעהן שטיק אנטקעגען דיינע שלש עשרה מדות. מיר זיינען איצט

משלי מוסר

דער כלי האט זי ניט געוואלט צו־גע־מען. ער האט געטענה'ט: איך האב דאך דיר געגעבען א גאנצע כלי. ניט קיין פארדארבענע. ווען דו וואלסט זיא געוועזען ארויסגעהמען באלד וויא זיא איז אריינגעפאלען וואלט זי דאך ניט צופוילט געווארען. כך, אזוי איז מיט אונז, דער בורא

אָנגעפיהלט מיט תְּשׁוּבָה און מיר נעהמען אויף אונז ניט צו זינדיגען און ניט ווידערשפּעניגען דיין הייליגען רָצוֹן. העלף אונז אין אַלע אונזערע וועגען און ברייננ דעם גוֹאֵל צֶדֶק אַזוֹי ווי דו האָסט אונז פערשפּראָכען דורך דיינע הייליגע נְבִיאִים גיב אונז שֶׁפַע פון דיין ברייטע האַנד און מיר זאָלען חָלִילָה ניט דאַרפען אָנקומען צו לייטען בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

אַיין נייע תְּחִנָּה עֵת רָצוֹן מִצִיוֹן הַקְדוֹשָׁה בִּשְׁעַת הוֹצָאַת סֵפֶר תּוֹרָה:

ווען מען עפינט דעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ. עפינט מען אין הימעל דיא שַׁעֲרֵי רַחֲמִים. עס איז אַיין עֵת רָצוֹן אוים צו בעטען זיך געזונט פַּרְנָסָה מיט אַלעם גוטעם:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם יְיָ צְבָאוֹת רַחוּם וְחַנוּן יְהִי רָצוֹן עס זאָל זיין דער ווילען פאַר דיר גאָט מיין גאָט און גאָט פון מיינע עלטערין דו זאָלסט אויף מיר און אויף כָּל יִשְׂרָאֵל עַמְךָ רַחֲמָנוּת האָבען און אַזוֹי וויא דיא שַׁעֲרֵי רַחֲמִים זענען יעצט אָפען און עס איז אַיין עֵת רָצוֹן זאָל זיין באַווילִיגט מיין געבעט אַז דו זאָלסט מיר און מיין מאַן און מיינע קינדער און מיינע קינד'ס קינדער געבען לאַנג לעבען געזונט פַּרְנָסָה דער [illegible] פרייד באַגליכה אונז אין אַלע אינזערע וועגען

משלי מוסר

יִתְבָּרַךְ האָט אונז געגעבען אַ גאַנצע נְשָׁמָה און אַ ריינע און ער פאַרלאַנגט פון אונז אַז מיר זאָלען זי איהם צוריק געבען אַ גאַנצע און אַ ריינע. אָבער מיר זינדיגען און מיר לאָזען אונזערע נְשָׁמוֹת זינקען אין שמוטץ און זיי ווערען פאַרדאָרבען. ווען עס קומט די צייט אַז מיר דאַרפען דיא

מיר זאלען געפינען חן וחסד אין דיינע אויגען אויך אין לייטענ'ס אויגען גיעב אונז שכל און פארשטאנדיגקייט צו דיין עבודה דאס אזוי ווי דאס קוועלענדיג וואסער וואס שטארקט זיך אין דעם קוואל פון דעם ברונעם, אזוי זאל מיין הארץ און מיינע קינדערם הערצער זיך שטארקען צו דיין הייליגער דינסט דו זאלסט דערלייכטען מיינע אויגען און אויך מיינע קינדערם אויגען זיי זאלען לערנען דיין הייליגע תורה זיי זאלען גיין אין גוטעז וועג פון די תורה הקדושה, וואס זיי וועלן לערנען פון די תורה הקדושה זאלען זיי ניט פארגעסען גיעב זיי חן און שיינע רייד זיי זאלען מצליח זיין און פועלין

אלץ וואס זיי וועלען פארלאנגען אמן:

אנא יי איך בעט דיך גאט אל תצריכני לידי מתנת בשר ודם. איך זאל חלילה אן קומען צו א מתנה פון א בשר ודם אונזער האפענונג וואס מיר האפען צו דיר ניט פאר־שעמט חלילה צו ווערען אונזערע מעשים זאלען ניט ווערען פארדארבען מיר זאלען ניט גיין צו מידיקייט און צו צער און אונזער ארבעט זאל אלץ זיין לברכה והצלחה די דאזיגע צייט און אלע צייט ווען איך בעט פאר דיר זאל זיין א צייט פון דערבארעמקייט איין צייט אז מיין באגער זאל דערהערט

משלי מוסר

נשמות צוריקגעגעבען, טענה'ט דער רבונו של עולם:—איהר האט זי ניט געדארפט לאזען ליגען א לאנגע צייט אין שמוץ און אין בלאטע און אבגעגעבען זיי מיר ריין און גאנץ ווי זיי זיינען געווען.

אט דאס בעטען מיר ביי גאט: "החזירנו בתשובה שלמה", העלפ

װערען, מיין בקשה אלץ װאס איך װעל נאר בעטען זאלסט דו מיר ענטפערען מיט דער בארעמקייט און גינאד אמן:

דריי מאל **וַאֲנִי תְפִלָּתִי. לְךָ יְיָ עֵת רָצוֹן. אֱלֹהִים בְּרָב חַסְדֶּךָ. עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ:**

רבונו של עולם יהי רצון מלפניך שתעשה למען שמך היחיד והמיוחד, איך בעט דיך ליעבער גאט דאס פון דיין איינציגען נאמען װעגען װאס ער איז געאיינציגט געװארען דורך אונזערע אבות הקדושים און דורך אונזערע נביאים דיינע קנעכט. איינציג מיין הארץ און מיינע קינדערם הערצער אז מיר זאלען װיסען צו פארשטיין דיין איינציגען נאמען הקדוש והטהור דאס מיר זאלען שוין ניט זינדיגע צו דיר, וכאשר שמעת אזוי װי דו האסט גע־ הערט דאס געשריי און געװיין פון אונזער עלטער פאטער יעקב. און האסט אים אפגעהיטען פון עשו ולבן, אזוי היט אונז אפ פון אלע בייזע און שלעכטע מענשען, און געגעבען פרנסה פון דיין האנד, פותח את ידיך, צו שפייזען מיך מיט מיין מאן און קינדער מיט מיין גאנץ הויזגעזינד, היט אונז אפ פון יסורים פון בייזע קראנקהייט פון עין הרעה פון אלער־ ליי װייטאג, היט אונז אפ פון בלוט פערגיסונג, פון אומ־

משלי מוסר

אונז. אז מיר זאלען זיך צו דיר אומ־ קעהרען גאנץ. עס הייסט, אז מיר זאלען ניט פארזינקען אין זינד און מיר זאלען דיר אװעקגעבען אונזע־ רע נשמות גאנץ און ריין װי זיי זיי־ נען געװעזען, װען דוא האסט אונז זיי געליהען

זליקען אויפען ים, פון דעם שונא׳ס שווערד, און פון פערשיעדענע מגפות רחמנא לצלן. אויך זאלסט דו מיין געבעט דערהערען און באווערען צו אלעם גוטען וואס איך וועל נאר בעטען היינט און אלע צייט אמן כן יהי רצון:

דעם שיר המעלות זאגט מען ימים נוראים נאך ישתבח:

שיר המעלות ממעמקים פון דעם טיעפען הארץ האב איך דיך גאט גערופען: אדני שמעה בקולי הער צוא גאט מיין קול פון מיין געבעט: אם עונות אויב דו גאט וועסט היטען מיינע עבירות און וועסט מיך שטראפען אויף זייא ווער וועט דען קאנען באשטעהן בארויף: כי עמך הסליחה ווארום ביי דיר אין די הענד איז מוחל צו זיין עבירות כדי אז מען זאל מורא האבען פאר דיר: קויתי יי איך שהו האפען צו גאט וואס ער האט מיר מבטיח געווען: נפשי לאדני מיין לייב טהוט האפען צו גאט איידער די היטער ביי דער נאכט האפען עס זאל טאג ווערען: יחל ישראל איהר אידען האפט צוא גאט ווארום ...[illegible] גאט איז דער חסד און פיעל מאהל האט ער אייך שוין אויסגעלייזט: והוא יפדה ווארום גאט וועט אויסלייזען דיא ישראל פון אלע זייערע עבירות:

תחנה שערי שלום:

די נייע תחנה זאגט מען ווען דער חזן זאגט ברכת כהנים:

רבונו של עולם, מיר בעטען דיך, לייטזעליג אונז בזכות אברהם אבינו. לאז אונז אויך געניסען דעם זכות פון די עקידה פון

משלי מוסר

אבינו מלכנו קרע רוע גזר דיננו, אונזער פאטער. אונזער קעניג, צורייס דאס שלעכטעס פון אונזער גזר דין. דער לשון, רוע גזר דיננו" ווייזט אויס אז מיר בעטען אז דאס שלעכטע פון גזר זאל ער צורייסען און דאס גוטע זאל פערבלייבען, למ...

יִצְחָק. שְׁפַּייז אוּן קְלֵייד אוּנְז בִּזְכוּת יַעֲקֹב, וָועלְכֶער הָאט גֶעבֶּעטֶען לֶחֶם לֶאֱכוֹל וּבֶגֶד לִלְבּוֹשׁ. לִיעבֶּער גָאט, לָאז אוּנְז בַּיישְׁטֶעהֶען דֶער זְכוּת פוּן שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה, אוּן שִׁיק אוּנְז אַלֶע הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים זֵיי זָאלֶען אוּנְז הִיטֶען פַאר אַלֶעם בֵּייזֶען, אוּן גִיבּ מִיר, מִיט מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער אַ גוּטֶען מַזָל אוּן פַּרְנָסָה אוּן גֶעזוּנְד. אַדִּיר בַּמָּרוֹם שׁוֹכֵן בִּגְבוּרָה, דוּא אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט, וָואס רוּהְט אִין הִימֶעל, אַתָּה שָׁלוֹם וְשִׁמְךָ שָׁלוֹם, דוּ אוּן דַיין נָאמֶען אִיז לוֹיטֶער שָׁלוֹם. יְהִי רָצוֹן, עֶס זָאל דֶער ווילֶען, שֶׁתָּשִׂים עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל חַיִּים וּבְרָכָה לְמִשְׁמֶרֶת שָׁלוֹם, דָאס דוּא זָאלְסְט אוּנְז אוּן כָּל יִשְׂרָאֵל גֶעבֶּען גוּטֶע פַּרְנָסָה אוּן גֶעזוּנְדְהַייט מִיט לוֹטֶער שָׁלוֹם׳

לִיעבֶּער גָאט, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף מַיינֶע זִינְד, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר׳. יֶעצְט קוּם אִיךְ אוּן פַאל פַאר דִיר וִויא אַ קְנֶעכְט פַאר זַיין הֶערְר אוּן וִויא אַ דִיעְנְסְט־מוֹיד פַאר אִיהְר ווירְטְהִין. מַיין אָטְהֶעם קְלַאפְּט אִין מִיר פַאר מוֹרָא. דַארוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ, לִיעבֶּער פָאטֶער, זַיי זִיךְ מְרַחֵם אִיבֶּער אוּנְז, זַיי אוּנְז מוֹחֵל אוּנְזֶערֶע זִינְד אוּן גֶעה מִיט מִיר בְּמִדַּת הַחֶסֶד וְרַחֲמִים ווִי דַיין מִדָּה אִיז, אוּן בַּאהִיט מִיךְ פַאר זִינְד, ווִי עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען: נָאךְ אוּנְזֶער ווִיעדֶערְקֶעהְרֶען וֶועסְטוּ אוּנְז דֶערְבַּארֶעמֶען:

תְּחִנָּה פַאר שׁוֹפָר בְּלָאזֶען.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּא בִּיסְט דֶער הֶערְר פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, דוּא ווֵייסְט וואוויל אַז מִיר זַיינֶען בְּלוּט אוּן

משלי מוסר

אֵיינֶער אִיז בֶּעגַאנְגֶען אַ פֶערְ־בְּרֶעכֶען גֶעגֶען דִיא רֶעגִירוּנג אוּן מֶען הָאט אִיהם פֶערְמִשְׁפָּט צוּא פוּפְצִיג שְׁמִיץ. אַ דָאקְטָאר הָאט דֶעם פֶערְ׳מִשְׁפָּטְ׳ן אוּנְטֶערְזוּכְט אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפוּנֶען אַז עֶר אִיז צוּ שְׁוַואךְ צוּ אִיבֶּערְטְרָאגֶען דִי שְׁטְרָאף. עֶר הָאט דֶערִיבֶּער גֶעהֵייסֶען אַז

פלייש און מיר קאנען ניט פארשטעהן דיינע מצוות. דו גאט, האסט אונז געבאטען, אז עס וועט קומען ראש השנה זאהל מען שופר בלאזען, אום אונזערע מעשים טובים זאהל פאר דיר געדאכט ווערען. דיינע ליעבע קינדער, דיין פאלק ישראל, האבען געפעדערט צו בלאזען שופר פון ראש חודש אלול, כדי מען זאל דעם שטן צומישעז אז ער זאל זיך דער־שרעקען, ווארום ווען ער דערהערט דעם שופר האט ער גרויס פארכט, ווייל ער ווייס אז דיינע ליעבע קינדער, וויא זייא דערהערען דעם שופר אזוי טהוען זיי תיכף תשובה און האבען גרויס חרטה אויף זייערע זינד, וויא עס שטעהט גע־שריעבען: ווען מען הערט אין שטאדט שופר בלאזען דא ווערט דעם פאלק דאס הארץ צוגאנגען. דארום, ליעבער גאט, זאל זיין דיין גוטער ווילען מיט דיין גרויס דערבארעמ־קייט אז דאס קול פון שופר זאל גלייך קומען פאר דיר און צורייסען אלע בייזע גזירות פון אונז און פארניכטען אלע בייזע מלאכים וואס מאכען א צווישענשייד צווישען אונז און צווישען דיר אז אונזער געבעט קאן נישט ארויפקומען פאר דיר, און זאלסט אפטהאן דאס בייזע גלוסטיגקייט פון אונז אז מיר זאלען דערלעבען אז דוא וועסט מיט דעם גרויסען שופר בלאזען איינצוזאמלען אלע פארלארענע און פאר־שטויסענע פון דיין פאלק ישראל אין ארץ ישראל אריין, און מיר זאלען זוכה זיין צוא זעהען דיין הייליגע שכינה און דוא

מען זאל איהם א חודש נאכאנאנד געבען אלע טאג א פונט פלייש מיט א פלאש וויין, אום ער זאל בעקומען געניג קרעפטען. אין איינינע טעג ארום האט דער קעניג דעם פער־ברעכער בעגנאדיגט, ער איז אבער געקומען און געפאדערט זיין פאר־ציאן פלייש און וויין, דער בע־

זָאלְסְט זַיין מַיין הֶעלְפֶער אוּן מַיין בַּאשִׁיצֶער. לִיעבֶּער גָאט, עֶם זָאהְל הַיינְט זַיין אַזַא צַייט פַאר דִיר צוּ פַארְנֶעהְמֶען אוּנְזֶער גֶעבֶּעט אוּן אוּנְז צוּ־צוּ־הֶערֶען. וֶוען מִיר טְהוּעֶן דִיךְ רוּפֶען זָאלְסְט דוּ אוּנְז עֶנְטְפֶערֶען אוּן דָאס בְּלָאזֶען מִיטְ'ן שׁוֹפָר זָאל צוּרַייסֶען אַלֶע בֵּייזֶע גְזֵירוֹת. דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעצֶען אוֹיפְ'ן שְׁטוּהְל פוּן רַחֲמִים אוּן זָאלְסְט זִיךְ אִיבֶּער מִיר מְרַחֵם זַיין אוּן אוֹיסְהֶערֶען אוּנְזֶער גֶעבֶּעט. דֶערְלֶענְגֶער אוּנְזֶערֶע יָאהְרֶען אַז מִיר זָאלֶען קָאנֶען פַארְרִיכְטֶען וָואס מִיר הָאבֶּען אוּמְרֶעכְט גֶעטְהָאן קֶעגֶען דִיר, אוּן דֶערְוֶועק אוּנְזֶער הַארְץ וִויעדֶערְצוּקֶעהְרֶען זִיךְ צוּ דִיר. לֶעהְרֶען אוּנְז וִויא מִיר זָאלֶען בֶּעזִיעגֶען אוּנְזֶער פַיינְד, דֶעם שָׂטָן, וָואס וִויל דִי יִשְׂרָאֵל יָאגֶען אוּן עֶרְגֶרייכֶען. לִיעבֶּער גָאט, פוּן דֶעם קוֹל שׁוֹפָר זָאלְסְט דוּ אִיהְם מַאכֶען פַאלֶען עֶר זָאל נִיט קָאנֶען אוֹיפְשְׁטֶעהְן צוּ רֵיידֶען בֵּייז אוֹיף דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל. אִין עֶרְשְׁטֶען קוֹל פוּן דֶעם שׁוֹפָר זָאהְל גֶעדַאכְט וֶוערֶען פַאר דִיר דֶער זְכוּת פוּן אַבְרָהָם אוּנְזֶער פָאטֶער, אִין אַנְדֶערֶען קוֹל פוּן שׁוֹפָר זָאל גֶעדַאכְט וֶוערֶען דֶער זְכוּת פוּן יִצְחָק אָבִינוּ אוּן אִין דְרִיטֶען קוֹל פוּן שׁוֹפָר זָאהְל גֶעדַאכְט וֶוערֶען דֶער זְכוּת פוּן יַעֲקֹב אוּנְזֶער פָאטֶער,

---

משלי מוסר

אַמְטֶער הָאט אִיהם גֶעעֶנְטְפֶערְט: שׁוֹטֶה, דָאס הָאט מֶען דָאךְ דִיר גֶעגֶעבֶּען כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען פֶערְטְרָאגֶען דִי שְׁטְרָאף, אָבֶער אִיצְט אַז מֶען הָאט דִיר דִי שְׁמִיטְץ גֶעשֵׁיינְקְט, פַאר וָואס זֶשֶע קוּמְט דִיר דִי פְלֵיישׁ אוּן וַויין?

דֶער בּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ בֶּעשְׁטִימְט

אַמָאל גוּטֶעם כְּדֵי עֶר זָאל נַאכְהֶער קֶענֶען שְׁטְרָאפֶען אוּן גֶעבֶּען שְׁלֶעכְטֶעם. עֶר בֶּעשְׁטִימְט אֵיינֶעם צוּא וֶוערֶען רַייךְ, כְּדֵי עֶר זָאל אִיהְם נַאכְהֶער אָרִים מַאכֶען אַלְס שְׁטְרָאף פַאר זַיינֶע זִינְד; עֶר בֶּעשְׁטִימְט אֵיינֶעם קִינְדֶער, כְּדֵי עֶר זָאל זֵייא נַאכְהֶער קֶענֶען צוּנֶעהְמֶען בַּייא

און מיט דעם פערטען קול זאהל געדאכט ווערען דער זכות פון דוד המלך. די פיער סדרים וואס הייסען תקיעה, שברים, תרועה, תקיעה, זאלען אונזערע עלטערענס זכות אויפברייני־גען פאר דיר און דער שטן זאל קיין מאכט ניט האבען. פון איהם זאהל א גוטער מלאך ווערען און ער זאהל אויף אונז גוטס ריידען, און זאלסט טהאן פון דיין נאמען וועגען און דו זאלסט אונז אנשרייבען צו גוטען אין דעם נייעם יאהר וואס דא קומט אויף אונז און אויף כל ישראל צוא פרנסה, צוא ברכה און הצלחה און מיט אונזערע קינדערלאך מיט גרויס שפע אהן מידקייט און מיט רוח און מיט פרייד, אז איך זאל ניט קומען צו קיין חרפה און איך זאל זיצען רוהיג און קאנען דיענען דיין היילינען נאמען און זאהל נישט באדארפען קיין מענטשענס גאב, און אונזערע קינדער זאלען ניט געמינערט ווערען פאר אונזער לעבען, און זאלסט דערטרייבען פון אונז אלע טרויערקייט און זאלסט אונז ווייזען גרויסע פרייד און אונזערע שונאים זאלען אן אונז קיין נקמה האבען. עס זאל צווישען אונז ניט זיין קיין קריעג, נור ברכה און הצלחה און שלום, און אין זכות פון שלום זאלען מיר גיך דערלייזט ווערען, אמן:

משלי מוסר

איהם. קומט דאך אויס נאך דעם פאריגען משל, אז ווען גאט ציהט צוריק זיין שטראף דארפען די ברכות פון בייכטהום און קינדער ניט מקוים ווערען.

דעריבער בעטען מיר: „קרע רוע גזר דיננו", צורייס די שלעכ־טעס פון גזר דין, אבער די גוטעס זאל פערבלייבען. דען אזוי איז גאט'ס דרך, אזוי ווי די גמרא זאגט: „כל דבר שיצא מפי הקב"ה לטובה אפילו על תנאי לא חזר בו", די זאך וואס איז ארויס פון בורא יתברך צו גוטען אפילו אויף א תנאי האט ער קיין חרטה ניט.

סֵדֶר תְּקִיעוֹת.

פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר זָאגְט מֶען דֶעם לַמְנַצֵּחַ זִיבֶּען מָאל:

לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי קֹרַח מִזְמוֹר: כָּל הָעַמִּים תִּקְעוּ כָף הָרִיעוּ לֵאלֹהִים בְּקוֹל רִנָּה: כִּי יְיָ עֶלְיוֹן נוֹרָא מֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל הָאָרֶץ: יַדְבֵּר עַמִּים תַּחְתֵּינוּ וּלְאֻמִּים תַּחַת רַגְלֵינוּ: יִבְחַר לָנוּ אֶת נַחֲלָתֵנוּ אֶת גְּאוֹן יַעֲקֹב אֲשֶׁר אָהֵב סֶלָה: עָלָה אֱלֹהִים בִּתְרוּעָה יְיָ בְּקוֹל שׁוֹפָר: זַמְּרוּ אֱלֹהִים זַמֵּרוּ זַמְּרוּ לְמַלְכֵּנוּ זַמֵּרוּ: כִּי מֶלֶךְ כָּל הָאָרֶץ אֱלֹהִים זַמְּרוּ מַשְׂכִּיל: מָלַךְ אֱלֹהִים עַל גּוֹיִם אֱלֹהִים יָשַׁב עַל כִּסֵּא קָדְשׁוֹ:

לַמְנַצֵּחַ צוּם גֶעזַאנְג פוּן דִי קִינְדֶער קֹרַח: (כָּל הָעַמִּים) אַלֶע פֶעלְקֶער שְׁטֶעקְט אַרַיין דִי הֶענְד טְהוּט שַׁאלֶען אוֹיף שׁוֹפְרוֹת אוּן טְרוּמֵייטֶען אוּן טְהוּט זִינְגֶען צוּ גָאט מִיט אַ קוֹל פוּן גֶעזַאנְג פַאר שִׂמְחָה: (כִּי יְיָ עֶלְיוֹן) דֶען גָאט אִיז דֶער גַאנְץ אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַ פָארְכְטִינֶער גְרוֹיסֶער מֶלֶךְ אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט: (יַדְבֵּר עַמִּים) עֶר הָאט גֶעמַאכְט פִיהְרֶען דִי פֶעלְקֶער וָואס זַיינֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם זֵיי זָאלֶען אוּנְטֶער אוּנְז זַיין אוּן דִיא קֶענִיגְרַייךְ אוּנְטֶער אוּנְזֶערֶע פִיס: (יִבְחַר לָנוּ אֶת) עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט אוּנְזֶער נַחֲלָה דָאס הֶערְשַׁאפְט פוּן יַעֲקֹב וָואס עֶר הָאט לִיבּ תָּמִיד: (עָלָה אֱלֹהִים בִּתְרוּעָה) גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיז דֶערְהוֹיבְּט גֶעוָוארֶען מִיט שַׁאלוּנְג, (יְיָ בְּקוֹל שׁוֹפָר) גָאט וֶוערְט גֶעלוֹיבְּט מִיט דֶעם קוֹל פוּן שׁוֹפָר: (זַמְּרוּ אֱלֹהִים זַמֵּרוּ) זִינְגְט אוּן לוֹיבְּט צוּא גָאט, זִינְגְט צוּא אוּנְזֶער מֶלֶךְ: (כִּי מֶלֶךְ) וָוארוּם דֶער מֶלֶךְ פוּן גָאר דֶער וֶועלְט אִיז גָאט, זִינְגְט מִיט קְלוּגְשַׁאפְט: (מָלַךְ אֱלֹהִים) דֶער גֶעוֶועלְטִיגֶער גָאט טוּט קִינִיגֶען אוֹיף דִי פֶעלְקֶער, דֶער גֶעוֶועלְטִיגֶער גָאט זִיצְט אוֹיף זַיין הֵיילִיגֶער שְׁטוּהְל: (נְדִיבֵי עַמִּים) דִי

נְדִיבֵי עַמִּים נֶאֱסָפוּ עַם אֱלֹהֵי אַבְרָהָם כִּי לֵאלֹהִים מָגִנֵּי אֶרֶץ מְאֹד נַעֲלָה:

אֵיידֶער מֶען בְּלָאזְט דִי תְּקִיעוֹת זָאגְט מֶען דָאס:

קוֹלִי שָׁמָעְתָּ אַל תַּעְלֵם אָזְנְךָ לְרַוְחָתִי לְשַׁוְעָתִי.
מַיין שְׁטִים הָאסְטוּ גֶעהֶערְט, פַאַרְבָּארְג נִיט דַיין אוֹיעֶר פוּן מַיין גֶעשְׁרֵיי:

רֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת וּלְעוֹלָם כָּל מִשְׁפַּט צִדְקֶךָ.
דֶער אָנְפַאנְג פוּן דַיין רֵייד אִיז וַואהְר, אוּן צוּ אוֹיבִּיג אִיז דַיין גֶערֶעכְטִיגְקַייט:

עֲרוֹב עַבְדְּךָ לְטוֹב אַל יַעַשְׁקוּנִי זֵדִים.
זַיי עָרֵב פַאר דַיין קְנֶעכְט צוּא גוּטֶען, לָאזֶען מִיךְ דִיא מוּטְווִילִיגֶע נִיט פַארְצוּקֶען:

שָׂשׂ אָנֹכִי עַל אִמְרָתֶךָ כְּמוֹצֵא שָׁלָל רָב.
אִיךְ פְרֶעה מִיךְ מִיט דַיין זָאג גְלַייךְ אַזוֹי וְויא אֵיינֶער גֶעפִינְט פִיעל זַאק רוֹיב:

טוּב טַעַם וָדַעַת לַמְּדֵנִי כִּי בְמִצְוֹתֶיךָ הֶאֱמָנְתִּי.
לֶעהְרֶען מִיךְ פַארְשְׁטַאנְד אוּן וִויסֶענְשַׁאפְט, דֶען אִין דַיין גֶעבָּאט גְלוֹיבּ אִיךְ:

נִדְבוֹת פִּי רְצֵה נָא יְיָ וּמִשְׁפָּטֶיךָ לַמְּדֵנִי.

בַּאוִוילִיגְטֶע פוּן פָאלְק טְהוּעֶן זִיךְ אַיינְזַאמְלֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, דָאס פָאלְק פוּן גָאט, דֶער גָאט, וָואס אַבְרָהָם הָאט גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ גָאט, וָוארוּם צוּא גָאט וָואס גֶעוָועלְטִיגְט דֶער בַּאשִׁיצֶער פוּן דֶער וֶועלְט עֶר אִיז זֶעהְר דֶערְהוֹיבֶּען:

דִיא בַּאוֶוילִיגוּנְג פוּן מַיין מוֹיל נֶעהְם אָן מִיט וִוילֶען,
אוּן לֶערֶען מִיךְ דַיין גֶערִיכְט׃

דֶער תּוֹקֵעַ זָאגְט דִי בְּרָכוֹת אוּן יֶעדֶער זָאל גוּט אוֹיסְהֶערֶען אוּן נָאכְזָאגֶען אָמֵן, דֶער נָאךְ בְּלָאזְט עֶר שׁוֹפָר, אוּן נָאךְ יֶעדֶער סֵדֶר זָאגְט מֶען יְהִי רָצוֹן׃

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לִשְׁמוֹעַ קוֹל שׁוֹפָר׃

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ, אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה׃

תקיעה שברים תרועה תקיעה
תקיעה שברים תרועה תקיעה
תקיעה שברים תרועה תקיעה

יְהִי רָצוֹן, עֶס זָאל זַיין בַּאוִוילִיגְט פַאר דִיר גָאט מַיין גָאט אוּן גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶען, דָאס בְּלָאזֶען תְּקִיעָה שְׁבָרִים תְּרוּעָה תְּקִיעָה, וָואס מִיר הָאבֶען הַיינְט גֶעבְּלָאזֶען, זָאלְסְטוּ מַאכֶען אַ קְרוֹין דוּרְךְ דֶעם מַלְאָךְ וָואס אִיז אִיבֶּער דֶעם גֶעזֶעצְט אוּן זָאלְסְט טְהָאן מִיט אוּנְז אַ צֵייכֶען צוּא גוּטֶען אוּן זָאלְסְט עֶרְפִיהְלֶען אִיבֶּער אוּנְז דֶערְבַּרֶעמְקַייט. גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ גָאט, בַּעַל הָרַחֲמִים׃

תקיעה שברים תקיעה
תקיעה שברים תקיעה
תקיעה שברים תקיעה

יְהִי רָצוֹן, עֶס זָאהְל זַיין בַּאוִוילִיגְט פַאר דִיר גָאט מַיין גָאט אוּן גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶען דָאס בְּלָאזֶען תְּקִיעָה שְׁבָרִים תְּקִיעָה, וָואס מִיר הָאבֶען הַיינְט גֶעבְּלָאזֶען, זָאלְסְטוּ אָנְנֶעהְמֶען דוּרְךְ דֶעם מְמוּנֶה,

וָואס אִיז גֶעזֶעצְט דַארוֹיף, אַזוֹי וואוּיל וִוי דוּ הָאסְט אָנְגֶענוּמֶען דוּרְךְ אֵלִיָהוּ אוּן זָאלְסְט עֶרְפִּיהְלֶען אִיבֶּער אוּנְז דֶערְבַּארֶעמְקַייט. גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ גָאט, בַּעַל הָרַחֲמִים:

תקיעה תרועה תקיעה
תקיעה תרועה תקיעה
תקיעה תרועה תקיעה גדולה

וּבְכֵן יְהִי רָצוֹן, עֶס זָאל זַיין בַּאוִוילִיגְט פַאר דִיר גָאט אוּנְזֶער גָאט אוּן גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען, דָאס דִיא מַלְאָכִים דִי גֶעהֶען אוֹיף פוּן דֶעם שׁוֹפָר אוּן פוּן תְּקִיעָה שְׁבָרִים תְּרוּעָה תְּקִיעָה אוּן פוּן תְּקִיעָה שְׁבָרִים תְּקִיעָה אוּן פוּן תְּקִיעָה תְּרוּעָה תְּקִיעָה זָאלֶען אַרַיינְגֶעהְן פַאר דַיין כִּסֵא הַכָּבוֹד אוּן זַייא זָאלֶען גוּטְס פַאר אוּנְז פַארְשְׁפְּרֶעכֶען צוּ פַארְגֶעבֶּען פַאר אוּנְזֶערֶע זִינְד, אָמֵן:

דֶער נָאךְ זָאגְט דָאס דֶער חַזָן מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל:

אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה יְיָ בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן:
בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל הַיּוֹם וּבְצִדְקָתְךָ יָרוּמוּ:
כִּי תִפְאֶרֶת עֻזָּמוֹ אָתָּה וּבִרְצוֹנְךָ תָּרוּם קַרְנֵנוּ:
אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ עוֹד יְהַלְלוּךָ סֶּלָה: אשרי וכו׳

תְּחִנָּה פַאר בִּרְכַּת כֹּהֲנִים.

דִי תְּחִנָּה זָאגְט מֶען וֶוען דֶער חַזָן הוֹיבְּט אָן צוּ זָאגֶען רְצֵה:

אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ:

אוּנְזֶער גָאט, דֶער גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען, אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב. הִנֵּה בְּנֵי אַהֲרֹן כֹּהֲנֶיךָ, דִי קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן דַיינֶע כֹּהֲנִים וֶועלֶען אַצוּנְד אוֹיפְהוֹיבֶּען דִיא הֶענְד צוּ בֶּענְטְשֶׁען דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל מִיט נָאר זַייעֶר הַארְץ אוּן וֶועלֶען זָאגֶען דִיא בְּרָכָה זָאלֶען זֵיי בֶּענְטְשֶׁען דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל, וֶוען זֵיי שְׁטֶעלֶען זִיךְ צוּם דוּכָ'ן. רִבּוֹנוֹ

של עולם, פארגעדם דאס געבעט פון די כהנים, וואס בענטשען דיין פאלק ישראל און מיר זאלען געבענטשט ווערען אלע יודען באנאנד און אויך איך מיט מיין מאן און מיינע קינדער צווישען זיי צו א גוט לעבען און גוטע פרנסה פון דיין פולער געבענטשטער האנד. מיר זאלען ניט דארפען אנקומען צו א בשר ודם און מיר זאלען זוכה זיין צוא האבען קינדער און קינד'ס קינדער, גוטע און פרומע און גאטס פארכטיגע. זאלסט אונז היטען פון אלעם בייזען אז קיין שונא זאהל אונז נישט קענען טהאן קיין שלעכטס און זאלסט דערלייכטען דיין פנים צו אונז מיר זאלען קענען דערהאלטען דיין הייליגע תורה, מיר זאלען ניט וויעדערשפעניגען אנטקעגען דיר און זאלסט אונז לייט־זעליגען מיט אלעם גוטען מיט א גוט לעבען, לעבען פון געזונד, לעבען פון פרנסה, לעבען פון שפייז און פון ערנעהרונג, לעבען פון רייכקייט, לעבען פון א גוט מזל. און זאלסט אונז נושא פנים זיין, ווען דו קומסט אונז משפט'ן אין דעם זכות פון אהרן הכהן מיט זיינע קינדער און זאלסט שאפען צו אונז פריעדען אין שלוה און שטילקייט, עס זאהל חלילה נישט קומען קיין שרעק אין אונזער הויז, און מיר זאלען קענען דיך דיענען מיט דעם גאנצען הארץ. אמן:

תחנה נאך וכתוב לחיים טובים:

אום ראש השנה ויום כפור צו מוסף אז דער חזן האלט וכתוב זאגט מען דאס:

אבינו, אונזער פאטער, געדענק דיין דערבארעמקייט און באצווינג דיין צארן און מאך א סוף צו מארד און שווערד און הונגער און געפענגעניש און פארדארבונג און

משלי מוסר

אבינו מלכנו כתבנו בספר גאולה וישועה, אונזער פאטער, אונזער קעניג, פארשרייב אונז אין בוך פון ערלייזונג און הילף, למשל:

א רייכער מאן האט אונטער־וועגענס געטראפען צווי מענשען וואס זיינען געווען געפאנגען. דיא פאנגער האבען זייערע קרבנות

מגפה און בייזע באגעגענעש און אלע קראנקהייט און אלע שטרויכלונג אלע בייזע גזירות און אומזיסטע פיינדשאפט פון אונז און פון אלע קינדער פון דיין בונד:

תְּחִנָּה לְבִרְכַּת כֹּהֲנִים.

יְבָרֶכְךָ יְיָ וְיִשְׁמְרֶךָ:

ווען דער חזן זאגט דאס ווארט „וישמרך" זאגט מען דאס:

רבונו של עולם, איך בין דיין און מיינע חלומות זיינען דיינע, עס זאהל זיין דער ווילען פאר דיר גאט, אז אלע מיינע חלומות זאלען זיין אויף מיר און אויף כל ישראל צוא גוטען, סיי איך האב מיך געחלומ׳ט אויף זיך זעלבסט, סיי אויף אנדערע, און סיי אנדערע האט זיך געחלומ׳ט אויף מיר. אויב זייא זיינען גוט, שטארק זייא און זיי זאלען מקוים ווערען אין מיר און אין זייא אזוי וויא דיא חלומות פון יוסף הצדיק, און אויב זיי דארפען היילונג, זאלסטו זיי היילען אזוי ווי דו האסט געהיילט חזקיהו מלך יהודה פון זיין קראנקהייט מרים הנביאה פון איהרע קרעץ און נעמן פון זיינע קרעץ, און אזוי ווי דיא וואסער פון מרה דורך משה רבינו, און אזוי ווי די וואסער פון דער שטאדט יריחו דורך אלישע. און אזוי וויא דו האסט פארקעהרט די קללה פון בלעם הרשע צו א ברכה אזוי זאלסט דו אומקעהרען אלע מיינע חלומות אויף

משלי מוסר

זעהר געפייניגט און זיי געצוואונגען צו טהאן שווערע ארבייט. דער עושר האט אויף זיי רחמנות געהאט און האט זיי אויסגעלייזט. איינעם האט ער מיטגענומען און האט איהם געגעבען א נוטע שטעלע אין זיין געשעפט און דעם צווייטען האט ער איבערגעלאזט אויף גאט׳ס בע-

מִיר אוּן אוֹיף כָּל יִשְׂרָאֵל צוּ גוּטֶען אוּן זָאלְסְט מִיךְ הִיטֶען אוּן לַייטְזֶעלִיגֶען אוּן בַּאווִילִיגֶען, אָמֵן:

יָאֵר יְיָ פָּנָיו אֵלֶיךָ וִיחֻנֶּךָּ:

װֶען דֶער חַזָן זָאגְט דָאס װָארְט וִיחֻנֶּךָ, זָאגְט מֶען נָאךְ אַ מָאל דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם װָאס מֶען הָאט פְרִיהֶער גֶעזָאגְט:

יִשָּׂא יְיָ פָּנָיו אֵלֶיךָ וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם:

װֶען דֶער חַזָן זָאגְט דָאס װָארְט „שָׁלוֹם" זָאגְט מֶען דָאס:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי, עֶס זָאהְל זַיין דֶער ווִילֶען פַאר דִיר גָאט מַיין גָאט אוּן גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶען, אַז דוּ זָאלְסְט טְהָאן צוּלִיעבּ דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן דַיינֶע חֲסָדִים אוּן צוּלִיעבּ דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן דַיין דֶערְבַּארֶעמְקַייט, װָאס זַיינֶען פַארְשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דֶער װֶעלְט אוּן צוּלִיעבּ דִיא רֵיינְקַייט פוּן דַיין נָאמֶען, דֶעם גְרוֹיסֶען אוּן שְׁטַארְקֶען אוּן פַארְכְטִיגֶען װָאס אִין אִיהְם אִיז דָא צְוֵויי אוּן צְוַואנְצִיג אוֹתִיּוֹת װָאס גֶעהֶען אַרוֹיס פוּן דִיא פְּסוּקִים פוּן בִּרְכַּת כֹּהֲנִים, װָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם מוֹיל פוּן אַהֲרֹן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער דַיין הֵיילִיג פָאלְק, אַז דוּא זָאלְסְט זַיין נָאהֶענְט צוּא מִיר, װֶען אִיךְ טְהוּ רוּפֶען צוּ דִיר אוּן זָאלְסְט פַארְנֶעהְמֶען מַיין גֶעשְׁרֵיי אַלֶע צַייטֶען, אַזוֹי ווִיא דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט דָאס גֶעשְׁרֵיי

משלי מוסר

בַּאטְהָ. דִיזֶער הָאט גֶעלִיטֶען גְרוֹיסֶע צָרוֹת װַייל עֶר אִיז גֶעװֶען עֶלֶענְד אִין אַ פְרֶעמְדֶע גֶעגֶענְד אוּן הָאט נִיט גֶעהַאט צוּ װֶעמֶען זִיךְ צוּקֶעהְרֶען אוּן װֶענְדֶען. זַיין פְרַייהַייט אִיז אִיהְם דֶערִיבֶּער נִיט אַיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט אַז זַיין גֶעפַאנְגֶען אִיז בֶּעסֶער ווִי זַיין אַ פְרַייעֶר מֶענְשׁ אוּן

פון יעקב אבינו, וואס ער הייסט איש תם, און זאלסט מיר געבען מיט מיין גאנץ הויזגעזינד, אונזער שפייז און פרנסה מיט ברייטקייט נישט בצמצום, מיט היתר נישט מיט איסור, מיט נחת ניט מיט צער, פון דיין ברייטע האנד, אזוי וויא דו האסט געגעבען ברויט צוא עסען און קליידער אנצוקליידען צו יעקב אבינו, וואס הייסט איש תם, און זאלסט אונז געבען צו ליעבשאפט, צו חן און צו חסד און צו רחמים אין דיינע אויגען און אין לייטענס אויגען אזוי ווי דו האסט געגעבען יוסף הצדיק אז דער פאטער האט איהם אנגעטהאן דאס זיידענע העמדעל צו חן און חסד און רחמים אין דיינע אויגען און אין לייטענס אויגען און דו זאלסט מיהאן מיט מיר וואונדער און נסים און צייכען צו גוטען און זאלסט מיך באגליקען אין מיינע וועגען און גיעב אין מיין הארץ פארשטאנד צוא פארשטעהן און צו קליגען און מקיים זיין די רייד פון דער תורה מיט איהרע סודות, און זאלסט מיך מציל זיין פון טעות'ן איך זאל מיך חס ושלום ניט טועה זיין אין דער תורה, און זאלסט מאכען ריין מיינע געדאנקען און מיין הארץ צו דיין דיענסט און זאלסט דערלייגערען מיינע טעג און מיין מאן און קינדערס טעג מיט אלעם גוטען און פארגניעגען מיט פיעל שטארקייט און פריעדען, אמן סלה:

משלי מוסר

ניט האבען קיין הילף און קיין שטיצע פון קיינעם.
אט דאס בעטען מיר ביי גאט:

„אבינו מלכנו כתבנו בספר גאולה וישועה". דו זאלסט אי אויסלייזען אי העלפען און שטיצע.

סֵדֶר תַּשְׁלִיךְ.

דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאךְ מִנְחָה גֶעהְט מֶען צוּא אַ טַייךְ
און מֶען זָאגְט דָאס. און וֶוען עֶס גֶעפַאלְט אוּם שַׁבָּת, גֶעהְט מֶען
דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה:

מִי אֵל כָּמוֹךָ נוֹשֵׂא עָוֹן וְעוֹבֵר עַל פֶּשַׁע לִשְׁאֵרִית נַחֲלָתוֹ לֹא הֶחֱזִיק לָעַד אַפּוֹ כִּי חָפֵץ חֶסֶד הוּא: יָשׁוּב יְרַחֲמֵנוּ יִכְבּוֹשׁ עֲוֹנוֹתֵינוּ וְתַשְׁלִיךְ בִּמְצוּלוֹת יָם כָּל חַטֹּאתָם: תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב חֶסֶד לְאַבְרָהָם אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ לַאֲבוֹתֵינוּ מִימֵי קֶדֶם: מִן הַמֵּצַר קָרָאתִי יָּהּ עָנָנִי בַמֶּרְחָב יָהּ: יְיָ לִי לֹא אִירָא מַה יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם: יְיָ לִי בְּעוֹזְרָי וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשׂוֹנְאָי: טוֹב לַחֲסוֹת בַּייָ מִבְּטוֹחַ בָּאָדָם: טוֹב לַחֲסוֹת בַּייָ מִבְּטוֹחַ בִּנְדִיבִים:

מִי אֵל כָּמוֹךָ, וֶוער אִיז אַ גָאט וִויא דוּ, וָואס פַארְטְרָאגְט אוּמְרֶעכְט און לָאזְט דוּרךְ שׁוּלְדֶען צוּ דִיא אִיבֶּערְבְּלַייבּוּנְג פוּן זַיין אַרְבֿ. עֶר הַאלְט נִיט אוֹיבִּיג זַיין צָארְן, דֶען עֶר בַּאגֶעהְרְט גֶענָאד. דַארוּם זָאהְל עֶר וִויעדֶער דֶערְבַּארֶעמֶען אוּנְז און טְרֶעטֶען אוֹיף אוּנְזֶערֶע זִינְד און וַוארְפֶען אִין טִיעפֶענֶעשׁ פוּן דֶעם יַם אַלֶע זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת. דוּ גִיבְּסְט דִי מִדָּה פוּן אֱמֶת צוּ יַעֲקֹב און דִי מִדָּה פוּן חֶסֶד צוּ אַבְרָהָם, דָאס דוּ הָאסְט גֶעשְׁוָואוֹרֶען צוּ אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען פַארְצַייטֶען. פוּן אֵיינְגֶשַׁאפְּט טְהוּ אִיךְ רוּפֶען צוּא גָאט, טְהוּט גָאט מִיר עֶנְטְפֶערֶען אִין דֶער בְּרֵייטֶערוּנְג: גָאט אִיז מִיט מִיר, דַארוּם פָארְכְט אִיךְ מִיךְ נִישְׁט, וָואס קָאן אַ מֶענְטְשׁ מִיר טְהָאן? גָאט אִיז אִין מַיינֶער הִילְף, דַארוּם וֶועל אִיךְ בְּוַודַאי זֶעהְן אַ מַפָּלָה אִין מַיינֶע פַיינְד: עֶס אִיז בֶּעסֶער אַ בִּטָּחוֹן צוּא הָאבֶּען אִין גָאט אֵיידֶער צוּא הָאבֶּען אַ בִּטָּחוֹן אִין אַ מֶענְטְשֶׁען: עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ פַארְזִיכֶערֶען זִיךְ אוֹיף גָאט אֵיידֶער צוּא פַארְזִיכֶערֶען זִיךְ אוֹיף דִי מְלָכִים:

רַנְּנוּ צַדִּיקִים בַּיְיָ לַיְשָׁרִים נָאוָה תְהִלָּה: הוֹדוּ לַייָ בְּכִנּוֹר בְּנֵבֶל עָשׂוֹר זַמְּרוּ לוֹ: שִׁירוּ לוֹ שִׁיר חָדָשׁ הֵיטִיבוּ נַגֵּן בִּתְרוּעָה: כִּי יָשָׁר דְּבַר יְיָ וְכָל מַעֲשֵׂהוּ בֶּאֱמוּנָה: אֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט חֶסֶד יְיָ מָלְאָה הָאָרֶץ: בִּדְבַר יְיָ שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ וּבְרוּחַ פִּיו כָּל צְבָאָם: כֹּנֵס כַּנֵּד מֵי הַיָּם נֹתֵן בְּאוֹצָרוֹת תְּהוֹמוֹת: יִירְאוּ מֵיְיָ כָּל הָאָרֶץ מִמֶּנּוּ יָגוּרוּ כָּל יוֹשְׁבֵי תֵבֵל: כִּי הוּא אָמַר וַיֶּהִי הוּא צִוָּה וַיַּעֲמֹד: יְיָ הֵפִיר עֲצַת גּוֹיִם הֵנִיא מַחְשְׁבוֹת עַמִּים׃ עֲצַת יְיָ לְעוֹלָם תַּעֲמֹד מַחְשְׁבוֹת לִבּוֹ לְדֹר וָדֹר: אַשְׁרֵי הַגּוֹי אֲשֶׁר יְיָ אֱלֹהָיו הָעָם

רַנְּנוּ לויבּט צַדיקים צוּא גָאט צוּ דיא רֶעכְטפַארְטיגֶע איז שֶׁעהְן אַ לויבּ: לויבְּט צוּ גָאט מיט אַ הַארְף מיט אַ פידֶעל פוּן צֶעהְן סטרוּנֶעס: לויבְּט צוּא איהְם אַ נַייעֶ לויבּ, מַאכְט שֶׁעהְן צוּא שְׁפּיעלֶען מיט אויסגֶעשְׁרֵיי פוּן שׁוֹפָר: וָוארוּם רֶעכְטפַארְטיג איז גָאטֶס רֵייד אוּן גָאר זַיין וֶוערְק איז מיט וַואהְרְהַאפְטיגְקֵייט: עֶר הָאט לַיעבּ צְדָקָה וּמִשְׁפָּט, דֶער חֶסֶד פוּן גָאט איז פוּל די וֶועלְט: מיט גָאטֶס רֵייד זַיינֶען גֶעוָוארֶען דיא הימֶעל אוּן מיט דֶעם אָטְהֶעם פוּן זַיין מויל גָאר דיא הֶערְשַׁאפְט פוּן הימֶעל: עֶר זַאמֶעלְט אַיין ווי אַ מויעֶר די וַואסֶער פוּן דֶעם יַם, עֶר גיט אין די בַּאהֶעלְטֶענֶעס די אָפְּגְרוּנְטֶען: פָארְכְט אַייךְ פַאר גָאט, אַלֶע לַייט פוּן דֶער וֶועלְט, פַאר איהְם זָאלֶען מוֹרָא הָאבֶּען אַלֶע זיצֶער אויף דֶער וֶועלְט. וָוארוּם וָואס עֶר זָאגְט איז אַזוי, וָואס עֶר שַׁאפְט בְּלַייבְּט שְׁטֶעהְן: גָאט הָאט צוּשְׁטֶערְט דָאס טְרַאכְטֶען פוּן דיא הַיידֶען, עֶר הָאט פֶערְוֶועהְט דָאס טְרַאכְטֶען פוּן שְׁלֶעכְטֶע פֶעלְקֶער: גָאטֶס עֵצָה בְּלַייבְּט שְׁטֶעהְן אויף אויבּיג, דיא מַחֲשָׁבָה פוּן זַיין הַארְצֶען בְּלַייבְּט פוּן איין דוֹר צוּם אַנְדֶערֶען דוֹר: יוֹאוֹיל דֶעם פָאלְק,

בָּחַר לְנַחֲלָה לוֹ׃ מִשָּׁמַיִם הִבִּיט יְיָ רָאָה אֶת כָּל בְּנֵי הָאָדָם׃ מִמְּכוֹן שִׁבְתּוֹ הִשְׁגִּיחַ אֶל כָּל יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ׃ הַיֹּצֵר יַחַד לִבָּם הַמֵּבִין אֶל כָּל מַעֲשֵׂיהֶם׃ אֵין הַמֶּלֶךְ נוֹשָׁע בְּרָב חָיִל גִּבּוֹר לֹא יִנָּצֵל בְּרָב כֹּחַ׃ שֶׁקֶר הַסּוּס לִתְשׁוּעָה וּבְרֹב חֵילוֹ לֹא יְמַלֵּט׃ הִנֵּה עֵין יְיָ אֶל יְרֵאָיו לַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ׃ לְהַצִּיל מִמָּוֶת נַפְשָׁם וּלְחַיּוֹתָם בָּרָעָב׃ נַפְשֵׁנוּ חִכְּתָה לַייָ עֶזְרֵנוּ וּמָגִנֵּנוּ הוּא׃ כִּי בוֹ יִשְׂמַח לִבֵּנוּ כִּי בְשֵׁם קָדְשׁוֹ בָטָחְנוּ׃ יְהִי חַסְדְּךָ יְיָ עָלֵינוּ כַּאֲשֶׁר יִחַלְנוּ לָךְ׃

וואס דער רעכטער און וואהרהאפטיגער גאט איז זיין גאט, וואויל דעם פאלק, וואס ער האט אויסגעקליבען פאר א ארב צוא איהם׃ פון דעם הימעל קוקט גאט, ער זעהט די אלע קינדער פון אדם׃ פון דעם ארט וואס ער האט אנגעגרייט ער זאהל דארט זיצען טהוט ער קוקען צו אלע זיצער פון דער ערד׃ דער וואס האט באשאפען אלע הערצער פארשטעהט ער בוודאי אלע זייערע ווערק׃ דער מלך ווערט ניט געהאלפען דורך זיין פיעל חיל, דער שטארקסטער ווערט נישט נצול אין דער מלחמה חאטש ער האט פיעל כח׃ עס איז ליעגען און פאלש אז דאס שטארקייט פון א פערד זאל העלפען, מיט זיין פיעל חיל ווערט ער ניט אנטרונען אין דער מלחמה׃ גאטס אויג גיט אכטונג צו זיינע פארכטיגע, צו די וואס האפען צו זיין גענאד׃ צו מציל זיין פון טוידט זייער לייב און דערנעהרען זיי אין א הונגער׃ אונזערע זעעלען האפען צוא גאט, אונזער העלפער און אונזער באשיצער איז ער׃ ווארום מיט איהם טהוט זיך פרעהען אונזער הארץ, אין זיין היילינגען נאמען פארזיכערען מיר זיך׃ עס זאל זיין דיין גענאד אויף אונז ווי מיר האפען צו דיר׃

נאך דעם זאגט מען דאס:

לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ בְּכָל הַר קָדְשִׁי כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת יְיָ כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים׃

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ עַל יְדֵי הָאָרַת תִּקּוּנִים עַתִּיקָא קַדִּישָׁא דְעַתִּיקִין בִּזְעֵיר שֶׁבְּאָרִיךְ יִכְבְּשׁוּ רַחֲמֶיךָ אֶת כַּעַסְךָ וְיָגוֹלוּ רַחֲמֶיךָ עַל מִדּוֹתֶיךָ וְתִתְנַהֵג עִמָּנוּ בְּמִדַּת הָרַחֲמִים וְתִתֶּן לָנוּ חַיִּים אֲרוּכִים וְטוֹבִים בְּעִסְקֵי תוֹרָתֶךָ וְקִיּוּם מִצְוֹתֶיךָ לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אָמֵן, וְכֵן יְהִי רָצוֹן׃

שִׁיר לַמַּעֲלוֹת אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי׃ עֶזְרִי מֵעִם יְיָ עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ׃ וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם׃ וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ יְיָ עֵת רָצוֹן אֱלֹהִים בְּרָב חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ. הִנֵּה לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל׃ הִנֵּה עֵין יְיָ אֶל יְרֵאָיו לַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ׃ הוֹד וְהָדָר לְפָנָיו עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ׃ כִּי עִמְּךָ הַסְּלִיחָה לְמַעַן תִּוָּרֵא׃ חַנּוּן וְרַחוּם יְיָ אֶרֶךְ אַפַּיִם וּגְדָל חָסֶד׃ בְּאוֹר פְּנֵי מֶלֶךְ חַיִּים וּרְצוֹנוֹ כְּעָב מַלְקוֹשׁ׃ כִּי אֵל גָּדוֹל יְיָ וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים׃ אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה

לֹא יָרֵעוּ, זיי איבלען ניט און זיי פארדארבען ניט אין מיין היילי־גען בארג, דען דאס לאנד איז פיעל מיט וויסענשאפט פון גאט אזוי ווי וואסער דעקט צו דעם ים׃

יְיָ בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן׃ כַּשֶּׁמֶן הַטּוֹב עַל הָרֹאשׁ יוֹרֵד עַל הַזָּקָן זְקַן אַהֲרֹן שֶׁיּוֹרֵד עַל פִּי מִדּוֹתָיו׃

אַ נַייעֶ תְּחִנָּה צוּ תַּשְׁלִיךְ.

רִבּוֹן הָעוֹלָמִים, הֶערְר פוּן אַלֶע וֶועלְטֶען, דוּ הָאסְט גֶע־שְׁרִיעבֶּען אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה צוּ מַאכֶען הַיינְטִיגֶען טָאג רֹאשׁ־הַשָּׁנָה, דֶען אִין הַיינְטִיגֶען טָאג זִיצְטוּ אוֹיף דֶעם שְׁטוּל פוּן מִשְׁפָּט צוּא מִשְׁפָּטְ'ן דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט, קְלֵיין אוּן גְרוֹים, יוּנְג אוּן אַלְט, אָרֶעם אוּן רַייךְ, צוּא מִשְׁפָּטְ'ן זֵייא צוּא גוּטְם אוּן צוּ שְׁלֶעכְטְם, צוּ גְלִיק אוּן צוּ אוּנְגְלִיק, צוּם טוֹידְט אוּן צוּם לֶעבֶּען, יֶעדֶערֶען נָאךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים, וְויא עֶר הָאט פַארְדִיעֶנְט, וֶוי עֶר אִיז וֶוערְטְה. אוּן מִיר וֵויסֶען אַז מִיר זַיינֶען פוּל מִיט זִינְד. מִיר הָאבֶּען נִיט מְקַיֵּים גֶעוֶוען וָואס דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיעבֶּען אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן מִיר הָאבֶּען גֶעגֶען דִיר וְוידֶער גֶעשְׁפֶּענִיגְט. דַארוּם זַיינֶען מִיר זֶעהְר עֶרְשְׁרָאקֶען פַאר דֶעם יוֹם הַדִּין, אוּן עֶס אִיז אוֹיף אוּנְז אַ גְרוֹים פַּחַד, פִיעלַייכְט וֶועסְט דוּ אוּנְז מִשְׁפָּטְ'ן נָאךְ אוּנְזֶערֶע בֵּייזֶע מַעֲשִׂים וֶועלֶען מִיר חָלִילָה קַיין תְּקוּמָה נִיט הָאבֶּען. דַארוּם קוּמֶען מִיר יֶעצְט צוּם וַואסֶער צוּ פְלִיסֶען טְרֶערֶען וְוי וַואסֶער. דְרוּם קוּמִי'ן מִיר צוּם וַואסֶער בֶּעטֶען דִיךְ אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ מִיט אוּנְז בַּאגֶעהְן מִיט עֶרְבַּארֶעמְקַייט מִיט חֶסֶד וָואס אִיז גֶעגְלִי־כֶען צוּ וַואסֶער, אוּן זָאלְסְט אוּנְז הַיינְט צוּם יוֹם הַדִּין עֶרְוֶועֶ־

משלי מוסר

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כָּתְבֵנוּ בְּסֵפֶר פַּרְנָסָה וְכַלְכָּלָה, אוּנְזֶער פָאטֶער, אוּנְזֶער קֶענִיג, פֶערְשְׁרַייבּ אוּנְז אִין בּוּךְ פוּן פַּרְנָסָה אוּן שְׁפַּייז, לְמָשָׁל:

אַן אָרִימֶער מֶענְשׁ הָאט גֶע־קְרָאגֶען אַ שְׁטֶעלֶע בַּיי אַ רַייכֶען פַאבְּרִיקַאנְט. עֶר הָאט אִיהְם אַוֶועק־גֶעשִׁיקְט אִין אַ וַוייטֶע לַאנְד אַלְס

קען דיינע גוטע מדות צו ריינגען אונז פון אונזערע זינד וואס זיינען פיעל ווי אין מעער וואסער, און זאלסט אבוואשען אלע אונזערע פלעקען ווי וואסער. דו זעהסט וואס ביי יעדער מענש איז אין הארץ, דוא קוקסט דורך יעדער קערפער וויא וואסער. עס איז פון דיר קיין זאך ניט פארבארגען, קיינער קען זיך פון דיר ניט באהאלטען, אויסער דיר קען קיין באשעפעניש ניט לעבען וויא א פיש אהן וואסער. ווען חלילה דו וואלסט זיך באגעהן מיט דער וועלט א קליינע ווייליע מיט מדת הדין, ווען דו וואלסט באצאהלען א מענשען נאך זיינע מעשים פינקטליך ווי ער האט פארדיענט, וואלט די וועלט קיין קיום ניט האבען, נאר דו צאמסט ארום דעם מדת הדין מיט דיין מדת הרחמים ווי דיא ברעגען פון ים צאמען ארום דעם וואסער. דארום קומען מיר היינט צום וואסער ניט מיט אונזערע גוטע מעשים, ניט מיט אונזערע רעכטפארטיגקייט, נאר מיר פארהאפען אויף דיין גענאד און דיין מדת הרחמים, וואס זיינען אזוי פיעל ווי אין ים דאס וואסער. מיר זיינען זיך מתודה אויף אונזערע בייזע מעשים וואס מיר האבען געטאן ביז אהער, און אונזער הארץ איז דארויף זעהר צובראכען וואס מיר האבען געגעו דיר ווידערגעשפעניגט און דיך ער־צערענט. מיר האבען ניט געהיט דיין הייליגע תורה און מיר האבען ניט מקיים געווען דיינע הייליגע מצוות. מיר בעטען פון דיר, העדר פון דער גאנצער וועלט, וואס אין דיין האנד

משלי סומר

קאמיסיאנער צוא פארקויפען זיין סחורה. דער מאן האט דארט גע־לייזט גוטע מקחים און פארדיענט פיינע געלד. ער איז אבער ניט צופריעדען געווען, ווייל יענע מדינה איז נישט געווען קיין פרוכטבארע און ער האט דארט ניט געקראגען גענוג צוא עסען לויט זיין געוואהנ־

אִיז דִי זֶעעלֶע אוּן דֶער לֶעבֶּען פוּן אַלֶע מֶענְשֶׁען, מִיר בֶּעטֶען פוּן דִיר דוּא זָאלְסְט אָפְּמֶעקֶען אַלֶע אוּנְזֶערֶע זִינְד אוּן אַלֶע שְׁטָרֵי חוֹבוֹת, דֶען מִיר הָאבֶּען נִיט מִיט וָואס אַיינְצוּצָאהְלֶען דָאס וָואס מִיר זַיינֶען שׁוּלְדִיג. מִיר זָאלֶען חָלִילָה נִיט דַארְפֶען צָאהְלֶען מִיט אוּנְזֶער לֶעבֶּען, מִיט דֶעם לֶעבֶּען פוּן אוּנְזֶערֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אוּן פוּן יֶעצְט אָן אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ אוּנְז הֶעלְפֶען מִיר זָאלֶען קֶענֶען דִיךְ דִיענֶען מִיט דֶעם גַאנְצֶען הַארְצֶען. דוּ זָאלְסְט אוּנְז בַּאשַׁאפֶען אַ גוּט הַארְץ, מִיר זָאלֶען הִיטֶען אַלֶע דַיינֶע גֶעבָּאטֶען, עֶס זָאל בַּיי אוּנְז נִיט זַיין קַיין קִנְאָה שִׂנְאָה. מִיר זָאלֶען אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערֶען גוּטְס טְהָאן, מִיר זָאלֶען יֶעדֶערֶער טְרַאכְטֶען גוּטְס, אוּן מִיר זָאלֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען לִיעבּ הָאבֶּען וִוי זִיךְ זֶעלְבְּסְט, אוּן מִיר זָאלֶען זַיין גֶעלִיעבְּט בַּיי אַנְדֶערֶע אִין דִי אוֹיגֶען, מִיר זָאלֶען גָאר קַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען נִיט הָאבֶּען אִין זִינֶען, מִיר זָאלֶען וֶוערְטְה זַיין פוּן הַיינְט אָן אַז דוּ זָאלְסְט מִיט אוּנְז גוּטְס טְהָאן, אוּן זָאלְסְט הַיילֶען אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער. דוּא זָאלְסְט אוּנְז גֶעבֶּען אַ יָאהְר פוּן לֶעבֶּען, אַ יָאהְר פוּן גֶעזוּנְד, אַ יָאהְר פוּן פַּרְנָסָה, אַ יָאהְר פוּן גוּטְס. דוּ זָאלְסְט נִיט צוּ־נֶעהְמֶען אַ פָאטֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶס זָאלֶען נִיט בְּלַייבֶּען אַלְמָנוֹת אוּן יְתוֹמִים וִוי אַ שִׁיף אָהְן אַ רוּדֶער, אוּן וִוי אַ סְטַא־דֶע שָׁאף אָהְן אַ הִירְט. דוּ זָאלְסְט נִיט צוּנֶעהְמֶען אַ מוּטֶער פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אוּן קִינְדֶער זָאלְסְטוּ נִיט אַוֶועקְנֶעהְמֶען

משלי מוסר

הַייט פוּן דֶער הֵיים. עֶר הָאט גֶע־שְׁרִיעבֶּען צוּא זַיין ווִירְטְה אַז עֶר אִיז אִיהְם הֶעכְסְט דַאנְקְבַּאר פַאר דֶער שְׁטֶעלֶע וָואס עֶר הָאט אִיהְם גֶעגֶעבֶּען, אָבֶּער עֶס אִיז אִיהְם זֶעהְר שְׁלֶעכְט וָואס עֶר קְרִיעגְט נִיט צוּא עֶסֶען וָואס עֶר וִויל, אַלְזָא בֶּעט עֶר אִיהְם עֶר זָאל אִיהְם בֶּעשְׁטִימֶען אַז

ביי א פאטער און מוטער. עס זאל ביא אונז קיין בראך און קיין אונגליק ניט געשעהן אין אונזערע הייזער, אונזער בלוט זאל זיין אין גאנצען. מיר וויינען און שרייען היינט, אז א גאנץ יאהר זאלען מיר שוין מעהר ניט דארפען שרייען און וויינען חלילה. מיר זאלען א גאנץ יאהר קיין טרעהרען ניט פארגיסען, און דו זאלסט ערפרעהען אלע ביטערע הערצער, אלע צובראכענע געמיטהען, דו זאלסט יעדערען ערפיהלען וואס איהם פעהלט, אלע וואס ליעגען קראנק, רחמנא ליצלן, זאלסטו היילען און שיקען א רפואה שלמה זיי זאלען געזונד און שטארק ווערען. אלע וואס זייען במקום סכנה זאלסטו באשיצען מיט דיין רעכטע האנד און זאלסט זייא באשירמען פון זייער געפאהר. אלע עקרות זאלסטו באפעהלען זיי זאלען טראגעדיג ווערען און אלע חשוכי בנים זאלען ערפרעהט ווערען מיט זרע של קימא. זיי זאלען מעהר ניט זיין ווי צו-דארטע בוימער, נור ווי בוימער וואס גיעבען פרוכט. אלע טראגעדיגע פרויען זאלסטו היטען זייא זאלען ניט מפיל זיין, חס ושלום, און זאלען געווינען אין דער צייט. אלע געווינע-רינס זאלען בשלום געווינען אהן צער, אהן חבלי לדה, אהן וועהטאג, אהן יסורים, אהן שום סכנה און אונגליק, און זא-לען האבען לאנג לעבעדיגע קינדער. זיי זאלען פון זייא קיין צער גדול בנים ניט האבען. זיי זאלען זיי אויפהאדעווען צו תורה און צו מעשים טובים. זייא זאלען ניט פארשעהמען

משלי מוסר

אנדער געגענד וואו ער זאל בעקו-מען גענוג שפייז. דער פאבריקאנט האט איהם צוליעב געטהאן און אוועקגעשיקט אין אן אנדער מדינה.

דארט איז שוין געוועזען אן ארץ זבת חלב ודבש און דער קאמיסיאנער האט בעקומען וואס ער האט גע-וואלט. איז אבער געוועזען אן אנדער

זייערע עלטערן. זייא זאלען זיין גוט און פרום צוא גאט און צו מענטשען. רבונו של עולם, גיעב אונז א יאהר וואס מיר זאלען ניט פארשעהמט ווערען. זאלסט אונז היטען פון ארעמקייט מיר זאלען חלילה ניט באדארפען אנקומען לידי מתנת בשר ודם. מיר זאלען ניט באדארפען אנקומען איינער צום אנדערען דען די גאב פון א מענשען איז קליין און דיא שאנד איז זעהר גרויס. נאר דוא זאלסט אונז ערנעהרען פון דיין אייגענע האנד. דוא זאלסט אונז צושיקען א כשרה פרנסה, א גרינגע פרנסה, אהן צער, אהן לייד, אהן שוועריגקייטען. מיר זאלען ביי לייטען ניט דארפען וואס נעהמען. רבונו של עולם, דוא זאלסט אונז ניט צונעהמען פון דער וועלט פאר דער צייט ביז וואנען מיר וועלען אויסלעבען אונזערע יאהרען און מיר וועלען אויסהאדעווען אונזערע קינדער, און מיר זאלען פון זייא נחת האבען זייא זאלען געהן אין דיא רעכטע וועגען. אונזערע הערצער זאלען זיך פרעהען, אמן:

הבט משמים וראה, קוק, אונזער הייליגער גאט, פון הימעל אויף אונז אין דערניעדער אזוי וויא די וואסער געהט פון הויך אין דערניעדער. קוק און זעה וויא מיר שטעהען דא פאר דיר מיט שרעק, מיט גרויס פארכט און מיט ציטערנעס. מיר קאנען ניט איינשטעהן אויף אונזער

משלי מוסר

חסרון — מען האט דארט די סחורה ניט געקויפט און ער האט ניט פערדיענט.

דעריבער בעטען מיר ביי גאט: „אבינו מלכנו כתבנו בספר פרנסה וכלכלה", גיב אונז, רבונו של עולם, ביידע זאכען, אי פרנסה, גוטע פארדיענסטען, אי געניג שפייז, עס זאל, הייסט עס, זיין געדעטעניש און מען זאהל קענען קריגען וואס מען דארף.

ארט פון שרעק אַזוי ווי די וואסער שטעהט ניט אויף אַן ארט. דערבאַרעם זיך אויף אונז און עס זאָלען אַוועקגעהן אונזערע פאַריגע זינד אַזוי ווי די וואסער געהט אַוועק. זאָלסט אַריינ־וואַרפען אונזערע חטאים אין אַן ארט וואָס זיי זאָלען מעהר ניט קומען אַזוי וויא דיא וואסער געהען און פאַלען אַריין אין טיעפען מעער. יע מיר האָבען געזינדיגט, אָבער אַצונד איז אונזער האַרץ קלאָהר וויא דאָס וואסער. העלף אונז אַז מיר זאָלען קענען טהאָן שפּעטער אַלעס וואָס מיר האָבען דיא איצטיגע ווייל אין אונזערע געדאַנקען. טהו מיט אונז געּ־נאָד פון וועגען דיין היילינע תורה וואָס זיא איז געגליכען צו וואסער דען די תורה קען מען ניט מקיים זיין אין קבר, ווייל זי איז ניט געגעבען געוואָרען פאַר טוידטע. דאַרום לאָז אונז לעבען מיר זאָלען זיא מקיים זיין און גוטס טהאָן אויף דער וועלט. מיר זאָלען פאַררעכטען וואָס מיר האָבען ביז יעצט קאַליע געמאַכט. הושיעה ה', העלף אונז, גאָט, צוא דיענען דיך מיט דעם גאַנצען האַרצען. מיר זאָלען פאַרברענגען אונ־זערע יאָהרען אין פרומקייט און ערהרליכקייט. אונזער עלטער זאָל ניט פאַרשעהמען אונזער יוגענד. דוא זאָלסט אונז ניט ברייננגען לידי נסיון. מיר זאָלען ניט געפּרובט ווערען. מיר זאָלען ניט קומען לידי בזיון. מיר זאָלען ניט פאַרשעהמט ווערען. מיר זאָלען, חלילה, צו דער עלטער ניט באַדאַרפען אָנקומען צו פרעמדע טישען. מיר זאָלען ניט באַדאַרפען חלילה אָנקומען צו קינדער, צו קרובים און צו די גאָב פון אַ

משלי מוסר

אבינו מלכנו הרם קרן ישראל עמך. אונזער פאַטער, אונ־זער קעניג. ערהויב די הערשאַפט פון דיין פאָלק ישראל. למשל: אַ גביר האָט געהאַט אַן אָרי־מען קרוב, וועלכען ער פלעגט אַלע

מענשען. מיר זאלען אויסלעבען אונזערע יאהרען מיט אונ־
זערע מאנען מיר זאלען ניט פאנאנדערגעשיידט ווערען. מיר
זאלען ניט אבגעריסען ווערען איינער פון אנדערען. דו זאלסט
אונז ניט אוועקווארפען צו דער צייט פון אונזער עלטער, דו
זאלסט אונז ניט פארלאזען ווען מיר וועלען שוין זיין שלאף.
מיר זאלען זיין מיט דעם גאנצען זינען ביז דאס לעצטע ווייל.
מיר זאלען קיין צער ניט האבען פון אונזערע קינדער דעם
גאנצען לעבען. מיר זאלען קיין צער ניט זעהן אין אונזער
גאנצע פאמיליע, אין אונזערע גוטע פריינד און כלל ישראל
און אין דער גאנצער וועלט. חדש עלינו, באניי אויף אונז,
ליעבער גאט דעם נייעם יאהר, אז עס זאל זיין א יאהר פון
ברכה און פון זול. עס זאל, חלילה, קיין הונגער ניט זיין אויף
דער וועלט. א יאהר פון פרנסה, פון גוטע געשעפטען. א
יאהר פון שלום. פון מנוחה, עס זאהל חלילה קיין מגפה ניט
זיין אויף דער וועלט און אויך קיין שום צרה. מיר זאלען אלע
זיין געהיט פון שאדען, פון פייער, פון וואסער, פון אלע
שטרויכלונג, פון אלע בייזע באגעגעניש, אמן:

אנא ה׳, איך בעט דיך גאט, דער גרויסער, דער שטארקער
און אלמעכטיגער. נעהם צוא מיין תשובה וואס איך
האב יעצט חרטה אויף מיינע זינד מיט דעם גאנצען הארצען.
דוא ווייסט דאך אונזער קערפער. עס איז ניטא איין מענש
אויף דער וועלט וואס זאל טהאן נאר גוטס און זאל ניט זינ־
דיגען. און דאריבער האסט דו אונז געגעבען דעם הייליגען

משלי מוסר

מאל אויסדריפען מיט עטליכע
דאלער אויף חונה. דעם גביר
איז ענדליך נמאס געווארען צו גע־
בען זיין ארימען קרוב נדבות און
דעם ארימאן איז נמאס געווארען
צו בעטען, איז ער געקומען צום

טאָג ראש השנה מיר זאָלען ניט פאַרפאַלען ווערען אין אונ־זערע זינד. מיר זאָלען היינטיגען טאָג תשובה טהאָן, וויא עס שטעהט געשריעבען אין דיין היילינע תורה: „כי לא תחפוץ במות המת“, דו ווילסט ניט דער מענש זאָל שטאַר־בען, נאָר ער זאָל חרטה האָבען און תשובה טהאָן אויף זיי־נע זינד און זאָל בלייבען לעבען. דאַרום זאָלסטו צונעהמען מיין געבעט און מיין תשובה צווישען דיא תפלות פון כלל ישראל, פון אַלע צדיקים וצדקניות, און זאָלסט מיך לאָזען לעבען. דוא זאָלסט עפענען דיינע טהויערען פון רחמים צוא כל ישראל און צו מיר אויך. דערהויך מיין מזל און דעם מזל פון מיין מאַן און מיינע קינדער, דערלייכט זייערע אויגען אין דיין היילינע תורה, דערהויב דעם מזל פון כלל ישראל, זיי זאָלען האָבען חן אין די אויגען פון די פעלקער צווישען וועל־כע זיי וואוינען, און זאָלסט אונז בויען דיין היילינען בית־המקדש. מיר זאָלען זוכה זיין צוא זעהן מיט אונזערע אויגען דעם משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן:

סדר כפרות.

מען נעהמט דיא כפרה אין דער רעכטער האַנד און מען זאָגט נפש תחת נפש און מען זאָגט דאָס מיט דעם לשון דריי מאָהל:

בני אדם יושבי חשך וצלמות אסירי עני וברזל: יוציאם מחשך וצלמות ומוסרותיהם ינתק:

משלי מוסר

עושר און האָט צוא איהם אַזוי געזאָגט: צו וואָס זאָל איך דיר אַלע מאָל באַלעסטיגען און בעטען ביי דיר שטיצע? דו בעסער זאָג אַרויס אָפען אַז דוא ביסט מיינער אַ קרוב וועל איך קריגען קרעדיט און וועל קענען מאַכען אַ געשעפט און האָבען שטענדיגע פרנסה. דער גבי־

אֱוִלִים מִדֶּרֶךְ פִּשְׁעָם וּמֵעֲוֹנֹתֵיהֶם יִתְעַנּוּ: כָּל אֹכֶל תְּתַעֵב נַפְשָׁם וַיַּגִּיעוּ עַד שַׁעֲרֵי מָוֶת: וַיִּזְעֲקוּ אֶל יְיָ בַּצַּר לָהֶם מִמְּצֻקוֹתֵיהֶם יוֹשִׁיעֵם: יִשְׁלַח דְּבָרוֹ וְיִרְפָּאֵם וִימַלֵּט מִשְּׁחִיתוֹתָם: יוֹדוּ לַיְיָ חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם: אִם יֵשׁ עָלָיו מַלְאָךְ מֵלִיץ אֶחָד מִנִּי אָלֶף לְהַגִּיד לְאָדָם יָשְׁרוֹ: וַיְחֻנֶּנּוּ וַיֹּאמֶר פְּדָעֵהוּ מֵרֶדֶת שַׁחַת מָצָאתִי כֹפֶר:

ווען איין זָכָר שְׁלָאגְט כַּפָּרוֹת זָאל ער דָאס זָאגֶען דְרַיי מָאל:

זֶה חֲלִיפָתִי, זֶה תְּמוּרָתִי, זֶה כַּפָּרָתִי, זֶה הַתַּרְנְגוֹל יֵלֵךְ לְמִיתָה, וַאֲנִי אֶכָּנֵס וְאֵלֵךְ לְחַיִּים טוֹבִים אֲרוּכִים וּלְשָׁלוֹם:

ווער עֶם שְׁלָאגְט כַּפָּרוֹת פִיר זִיךְ מִיט נָאךְ אֵיינֶעם זָאלֶען זֵיי דָאס זָאגֶן דְרַיי מָאל:

זֶה חֲלִיפָתֵנוּ, זֶה תְּמוּרָתֵנוּ, זֶה כַּפָּרָתֵנוּ, זֶה הַתַּרְנְגוֹל יֵלֵךְ לְמִיתָה. וַאֲנַחְנוּ נִכָּנֵס וְנֵלֵךְ לְחַיִּים טוֹבִים אֲרוּכִים וּלְשָׁלוֹם:

ווער עֶם שְׁלָאגְט כַּפָּרוֹת פִיר אֵיין זָכָר זָאהל דָאס זָאגֶען דְרַיי מָאהל:

זֶה חֲלִיפָתְךָ, זֶה תְּמוּרָתְךָ, זֶה כַּפָּרָתְךָ, זֶה הַתַּרְנְגוֹל יֵלֵךְ לְמִיתָה, וְאַתָּה תִּכָּנֵס וְתֵלֵךְ לְחַיִּים טוֹבִים אֲרוּכִים וּלְשָׁלוֹם:

ווער עֶם שְׁלָאגְט כַּפָּרוֹת פִיר 2 אָדֶער 3 זְכָרִים זָאהל דָאס זָאגֶען דְרַיי מָאל:

זֶה חֲלִיפַתְכֶם, זֶה תְּמוּרַתְכֶם, זֶה כַּפָּרַתְכֶם, זֶה הַתַּרְנְגוֹל יֵלֵךְ לְמִיתָה, וְאַתֶּם תִּכָּנְסוּ וְתֵלְכוּ לְחַיִּים טוֹבִים אֲרוּכִים וּלְשָׁלוֹם:

משלי מוסר

הָאט אַזוֹי גֶעטָהאן און זַיין אָרִימֶער קָרוֹב הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען הַאנְדְלֶען און עֶם הָאט אִיהם מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. אָט דָאס בֶּעטֶען מִיר בַּיים

בּוֹרֵא, בָּרוּךְ הוּא: „אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ הָרֵם קֶרֶן יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ", עֶרְהוֹיבּ אוּנְז מִיט דַיין גְרוֹיסֶען יִחוּס און צַייג פַאר דֶער וֶועלְט אַז דוּ בִּיזְט אוּנְזֶער

ווער עס שלאגט כפרות פאר איין נקבה זאל דאס זאגען דריי מאל:

זאת חליפתך, זאת תמורתך, זאת כפרתך. זאת התרנגולת תלך למיתה, ואת תכנסי ותלכי לחיים טובים ארוכים ולשלום:

ווען איינער שלאגט כפרות פאר צוויי נקבות זאל דאס זאגען דריי מאל:

זאת חליפתכן, זאת תמורתכן, זאת כפרתכן. זאת התרנגולת תלך למיתה, ואתן תכנסנה ותלכנה לחיים טובים ארוכים ולשלום:

ווען א אשה מעוברת שלאגט כפרות פיר זיך זאל זי דאס זאגען דריי מאל:

אלו חליפותינו, אלו תמורותינו, אלו כפרותינו. אלו התרנגולים ילכו למיתה, ואנחנו נכנס ונלך לחיים טובים ארוכים ולשלום:

תחנה נאך כפרות שלאגען.

דיא תחנה זאגט מען ערב יום כפור אין דער פריה איידער מען באוועגט ווען מען האט כפרות געשלאגען:

כפר לי אבי בעל הרחמים:

פארגיעב מיר מיין פאטער, וואס דו ביסט א בעל הרחמים, אויף די אלע חטאים ועונות ופשעים, וואס איך האב געזינדיגט פאר דיר און האב דיר דערצערענט דער מיט וואס איך האב געהערט אין דעם קול פון יצר הרע צו נאכגעהן נאך די געלוסטונג פון מיין הארצען, סיי די זאך וואס איך האב געטהאן מיט מיין גוטען ווילען פארבארגענערהייד און אנטפלעקטערהייד, סיי וואכענדיג און סיי אין שלאף, סיי מיט רייד און סיי מיט א מחשבה, מיט הערען אדער מיט זעהן, מיט גאנג אדער מיט זיצען, זאלסט דו אויך פארגעבען וואס איך האב נארישקייט געטהאן פון דער צייט וואס איך בין אויף דער וועלט געקומען:

משלי סומר

קרוב. אזוי וויא אין פסוק שטעהט: "לבני ישראל עם קרובו", דאן וועלען אונז אלע פעלקער רעספעקטירען און מיר וועלען מעהר ניט ליידען קיין גלות.

כפר לי אבי בעל הרחמים:

פארגיעב מיר מיין פאטער, וואס דו ביסט א בעל הרחמים, דען איך קום פאר דיר מיט מיין ניעדעריגען שטאנד און מיט א צובראכענעם געמיטה. איך טהו מיך בעדענקען אויף מיינע בייזע מעשים, וואס איך האב געטהאן א גאנץ יאהר. אוי לי וואוי לנפשי, וועה איז צו מיר, וועה איז צו מיין לייב, דען איך האב מיר פאר אומרייניגט אלע מיינע אברים מיט די נארישע זינד. יעצט קום איך זיך מתודה צו זיין פאר דיר, דערבארעמיגער פאטער, און האב חרטה אויף מיינע אלע בייזע מעשים און פארלאנג פון דיר דו זאלסט זיין אין מיין הילף איך זאל שוין מעהר ניט זינדיגען:

כפר לי אבי בעל הרחמים:

פארגיעב מיר מיין פאטער, וואס דו ביסט א בעל הרחמים, דען דוא ביסט א פיעל פארגעבער און דו ווילסט ניט אין דעם טוידט פון שולדיגע מענשען, נאר דוא באגעהרסט צוא זייער תשובה, און איך טהו בעטען פון דיר, דערבארעמיגער פאטער, דו זאלסט מיר געבען געדאנקען אין מיין הארצען איך זאהל אנגעהען, צו געהמען זיך צום גוטען וועג, דען וואס וועט דיר ארויסקומען, אז דו וועסט מיך מאכען ניעדערען אין דעם גרוב פון דעם גיהנם:

כפר לי אבי בעל הרחמים:

פארגיעב מיר מיין פאטער, וואס דו ביסט א בעל הרחמים, אויב איך האב געטהאן אזא עבירה, וואס איך בין דארויף חיב מיתה פון הרג, זאל גערעכענט זיין דאס וואס איך האב איבער־

משלי מוסר

אבינו מלכנו זכור כי עפר אנחנו, אונזער פאטער, אונזער קעניג געדענק אז מיר זיינען ערד, משל: אויף אן אויסשטעלונג האבען פערשיעדענע פאבריקאנטען גע־בראכט פערשיעדענע כלים. איי־נער האט געבראכט א גאלדענע

גֶעעֶנְטְפֶערְט מַיין כַּפָּרָה צוּם שׁוֹחֵט עֶר זָאל זִי קוילֶען, גְלַייךְ אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין גֶעקוילֶעט גֶעווָארֶען מִיט אַ שְׁווֶערְד דוּרךְ דֶעם בֵּית דִין הַגָּדוֹל, ווָאס אִיז גֶעווֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן זָאלְסְט הִיטֶען מִיךְ אוּן מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן דֶער שְׁווֶערְד פוּן דֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת אוּן פוּן דֶער שְׁווֶערְד פוּן אַ רוֹצֵחַ. מִיר זָאלֶען גֶע'חַתְמֶ'עט ווֶערֶען צוּא אַ לֶעבֶּעדִיג יָאהר אוּן זָאלְסְט אוּנז מַצִיל זַיין פוּן אַלֶע מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת, ווָאס דוּ טְהוּסְט מִיט זֵיי שְׁטְרָאפֶען דֶעם מֶענְשֶׁען ווָאס אִיז חַיָּב הֶרֶג:

כַּפֵּר לִי אָבִי בַּעַל הָרַחֲמִים:

פַארְגִיעב מִיר מַיין פָאטֶער ווָאס דוּ בִּיסְט אַבַּעַל הָרַחֲמִים, אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גֶעטְהָאן אַזַא עֲבֵירָה ווָאס אִיךְ בִּין דַארוֹיף חַיָּב מִיתָה פוּן שְׂרֵפָה, זָאהל גֶערֶעכֶענְט ווֶערֶען דָאס ווָאס אִיךְ טְהוּ מַיין כַּפָּרָה בְּרֵיינְגֶען בֵּיי דֶעם פַייעֶר, גְלַייךְ ווִי אִיךְ ווָאלְט פַארְבְּרֶענְט גֶעווָארֶען דוּרךְ דֶעם בֵּית דִין הַגָּדוֹל ווָאס אִיז גֶעווֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן זָאלְסְט הִיטֶען מִיךְ אוּן מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן שְׂרֵיפוֹת אוּן פוּן הֶזֵּיקוֹת אוּ זָאלְסְט אוּנז מַצִיל זַיין פוּן אַלֶע מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת, ווָאס דוּא טְהוּסְט מִיט זֵיי שְׁטְרָאפֶען דֶעם מֶענְשֶׁען ווָאס עֶר אִיז חַיָּב שְׂרֵפָה:

כַּפֵּר לִי אָבִי בַּעַל הָרַחֲמִים:

פַארְגִיעב מִיר מַיין פָאטֶער ווָאס דוּ בִּיסְט אַבַּעַל הָרַחֲמִים, אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גֶעטְהָאן אַזַא עֲבֵירָה ווָאס אִיךְ בִּין דַארוֹיף חַיָּב כָּרֵת, דָאס הֵייסְט, פַארְשְׁנִיטֶענֶע יָאהרֶען, זָאהל גֶערֶעכֶענְט זַיין, דָאס ווָאס אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁנִיטֶען דִי יָאהרֶען פוּן מַיין כַּפָּרָה, גְלַייךְ ווִי

משלי מוסר

כֵּלִי, ווֶעלְכֶע הָאט זֶעהר אוֹיסְגֶענוּמֶען אוּן עֶר הָאט דֶערְפַאר גֶעקְרָאגֶען אַ גָאלְדֶענֶעם מֶעדַאל. נָאכְהֶער הָאט מֶען בֶּעטְרַאכְט נָאךְ אַן אַנְדֶערֶע גָאלְדֶענֶע כֵּלִי פוּן אַן אַנְדֶער פַאבְּרִיקַאנְט, ווֶעלְכֶע אִיז גֶעווֶען פִיעל שֶׁעהְנֶער אוּן קוּנְצִיגֶער פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער אוּן מֶען הָאט דֶעם

עס וואלט פארשגיטען געווארען מיינע יאהרען, סיי כרת בידי אדם און סיי כרת בידי שמים, און זאלסט מציל זיין מיך און מיין מאן און מיינע קינדערלאך פון א יונגען טוידט און פון פארשניטענע יאהרען. מיר זאלען זיך עלטערען אין עושר און אין כבוד ביז הונדערט יאהר:

כפר לי אבי בעל הרחמים:

פארגיעב מיר מיין פאטער וואס דו ביסט אבעל הרחמים, אויף אלע מיינע זינד וואס איך האב אקעגען דיר ווידער־געשפעניגט, סיי מיט א מצות עשה, סיי מיט א מצות לא תעשה און סיי אמצוה דרבנן. אויף אלע זאלסטו מיר געבען אכפרה וסליחה ומחילה און זאלסט אונז חתמ׳ענען אין דעם יום הדין צו א גוט גע־בענטשט יאהר צום גוטען לעבען און א גוטע פרנסה און מיר זאלען מקיים זיין אלע תרי״ג מצוות וואס דו האסט אונז געבאטען און מיר זאלען שוין מעהר גיט זינדיגען פון היינט אן ביז מיר וועלען לעבען, אמן:

תחנה ערב יום כפור צו ליכט בענשען.

מי אני, ווער בין איך, זינדיגע פרוי, איך זאהל זיך פאר דיר אוים טענה׳ן און זאהל זיך פארענטפערען אויף דיא זינד וואס איך האב געטהאן? ווער בין איך, שוואכע פרוי, איך זאהל מיך שטעלען פאר דיר גרויסער גאט, וואס דיא גאנצע וועלט איז אין דיינע אויגען, וויא א טראפען פון ים, און מיט אייןווינק קאנסטו פון איהר מאכען תהו ובהו? אבער הערר

משלי מוסר

צווייטען פאבריקאנט געגעבען א זילבערנעם מעדאל. אלע האבען זיך געוואונדערט דערויף און מען האט געפרעגט די קאמיסיע אן ער־קלעהרונג דעריבער. די קאמיסיע האט געענטפערט: איהר האט אין גאנצען א טעות. איהר מיינט אז די ביידע כלים זיינען געווען גאל־

פון אלע וועלטען, טאקע דערפאר, וואס איך בין אזוי קליין און שוואך. באדארפסטו רחמנות האבען אויף מיר, דו אליין ווייסט דאך, אז דער שוואכער מענש טהוט זעהר אפט גאר ניט ווילענדיג אזעלכע זאכען, וואס דיר איז נישט לרצון, און פאר דיא זינד וואס איך האב געטהאן האב איך אויך פיעל געליטען. לפניך גלוים, פאר דיר זיינען ענטדעקט די פיעלע צרות און עגמת נפש, וואס איך האב אין דעם פאר־גאנגענעם יאהר געהאט, דוא האסט געהערט מיינע זיפצען, וואס פלעגען פון מיר ארויסגעהן פון טיעפען הארצען, און האסט אויך געזעהן דיא טרעהרען, וואס איך האב פיעל מאהל אין דעם יאהר פארגאסען דורך דיא פארשיעדענע צרות וואס איך האב אין דיא צוועלף חדשים געהאט, די צרות און דיא יסורים מיט וועלכע דו האסט מיך אין דעם יאהר געשטראפט זאהל שיין זיין אן אפקומעניש פאר דיא זינד וואס איך האב געטהאן, און דער נייער יאהר, וואס הויבט זיך ערשט אן פאר מיר זאהל זיין א שנת ברכה, א געבענטשט יאהר אהן עגמת נפש, אהן זיפצען און אהן טרעהרען. דו זאלסט אויך מיט דיינע פליגעל באשיטצען מיין מאן מיט מיינע אונשולדיגע קינדערלאך, דוא גוטער גאט, זאלסט אונז חלילה נישט צושיידען, און זאלסט אונז בענשען מיט נחת און מיט גליק, מיט געזונד און מיט פרנסה. פאר דעם שיין פון דיא ליכט, וואס איך האב ערשט אנגעצונדען לכבוד דיין הייליגען נא־

משלי מוסר

דענע, אבער אין אמת'ן איז עס ניט אזוי, דער ערשטער פאבריקאנט האט זיין כלי אויסגעארבייט פון לייהם און האט זי בעגולט און דעם צווייטענס איז טאקע געווען פון גאלד, דער ערשטער האט אלזא בעוויזען א גרעסערע קונץ. אז ער האט פון א שטיק לייהם איינגעאר־

מֶען, זָאלְסְטוּ זֶעהֶן נוּר דָאס בִּיסֶעל גוּטֶעס, וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעטְהָאן אוּן אוּנְזֶערֶע זִינְד זָאלֶען וִויא דִיא שָׁאטֶענְס אַוֶועקְ־פְלִיהֶען פַאר דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דִי גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע לִיכְט:

הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ, דִיא דָאזִיגֶע לִיכְט, וָואס אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן, זָאלֶען פַאר מִיר זַיין אַן אָנְהוֹיבּ פוּן אַ לִיכְטִיג גְלִיקְ־לִיךְ יָאהְר, אַזוֹי וִויא אִיךְ צִינְד אָן דִי לִיכְט לְכָבוֹד דַיין הֵיילִי־גֶען נָאמֶען, אַזוֹי זָאלְסְטוּ הֵייסֶען מַיין מַזָל זָאל אָנְהוֹיבֶּען צוּא לַייכְטֶען, אוּן אַזוֹי וִוי דָאס פִינְצְטֶערְנִישׁ אַנְטְלוֹיפְט פַאר דֶעם שַׁיין פוּן דִי לִיכְט, אַזוֹי זָאלֶען פַאר מַיין לִיכְטִיג מַזָל אַנְטְלוֹי־פֶען אַלֶע מַיינֶע צָרוֹת. וְתֵן בְּלִבִּי, אוּן גִיבּ אַרַיין אִין מַיין הַאר־צֶען דֶעם חֵשֶׁק צוּ טְהָאן גוּטֶעס אוּן אַלְץ וָואס דִיר גֶעפֶעהְלְט. שְׁטַארְק דָאס הַארְץ פוּן מַיינֶע קִינְדֶערְלַאךְ זֵיי זָאלֶען זִיךְ הַאלְטֶען פֶעסְט אָן דִיר, דֶער גָאט פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערֶען אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב. זֵיי זָאלֶען חָלִילָה פוּן גְלַייכֶען וֶועג נִישְׁט אַרָאפּ, זֵיי זָאלֶען זַיין דִיר גֶעטְרַייעֶ קִינְדֶער אוּן נוּצְלִיכֶע מֶענְ־שֶׁען אִין דֶער וֶועלְט. דוּ זָאלְסְט שְׁטַארְקֶען אוּנְזֶער בּוּנְד אִיךְ זָאהְל חָלִילָה נִיט אָפְּגֶערִיסֶען וֶוערֶען פוּן זֵיי אִין זֵיי פוּן מִיר, אוּן אִיבֶּער אַ יָאהְר אִין דֶער צַייט זָאלֶען מִיר אַלֶע זַיין אִין דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וָואס מִיר וֶועלֶען פַאר דַיין כָּבוֹד אוֹיסְ־בּוֹיעֶן, אָמֵן וְאָמֵן:

משלי מוסר

בַּייט אַזַא פַיינֶע כֵּלִי, אוֹיף וֶועלְכֶע מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז זִי אִיז פוּן גָאלְד, דֶערְפַאר הָאט אִיהְם גֶעקוּמְט אַ גָאלְדֶענֶער מֶעדַאל.

דֶערִיבֶּער זָאגֶען מִיר: „אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ זָכוֹר כִּי עָפָר אֲנָחְנוּ" דֶערְ־מָאהְן זִיךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז מִיר זַיינֶען חָשׁוּבֶ׳ער פוּן דִי מַלְאָכִים. זֵיי זַיינֶען טַאקֶע אֵיידֶעלֶער אוּן פַיי־נֶער פוּן אוּנְז, אָבֶּער זֵיי זַיינֶען דָאךְ פוּן אַ הֵיילִיגֶען מַאטֶערְיַאל. וֶועהְ־רֶענְד מִיר זַיינֶען נִיט מֶעהְר וִוי עֶרְד

סֵדֶר לִיכְט צִינְדְעֶן אויף יוֹם כִּפּוּר.

אֵיידער דִי זוּנְן גֶעהְט אוּנְטֶער צִינְד מֶען אָן לִיכְט און דֶערְנָאךְ זאגְט מֶען
דִי בְּרָכוֹת: אַז יוֹם כִּפּוּר גֶעפַאלְט אין דֶער וואכֶען זָאגְט מֶען דִי בְּרָכוֹת:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל יוֹם הַכִּפּוּרִים:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה:

אַז יוֹם כִּפּוּר גֶעפַאלְט שַׁבָּת זָאגְט מֶען דִי בְּרָכוֹת:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת וְשֶׁל יוֹם הַכִּפּוּרִים.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה:

תְּחִנָּה עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר נָאךְ לִיכְט בֶּענְשֶׁען.

דִי תְּחִנָּה זָאל מֶען זָאגֶען אוּם עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר נָאךְ לִיכְט בֶּענְטְשֶׁען מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה:

טֶרֶם אָחֵל לְדַבֵּר לְפָנֶיךָ אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

משלי מוסר

אונזער גוף איז דאך א שטיק לייהם, פון דעסטוועגען דיענען מיר דיך מעהר אדער וויניגער און זיינען אבגעפיינט, קומט אונז א גאלדע-נער מעבאל.

אײדער איך פאנג אן צוא עפענען מיין מויל צו רעדען פאר דיר תפלות ובקשות, דו, גאט, וואס דו ביזט אונזער פא־טער אין הימעל אונ מיר, דיין ליעב פאלק ישראל, זיינען דיינע קינדער:

אקדם פניך שתחזק את לבי ומחשבותי:

װעל איך פערערען דיין פנים צו בעטען פון דיין ליעבען נאמען, אז דו זאלסט שטארקען מיין ביטער הארץ אונ מיינע פאר־אירטע געדאנקען איך זאל חלילה ניט געשטרויכעלט ווערען מיט די רייד פון מיין מויל:

כי לבי יחרד ואימת מות עלי תפול:

דען מיין הארץ טהוט אין מיר זעהר ציטערען אונ א טוידט שרעקעניש טהוט פאלען אויף מיר ווען איך טהו מיך באדענקען פאר וועמען איך עפען מיין מויל צוא רעדען אונ פאר וועמען איך שטעל מיך צו בעטען:

סמר מפחדך בשרי וחלחלה תאחזני:

אונ פאר גרוים פארכט אונ ציטערנעש ווערען הארט די האר פון מיין לייב אזוי ווי צוועקעס אונ א גרוים ציטערנעש טהוט באנגרייפען מיינע לענדען:

כי מה אני ומה חיי אך רמה ותולעה:

דען וואס בין איך גאר געאכט אונ וואס איז גאר מיין לעבען אויף דער וועלט? איך בין בלויז גרייט אז ווערים זאלען געשפייזט ווערען פון מיין פלייש אין קבר:

ימי אך כצל עובר וכענן כלה:

משלי מוסר

אבינו מלכנו עשה למענך אם לא למעננו אונזער פא־טער אונזער קעניג טהו עס פון דיינעטוועגען אויב ניט פון אונזערט־וועגען. למשל: איינער האט זיך געטרונקען

מיינע טעג אויף דער וועלט זיינען אזוי וויא א שאטן וואס פערשווינדעט גיך און אזוי וויא א וואלקען וואס ווערט כלה און בלייבט ניט:

יָדַעְתִּי אֶת אַחֲרִיתִי לְקֶבֶר וְצַלְמָוֶת:

איך וויים זעהר גוט אז דער סוף פון מיין לעבען איז דאס איך וועל באגראבען ווערען אין קבר און דער שאטען פון דעם טוידט וועט באדעקען גאר מיין לייב:

יִשָּׁכַח שְׁמִי וְזִכְרִי וְלֹא יִזָּכֵר לָנֶצַח:

עס וועט פארגעסען ווערען מיין נאמען און מיין געדעכעניש, עס וועט ניט דערמאנט ווערען צו אייביג גלייך וויא מיין נאמען איז גאר ניט געוועזען אויף דער וועלט:

וְהִנֵּה אִיכָכָה אֶפְצֶה פֶּה וְאֵיךְ אֶשָּׂא רֹאשׁ:

און נון, אז עס איז יוה אזוי, ווי קען איך עפענען מיין מויל צו רעדען פאר דיר און ווי אזוי קען איך אויפהויבען מיין קאפ איך זאל זאגען בקשות ותחנונים פאר דיין ליעבען היילינגען נאמען:

וְאַתָּה אֱלֹהִים לְךָ דוּמִיָּה תְהִלָּה:

און דו, גאט, דיין גרעסטע לויב איז מען זאל ניט זאגען אויף דיר קיין שבחים און מען זאל שווייגען פון צו רעכענען דיינע מעלות, ווען א מענש קען זיי גאר ניט אויסדערצעהלען:

אֵין שִׁעוּר לְשִׁבְחֶיךָ וְאֵין קֵץ לִתְהִלּוֹתֶיךָ:

עס איז גאר ניטא קיין שיעור צו דיינע שבחים וואס מען גע־

משלי מוסר

א גוטער שווימער איז דערביי גע־ווען, אבער ער איז געוועזען אין כעס אויף דעם וואס האט זיך געטרונקען און ער האט איהם ניט געוואלט רעטען און אי׳ געשטאנען פון דער־ווייטען. דער מאן וואס האט זיך געטרונקען האט אויסגעשטרעקט זיינע ארמס און געבעטען: עס איז אמת אז איך האב דיר שמערצען פערשאפט און איך בין אפשר טא־

הֶעוִי צוּ זָאגֶען אויף דִיר אוּן עֶס אִיז נִיטָא קֵיין סוֹף אוּן קֵיין עֶנְדֶע צוּ דַיינֶע לויב.

וְעַל רַחֲמֶיךָ הָרַבִּים אֶבְטַח וּבְחַסְדְּךָ אֶשָּׁעֵנָה

נִיט אויף מַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים טְהוּ אִיךְ זִיךְ פַארְזִיכֶערֶען נֵייעֶרְט אוֹיף דַיין פִיעל דֶערְבַּארֶעמְקַייט אוּן אויף דַיין פִיעל גֶענָאד טְהוּ אִיךְ מִיךְ אָנְלֶעהְנֶען צוּ עֶפֶענֶען מַיין מוֹיל פַאר דִיר:

וְעַל שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת אֲשֶׁר לֹא נִסְגָּרִים:

אוּן אִיךְ פַארְזִיכֶער מִיךְ אוֹיף דִי טְרֶעהְרֶען וָואס אִיךְ טְהוּ פַארְגִיעסֶען אַזוֹי וְויא וַואסֶער, דֶען דִי טְהוֹיעֶרֶען פוּן טְרֶעהְרֶען זַיינֶען נִיט פַארְשְׁלָאסֶען, אַזוֹי וְוי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים שְׁרַייבֶּען: כָּל הַשְּׁעָרִים נִנְעָלוּ חוּץ מִשַּׁעֲרֵי דְמָעוֹת, דָאס אִיז טַייטְשׁ: אַלֶע טְהוֹיעֶרֶען זַיינֶען פַארְשְׁלָאסֶען חוּץ דִי טְהוֹיעֶרֶען פוּן טְרֶעהְרֶען:

אָנָּא זְכוֹר חַסְדֵי אָבוֹת וּקְרַע רוֹעַ גְּזַר דִּינֵנוּ:

אִיךְ בֶּעט דִיךְ, לִיעבֶּער דֶערְבַּארֶעמִיגֶער גָאט, זָאלְסְט אוּנְז גֶעדֶענְקֶען דִיא גֶענָאד פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע אָבוֹת אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב אוּן פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע אִמָּהוֹת שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל וְלֵאָה אוּן צוּבְּרֵייס דָאס שְׁלֶעכְטִקַייט פוּן אוּנְזֶער גְּזַר דִין:

וּתְזַכֵּנוּ לָשׁוּב בֶּאֱמֶת עַל מַעֲשֵׂינוּ הָרָעִים:

אוּן זָאלְסְט אוּנְז מְזַכֶּה זַיין מִיר זָאלֶען בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה טְהָאן אוּיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע בֵּייזֶע מַעֲשִׂים וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעטְהָאן אַ גַאנְץ יָאהְר אוּן אַלֶע אוּנְזֶערֶע לֶעבּ טֶעג, מִיר זָאלֶען שׁוֹין נִישְׁט וִויעדֶערְשְׁפֶּענִיגֶען אַקֶעגֶען דִיר:

משלי מוסר

קֶע נִיט וֶוערְטְה אַז דוּ זָאלְסְט מִיר רֶעטֶען, אָבֶּער טְהוּ דָאס פוּן דַיינְטְוֶועגֶען, וַוייל וֶוען דוּא וֶועסְט מִיךְ רֶעטֶען וֶועסְט דוּ בַּאוואוּסְט וֶוערֶען אַלְס אַ גְרוֹיסֶער שְׁוִוימֶער אוּן דָאס וֶועט דִיר כָּבוֹד פַארְשַׁאפֶען.

כַּךְ, אַזוֹי בֶּעטֶען מִיר בַּיי גָאט: „אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ עֲשֵׂה לְמַעַנְךָ אִם לֹא

תן בנו כח ועוז ואל יחלש כוחנו ביום הזה:

רבונו של עולם, גיעב אין אונז קראפט און שטארקייט מיר זאלען קאנען פאסטען און טהאן אלע זאכען וואס מיר געהערען צוא טהאן היינטיגען טאג און עס זאל ניט שלאף ווערען אונזער קראפט עס זאל דאס פאסטען ניט שאדען צו קיינעם:

ומעוברות של עמך ישראל לא תתאוינה למאכל:

און אלע טראגענדיגע ווייבער פון דיין פאלק ישראל זאלסט דו היטען עס זאל זיי גישט געלוסטען קיין עסען א גאנצען טאג און עס זאל ניט שאדען ניט צו זיי און ניט צו דעם קינד:

ותחתמנו ביום הזה לחיים טובים וארוכים:

און זאלסט אונז אנ'חתמ'ענען, דערבארמיגער גאט, היינטיגען טאג, וואס קומט אן צו א גוט לעבען און לאנגע יאהרען מיר זאלען חלילה ניט שטארבען און מיר זאלען חלילה ניט בלייבען קיין אלמנות און אונזערע קינדער קיין יתומים:

ותעלה לרצון לפניך ברכתי על הנרות:

און עס זאל אויפגעהן פאר דיר, ליעבער גאט, צוא באוויליגונג די ברכה, וואס איך האב געמאכט אויף די ליכט וואס איך האב גע־בענטשט לכבוד דעם הייליגען יום כפור:

שתאיר ברחמיך את משפטי לטובה:

דוא זאלסט דערלייכטען מיט דיין גרויס דערבארעמקייט מיין משפט צוא גוטען, זאלסט מיר ניט טהאן לויט מיינע בייזע מעשים, נאר אזוי ווי דיין גרויס גערעכטיגקייט:

משלי סומר

למענגנו", אויב מיר האבען ניט פאר־דיענט אז דו זאלסט אונז העלפען, וויל מיר האבען דיך דער'בגזנ'ט טהו דאס פון ביינטוועגען, כדי דיין נאמען זאל געהערט ווערען איוף דער וועלט און אלע זאלען וויסען וואס פאר א מעכטיגער גאט דוא ביזט.

וְנִשְׁמָתִי הָאֲפֵלָה תָּאִיר בְּמַעֲשַׂי הַטּוֹבִים:

און אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעטָאן דֶערְלַייכְטֶען מַיין הויז מִיט די לִיכְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּענְטְשְׁט לִכְבוֹד דֶעם הֵיילִיגֶען טָאג, אַזוֹי זָאל מַיין נְשָׁמָה, וָואס זיא אִיז פִינְצְטֶער גֶעוָוארֶען אִיבֶּער מַיינֶע זִינְד, דֶערְלַייכְט וֶוערֶען דוּרְךְ מַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט מִיךְ מְזַכֶּה זַיין אִיךְ זָאל טְהָאן אַ גַאנְץ יָאהְר:

וּבִזְכוּת זֶה לֹא יֶחְשַׁךְ אוֹר חַיֵּי נַפְשִׁי:

און אִין דֶעם זְכוּת פוּן דִיא לִיכְט בֶּענְשֶׁען זָאלְסְטוּ מִיךְ, לִיעבֶּער גָאט, בַּאשִׁירְמֶען עֶם זָאהְל נִישְׁט פִינְצְטֶער וֶוערֶען דִיא לִיכְט פוּן מַיין לֶעבֶּען דוּ זָאלְסְט מִיר חָלִילָה נִיט חַתְמֶ'ענֶען צוּ מִיתָה:

וְתַצִּילֵנִי שֶׁלֹּא אֶהְיֶה נִשְׂרֶפֶת בָּאֵשׁ שֶׁל גֵיהִנָּם:

און אֲפִילוּ מַיין צַייט וֶועט קוּמֶען צוּ שְׁטַארְבֶּען, זָאלְסְט דוּ מִיךְ, דֶערְבַּארְמִיגֶער פָאטֶער, בַּאשִׁירְמֶען, אִיךְ זָאל נִיט פַארְבְּרֶענְט וֶוערֶען אִין פַייעֶר פוּן דֶעם גֵיהִנָּם בִּזְכוּת דֶעם פַייעֶר וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶע־צוּנְדֶען דִי לִיכְט לִכְבוֹד יוֹם כִּפּוּר:

וְאֶתְעַנֵּג בְּאוֹרְךָ בְּגַן עֵדֶן עִם הַצִּדְקָנִיוֹת:

און אִיךְ זָאהל זֶעניפְטִיגֶען מַיין לַייבּ מִיט דַיינֶער לִיכְט אִין גַן עֵדֶן מִיט אַלֶע וַוייבֶּער דִי צִדְקָנִיוֹת און מִיט אוּנְזֶערֶע מוּטֶערְם שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל וְלֵאָה:

וְהָאֵר אֶת עֵינֵי בַּעֲלִי וְזַרְעִי בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה:

און דֶערְלַייכְט, לִיעבֶּער גָאט, דִי אוֹיגֶען פוּן מַיין מַאן און מַיינֶע

משלי מוסר

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ, חָנֵּנוּ וַעֲנֵנוּ, כִּי אֵין בָּנוּ מַעֲשִׂים, עֲשֵׂה עִמָּנוּ צְדָקָה וָחֶסֶד וְהוֹשִׁיעֵנוּ, אוּנְזֶער פָאטֶער, אוּנְזֶער קֶענִיג, בֶּעגְנַאדִיג אוּנְז און עֶנְטְפֶער אוּנְז, דֶען מִיר הָאבֶּען נִיט קֵיין גוּטֶע מַעֲשִׂים, טְהוּ מִיט אוּנְז צְדָקָה און חֶסֶד און הֶעלְף אוּנְז, לְמָשָׁל:

קינדער אין דיין הייליגער תּוֹרָה אַזוֹי וויא איך האב דערלייכט גאר מיין הויז מיט דיא ליכט, וואס איך האב געבענשט לכבוד יום כפור:

וְהָאֵר פָּנֶיךָ עַל צִיּוֹן וִירוּשָׁלָיִם אָמֵן סֶלָה:

רבונו של עולם גערענק אונז דעם זכות וואס מיר טהוען היינט בענטשען ליכט לכבוד דעם טאג יום כפור און זאלסט מאכען לייכטען דיין שיין אויף ציון און אויף ירושלים, אמן, סלה:

תְּחִנָּה פַאר כָּל נִדְרֵי.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם. דו ביסט אב הרחמן והסליחות און הייסט אֵל רַחוּם וְחַנּוּן אֶרֶךְ אַפַּיִם. איך קום פאר מיין גאט מיט אן איינגעבויגענע קאפ, מיט א צובראכען הארץ, מיט גרויס פארכט און מיט גרויס ציטערנעס און בעט מחילה וסליחה וכפרה אויף מיינע זינד וואס איך האב געטהאן א גאנץ יאהר, סיי איך האב געטאן גערן אדער אומגערן. איך ווייס אז מען קומט דיך בעטען מוזען די גוטע מעשים מליצים זיין, דען דאס צדקות פון דעם מענשען איז מליץ פיר איהם. און איך ווייס אז איך האב קיין גוטע מעשים אויך קיין צדקות געטהאן און קיין געגאד און רעכט פרומקייט איז אין מיר גאר ניטא. קיין גמילות חסדים און אפילו קיין תשובה אויף מיינע ביטערע חטאים וואס איך געדענק אדער נישט, קען איך אויך נישט צושטעלען, עס איז מיר וועה דאריבער, מיט וואס פאר א פנים שטעל איך מיך פאר דיין הייליגען נאמען?

משלי מוסר

ביי א גרויסען גביר, א נדבן און א בעל צדקה איז אמאל געוועסען זייגער א בעקאנטער, האט ער געזעהן ווי ארימע לייט קומען בעטען נדבות און דער גביר גיט יעדען איינעם נאך זיין באדערפענים און שטעלט זיי אלעמען צופריעדען. דערוויייל איז געקומען איינער מיט

נאר איך וויים אז דוא ביסט א רחום וחנון און מיין האפנונג איז אויף דיר אז אין דער צייט ווערען געעפענט די טהויערען פון רחמים, און ביסט ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נושא עון ופשע וחטאה ונקה, און האסט אונז געגעבען דעם טאג יום כפור זאלסט אונז פארגעבען די זינד, און האסט אונז געבאטען דעם טאג פינף ענוים: איינס איז, מיר טהארען ניט עסען, דאס אנדערע—מיר טהארען זיך ניט וואשען, דאס דריטע—מיר טהארען זיך ניט שמירען מיט אויל, דאס פערטע—מיר טהארען ניט געהן אין שיך, דאס פינפטע—מיר מוזען זיך פון אונזערע מענער אפשיידען. דיא פינף זאכען זאלען א כפרה זיין אויף אונזערע עונות, דאס פייניגען פון עסען זאל זיין א כפרה וואס מיר האבען א גאנץ יאהר געגעסען און געטרונקען וואס אסור איז, און דורך דעם וואס אין מיר קומט פייער אריין אין דעם גוף פון דעם פאסטען, זאהל דורך דעם פייער געלייטערט ווערען אונזערע נשמות, און דעם פייניגען פון דעם וואשען זאהל מכפר זיין וואס מיר האבען א גאנץ יאהר איינגעריבט מיט פלעקען אונזערע נשמות, און דאס פייניגען וואס מיר מוזען אהן שיך געהן, זאל מכפר זיין וואס מיר זיינען געלאפען מיט אונזערע פים צו בייזען און מיר האבען געטהאן וואס מיר זיינען חרם זוערטה געווען חם ושלום און ווער עס איז אין חרם מוז ער געהן אהן שיך, און וואס מיר מוזען זיך אפשיידען פון אונ־

משלי מוסר

א פעקעל סחורה אויפ'ן פלייצע. דער גביר האט בייא איהם עפעס וואס גענומען און בעצאהלט דעם געוועהנליכען פרייז. דער בעקאנ־טער האט איהם דאן געפרעגט: ווארום האסטו די פריהעריגע מענ־שען, ביי וועלכע דו האסט גאר ניט גענומען, געשיינקט פיינע נדבות

זערע מאנען זאל מכפר זיין וואס מיר האבען זיך נישט נוהג געוועזען מיט אונזערע מענער בכשרות א גאנץ יאהר און איבער דעם איז דיא שכינה אין גלות, דארום, ליעבער גאט, דערוועק שוין דיין דערבארמקייט און העלף אונז צוא א גוט יאהר צו לעבען און צו געזונד און צו א גרינגע פרנסה. און זאלסט אונז געבען א לב טהור מיר זאלען דיך דיענען מתוך הרחבת הלב, און זאלסט אונז דערגרינגערען דעם יאך פון אונזערע צרות ווארום מיר האבען שוין קיין כח ניט אויסצושטעהן, מיר האבען נישט פאר קיינעם אונזער ביטער הארץ אויסצורייִדען און מיר נעהמען אלץ אן באהבה, אוּלי, וועסטו דיך שוין דערבארמען איבער דעם ארימען פאלק און וועסט זעהן אונזערע פיין, און געשעהן די גאולה אז מיר זאלען דאס יאהר אויסגעלייזט ווערען און דאס בית המקדש זאהל געבויט ווערען אין אונזערע טעג, אמן סלה:

תחנה פון נאך תפלת יעלה:

די תחנה זאגט מען יום כפור צו כל נדרי ווען דער חזן זאגט אפ יעלה:

יעלה לפניך אבי שבשמים:

עס זאל אויפגעהן פאר דיר, מיין פאטער אין הימעל, וואס איך קום יעצט פאר דיר צוא וויינען און קלאגען מיט א ביטער הארץ אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט אן אל״ף וואס עס באטרעפט

משלי מוסר

און ביי דעם לעצטען האסטו עפעס גענומען און איהם געפטור׳ט מיט א קליינינקייט? דער גביר האט דארויף געענטפערט: איך בין מטבע, א נדבן און אז מען קומט מיר בעטען א נדבה, גיעב איך א שעהנע נדבה, דער לעצטער אבער האט דאך געבעטען געלט פאר סחורה

איינם און זאלסט אונז געדענקען דעם זכות וואס מיר טהוען איינציגען דיין נאמען דריי מאל אין טאג:

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

עס זאהל אויפגעהן פאר דיר, מיין פאטער אין הימעל, מיין שמערצונג און מיינע זינד וואס איך האב געטהאן א גאנץ יאהר וואס זייער נאמען הויבט זיך אן מיט א בי״ת און זאלסט אונז געדענקען דעם זכות וואס מיר האבען מקבל געווען דיין תורה וואס זי הויבט זיך אן מיט א בי״ת פון בראשית:

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

עס זאל אויפגעהן פאר דיר, מיין פאטער אין הימעל, מיינע הייסע טרעהרען וואס איך טהו יעצט פארגיעסען דאראויף וואס איך האב וויעדערגעשפעניגט אנטקעגען דיר מיט דיא חטאים ועונות ופשעים וואס זייער נאמען הויבט זיך אן מיט א גימ״ל וואס באטרעפט דריי און זאלסט אונז געדענקען דעם זכות פון דיא דריי אבות הקדושים, אברהם, יצחק ויעקב:

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

עס זאל אויפגעהן פאר דיר, מיין פאטער אין הימעל, מיינע גרויסע זיפצען און קלאגען וואס איך טהו אצונד קלאגען מיט א ביטער הארץ אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס איך האב געטהאן ביז אהער, וואס זייער נא־

משלי מוסר

האב איך איהם באצאהלט פיעל די סחורה איז ווערטה.

דאס זעלבע איז מיט אונז אויך. ווען מיר זאלען בעטען בייא גאט געצאהלט פאר אונזערע מעשים, דארף ער אונז מעהר ניט געבען אזוי פיעל וויפיעל אונזערע מעשים זיינען ווערטה, און דאס וואלט גע־

מֶען הויבּט זיך אָן מיט אַ דַלֶ"ת, וָואס עֶס בַּאטְרֶעפְט פִיער, און זָאלְסְט אוּנְז גֶעדֶענְקֶען דֶעם זְכוּת פון דִיא פִיער אִמָהוֹת הַקְדוֹשׁוֹת, שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל וְלֵאָה:

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

עֶס זָאל אויפְגֶעהְן פַאר דִיר, מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל, מַיינֶע תְּפִלוֹת וּבַקָשׁוֹת, וָואס אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אויף מַיינֶע חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְהָאן אַ גַאנְץ יָאר וָואס זֵייעֶר נָאמֶען הויבּט זיך אָן מיט אַ הֵ"א, און זָאלְסְט אוּנְז גֶעדֶענְקֶען דֶעם זְכוּת, וָואס מִיר טְהוּעֶן לֶערְנֶען דִי פִינְף הֵיילִיגֶע סְפָרִים פון דַיין תוֹרָה הַקְדוֹשָׁה:

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

עֶס זָאהְל אויפְגֶעהְן פַאר דִיר, מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל, וָואס אִיךְ קוּם אַצוּנְד פַאר דִיר מִתְוַדֶה זַיין דַארוּיף וָואס אִיךְ הָאבּ פַאר אוּמְרֵיינִיגְט מַיין לַייבּ מיט דִיא חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים, וָואס זֵייעֶר נָאמֶען הויבּט זיך אָן מיט אַ וָוא"ו, און זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען צוּ דַיין לִיעבּ פָאלְק יִשְׂרָאֵל דֶעם זְכוּת וָואס זֵיי טְהוּעֶן לֶערְנֶען דִי זֶעקְס סְדָרִים מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפֶען תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה:

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

עֶס זָאהְל אויפְגֶעהְן פַאר דִיר, מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל, מַיין וֶועהְטָאג און מַיין הַארְץ וָואס עֶס טְהוּט מִיר וֶועה אויף

משלי מוסר

וֶועןָ אַ קְלֵיינִיגְקֵייט. דַארִיבֶּער זָאגֶען מִיר: „חָנֵנוּ וַעֲנֵנוּ, כִּי אֵין בָּנוּ מַעֲשִׂים". מִיר הָאבֶּען נִיט קֵיין מַעֲשִׂים, מִיר הָאבֶּען נִיט קֵיין סְחוֹרָה און מִיר בֶּעטֶען בַּיי דִיר צְדָקָה וָחֶסֶד, און אַזוֹי וִוי דוּ בִּיזְט דָאךְ אַ גְרוֹיסֶער נַדְבָן, שֶׁענְק אוּנְז אַ פַיינֶע נְדָבָה.

אַלֶע מַיינֶע חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים, וָואס אִיך הָאבּ מִיט זֵיי
פַאר אוּמְרֵיינִיגְט מַיין נְשָׁמָה, וָואס זֵייעֶר נָאמֶען הוֹיבְּט זִיך
אָן מִיט אַ זַיי״ן, אוּן זָאלְסְט אוּנְז, לִיעבֶּער גָאט, גֶעדֶענְקֶען דֶעם
זְכוּת פוּן דֶעם לִיעבֶּען שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וָואס עֶר אִיז דֶער זִיעבֶּעטֶער טָאג פוּן דֶער וָואך:

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

עֶם זָאהל אוֹיפְגֶעהְן פַאר דִיר, מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל, מַיין
אוּנְטֶערְטְהֶענִיגְקֵייט, וָואס אִיך בִּין אַצוּנְד גֶעקוּמֶען פַאר
דִיר, וֶוען אִיךְ טְהוּ מִיךְ בַּאדֶענְקֶען, וָואס אִיך הָאבּ גֶעטְהָאן
אוֹיף מַיין לֶעבֶּען פִיעל חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים, וָואס זֵייעֶר
נָאמֶען הוֹיבְּט זִיך אָן מִיט אַ חֵי״ת וָואס דָאס אִיז דָאס אַכְטֶע
אוֹת פוּן אָלֶף בֵּית אוּן זָאלְסְט אוּנְז גֶעדֶענְקֶען דֶעם זְכוּת וָואס
מִיר טְהוּעֶן מַל זַיין אוּנְזֶערֶע זִיהְן צוּ דֶעם אַכְטֶען טָאג:

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

עֶם זָאהל אוֹיפְגֶעהְן פַאר דִיר, מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל, מַיין
קוֹל פוּן גֶעוֵויין וָואס אִיך בִּין אַצוּנְד גֶעקוּמֶען צוּ שְׁרַייעֶן
אוּן וֵויינֶען אוֹיף אַלֶע מַיינֶע חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים, וָואס זֵיי־
עֶר נָאמֶען הוֹיבְּט זִיך אָן מִיט אַ טֵי״ת, וָואס דָאס אִיז דָאס
נַיינְטֶע אוֹת פוּן דֶעם אַלֶף בֵּית אוּן זָאלְסְט אוּנְז גֶעדֶענְקֶען
דֶעם זְכוּת פוּן דֶער צְדָקָה וָואס מִיר הָאבֶּען צוּטְהֵיילְט הַיינְט
אִין דֶעם נַיינְטֶען טָאג פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ:

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

משלי מוסר

מִיר זַיינֶען זִיךְ מִתְוַדֶה יוֹם כִּפּוּר:
„עַל חֵטְא שֶׁחָטָאנוּ לְפָנֶיךָ
בְּיֵצֶר הָרָע״, אוֹיף דִי זִינְד וָואס מִיר
הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט גֶעגֶען דִיר מִיטְ׳ן
יֵצֶר הָרָע. אִיז דָאךְ אִין פְּלִיג דִיעזֶער
עַל חֵטְא אִין גַאנְצֶען אִיבְּרִיג, דֶען

עֶס זָאהל אויפְגֶעהְן פַאר דִיר, מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל, דָאס פַארְבִּיטֶערְקַייט פון מַיין הַארְץ, וָואס עֶס אִיז פַארְבִּיטֶערְט אוּן פַארְזָארְגְט אוֹיף אַלֶע מַיינֶע חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְהָאן פוּן מַיין גֶעבָּארֶען טָאג אָן בִּיז אַהֶער, וָואס זֵייעֶר נָאמֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט אַ יו״ד, וָואס עֶס אִיז דָאס צֶעהְנְטֶע אוֹת פוּן דֶעם אָלֶף בֵּית, אוּן זָאלְסְט אוּנְז גֶעדֶענְקֶען דֶעם זְכוּת, וָואס מִיר הֵיילִיגֶען דֶעם טָאג יוֹם כִּפּוּר, וָואס עֶר אִיז צֶעהְן טָאג אִין דֶעם חוֹדֶשׁ:

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

עֶס זָאהל אויפְגֶעהְן פַאר דִיר, מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל, וָואס אִיךְ טְהוּ פַארְגִיעסֶען פִיעל תְּפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת צוּא בֶּעטֶען סְלִיחָה וּמְחִילָה וְכַפָּרָה אויף אַלֶע מַיינֶע חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים וָואס זֵייעֶר נָאמֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט אַ כָּ״ף, וָואס דָאס בַּאטְרֶעפְט צְוָואנְצִיג. אוּן זָאלְסְט אוּנְז גֶעדֶענְקֶען דֶעם זְכוּת פוּן דֶעם קָדְשֵׁי הַקֳּדָשִׁים וָואס אִיז גֶעוֶועזֶען בְּרֵייט צְוָואנְצִיג אֵיילֶען:

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

עֶס זָאל אויפְגֶעהְן פַאר דִיר, מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל, מַיינֶע הֵייסֶע טְרֶעהְרֶען, וָואס טְהוּעֶן רִינֶען פוּן מַיינֶע אויגֶען אוֹיף אַלֶע חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְהָאן אַ גַאנְץ יָאהר אוּן זֵייעֶר נָאמֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט אַ לַמֶ״ד אוּן זָאלְסְט אוּנְז גֶעדֶענְקֶען דֶעם זְכוּת, וָואס מִיר זַיינֶען הַיינְטִיגֶען

משלי מוס.

אַלֶע זִינְד וֶוערֶען דָאךְ בֶּעגַאנְגֶען דוּרְכְ׳ן יֵצֶר הָרָע. וֶועלֶען מִיר דָאס פַארְשְׁטֶעהְן דוּרךְ אַ מָשָׁל:

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶועזֶען אַ בְּלִינְדֶער גַנָּב. הָאט אִיהְם אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט: „וִויא אַזוֹי גַנְבְ׳עסְטוּ אַז דוּ בִּיסְט בְּלִינְד?״ הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: „אִיךְ עֶפֶען אַ טְהִיער הֶער

חודש מסיים די הייליגע תורה וואס לאזט זיך אוים מיט דעם
אות למ"ד פון ווארט ישראל:

יעלה לפניך אבי שבשמים:

עם זאהל אויפגעהן פאר דיר, מיין פאטער אין הימעל, וואס איך האב יעצט חרטה אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס איך האב מיט זיי ווידערגעשפעניגט אנטקעגען דיין ליעבען נאמען, וואס זייא הויבען זיך אן מיט א מ"ם, וועם באטרעפט פערציג און זאלסט אונז געדענקען דעם זכות פון משה רבינו, וואס ער פערציג טעג געוועזען אויפ'ן הימעל צו מקבל זיין דיין הייליגע תורה:

יעלה לפניך אבי שבשמים.

עם זאהל אויפגעהן פאר דיר, מיין פאטער אין הימעל, מיין גרויסע קלאג און יאמער וואס איך טהו יעצט אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס זייער נאמען הויבט זיך אן מיט א נו"ן, וואס דאס באטרעפט פופציג און זאלסט אונז געדענקען דעם זכות וואס מיר האבען דיא תורה מקבל געווען נאך פופציג טעג פון אונזער ארויסגעהן פון מצרים:

יעלה לפניך אבי שבשמים.

עם זאהל אויפגעהן פאר דיר, מיין פאטער אין הימעל, מיין גרוים בושה און חרפה, וואס איך שעהם מיך דארויף, וואס איך האב וויעדערגעשפעניגט אקעגען דיר מיט חטאים

משלי טומר

איך אויב אימיצער איז פאראן אין היוז אנטלויף איך צוריק פיהל איך אבער אז קיינער איז ניטא, פאק איך מיך צוזאמען וואס איך טאפ אן און טראג ארוים צו מיינע מיטהעל־פער וואס ווארטען ביים טהיר".

„ביז וויא לאנג אבער וועסטו מעני־שען בבלות שטעלען?"—האט איהם

ועונות ופשעים, וואס זייער נאמען הויבט זיך אן מיט אסמ"ך וואס עס באטרעפט זעכציג און זאלסט אונז געדענקען דעם זכות, פון דיא מצוות ומעשים טובים, וואס דיין ליעב פאלק ישראל טהוען אין די זעכציג טעג פון אלול און תשרי:

יעלה לפניך אבי שבשמים.

עס זאהל אויפגעהן פאר דיר, מיין פאטער אין הימעל. מיין געשריי, וואס איך טהו שרייען אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס איך האב געטהאן אין דער צייט פון מיין לעבען, וואס זייער נאמען הויבט זיך אן מיט דעם אות עי"ן, וואס עס באטרעפט זיעבעציג, און דו זאלסט אונז געדענקען דעם זכות פון דוד המלך, וואס האט געלעבט זיעבעציג יאהר:

יעלה לפניך אבי שבשמים.

עס זאהל אויפגעהן פאר דיר, מיין פאטער אין הימעל, וואס איך בין געקומען אין דיין הייליגער שול בעטען פון דיר דו זאלסט מיר מוחל זיין אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס זייער נאמען הויבט זיך אן מיט א פ"א, וואס עס באטרעפט אכציג, און זאלסט אונז געדענקען דעם זכות פון משה רבנו, וואס ער איז אלט געווען אכציג יאהר אין דער צייט וואס דוא האסט דורך איהם געטהאן גרויסע וואונדער אין מצרים:

משלי מוסר

איינער געפרעגט. „זאלען זיי היטען זייערע הייזער"—האט דער גנב גע־ענטפערט — וועל איך ניט קענען גנב'ענען.

דער נמשל איז: דער יצר הרע פרובירט זיך ווי דער בלינדער גנב אביינ׳גנב׳ענען צום מענשען אין הארצען. ער טאפט אין דער פינס־

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

עס זאהל אויפגעהן פאר דיר, מיין פאטער אין הימעל, מיין גרויסע קלאג און זיפצען, וואס איך טהו קלאגען אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס זייער נאמען הויבט זיך אן מיט א צדי״ק, און זאלסט אונז געדענקען דעם זכות פון יוסף, וואס ער ווערט אנגערופען יוסף הצדיק:

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

עס זאל אויפגעהן פאר דיר, מיין פאטער אין הימעל, מיינע ביטערע געשרייען וואס איך טהו שרייען מיט מיין מויל אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס זייער נאמען הויבט זיך אן מיט א קו״ף, וואס עס באטרעפט הונדערט, און זאלסט אונז געדענקען דעם זכות פון אברהם אבינו וואס ער האט געגלויבט אין דיר און דו האסט איהם געגעבען צו הונדערט יאהר א זוהן יצחק:

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

עס זאהל אויפגעהן פאר דיר, מיין פאטער אין הימעל, וואס איך האב אצונד חרטה אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס זייער נאמען הויבט זיך אן מיט א רי״ש און זאלסט אונז געדענקען דעם זכות פון דעם הייליגען יום כפור וואס זיין נאמען לאזט זיך אויס מיט א רי״ש:

יַעֲלֶה לְפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם:

משלי מוסר

טעו׳, א מאל טרעפט ער און א מאל פעהלט ער. ער קומט צו איין פרו־מען מאן און וויל גנב׳ענען זיין דעה, ער פרובירט אנריידען איהם צו אן עבירה, זעהט ער אז זיין הארץ איז ריין פון זינד און ווארעם אין אידיש־קייט, זי איז פול מיט יראת שמים און דרך ארץ. ציהט ער אפ צוריק

עס זאל אויפגעהן פאר דיר, מיין פאטער אין הימעל, וואס איך קום אצונד צו מתודה זיין פאר דיר אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס זייער נאמען הויבט זיך אן מיט א שי"ן און זאלסט אונז געדענקען דעם זכות, וואס מיר טהוען אלע טאג זאגען דעם פסוק שמע ישראל, וואס ער הויבט זיך אויך אן מיט א שי"ן:

יעלה לפניך אבי שבשמים.

עס זאל אויפגעהן פאר דיר. מיין פאטער אין הימעל, מיינע גרויסע צרות און לייד, וואס איך האב אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס זייער נאמען הויבט זיך אן מיט א תי"ו, און זאלסט אונז מזכה זיין מיר זאלען תשובה טהאן אויף אלע אונזערע זינד און מיר זאלען מקיים זיין גאר דיין הייליגע תורה, וואס איהר נאמען הויבט זיך אן מיט א תי"ו און מיט דעם תי"ו הויבט זיך אויך אן תשובה, און משיח זאל קומען במהרה בימינו, ונאמר אמן:

משלי מוסר

פון איהם. קומט ער אבער צו אייגעם. וואס זיין הארץ איז פארדארבען, ניט קיין יראת שמים ניט קיין דרך ארץ און דער פונק פון אידישקייט איז אויך ניטא, דא קומט דער יצר הרע צו זיין ציעל, ער רעדט איהם אן נאך מעהר צו זינדיגען און דער מענש פאלגט איהם. דער יצר הרע אליין אבער איז ביי איהם גאר ניט שולדיג, דען אז ער וואלט געווען נאהענט אין אידישקייט וואלט ער אויף איהם אזא שליטה ניט געהאט. דאס זאגען מיר על חטא אויף דעם פערברעכען שחטאנו לפניך וואס מיר זיינען געגען דיר בעגאנגען ביצר הרע דאמיט וואס מיר האבען איהם געעפענט א טהיר אין אונזער הארצען אז ער זאל קענען אריינגעהן.

תְּחִנָּה לְהַזְכָּרַת נְשָׁמוֹת.

אַ נַייעֶ תְּחִנָּה וָואס מֶען זָאל זָאגֶען פַאר הַזְכָּרַת נְשָׁמוֹת:

רבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶערְר פוּן דֶער וֶועלְט, וָואס דוּא בִּיסְט דֶער בַּאַ־שֶׁעפֶער פוּן מֶענְשֶׁען אוּן הָאסְט אִיהְם בַּאשַׁאפֶען אַ גוּף מִיט אַ נְשָׁמָה, דֶער גוּף, אִיז עָפָר מִן הָאֲדָמָה, שְׁטוֹיבּ פוּן דֶער עֶרְד, אוּן דִי נְשָׁמָה אִיז גֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען פוּן אוּנְטֶער דַיין הֵיילִיגֶען כִּסֵא הַכָּבוֹד. אוּן וֶוען דֶער מֶענְשׁ שְׁטַארְבְּט שֵׁיידֶען זֵיי זִיךְ פַארְנַאנְדֶער, יֶעדֶערֶער גֶעהְט אַוֶועק צוּא זַיין אָרְט, דֶעם גוּף לֵייגְט מֶען אַרֵיין אִין קֶבֶר אוּן עֶר וֶוערְט פַארְפוֹילְט אוּן אוּמְגֶעקֶערְט צוּ עֶרְד, אוּן דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה פְלִיהְט אַוֶועק צוּרִיק אִין אִיהְר הֵיילִיגֶען וואוֹינוּנְג פוּן וַואנֶען זִיא אִיז גֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען. (אַשְׁרֵי הָאִישׁ), וואוֹיל אוּן גוּט אִיז צוּא יֶענֶעם, וֶועלְכֶער עֶר הָאט גוּטְס גֶעטְהָאן אִין דֶער צַייט פוּן זַיין לֶעבֶּען אוֹיף דֶער וֶועלְט. הָאט פַארְרִיכְט, וָואס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט, הָאט עֶרְפִילְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעבָּאטֶען אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הָאט גֶעטְהָאן דַיי־נֶע מִצְוֹות אוּן אִיז גֶעוֶוען פְרוּם צוּא גָאט אוּן גוּט צוּא לַייטֶען. יֶענֶע נְשָׁמָה קוּמְט גְלַייךְ נָאךְ דֶעם טוֹידְט צוּ אִיהְר עֶרְשְׁטֶען אָרְט, עֶס אִיז אִיהְר דִי וֶועג נִיט פַארְשְׁטֶעלְט אוּן נִיט פַארְצוֹימְט אוּן זִי וֶוערְט נִיט אָפְּגֶעהַאלְטֶען אוּן גֶרַייכְט לוֹיטֶער אוּן קְלָאהְר צוּ דֶעם אָרְט וָוס אִיהְר גֶעצֶעלְט אִיז גֶעוֶוען פְרִיהֶער, דֶען דוּ שִׁיקְסְט דַיינֶע הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים זֵיי זָאלֶען יֶענֶע נְשָׁמָה צוּ גֶעהְמֶען אוּן בְּרֵיינְגֶען גְלַייךְ צוּ דִיר אוּן דוּא פְרֶעהְסְט זִיךְ מִיט אִיהְר וִויא אַ פָאטֶער, וָואס הָאט בַּאקוּמֶען צוּ זֶעהְן זַיין טְהַייעֶר קִינְד וָואס הָאט אִיהְם אַ לַאנְגֶע צַייט נִיט גֶעזֶעהְן, וואוֹיל אוּן גוּט אִיז יֶענֶע נְשָׁמָה, צוּ אִיהְר תַּעֲנוּג אוּן פַארְגֶענִיגֶען אִיז גָאר קַיין גְלַייכֶען נִיט דָא. אָבֶּער עֶס שְׁטֶעהְט דָאךְ אִין פָּסוּק אֵין צַדִיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טוֹב וְלֹא יֶחֱטָא", עֶס אִיז גָאר אוּנְמֶעגְלִיךְ אַז אַ מֶענְשׁ זָאל טְהָאן נָאר גוּטֶעס אוּן קֵיינְמָאל נִיט זִינְדִיגֶען, אוּן דִי זִינְד מַאכֶען נָאךְ דֶעם טוֹידְט אַן אַייזֶערְנֶע וַואנְד אוּן אַ צוֹים פַאר דִיא נְשָׁמָה, זֵיי פַארְשְׁטֶעלֶען אִיהְר דִי וֶועג אוּן זִי קֶען נִיט אַרוֹיפְגֶעהְן אוּן קוּמֶען צוּא אִיהְר רוּהֶ. אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען וֶוערֶען אָפְּגֶענוּמֶען פוּן דֶער

וועלט אין יונגע יאהרען. און אויב זיי וואלטען אויסלעבען זייערע יאהרען וואלטען זיי אפשר פארריכטען וואס זיי האבען קאליע גע־מאכט, אבער ווייל זייא געהן אוועק פאר דער צייט און זייא האבען נאך ניט פארריכט וואס זייא האבען באדארפט פארריכטען, קענען זייערע נשמות ניט גרייכען צוריק צו קומען צו זייער ערשטען היי־ליגען ארט און האבען קיין מנוחה ניט, אבער דוא ביסט א גאט פון חסד און פון רחמים, דוא ערוועקסט דיינע רחמנות פיער מאהל אין יאהר: יום כפור, שמיני עצרת, פסח און שבועות צו דערמאהנען די נשמות און מעלה זיין זיי, עס זאל חלילה פון זיי קיינער נישט פאר־שטויסען ווערען און פארפאלען ווערען אין תהום. אין דיעזע פיער צייטען איז דיינע ערבארמקייט גרוים צו ברייגגען יענע נשמות צוא זייער הייליגע רוה צו דערהויבען זיי און צו דערהויכען זיי און זעצען זיי צווישען דיא הייליגע נשמות פון אלע צדיקים קדושים וטהורים:

יהי רצון מלפניך, עס זאל זיין דער ווילען פון דיר גאט ברוך הוא, דוא זאלסט עפענען דיא טהויערען פון רחמים און זאלסט ערוועקען היינטיגען טאג דיינע ערבארמקייט אויף די הייליגע נשמות, דו זאלסט זיי דיעזען טאג דערמאהנען צוא מעלה זיין זיי, צו דערהויבען און צו געבען זיי מנוחה צווי־שען די הייליגע נשמות פון צדיקים און צדקניות. בזכות דיא תפלות, וואס מיר זיינען מתפלל, בזכות די הייליגע תורה, וום מען האט געלייענט ובזכות די צדקה, וואס מיר זיינען מנדב. זעה און הער די געוויינען און די טרעהרען וואס ווערען היינ־טיגען טאג פארגאסען אין אלע שוהלען און בתי מדרשים. זעה מיינע טרעהרען אויך, חאטש איך בין ניט ווערטה, נור בזכות תפלת רבים זאלסט דו מיין געוויין אויך הערען. דוא זאלסם געבען רוה צו אלע הייליגע נשמות און צו די הייליגע נשמה פון מיין (מוטער, פאטער) וואס האט געהייסען מיטן נא־מען (פלוני) מיינע זינד און מיינע בייזע מעשים זאלסטו איצט

נישט דערמאהנען איך זאל נישט גורם זיין חלילה מיט מיינע שלעכטע מעשים צו ערוועקען דעם מדת הדין אויף די נשמות פון מיינע עלטערען. וואס האבען מיך געבראכט אויף דער וועלט. מיינע זינד זאלען ניט זיין א מחיצה פיר זייערע נשמות הקדושות זיי זאלען ניט קענען קומען חלילה צו זייערע הייליגע מדרגות, נור אונזערע גוטע מעשים זאלסט דו אויף זיי דערוועקען און דעם זכות פון אונזערע מצוות און דעם זכות פון אונזער צדקה וואס מיר זאגען צו צו געבען. דער זכות פון אונזערע קליינע קינדער זאל דערוועקט ווערען אויף דיא הייליגע נשמות אז זיי זאלען דערהויבט און דערהויבען ווערען. זאלסט דו גאט ברוך הוא דערהויבען און אויפבריינגען אויף א הויכע מדרגה די נשמה פון מיין (פלוני) און דו זאלסט צו נעהמען מיין געבעט ברחמים, אמן:

ואתנה נשמות הקדושות, און איהר הייליגע נשמות. וואס מיר בעטען און מיר זיינען מתפלל פון אייערט וועגען. בעטען מיר אייך איהר זאלט זיך אויך דערמאהנען אן אונז. איהר זאלט אן אונז ניט פארגעסען ווי מיר פארגעסען נישט אן אייך. איהר זאלט נישט פארגעסען אייערע קינדער, וואס איהר האט געלאזען אויף דער וועלט און וואס איהר האט אויפגעהאדעוועט מיט מאטערנעם, מיט צער, מיט געוויין און מיט טרעהרען. און אזוי וויא איהר האט זייא געמאסטען און געוואויגען און איהר האט פון זיי נישט אראפגענומען אייערע אויגען, אזוי זאלט איהר היינט אויך פון אונז נישט אראפנעהמען אייערע אויגען. איהר זאלט זיך דערמאהנען אן אונז און אן אונזערע מענער און אונזערע קינדער. איהר זאלט זיך ערוועקען פון אייער הויכע און הייליגע רוהע און איהר זאלט זיין פאר אונז גוטע מליצים פאר השם

יתברך. איהר זאָלט בעטען פיר אונז דעם אַלמעכטיגען גאָט, ער זאָל זיך מיט אונז ניט בּאַגעהן חלילה מיט דין צוא זוכען פון אונז זיינע חובות, נור ער זאָל זיך מיט אונז בּאַגעהן מיט חסד און רחמים. ער זאָהל אונז מוחל זיין אונזערע זינד און אונזערע תפלות זאָלען אָנגענומען ווערען. ער זאָל אונז העלפען אין אונזערע נויטהען (יום כפור זאָל מען זאָגען: ער זאָל אונז חתמ'ענען צום לעבּען) ער זאָל דערלענגערין די יאָהרען אונז און אונזערע מענער און אונזערע קינדער און אונזערע בּרי־דער און שוועסטער און אונזערע קרובים און אַלע אונזערע גוטע פריינד. מיר זאָלען ניט אָפּגעריסען ווערען אָהן אַ צייט, אונזערע קינדער זאָלען חלילה ניט האָדעווען בּיי אַ פרעמדע מוטער. און מיר זאָלען אויך קיין אַלמנות נישט בּלייבּען און אונזערע קינדער זאָלען ניט בּלייבּען קיין יתומים. אונזער זונן זאָל נישט פינצטער ווערען אין מיטען טאָג. מיר זאָלען נישט וויסען פון קיין קלאָג און פון קיין בּראָך. אונזערע קינדער זאָלען בּיי אונז אויך אין גאַנצען זיין עס זאָל פון אונזער שטוב קיינער ניט פעהלען. און צוא אַלע אַלמנות און יתומים זאָהל גאָט בּרוך הוא זיין אַ פאָטער און אַ בּאַשיצער און זאָל היי־לען אַלע צובּראָכענע הערצער. ער זאָל אונז צושיקען פּרנסה בּכבוד און יושר מיר זאָלען ניט דאַרפען אָנקומען אַ פרעמ־דען און מיר זאָלען ניט קומען צו שאַנד וואָס דאָס איז גלייך ווי געשטאָרבּען. און מיר זאָלען זוכה זיין מגדל צו זיין אונ־זערע קינדער צו דער הייליגער תורה זיי זאָלען זיין פרום צו גאָט און גוט צו מענשען. מיר זאָלען ניט פאַרפיהרט ווערען פון יצר הרע בּזכות אונזערע אָבות אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב און בּזכות אונזערע אמהות, שרה, רבקה, רחל ולאה און בּזכות די נשמות פון אַלע צדיקים און צדקניות און מיר זאָלען זוכה

זַיין צוּא זֶעהֶען בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן:

סֵדֶר הַזְכָּרַת נְשָׁמוֹת.

מֶען אִיז זִיךְ נוֹהֵג צוּא דֶערְמָאהְנֶען דִיא נְשָׁמוֹת פוּן דִי עֶלְטֶערְן אִין שָׁלשׁ רְגָלִים אוּן אוּם יוֹם כִּפּוּר אוּן מֶען זָאגְט צוּ צוּ גֶעבֶּען צְדָקָה וֶועגְן דִי נְשָׁמוֹת:

נָאךְ אַ פָאטֶער זָאגְט מֶען דָאס:

יִזְכּוֹר אֱלֹהִים נִשְׁמַת אַבָּא מוֹרִי פב"פ שֶׁהָלַךְ לְעוֹלָמוֹ בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵר צְדָקָה בַּעֲדוֹ וּבִשְׂכַר זֶה תְּהֵא נַפְשׁוֹ צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים עִם נִשְׁמַת אַבְרָהָם יִצְחָק, וְיַעֲקֹב, שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל וְלֵאָה וְעִם שְׁאָר צַדִּיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת שֶׁבְּגַן עֵדֶן, וְנֹאמַר אָמֵן:

יִזְכּוֹר, דוּ זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען, גָאט, דִי נְשָׁמָה פוּן מַיין פָאטֶער פב"ב וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, דֶערְפַאר וַוייל אִיךְ בִּין מְנַדֵּר צְדָקָה פוּן זַיינֶעט וֶועגֶען, אוּן פַאר דֶעם שְׂכַר זָאהְל זַיין נְשָׁמָה זַיין פַארְבּוּנְדֶען אִין בּוּנְד פוּן לֶעבֶּען מִיט דִי נְשָׁמוֹת פוּן אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב, שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל וְלֵאָה אוּן אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת, וָואס זַיינֶען אִין גַן עֵדֶן, אוּן מִיר וֶועלֶען זָאגֶען אָמֵן:

נָאךְ אַ מוּטֶער זָאגְט מֶען דָאס:

יִזְכּוֹר אֱלֹהִים נִשְׁמַת אִמִּי מוֹרָתִי פב"פ שֶׁהָלְכָה לְעוֹלָמָהּ בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵר צְדָקָה בַּעֲדָהּ וּבִשְׂכַר זֶה תְּהֵא נַפְשָׁהּ צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים עִם נִשְׁמַת אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב, שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל וְלֵאָה וְעִם שְׁאָר צַדִּיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת שֶׁבְּגַן עֵדֶן וְנֹאמַר אָמֵן:

יִזְכּוֹר, דוּ זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען, גָאט, דִי נְשָׁמָה פוּן מַיין מוּטֶער פב"פ וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט דֶערְפַאר וַוייל אִיךְ בִּין מְנַדֵר צְדָקָה פוּן אִיהְרֶעט וֶועגֶען אוּן פַאר דֶעם שָׂכָר זָאהל אִיהְר נְשָׁמָה זַיין פַארְבּוּנְדֶען אִין בּוּנְד פוּן לֶעבֶּען מִיט דִיא נְשָׁמוֹת פוּן אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב, שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל וְלֵאָה אוּן אַנְדֶערֶע צַדִיקִים וְצִדְקָנִיוֹת, וָואס זַיינֶען אִין גַן עֵדֶן, אוּן מִיר וֶועלֶען זָאגֶען אָמֵן:

אוֹיף אַנְדֶערֶע קְרוֹבִים זָאגְט מֶען דָאס:

יִזְכּוֹר אֱלֹהִים נִשְׁמַת אָבִי וְאִמִּי זְקֵנַי וּזְקֵנוֹתַי דוֹדַי וְדוֹדוֹתַי אַחַי וְאַחְיוֹתַי בֵּין מִצַּד אָבִי בֵּין מִצַּד אִמִּי שֶׁהָלְכוּ לְעוֹלָמָם. בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵר צְדָקָה בַּעֲדָם וּבִשְׂכַר זֶה תִּהְיֶינָה נַפְשׁוֹתָם צְרוּרוֹת בִּצְרוֹר הַחַיִּים עִם נִשְׁמַת אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב. שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל וְלֵאָה וְעִם שְׁאָר צַדִּיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת שֶׁבְּגַן עֵדֶן, וְנֹאמַר אָמֵן:

יִזְכּוֹר, דוּא זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען, גָאט, דִיא נְשָׁמָה פוּן מַיין עֶלְטֶער־פָאטֶער אוּן מוּטֶער, בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער אוּן פֶעטֶערְס אוּן מוּהמֶעס וָואס זַיינֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט דֶערְפַאר וַוייל אִיךְ בִּין מְנַדֵר צְדָקָה פוּן זַייעֶרְט וֶועגֶען אוּן פַאר דֶעם שָׂכָר זָאלֶען זַייעֶרֶע נְשָׁמוֹת זַיין פַארְבּוּנְדֶען אִין בּוּנְד פוּן לֶעבֶּען מִיט דִיא נְשָׁמוֹת פוּן אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב, שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל וְלֵאָה אוּן דִיא אַנְדֶערֶע צַדִיקִים וָואס זַיינֶען אִין גַן עֵדֶן, אוּן מִיר וֶועלֶען זָאגֶען אָמֵן:

יִזְכּוֹר אֱלֹהִים נִשְׁמַת פב"פ וְנִשְׁמַת כָּל קְרוֹבַי וּקְרוֹבוֹתַי הֵן מִצַּד אָבִי וְהֵן מִצַּד אִמִּי הֵן שֶׁהוּמְתוּ הֵן שֶׁנֶּהֶרְגוּ הֵן שֶׁנִּשְׁחֲטוּ וְשֶׁנִּשְׂרְפוּ וְשֶׁנִּטְבְּעוּ וְשֶׁנֶּחֶנְקוּ

עַל קִדּוּשׁ הַשֵּׁם בַּעֲבוּר שֶׁאֶתֵּן צְדָקָה בְּעַד הַזְכָּרַת נִשְׁמוֹתֵיהֶם וּבִשְׂכַר זֶה תִּהְיֶינָה נַפְשׁוֹתֵיהֶם צְרוּרוֹת בִּצְרוֹר הַחַיִּים עִם נִשְׁמוֹתֵיהֶם שֶׁל אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב, שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל וְלֵאָה וְעִם שְׁאָר צַדִּיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת שֶׁבְּגַן עֵדֶן, וְנֹאמַר אָמֵן:

יִזְכּוֹר, דו זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען, גָאט, דִי נְשָׁמָה פוּן פב״פ אוּן דִי נְשָׁמָה פוּן יֶעדֶען פוּן מַיינֶע פְרַיינְד אוּן פְרַיינְדִינְס, סַיי פוּן מַיין פָאטֶער׳ס צַד אוּן סַיי פוּן מַיין מוּטֶער׳ס צַד, סַיי זֵיי זַיינֶען גֶעטוֹיטֶעט גֶעוָוארֶען, סַיי זֵיי זַיינֶען גֶע׳הַרְג׳עט גֶעוָוארֶען, סַיי זֵיי זַיינֶען גֶעקוֹילֶעט גֶעוָוארֶען, פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען, דֶערְטְרוּנְקֶען גֶעוָוארֶען אָדֶער דֶערְוָוארְגֶען גֶעוָוארֶען אוֹיף קִידּוּשׁ הַשֵּׁם, דֶערְפַאר וַוייל אִיךְ וֶועל גֶעבֶּען צְדָקָה פִיר דֶערְמָאהְנֶען זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת אוּן פַאר דֶעם שְׂכַר זָאלֶען זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת זַיין פַארְבּוּנְדֶען אִין בּוּנְד פוּן לֶעבֶּען מִיט דִיא נְשָׁמוֹת פוּן אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב, שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל וְלֵאָה אוּן אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים אוּן צִדְקָנִיּוֹת וָואס זַיינֶען אִין גַן עֵדֶן, אוּן מִיר וֶועלֶען זָאגֶען, אָמֵן:

נָאךְ אַ זָכָר זָאגְט מֶען דָאס:

אֵל מָלֵא רַחֲמִים שׁוֹכֵן בַּמְּרוֹמִים הַמְצֵא מְנוּחָה נְכוֹנָה תַּחַת כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה בְּמַעֲלַת קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים כְּזוֹהַר הָרָקִיעַ מַזְהִירִים אֶת נִשְׁמַת (אָבִי מוֹרִי) פב״פ שֶׁהָלַךְ לְעוֹלָמוֹ בַּעֲבוּר שֶׁאֲנִי נוֹדֵר צְדָקָה בְּעַד הַזְכָּרַת נִשְׁמָתוֹ. בְּגַן עֵדֶן תְּהֵא מְנוּחָתוֹ, לָכֵן בַּעַל הָרַחֲמִים יַסְתִּירֵהוּ בְּסֵתֶר כְּנָפָיו לְעוֹלָמִים וְיִצְרוֹר בִּצְרוֹר הַחַיִּים אֶת נִשְׁמָתוֹ יְיָ הוּא נַחֲלָתוֹ וְיָנוּחַ עַל מִשְׁכָּבוֹ בְּשָׁלוֹם, וְנֹאמַר אָמֵן:

אל מלא רחמים, גאט ברוך הוא, וואס איז פול מיט דערבארמקייט
און ער רוהט אין הימעל, מאך געווייכען א רעכטע רוהע אין שוץ
פון דער שכינה מיט הייליגע און ריינע מעלות אזוי וויא דאס לויי־
טערקייט פון הימעל זאהל לייכטען דיא נשמה פון מיין פאטער פב"פ
וואס ער איז אוועקגעגאנגען צוא זיין וועלט דערפאר וואס איך בין
מנדר צדקה פאר דערמאהנען זיין נשמה. זיין רוהונג זאל זיין אין
גן עדן. דארום זאל דער דערבארעמיגער איהם באהאלטען אין זיין
באהעלטעניש אויף אייביג און זאל איינבינדען אין בונד פון לעבען
זיין נשמה, גאט ברוך־הוא איז זיין ארב און ער זאל רוהען אין זיין
קבר מיט שלום און מיר אלע וועלען זאגען, אמן.

נאך א נקבה זאגט מען דאס:

אל מלא רחמים שוכן במרומים המצא מנוחה נכונה
תחת כנפי השכינה במעלת קדושים וטהורים
כזהר הרקיע מזהירים את נשמת (אמי מורתי) פב"פ
שהלכה לעולמה בעבור שאני נודר צדקה בעד
הזכרת נשמתה. בגן עדן תהא מנוחתה. לכן בעל
הרחמים יסתירה בסתר כנפיו לעולמים ויצרור
בצרור החיים את נשמתה יי הוא נחלתה ותנוח
על משכבה בשלום, ונאמר אמן:

אל מלא רחמים, גאט ברוך־הוא וואס איז פול מיט דערבארעמ־
קייט און רוהט אין הימעל, מאך געווייכען א רעכטע רוהע אין
שוטץ פון דער שכינה מיט דיא הייליגע און ריינע מעלות אזוי וויא
דאס לויטערקייט פון הימעל זאל לייכטען די נשמה פון מיין מוטער
פב"פ וואס זי איז אוועקגעגאנגען צו איהר וועלט. דערפאר וואס איך
בין מנדר צדקה פאר דערמאהנען איהר נשמה איהר רוהונג זאל זיין
אין גן עדן. דארום זאל דער דערבארעמיגער איהר באהאלטען אין

זַיין בַּאהֶעלְטֶענֶעש אויף אֵייבִּיג און זָאל זַיין אַיינְגְּבִּינְדֶען אין בּוּנְד פוּן לֶעבֶּען אִיהְר נְשָׁמָה. גָאט בָּרוּךְ־הוּא אִיז אִיהְר אַרְבּ. און זִי זָאל רוּהֶען אִין קֶבֶר מִיט שָׁלוֹם און מִיר וֶועלֶען זָאגֶען, אָמֵן:

אַ נַייעֶ הַזְכָּרַת־נְשָׁמוֹת־תְּחִנָּה פַאר גֶעהַרְגֶ׳עטֶע אִין אַ מִלְחָמָה:

אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, אוּנְזֶער גָאט און דֶער גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען. זְכֹר נָא, גֶעדֶענְק דִיא נְשָׁמוֹת פוּן דִיא וָואס זַיינֶען גֶעפַאלֶען טוֹידְט אִין דֶער מִלְחָמָה, זָאל דִי בְּלוּט פוּן יֶעדֶען אֵיינְצִיגֶען פוּן זֵייא זַיין גֶערֶעכֶענְט פַאר דִיר אַזוֹי וִוי אַ קָרְבָּן עוֹלָה און דוּא זָאלְסְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת בַּאשִׁיטְצֶען אוּנְטֶער דִי פְלִיעגֶעל פוּן דַיין הֵיילִיגֶע שְׁכִינָה און זֵיי זָאלֶען לַייכְטֶען אַזוֹי וִויא שְׁטֶערֶען אִין דַיין כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

אַתָּה הָאֵל אֲשֶׁר בְּיָדְךָ נַפְשׁוֹת הַחַיִּים וְהַמֵּתִים דוּ גָאט וָואס אִין דַיין רְשׁוּת זַיינֶען דִי זֶעעלֶען פוּן דִי לֶעבֶּעדִיגֶע און פוּן דִי טוֹידְטֶע, דוּא הָאסְט בַּאשַׁאפֶען דֶעם מֶענְשֶׁען און אִין אִיהְם אַרַיינְגֶעבְּלָאזֶען אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה און דוּא הָאסְט אוֹיךְ בַּאשַׁאפֶען תַּתַּקְ״ג מִינֵי מִיתָה, נַיין הוּנְדֶערְט מִיט דְרַיי מִינִים טוֹידְט. דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה, דֶער וָואס פַארְדִיעֶנְט בַּייא דִיר לֶעבְּט אוֹיס זַיינֶע יָאהְרֶען און שְׁטַארְבְּט מִיט אַ גֶעוואוֹינְלִיכֶען טוֹידְט און מִיט וִידּוּי אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע בֶּעט אִין דִי אַנְוֶועזֶענְהַייט פוּן זַיין פְרוֹי און קִינְדֶער און מִשְׁפָּחָה, וֶועלְכֶע בַּאוַויינֶען אִיהְם און זֶעהֶען אַז עֶר זָאל קוּמֶען צוּא קֶבֶר יִשְׂרָאֵל כְּדַת וּכְדִין. דִי אָבֶּער וָואס זַיינֶען נִיט זוֹכֶה שְׁטַארְבֶּען פַאר דֶער צַייט אִין דֶער פְרֶעמְד מִיט נִיט קֵיין גֶעוואוֹינְלִיכֶען טוֹידְט

אָהְן וִידּוּי און וֶוערֶען נָאךְ חַס וְשָׁלוֹם בַּאגְרָאבֶּען אָהְן טַהֲרָה און אָהְן תַּכְרִיכִים. אָט דָאס אִיז דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער שִׁיקְזַאל פוּן הֲרוּגֵי מִלְחָמָה. זֵיי וֶוערֶען אָבְּגֶעְרִיסֶען פוּן דֶער וֶועלְט פַאר דֶער צַייט. דִיא מֶעהְרְסְטֶע פוּן זֵייא אִין זֵייעֶרֶע בֶּעסְטֶע בְּלִיהֶענְדֶע יָאהְרֶען. זֵייעֶר טוֹיְדְט קוֹמְט זֵיי פְּלוּצְלִינְג און זֵיי הָאבֶּען קַיין צַייט צוּא פָארְבֶּערֵייטֶען זִיךְ און וִידּוּי זָאגֶען. זֵיי קוֹמֶען אוֹיךְ נִיט צוּ קְבוּרָה נָאכְ׳ן אִידִישֶׁען דִין און עֶס וֶוערְט אוֹיף זֵיי מְקוּיָם דִי שׁוֹידֶערְלִיכֶע קְלָלָה: „וְהָיְתָה נִבְלָתָם לְמַאֲכָל לְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְחַיַּת הָאָרֶץ״. זֵייעֶרֶע קֶערְפֶּערְס וַואלְגֶערֶען זִיךְ אוֹיפְ׳ן פֶעלְד און רָאבֶּען און אַנְדֶערֶע פוֹיגֶלֶען פִּיקֶען אוֹיס זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען און הוּנְגֶערִיגֶע וֶועלְף זֶעטִיגֶען זִיךְ מִיט זֵייעֶר פְלֵייש. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין דִיעֶזֶען טָאג פוּן הַזְכָּרַת נְשָׁמוֹת בֶּעטֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאר דִיא נְשָׁמוֹת פוּן זֵייעֶרֶע פֶערְשְׁטָארְבֶּענֶע עֶלְטֶערֶען, קִינְדֶער און קְרוֹבִים. פַאר דִי נְשָׁמוֹת אָבֶּער פוּן דִי גֶעהַרְגֶ׳עטֶע אִין מִלְחָמָה דַארְפֶען אַלֶע בֶּעטֶען, דֶער כְּלַל יִשְׂרָאֵל דַארְף פַאר זֵיי תְּפִלָּה טְהָאן, וַוייל זֵיי זַיינֶען גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר שְׁרֶעקְלִיכֶען טוֹיְדְט נִיט פַאר זֵייעֶר אֵייגֶענֶע זִינְד, נוּר פַאר דִי פִילֶע זִינְד פוּן דוֹר, וַוייל יִשְׂרָאֵל עֲרֵבִין זֶה בָּזֶה, אִידֶען זַיינֶען עָרֵב אֵיינֶע פַאר דִי אַנְדֶערֶע און אוּנְשׁוּלְדִיגֶע וֶוערֶען אָפְטְמָאהְל בַּאשְׁטְרָאפְט פַאר שׁוּלְדִיגֶע. עֶס קֶען דָאךְ נִיט זַיין, אַז אַ מֶענְשׁ זָאל זַיין אַזוֹי פִיעל זִינְדִיג אַז עֶר זָאל אַזוֹי שׁוֹידֶערְלִיךְ בֶּעשְׁטְרָאפְט וֶוערֶען. עֶס אִיז דַארִיבֶּער קַיין סָפֵק אַז מִיר אַלֶע הָאבֶּען אַ חֵלֶק אִין דֶעם טוֹיְדְט פוּן יֶענֶע קְדוֹשִׁים וָואס זַיינֶען דֶערְשָׁאסֶען אָדֶער דֶערְשְׁטָאכֶען גֶעוָוארֶען אוֹיפְ׳ן שְׁלַאכְטְפֶעלְד, און מִיר דַארְפֶען מְחִילָה בֶּעטֶען בַּייא זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת און אוֹיךְ תְּפִלָּה טְהָאן צוּא גָאט פַאר זֵיי.

הַבֵּט מִשָּׁמַיִם וּרְאֵה, קִיק גָאטֶעניוּ, פוּן הִימֶעל אוּן זֶעה דֶעם צַעַר פוּן דִי אַלְמָנוֹת אוּן יְתוֹמִים פוּן דִי הֲרוּגֵי מִלְחָמָה. זֶעה אוֹיךְ דֶעם צַעַר פוּן זֵייעֶרֶע טַאטֶעס אוּן מַאמֶעס, פוּן זֵייעֶרֶע שְׁוֶועסְטֶער אוּן בְּרִידֶער, וֶועלְכֶע וֵוייסֶען נִיט וואוּ דִיא קְבָרִים פוּן זֵייעֶרֶע לִיעבֶּע אוּן טְהַייעֶרֶע זַיינֶען. זֵיי קֶענֶען נֶער בַּאךְ נִיט גֶעהְן אוֹיסְוֵויינֶען זֵייעֶרֶע בִּיטֶערֶע הֶערְצֶער אוֹיף דִי בֶּערְגְלַאךְ עֶרְד, אוּנְטֶער וֶועלְכֶע עֶס רוּהֶען דִי בֵּיינֶער פוּן דִי גֶעפַאלֶענֶע קָרְבָּנוֹת, וַוייל קֵיינֶע מַצֵּבוֹת זַיינֶען אוֹיף זֵייעֶרֶ קְבָרִים נִיט דָא אוּן זֵיי זַיינֶען מִיט קַיין זַאךְ נִיט בֶּעצֵייכֶענְט. אָנָּא ה׳, אִיךְ בֶּעט דִיךְ גָאט, טְרֵייסְט דִי אוּנְגְלִיקְלִיכֶע וֶועלְכֶע הָאבֶּען פֶערְלָארֶען זֵייעֶרֶע לִיעבְּסְטֶע אוּן טַייעֶרְסְטֶע אוֹיף אַזָא שְׁוִידֶערְלִיכֶען אוֹפָ׳ן, אוּן דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת פוּן דִי הֲרוּגִים, וֶועלְכֶע הָאבֶּען גֶעוִוים פַאר זֵייעֶר טוֹידְט אוֹיסְגֶעשְׁרִיהֶען „שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹהֵינוּ ה׳ אֶחָד!“ זָאלְסְטוּ, לִיעבֶּער גָאט, גֶעבֶּען אַ פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן צְווִישֶׁען דִיא אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אוּן צְווִישֶׁען אַלֶע צַדִיקִים וַחֲסִידִים. דָאס וָואס זֵיי זַיינֶען נִיט גֶעקוּמֶען צוּא קֶבֶר יִשְׂרָאֵל דָאס וָואס זֵייעֶרֶע קֶערְפֶּערְס זַיינֶען נִקְבַּר גֶעוָוארֶען צוּזַאמֶען מִיט דִיא קֶערְפֶּערְס פוּן נִיט אִידִישֶׁע הֲרוּגִים זָאהְל נִיט זַיין קַיין שְׁטֶערוּנְג אוֹיפְצוּהוֹיבֶּען זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת לְמַעְלָה לְמַעְלָה, וְיָנוּחוּ בְּשָׁלוֹם עַל מִשְׁכְּבוֹתָם וְנֹאמַר אָמֵן.

אַ נַייעֶ הַזְכָּרַת־נְשָׁמוֹת־תְּחִנָּה פַאר גֶע׳הַרְגֶ׳עטֶע אִין פָּאגְרָאמֶען:

יִזְכּוֹר אֱלֹהִים, זָאל גָאט דֶערְמָאהְנֶען דִיא נְשָׁמוֹת פוּן גֶע־הַרְגֶ׳עטֶע, גֶעקוּילֶעטֶע אוּן דֶערְשְׁטָאכֶענֶע אִין פָּא־גְרָאמֶען. זָאל זֵייעֶר אוּמְזִיסְט פַארְגָאסֶענֶע בְּלוּט זִיךְ צִיהֶען

אזוי וויא א שטראם פארן כסא הכבוד און זאהל אויף דיא שלעכטע מענשען, אויף די פאגראמען מאכער מקוים ווערען דער פסוק: „וחטאתם נגדי תמיד״. זאהל דיא היילינע בלוט ברויזען און רוישען אזוי ווי די כוואליעס פון ים און זאל דיא בלוט ניט שטיל ווערען ביז דער שופט צדק וועט די רשעים משפט׳ן לויט וויא זייא האבען פארדיענט, און זאהל מקוים ווערען אזוי וויא אין פסוק שטעהט: „ונקיתי דמם לא נקיתי״, איך וועל דיא זינדיגע מוחל זיין אנדערע זאכען, אבער נישט אויף די זינד פון פארגיעסען בלוט:

יזכור אלהים, זאהל גאט דערמאהנען דיא נשמות פון דיא אונשולדיגע פרויען, וועלכע זיינען געטוידטעט געווארען מיט גרוים אכזריות, און זאל דער דורש דמים האלטען זייער אומזיסט פארגאסענע בלוט אין א לאגעל אזוי ווי ער האלט די טרערען פון פאלק ישראל אין א לאגעל. זאל דער דורש דמים באצאהלען די דאזיגע רשעים מדה כנגד מדה, כדי אלע זאלען זעהען, וויסען אז אידישעס בלוט איז נישט הפקר און אז עס איז פארהאן א גאט אין הימעל וואס נעהמט זיך אן פאר זיין אויסערוועהלטעס פאלק:

יזכור אלהים, זאהל גאט דערמאהנען דיא ריינע כשר׳ע נשמה׳לאך פון די יונגע קינדער, פון דיא עופה׳לאך, וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארען אויף א שוידערליכען אופן. זאהל, רבונו של עולם, שטענדיג זיין פאר דיינע אויגען דיא צושמעטערטע מוח׳לאך און דיא אויסגערונענע געהירען פון די אונשולדיגע קינדערלאך, וועלכע די אכזרים האבען געשליידערט פון הויכע פענסטער אדער האבען זייא

געהאלטען פאר דיא פיסלאך און צושמעטערט .זייערע קעפּ קלאפּענדיג זיי אן שטיינער. יזכור אלהים. זאהל גאט דער־מאהנען די אלע שוידערליכע טהאטען וואס זיינען באגאנגען געווארען געגען דיין פאלק אין צייט פון פאגראמען. זאַ־גען די שוידערליכע בילדער, ווי זיי האבען געקלאפּט טשוועַ־קעם אין די מוחות פון אידישע קינדער, שטענדיג שטעהען פאר זיינע אויגען און זאהל דער שופט צדק זיך אפּרעכענען מיט דיא אונמענשען לויט זייערע מעשים, ותעביר ממשלת זדון מן הארץ:

ואתנה הנשמות הקדושות, און איהר היילינע נשמות, מיר ווייסען אז איהר האט געליטען און געפּייניגט גע־ווארען ניט פאר אייער אייגענע זינד, זאנדערן פאר דיא זינד פון אונז אלע. אויף אייך איז געפאלען דער גורל אז איהר זאלט אפּקומען פאר אונזערע אלעמענס חטאים. דאריבער בעטען מיר אייך אז איהר זאלט אונז מוחל זיין און איהר זאלט שטעהן פאר׳ן כסא הכבוד און בעטען גאט פאר איי־ערע אייגענע און פאר׳ן גאנצען כלל ישראל. זייט דארט מליצי יושר פאר אונז אלע, דען איהר זייט דאך שוין געווים אויסגעלייטערטע, איהר זיינט דאך שוין געווים אפּגעקומען גענוג אויף דיעזער זינדיגער וועלט און אייערע תפלות ווע־לען געווים אנגענומען ווערען בעסער ווי די תפלות פון אונז זינדיגע מענשען. בעט דארט, אונזערע היילינע אבות און אמהות אז זייא זאלען זיך משתדל זיין פאר אונז און צוליעב דעם זכות, וואס מיר זיינען איצט מזכיר אייערע נשמות זאל אונז גאט דערמאהנען צו גוטען און מיר זאלען מעהר נישט וויסען פון פאגראמען און אנדערע צרות און פורעניות. זאל מקוים ווערען אזויא וויא מיר בעטען אין אונזערע היילינע

תְּפִלּוֹת: „וְכָל הָרִשְׁעָה כֻּלָּהּ כְּעָשָׁן תִּכְלֶה״, „וְהַזֵּדִים מְהֵרָה תְעַקֵּר וּתְשַׁבֵּר וּתְמַגֵּר וְתַכְנִיעֵם בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ״, אָמֵן וְאָמֵן:

אַ נַייעֶ הַזְכָּרַת־נְשָׁמוֹת־תְּחִנָּה פַאר אוּמְגֶעקוּמֶענֶע אִין שְׂרֵפוֹת.

אֵל מָלֵא רַחֲמִים שׁוֹכֵן בַּמְּרוֹמִים, גָאט, וָואס אִיז פוּל מִיט רַחֲמָנוּת אוּן רוּהְט אִין דִי הִימְלֶען, גֶעדֶענְק דִיא נְשָׁמוֹת פוּן דִי פַארְבְּרֶענְטֶע, דֶערְשְׁטִיקְט אוּן גֶע׳הַרְגֶ׳עטֶע אִין שְׂרֵפוֹת. זָאלֶען דִיא דָאזִיגֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת אַיינְגֶעפַּאסְט זַיין אִין דַיין קְרוֹין אוּן זָאלֶען זֵיי שַׁיינֶען אוּן בְּלַיאַסְקֶען כְּזוֹהַר הָרָקִיעַ, אַזוֹי וִוי דִי שַׁיינוּנְגֶען פוּן הִימֶעל. זָאלֶען זֵיי פַארְבְּרֶענֶען, פַארְנִיכְ־טֶען אוּן פַארְטִילִיגֶען דִיא בֵּייזֶע רוּחוֹת אוּן שֵׁדִים וָואס זַיינֶען בַּאשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען פוּן אוּנְזֶערֶע זִינְד, אוּן זָאלֶען זֵייא שְׁטִיל מַאכֶען דִיא מְקַטְרְגִים וָואס רֶעדֶען אוֹיף אוּנְז שְׁלֶעכְטֶעס אוּן זָאהְל דֶער שַׂר שֶׁל אֵשׁ שׁוֹין מֶעהְר נִישְׁט הָאבֶּען קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אוּנְז, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן כָּל יִשְׂרָאֵל:

אֵל מָלֵא רַחֲמִים, גָאט, וָואס דוּ בִּיסְט פוּל מִיט רַחֲמָנוּת אוּן דוּ ווִילְסְט נִיט זֶעהְן דֶעם טוֹידְט אֲפִילוּ אוֹיף דִי רְשָׁעִים, וִוי דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט דוּרְךְ דַיין נָבִיא יְחֶזְקֵאל: „הֶחָפֹץ אֶחְפֹּץ מוֹת רָשָׁע, הֲלֹא בְּשׁוּבוֹ מִדְּרָכָיו וְחָיָה״, צוּא דֶען וִויל אִיךְ אַז דֶער רָשָׁע זָאהְל שְׁטַארְבֶּען, אִיךְ וִויל בֶּעסֶער עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טְהָאן אוּן בְּלַייבֶּען לֶעבֶּען. מִיר זֶעהֶען אָבֶּער אַז אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין רְשָׁעִים, אֲפִילוּ גָאר אוּנְשׁוּלְדִיגֶע שְׁטַארְבֶּען אָהְן דֶער צַייט אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט מִיט קַיין גֶעוָועהְנְלִיכֶען טוֹידְט, נָאר דוּרְךְ אַלֶערְלֵיי מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת, חַס וְשָׁלוֹם. וָורוּם זְשֶׁע אִיז דָאס? דָאס אִיז צוּלִיעבּ דֶעם, וַוייל יִשְׂרָאֵל עֲרֵבִין זֶה בָּזֶה, וַוייל אִידֶען זַיי־

נֶען עֶרֶב אֵיינֶער פַאר׳ן אַנְדֶערֶען, דֶען דָאס גַאנְצֶע פָאלְק יִשְׂרָאֵל אִיז אַזוֹיא וִויא אֵיין גוּף אוּן אֵיין נְשָׁמָה אוּן עֶס קוּמְט דַארִיבֶּער אָפְּטְמָאל אוּיס אַז אוּנְשׁוּלְדִיגֶע וֶוערֶען גֶעשְׁטְרָאפְט פַאר שׁוּלְדִיגֶע, אַקוּרַאט אַזוֹי וִוי אַ קִינְד וָואס טְהוּט עֶפֶּעס אַן עֲוֹלָה מִיט דִי הֶענְד אָדֶער מִיטְ׳ן מוֹיל אוּן זַיין פָאטֶער שְׁלָאגְט אִיהְם אִין דִי בַּאקֶען, כָאטְשׁ דִי בַּאקֶען הָאבֶּען קֵיינֶע שְׁלֶעכְ־טֶעס גֶעטְהָאן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דִי דָאזִיגֶע אוּמְגֶעקוּמֶענֶע אִין שְׂרֵפוֹת אִין פַאבְּרִיקֶען אוּן אִין וָואהְנוּנְגֶען זַיינֶען גֶעוֶועןַ אַ גְלִיד פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן זֵיי זַיינֶען אֶפְשַׁר גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארֶען פַאר דִיא זִינְד וָואס אַנְדֶערֶע גְלִיעדֶער פוּן פָאלְק הָאבֶּען גֶע־טְהָאן. בֶּעט אִיךְ דִיר, דֶערְבַּארְמְדִיגֶער גָאט, אַז זֵייעֶר טוֹידְט גוּפָא זָאהְל אוּנְז נִיט גֶערֶעכֶענְט וֶוערֶען פַאר אַ זִינְד, אַז דוּא זָאלְסְט אוּנְז נִישְׁט שְׁטְרָאפֶען דֶערְפַאר וָואס מִיר הָאבֶּען מִיט אוּנְזֶערֶע חֲטָאִים גוֹרֵם גֶעוֶועןַ זֵייעֶר טוֹידְט. אוּן דִיא הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת, בֶּעט אִיךְ אוֹיךְ, אַז זֵייא זָאלֶען אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוּן זַיין דָארְט אִין הִימֶעל מְלִיצֵי יוֹשֶׁר, פַאר מִיר, פַאר מַיין מַאן, פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אוּן קְרוֹבִים אוּן פַאר אַלֶע אִידֶען:

אֵל מָלֵא רַחֲמִים, גָאט, וָואס דוּא בִּיסְט פוּל מִיט רַחֲמָנוֹת, בִּזְמַן שֶׁבֵּית הַמִקְדָשׁ הָיָה קַיָם, וֶוען אוּנְזֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען, וֶוען מִיר זַיינֶען גֶעזֶעסֶען אִין אוּנְזֶער אֵיינֶענֶע הֵיילִיגֶע לַאנְד אוּן מִיר הָאבֶּען גֶעהַאט אוּנְזֶערֶע סַנְהֶדְרִין זַיי־נֶען גֶעוֶועןַ אַרְבַּע מִיתוֹת בֵּית דִין: סְקִילָה, שְׂרֵפָה, הֶרֶג וְחֶנֶק. דִיא גְמָרָא הַקְדוֹשָׁה זָאגְט, אַז כָאטְשׁ דִיא סַנְהֶדְרִין זַיינֶען בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, בָּטֵל גֶעוָוארֶען, אָבֶער דִיא אַרְבַּע מִיתוֹת בֵּית דִין זַיינֶען נִיט בָּטֵל גֶעוָוארֶען. דֶער וָואס אִיז חָלִילָה חַיָב סְקִילָה זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, פַאלְט אַרָאפּ פוּן אַ דַאךְ אוּן ווערְט גֶע׳הַרֶג׳עט, דֶער וָואס טְהוּט אַזַא עֲבֵירָה פַאר וֶועלְכֶע

עס קומט חס ושלום שרפה, ווערט פארברענט. דיא קרבנות פון שרפות, די פיעלע אידישע קינדער וואס זיינען אומגעקומען אין שרפות אין די פאבריקען וואו זיי זיינען פארברענט געווארען אדער געטוידטעט געווארען שפרינגענדיג דורך די פענסטער, זיינען געווים ניט געוועזען אזוי זינדיג אז עס זאהל זייא קומען געשטראפט צוא ווער"ען מיט דיא שרעקליכסטע שטראפען סקילה ושרפה. זיי האבען דאך דארט געארבייט מיט בלוטיגען שוויים און פארדיענט א כשר שטיקעל ברויט. מאנכע יונגע קינדער האבען דאך דארט געהארעוועט צו מפרנס זיין אן אלטען טאטען, א שוואכע מאמע אדער קליינע ברידערלאך און שוועסטערלאך, און דיעזער זכות אליין, האט זיי שוין געדארפט ביישטעהן, אז זייא זאלען ניצול ווערען פון שרעקליכען טוידט. אבער דאס זיינען זייא אפגעקומען פאר דיא זינד פון אונז אלע, און דעריבער דארפען מיר דא מזכיר זיין זייערע הייליגע נשמות און בעטען מיט גרויס הכנעה, אז זיי זאלען אונז פארצייהען און פארגעבען און זיי זאלען פון אונז נישט מאהנען קיין דין וחשבון דערפאר וואס מיר האבען מיט אונזערע זינד גערויבט זייערע לעבענס אויף אזא שוידערליכען אופן. און דו, אל טוב וסלח, זאלסט אונז אויך מכפר זיין אלע אונזערע חטאים און קיינער זאל מעהר נישט געשטראפט ווערען פאר אונזערע זינד. זאלען שוין, רבונו של עולם, מעהר אזעלכע אונגליקען ניט טרעפען און זאל אויף אלע אידען מקוים ווערען דער פסוק: „כי תלך במו אש לא תכוה ולהבה לא תבער בך”, אז דו וועסט געהן אין פייער וועסטו ניט פארסמאליעט ווערען און א פלאם פייער וועט אין דיר ניט ברענען. ברוך אתה, שומע תפלה:

א נייע הזכרת־נשמות־תחנה פאר דערטרונקענע אין ים.

יזכור אלהים, זאל גאט דערמאהנען די היילינגע נשמות פון דערטרונקענע אין ים. זאהל פון דיעזע נשמות געפלאכטען ווערען א קראנץ ארום דיין קרוין און זאלען זייא קיינמאל ניט אפגעשיידט ווערען פון דיין כסא הכבוד:

יזכור אלהים, זאל גאט דערמאהנען יענע קדושים וואס זיינען אומגעקומען אויף דער שיף טיטאניק. און כאטש אפילו זייערע גופים זיינען צוזעעט און צושפרייט געווארען איבערן ברייטען ים און גרויסע פיש און ים־חיות האבען זיך געזעטיגט מיט זייער פלייש, זאלען אבער זייערע היילינגע נשמות זיין אלע צוזאמען אין איין פלאטץ באהעפט מיט דיין היילינגע שכינה. זאלען זייא אלע צוזאמען שטענדיג זיין פאר דיינע אויגען און זייער זכות זאהל מגין זיין אויף זייערע ווייבער, קינדער, עלטערען קרובים און כל ישראל. זאל זייער שרעקליכער טויט זיין א כפרה אויף אונזערע אלעמענס זינד און מיר זאלען באהיט און באשיר עמט ווערען פון וואסער און פון פייער און פון כל מיני פורעניות, בזכות וואס מיר זיינען איצט מזכיר זייערע נשמות און מיר פארגיעסען טרערען אויף זייער טוידט:

יזכור אלהים, זאל גאט דערמאהנען יענע קדושים וטהורים, וואס האבען זיך מקריב געוועזען פאר אנדערע. זאלען שטענדיג שטעהן פאר דיינע אויגען דיא שוידערליכע פאסירונגען ביי יענעם גרויסען ים־אינגליק. דו, ליעבער גאט, וואס דו ביזט א צופה ומביט עד סוף כל הדורות, זאלסטו שטענדיג קוקען אויף דיא שרעקליכע סצענעס וויא מענער האבען

איבערגעגעבען זייערע רעטונגס-גארטלען און זייערע פלעצער אין די שיפלאך צו פרויען און אליין זיינען זיי געזונקען אין די טיפענים פון ים מיט דיין הייליגען נאמען אויף זייערע ליפען. רבונו של עולם, די גמרא זאגט: „כל המקים נפש אחת מישראל כאלו קים עולם מלא”. דער וואס האלט אויף איין אידישע נשמה איז אזוי וויא ער האלט אויף א גאנצע וועלט. היינט וויפיעל וועלטען האבען דיא דאזיגע קדושים וטהורים אויפגעהאלטען דערמיט וואס זיי האבען דורך זייער אייגענעם שרעקליכען טויט געראטעט אנדערע פון טוידט, און וויא גרויס דארף זיין דער זכות פון דיא דאזיגע קרבנות, וואס האבען אין דער צייט פון גרויסען אונגליק געזאגט: „בידך אפקיד רוחי”, אין דיין האנד, רבונו של עולם, גיעב איך איבער מיין זעעלע, אום אנדערע זאלען געראטעט ווערען. זאל זייער זכות, הארציגער פאטער אין הימעל, מאקע מגין זיין אויף אונז און אויף כל ישראל:

א הזכרה פיר איזידאר און אידא שטראוס

יזכור אלהים, זאל גאט דערמאהנען די הייליגע נשמות פון איזידאר ב"ר אליעזר און אידא בת רבי נתן די טהייערע און באליעבטע פאאר פאלק, וואס האבען געטהאן פיל גוטעס ביי זייער לעבען, ווס זיינען גגנגען האנד אין האנד צו העלפען ארימע און געדריקטע, צוא שטיצען אלטע, קראנקע און שוואכע. יזכור אלהים, זאל גאט דערמאהנען דעם זכות פון די צוויי נאבעלע נשמות, וואס האבען זיך אויך פאראייניגט אין זייער טויט ביי דעם אונגליק פון דער שיף טיטאניק. באשר תלך אלך, וואוהין דו וועסט געהן וועל איך אויך געהן, האט די נאבעלע פרוי געזאגט צו איהר מאן—און זי האט זיך

ניט געוואלט רעטען וויסענדיג אז איהר מאן וועט דערטרונ־
קען ווערן. די צוויי פאראייניגטע נשמות זיינען געפאלען איי־
נע די אנדערע אויף די העלדזער און זיינען צוזאמען געזונקען
מיט „שמע ישראל“ אויף זייערע ליפען. הנאהבים והנעימים
בחייהם ובמותם לא נפרדו, דיא געליבטע אין זייער לעבען
האבען זיך מיט זייער טוידט אויך ניט צושיידעט און זייערע
ביידענס הייליגע נשמות זיינען צוזאמען ארויף אין הימעל צו
זייער באשעפער:

ליעבער גאט, דערמאהן זייערע נשמות און אלע נשמות
פון דערטרונקענע, הן אין ימים, הן אין טייכען
און בייזער זיך אן אויפ'ן שר של ים, אז ער זאל איינהאלטען
זיין צארן. זאל אויף אונז מקוים ווערען דער פסוק: „כי תבא
במים אתך אני ונהרות לא ישטפוך“, אז דו וועסט קומען אין
וואסער וועל איך מיט דיר זיין און טייכען וועלען דיך נישט
פארפלייצען. און זיי, דיא הייליגע נשמות פון דערטרונקענע,
זאלען רוהען בשלום און נהנה זיין מזיו השכינה, אמן ואמן:

א תחנה ווען דער חזן זאגט דיא עבודה און דער עולם פאלט כורעים:

פארכטיגער גאט! אזוי ווי דער כהן גדול פלעגט איין מאהל
אין יאהר אריינגעהען אין קדשי הקדשים מיט
גרויס מורא, אזוי פאלען היינט די אידען כורעים מיט גרויס שרעק,
אום דערמיט מקיים צו זיין ונפשי כעפר לכל תהיה, איך בעט ביי
גאט ער זאל טהאן וויא אין פסוק שטעהט געשריבען מקים מעפר
דל. אויך ערהויבען איך מיך דורך דעם פאלען כורעים, אז עס וועט
קומען א צייט וואס איך וועל ליעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד.
און ווען איך שטעל מיר דאס פאר איז זיך אין מיר מעורר א רצין

דאס איך זאל תשובה טהאן. אויך בעט מען בייא גאט ליעגענדיג אויף דער ערד אז דיא ערד זאל ארויסגעבען גוטע זיסע תבואה און פרוכט. גם בעטען זייא מחילה דיא ערד פאר וואס צוליעב דעם מענטשען האט איהר גאט געפלוכט. ליעבער גאט, אזוי וויא דוא פלעגסט מכפר זיין דורך דעם כהן גדול אזויא זאלכט דוא אונז מכפר זיין דורך דעם זאגען דיא עבודה, אמן סלה:

תחנה ליום כפור צו מנחה.

יהי רצון, עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר, גאט, אונזער גאט, דער גאט פון אונזערע עלטערען, אז דו זאלסט דערפילט ווערען מיט דערבארעמקייט אויף אונז און זאלסט אונז געדענקען דיא עקדה פון אונזער פאטער יצחק, דער זוהן פון אברהם אבינו, עליו השלום, וואס אין די דאזיגע טעג, אין דער צייט, אין דעם צעהנטען טאג פון חודש תשרי, איז געוועזען זיין עקדה אין דער צייט פון מנחה. דארום זאלסטו אונז געדענקען מיט דיין פיעל דערבארעמקייט גלייך וויא זיין אש איז געהויפענט און ליעגט אויף דעם מזבח און זאלסט קוקען אין זיין אש צו דערבארעמען זיך אויף אונז, און אין זיין זכות און אין דעם זכות פון אברהם אבינו, עליו השלום, וואס ער איז גע־פרואווט געווארען מיט צעהן פרואוו, און אויך אין דעם זכות פון אונזער פאטער יעקב, עליו השלום, האסט דוא אונז געגעבען צעהן טעג אויף תשובה צו פארגעבען אונזערע זינד. דאריבער זאלסט דו דערפילט ווערען אויף אונז מיט דערבארעמקייט און זאלסט פאר־שטערען אלע שלעכטע און בייזע גזרות פון אונז. און אזוי ווי אונ־זער פאטער אברהם האט באצוואונגען זיין רחמנות צוא טהאן דיין ווילען מיט'ן גאנצען הארצען, אזוי זאל דיין רחמנות באצווינגען דיין צארען און זאלסט זיך פיהרען מיט אונז, גאט, אונזער גאט, מיט מדת החסד און מדת הרחמים און זאלסט אריינגעהן פון אונזערטוועגען לפנים משורת הדין און זאלסט קוקען אין דעם בלוט וואס אונ־זער פאטער אברהם האט זיך מל געוועזען אום יום כפור און זאלסט

פארגעבען אויף אלע אונזערע זינד אזוי וויא דיין גערעכטיגקייט. מיט דיין גרויס גוטסקייט זאל זיך אוועקקעהרען דיין גרים צארן פון דיין פאלק, און פון דיין שטאדט, און פון דיין לאנד, און פון דיין ארב:

תחנה פון אויסנעהמען צו מנחה יום כפור.

רבונו של עולם, דו ביסט א האר פון רחמנות און צו פארגעבען די זינד. הער צו מיין קול און ענטפער מיר אין מיין קלאגען אין די טויערען פון רחמנות. צו דיר, גאט, איז איצט די צייט פון רצון, אז דוא זאלסט מיר מוחל זיין אלע מיינע זינד, וואס איך האב געזינדיגט געגען דיר פון מיין יוגענד אן ביז היינטיגען טאג. זאלסט ממלא זיין אלע שמות הקדושים, וואס איך האב אין זייא פוגם געוועזען און זאלסט מיך אומקעהרען צו דיר בתשובה שלמה און זאלסט מיר פיהרען אין רעכטען וועג צו דיין דיענסט. אחת שאלתי מאת יי אותה אבקש, איין זאך בעט איך פון דיר, ליעבער גאט, אז איך זאל זיצען אין דיין הויז, דאס מיינט מען אין היילינגען בית המקדש, און איך זאל זעהן דאס זיסקייט פון גאט־ברוך־הוא און איך זאל שטעהן פאר איהם אין זיין היכל. לערען מיך, גאט, דיין וועג און לאז מיך געהן אין דיין אמת. איינציג מיין הארץ אז איך זאל מורא האבען פאר דיין היילינגען נאמען. לב טהור ברא לי אלהים, איך בעט דיך, ליעבער גאט, באשאף מיך א ריין הארץ און א רעכטען גייסט זאלסט דוא באנייען אין מיר. אל תשליכני מלפניך ורוח קדשך אל תקח ממני, איך בעט דיר, ליעבער גאט, אז דוא זאלסט מיר ניט אוועקווארפען פון פאר דיר און דיין היילינגע נבואה זאלסטו פון מיר ניט אוועקנעהמען. איך בעט דיר, ליעבער גאט, דערבארעם זיך איבער מיר און זאלסט ניט פארשעהמען מיין פיין וואס איך האב פאר דיר היינט געפאסט, וואס מיינע קניהען זיינען געשטרויבעלט געווארען מחמת פאסטען און מיין פלייש איז מאגער געווארען פון מיין פעטקייט. הער צו, ליעבער גאט, מיין תפלה און מיין געשריי זאלסטו פארנעהמען. צו מיינע טרעהרען זאלסטו גיט

שוויינגען און מיין תפלה זאל בייא דיר אזוי חשוב זיין וויא קטורת. דאס אויפהויבונג פון מיינע הענד זאל בייא דיר אזוי זים זיין וויא א קרבן מנחה. וועה איז צו מיר, דער טאג געהט אוועק, עס קעהרט זיך אפ דער שאטען פון דער זון. עס קומט אויף מיר א מורא און א ציטערנעס, ווען איך דערמאהן מיך אן מיינע זינד, און איך וויים ניט אויב איך וועל ארויסגעהן גערעכט פון דעם משפט פון דיין גערעכטען בית־דין אדער חיב, הס ושלום. אצונד, ליעבער גאט, איז מיין האפנונג נאר אויף דיר און אויף דיין גרוים דערבארעמקייט, אז דיין רחמנות זאל איינהאלטען דיין כעס און דו זאלסט זיך מיט מיר נוהג זיין במדת החסד ובמדת הרחמים און ו׳ זאלסט מיט מיר טהאן לפנים משורת הדין. מיט דיין גרוים גוטס זאלסטו אומקעהרען דיין גרים צארען פון דיין פאלק ישראל און פון דיין היילינער שטאדט ירושלים און זייא מבטל פון אונז כל ישראל אלעם שלעכטם, זאלסט באוועגען דאס הארץ פון אונזערע שרים און זייערע יועצים אויף אונז צוא גוטען און זאלסט אונז אנשרייבען מיט דיא צדיקים, וואס זיי טהוען דיין ווילען און איינינען דיין היילינען נאמען, אין ספר החיים און אין ספר ברכה ושלום ופרנסה טובה ישועות ונחמות. דו זאלסט אונז געבען כח אז מיר זאלען קאנען באשטעהן אקעגען דעם יצר הרע ער זאל אונז ניט מאכען שטרויכלען מיט א דבר עברה. און פון וועגען דיין היילינען נאמען זאלסט דוא, ליעבער גאט, אונז פיהרען אין גוטען וועג און זאלסט אונז העלפען אז מיר זאלען קאנען באשטעהן בתשובה שלמה פאר דיר כל זמן אונזער לעבען, ביז דעם טאג וואס דו וועסט אונז צונעהמען פון דער וועלט צו דיר. און דו זאלסט אונז ניט אוועקנעהמען פון דער וועלט פאר דער צייט ביז עס וועט דערפיהלט ווערען אונזערע יאהרען, דאס הייסט, זיבעציג יאהר, כדי מיר זאלען קאנען פארריכטען וואס מיר האבען קאליע געמאכט, און מיר זאלען זוכה זיין צוא זעהן אין גיכע צייטען אין ־ער נחמה פון ציון וירושלים אמן כן יהי רצון: ואני תפלתי כו׳

· בריך שמיה כו׳

א תחנה צו זאגען פאר נעילה.

ערבארעמיגער גאט, אלהי הצבאות. דוא האלסט שוין ביין גזר דין צו פאר'חתמ'ענען יעדענם גורל, יעדענם מזל, וואס דו האסט פיר איהם אנגעשריעבען. דער טאג איז פארביי, די זון געהט אונטער און דער שרעק ליבער חותם ליעגט אצונד אין דיין אייגענע האנד. רבונו של עולם, איידער דו וועסט דיין היילינען זיגעל לייגען אויף אונ־זער משפט, באטראכט דיינע ארעמע קינדער, דיינע פאר־וואגעלטע שעפסעלאך, וועלכע שטעהען פאר דיר נאך פון נעכטען מיט א פארקלעמט געמיטה, מיט א צובראכענעם הארצען, פארשמאכט, פאריאמערט און זייערע אויגען איז אויסגעשטעלט נאר צו דיר אליין. באטראכט, ערבארמיגער גאט, דיא לאגע פון דיין ארעמע פאלק, וועלכע ווערט פאר־פינצטערט אין חושך'דיגען גלות, שוין באלד צוויא טויזענד יאהר. באטראכט, וואס אונזערע עלטערען האבען געליטען ביז הייוט, ווי זיי האבען מקריב געווען זייער לעצטען טרא־פען בלוט פאר דיין היילינען נאמען. באטראכט, הימלישער פאטער, דעם ביטערען לעבען פון דיינע ארעמע קינדער וועלכע שטעהען אצונד פאר דיר און ערווארטען פון דיר א מחילה וסליחה אין דם היילינען יום הכפורים. ווער נאך ווי דו אליין, גרויסער גאט, ווייסט אונזערע צובראכענע הערצער, אונזערע בלוטינע וואונדען, וועלכע מיר טראגען טיעף אין אונזערע פארקלעמטע הערצער. נאר דוא אליין ווייסט, דאס ניט חלילה דיך צוא ערצערנען האבען מיר געגען דיר פאר־בראכען, נור אונזער שווערער פינסטערער לעבען האט אונז דאצו געבראכט. דערמאהן זיך ערבארמיגער גאט, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, ווער איז נאך וויא דיין פאלק ישראל

איינער אויף דיין גאנצער וועלט. וועלכער האט אזוי פיעל געליטען איבער דיא הייליגקייט פון דיין גרויסען נאמען. עס איז שוין צייט, אז דוא זאלסט זיך דערמאהנען דיין הבטחה, וואס דו האסט געגעבען אונזערע עלטערען. וויא לאנג נאך וועלען מיר זיין צוא שאנד און צוא שפאט אין אלע עקען פון דער וועלט. ערבארמיגער גאט, וואס דוא ביסט דיא קוועלע פון רחמנות, היינט איז דער טאג, וואס דו האסט באשטימט יעדענס גורל אויף דעם גאנצען יאהר צו באשטימען. באלד פארשליסטו שוין אלע טיהרען. מיט שרעק און ציטערנעס שטעהען מיר יעצט פאר דיר. ערבארעם דיך אויף אונז און אויף אלע אונזערע ארעמע עלענדע אומגליקליכע ברידער, וועלכע זיינען צוזעעט און צושפרייט אין אלע עקען פון דער וועלט. לאז שוין זיין דער יאהר וואס איז אוועק א סוף פון אונזערע צרות. הייל די וואונדען פון אונזערע בלוטיגע הערצער, טרויסט דיינע באטריבטע, פארביטערטע קינדער. שרייב זיי אן צו א גוטען לעבען אויפ'ן נייעם יאהר, דען צוא דיר אליין האפען מיר, און שיק אונז דעם גואל צדק, במהרה בימינו, אמן:

תחנה פון סוכות נאך ליכט בענשען.

דיא ברכות פון ליכט בענטשען און שהחינו געפינט מען אויבען (צד 158) דיא תחנה זאגט מען די ערשטע טעג סוכות און שבת חול המועד סוכות נאך ליכט בענשען מיט גרויס כוונה:

קבל נא ברצון אמרי פי והגיון לבי:

רבונו של עולם, נעהם אן מיט באוויליגונג די זאג פון מיין מויל, וואס איך קום יעצט צו זאגען פאר דיר, און דיא געדאנקען וואס איך טוה יעצט טראכטען צו גוטען:

עוֹרְרָה רַחֲמֶיךָ הַמְרֻבִּים עָלַי אֲמָתֶךָ:

• דערוועק, ליעבער הארציגער גאט, דיינע פיעל דערבארעמקייט אויף מיר דיין דיענסט (פב"ב) און דו זאלסט אפטהאן דיין גרימצארן פון מיר:

בְּאֶבְרָתֶיךָ תָּסֵךְ עָלַי וְתַחַת כְּנָפֶיךָ אֶחֱסֶה:

מיט דיינע פליעגעל זאלסטו באדעקען אויף מיר צוא היטען מיך פון אלעם בייזען און אונטער דיינע פליגעל וועל איך מיך באשיר־צען אין דעם זכות וואס מיר באדעקען די סוכה מיט דעם סכך:

וּבִזְכוּת מִצְוַת סוּכָּה תַּצִּילֵנוּ מִגָּלוּת:

און אין דעם זכות וואס דיינע ליעבע קינדער זיינען פארוואגעלט פון זייערע הייזער צו זיצען אין סוכה, זאלסטו אונז באשירמען מיר זאלען ניט פארטריבען ווערען פון אונזער ארט און מיר זאלען ניט דארפען נע ונד זיין:

וְתָגֵן עָלֵינוּ לְבַל יִשְׁלְטוּ בָנוּ שׂוֹנְאֵינוּ:

און זאלסט אויף אונז, ליבער גאט, באשיצען אז אונזערע שונאים זאלען אין אונז נישט געוועלטיגען. מיר זאלען געהיט זיין פון אלע אונזערע פיער זייטען אין דעם זכות פון די פיער ווענט וואס מיר מאכען אין דער סוכה:

וּתְקַבֵּץ נְפוּצוֹתֵינוּ מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ:

און זאלסט איינזאמלען דערבארמיגער גאט, דיין פאלק וואס זיי־נען נעבאך צושפרייט אין אלע פיער עקען פון דער וועלט:

משלי מוסר

מיר זאגען אין סוכות'דיגען פיוט: „נואקים אליך בכל לבבם, סמכם וריב ריבם", זיי שרייען צוא דיר מיט'ן גאנצען הארצען, שטיץ

זיי אוי נעהם זיך אן זייער קריוודע, למשל:

א איד האט געדונגען אן ארענדע פון א גראף פאר דריי

וְתַצִּילֵנוּ מִשִּׁבְיָה וּמִמַּאֲסָר עַל יְדֵי עֲלִילָה:

און זָאלְסְט אונז בַּאשִׁירְמֶען מִיר זָאלֶען חָלִילָה נִיט גֶעפַאנְגֶען װֶער־רֶען און מִיר זָאלֶען אויף זִיךְ קֵיין בִּלְבּוּל נִיט הָאבֶּען, װָאס דוּרְךְ דֶעם זָאלֶען מִיר זִיצֶען אִין תְּפִיסָה, אִין דֶעם זְכוּת װָאס מִיר זַיינֶען מְקַיֵּים דֵיין הֵיילִיגֶע מִצְוָה צוּ זִיצֶען אִין סוּכָּה:

בְּנֵה בֵּית מִקְדָּשְׁךָ וְהָשֵׁב שְׁכִינָתְךָ לִירוּשָׁלָיִם:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס זָאהְל פַאר דִיר אוֹיפְגֶעהְן דֶער זְכוּת װָאס דֵיינֶע לִיעבֶּע קִינְדֶער בּוֹיעֶן דִיא סוּכּוֹת, אַז דוּא זָאלְסְט זֵיי גִיךְ בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ און זָאלְסְט אוּמְקֶעהְרֶען דֵיין שְׁכִינָה קֵיין יְרוּשָׁלַיִם:

וְתַעֲלֶה לְפָנֶיךָ לְרָצוֹן בִּרְכָתִי עַל הַנֵּרוֹת:

און עֶס זָאל אוֹיפְגֶעהְן פַאר דִיר צוּ גוּטֶען װִילֶען דִיא בְּרָכָה װָאס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אויף דִי לִיכְט בְּשַׁעַת אָנְצִינְדֶען לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגֶען יוֹם טוֹב אִין דֶער סוּכָּה:

וְתִשְׁמוֹר אֶת כָּל בָּתֵּי יִשְׂרָאֵל מִשְּׂרֵפָה וְתַבְעֵרָה:

און זָאלְסְט הִיטֶען אַלֶע אִידִישֶׁע הַייזֶער, עֶס זָאהְל, חָלִילָה, נִיט קוּמֶען אויף זֵייא קֵיין שְׂרֵפָה און קֵיין בְּרֶענוּנְג, אִין דֶעם זְכוּת װָאס מִיר, אַלֶע װייבֶּער, דֶערְלַייכְטֶען מִיט דֶעם פַייעֶר פוּן דִיא לִיכְט אִין דִיא סוּכּוֹת:

וְלֹא יִרְבּוּ הַגְּשָׁמִים בְּכָל שִׁבְעַת יְמֵי הֶחָג:

און זָאלְסְט דִי אִידֶען מְזַכֶּה זַיין, לִיעבֶּער גָאט, מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן סוּכּה, עֶס זָאל נִיט גֶעהְן קֵיין רֶעגֶען אַלֶע זִיעבֶּען טֶעג פוּן סוּכּוֹת:

משלי מוסר

הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל אַ יָאהְר. וַיְהִי הַיּוֹם אִיז דֶער גְרַאף אַװֶעקְגֶעפָאהְרֶען און הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַן אוֹיפְזֶעהֶער אויף זַיינֶע מַאיָאנְטְקֶעס. דֶער אוֹיפְזֶעהֶער אִיז גֶעװֶען אַ שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל און עֶר הָאט דֶעם אַרֶענְדַא־טָאר גֶעדְרִיקְט. אַנְשְׁטָאט דְרַיי הוּנְדֶערְט עֶר אִיהְם גֶעהֵייסֶען צָאה

וְאַל יִכְבּוּ הָרוּחוֹת אֶת הַנֵּרוֹת אֲשֶׁר הִדְלַקְנוּ:

און עס זאל ניט פארלעשען קיין שום ווינט דיא ליכט וואס מיר האבען אנגעצונדען אין דער סוכה לכבוד דעם הייליגען יום טוב:

וְתָאִיר אֶת מַזָּלֵנוּ לְפַרְנָסָה וּלְכַלְכָּלָה:

און זאלסט דערלייכטען, ליעבער גאט, אונזער מזל צו א גוטע פרנסה און צוא שפייז. אונזער פרנסה זאהל ניט געמינערט ווערען און מיר זאלען ניט דארפען אנקומען צוא דעם געשאנק פון א בשר ודם:

וְתָאִיר אֶת עֵינֵי בַּעֲלִי וּבָנַי בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה:

און אזוי וויא איך האב געטהאן דערלייכטען דיא סוכה מיט דיא ליכט וואס איך האב געבענשט אזוי זאלסט דו, ליעבער גאט, דער־לייכטען די אויגען פון מיין מאן און מיינע קינדער אין דיין הייליג׳ תורה:

עֲשֵׂה לְמַעַן בָּאֵי בָאֵשׁ עַל קְדוּשַּׁת שְׁמֶךָ:

רבונו של עולם, אין דעם זכות וואס מיר צינדען אן מיט פייער די ליכט לכבוד דעם הייליגען סוכות זאלסט דו אונז געדענקען דעם זכות פון דיא צדיקים, וואס זיינען פארצייטען פארברענט געווארען אין פייער וועגען צו הייליגען דיין נאמען:

עֲשֵׂה לְמַעַן אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב:

טהו מיט אונז גוטס, ליעבער גאט, אין דעם זכות וואס מיר בענשען דיא ליכט און דערלייכטען די הייליגע סוכה מיט פייער אז עס זאל דערוועקט ווערען דער זכות פון אברהם אבינו, וואס ער איז

משלי מוסר

לען פינף הונדערט רובעל א יאהר און דיא ארענדע האט געמוזט בא־צאהלט ווערען פונקט צו דער מי־נוט. אין מאהל האט דעם אידען אויסגעפעהלט צוואנציג רובעל און דער אויפזעהער האט געהייסען אז מען זאהל איהם דערפאר געבען צוואנציג שמיטץ. מיט א צייט

גֶעוָוארְפֶען גֶעוָוארֶען אִין דֶעם פְלַאם פַייעֶר פון דֶעם קַאלְךְ־אויוֶוען און דֶער זְכוּת פון יִצְחָק, וָואס עֶר אִיז גֶעבּוּנְדֶען גֶעוָוארֶען צוּא דֶער עֲקֵידָה אויף הָאלְזְ מִיט פַייעֶר און דֶער זְכוּת פון יַעֲקֹב אָבִינוּ, וָואס הָאט זִיךְ גֶערַאנְגֶעלְט מִיט אַ מַלְאָךְ פון פַייעֶר. זֵייעֶר זְכוּת זָאלְסְטוּ הַיינְט גֶעדֶענְקֶען, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן:

בְּרָכוֹת פון אֶתְרוֹג בֶּענְטְשֶׁען.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל נְטִילַת לוּלָב:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה:

תְּחִנָּה נָאךְ אֶתְרוֹג בֶּענְטְשֶׁען.

דִיא תְּחִנָּה זָאגְט מֶען אוּם סוּכּוֹת אֵיידֶער מֶען בַּאוֶועגְט וֶוען מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאךְ אֶתְרוֹג בֶּענְשֶׁען:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ הָאֱלֹהִים וַאֲדוֹנֵי הָאֲדוֹנִים, עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילֶען פַאר דִיר גָאט און דֶער הַאר איבֶּער אַלֶע הַארֶען אַז עֶס זָאל אָנְגֶענוּמֶען וֶוערֶען דִיא מִצְוָה וָואס אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעטְהָאן מִיט דֶעם אֶתְרוֹג בֶּענְשֶׁען גְלַייךְ ווִי אִיךְ

מִשְׁלֵי מוּסָר

שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער גְרַאף גֶעקוּמֶען און דֶער אַרֶענְדַאטָאר הָאט אִיהְם דֶערְצֶעהְלְט ווִי אַזוֹי דֶער אויפְזֶעהֶר הָאט אִיהְם בַּאהַאנְדֶעלְט. דֶער גְרַאף, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶועזֶן אַ גוּטֶער מֶענְשׁ, הָאט זִיךְ אַגב אַרוּמְגֶעזֶעהֶן אַז דֶער אויפְזֶעהֶר הָאט אִיהְם בַּא־גַנְבֶ׳עט און הָאט זִיךְ אויסְגֶעשְׁטֶעלְט

האב מכוון געווען אלע כוונות וואס מען דארף צו מכוון זיין,
און די מצוה זאל לייכטען אין אלע הויכע הימלען:

יהי רצון מלפניך ה׳ אלהי ואלהי אבותי, עס זאהל זיין דער
ווילען פאר דיר גאט מיין גאט דער גאט פון מיינע על־
טערען, אז אין דעם זכות וואס איך האב גענומען אין מיין
האנד דעם אתרוג וואס ער ווערט אנגערופען פרי עץ הדר,
א שעהנע פרוכט פון א בוים, זאלסט דו מיר געדענקען דעם
זכות פון אונזער פאטער אברהם און אונזער מוטער שרה,
וואס דו האסט זיי באשיינט מיט אלטקייט, אזוי ווי אין פסוק
איז געשריעבען: ואברהם ושרה זקנים באים בימים:

יהי רצון מלפניך ה׳ אלהי ואלהי אבותי, עס זאהל זיין דער
ווילען פאר דיר גאט מיין גאט, דער גאט פון מיינע על־
טערען, דו זאלסט מיר פארגעבען אויף אלע מיינע בייזע גע־
דאנקען פון מיין הארץ אין דעם זכות וואס איך האב גענו־
מען אין מיין האנד דעם אתרוג וואס ער איז געגליכען צוא
דער הארץ פון מענשען:

יהי רצון מלפניך ה׳ אלהי ואלהי אבותי, עס זאהל זיין דער
ווילען פאר דיר גאט מיין גאט און דער גאט פון מיינע
עלטערען, אז אין דעם זכות וואס איך האב גענומען אין מיין
האנד דעם געבונדענעם לולב זאהל דערוועקט ווערען אויף
מיר דער זכות פון אונזער פאטער יצחק וואס ער איז געווען
אויף דער עקידה און דער זכות פון אונזער מוטער רבקה,

משלי מוסר

א מויער פאר פיער טויזענד רובעל. ער האט גערופען דעם אויפזעהר און איהם געהייסען באצאהלען דעם אידען צו הונדערט רובעל פאר יע־
דען שמיטץ וואס ער האט איהם גענעבען. פאר צוואנציג שמיטץ איז אויסגעקומען צוויי טויזענד רו־
בעל. ווען דער אויפזעהער האט

װאָס זי איז גענגליכען צו דעם לולב, אַזוי װי אין אַ לולב איז פאַראַן פּירות און דערנער אַזוי איז פון רבקה אַרויסגעקומען יעקב און עשו:

יהי רצון מלפניך ה׳ אלהי ואלהי אבותי, עס זאָהל זיין דער װילען פאַר דיר גאָט מיין גאָט און דער גאָט פון מיינע עלטערען אַז דו זאָלסט מיר פאַרגעבען אַלע מיינע זינד װאָס איך האָב געטהאָן מיט׳ן חוט השדרה אין דעם זכות װאָס איך האָב גענומען אין מיין האַנד דעם לולב װאָס ער איז גענגליכען צו׳ם חוט השדרה פון דעם מענשען:

יהי רצון מלפניך ה׳ אלהי ואלהי אבותי, עס זאָהל זיין דער װילען פאַר דיר גאָט מיין גאָט און דער גאָט פון מיינע עלטערען, אַז אין דעם זכות װאָס איך האָב גענומען אין מיין האַנד דיא דריי צװייגעז פון אַ הדס זאָהל דערװעקט װערען אויף מיר דער זכות פון יעקב אבינו װאָס ער איז דער דריי־טער פון די הייליגע אבות װאָס ער איז גענגליכען צו אַ הדס, אַזוי װיא אַ הדס איז פול מיט בלעטלאַך, אַזוי איז יעקב געװען פול מיט קינדער:

יהי רצון מלפניך ה׳ אלהי ואלהי אבותי, עס זאָהל זיין דער װילען פאַר דיר גאָט מיין גאָט און דער גאָט פון מיינע עלטערען, אַז דו זאָלסט מיר פאַרגעבען מיינע אַלע זינד װאָס איך האָב געטהאָן מיט מיינע אויגען אין דעם זכות װאָס איך

משלי מוסר

ערקלעהרט אַז ער האָט קיין געלט ניט, האָט דער גראַף געהייסען אַז אַ האַלב פון אויפזעהער׳ס מויער זאָל געהערען צום אידען. דער אַרענדאַטאָר איז געקומען אַהיים אַ אומעטיגער, און װען זיין װייב האָט איהם געפרעגט, װאָרום ער איז אוּמעטיג, האָט ער ערקלעהרט: װען

האָב הײנט גענומען אין מײַן האַנד דעם הדס וואָס ער איז געגליכען צו די אויגען פון מענשען:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי. עס זאָהל זײַן דער ווילען פאַר דיר גאָט מײַן גאָט און דער גאָט פון מײַנע עלטערען, אַז אין דעם זכות וואָס איך האָב גענומען אין מײַן האַנד די עֲרָבָה, וואָס זי ווערט פאַרוויאַלעט פריהער אײדער די אַנדערע מינים, זאָל פאַר דיר דערוועקט ווערען דר זכות פון יוסף הצדיק וואָס ער איז געגליכען צוא דער עֲרָבָה, דען ער איז אויך פריהער געשטאָרבען אײדער זײַנע ברידער. און דער זכות פון אונזער מוטער רָחֵל וואָס זיא איז אויך געגלי־כען צוא דער עֲרָבָה, דען זיא איז געשטאָרבען אײדער איהר שוועסטער לֵאָה:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי. עס זאָהל זײַן דער ווילען פאַר דיר גאָט מײַן גאָט און דער גאָט פון מײַנע עלטערען, אַז דוא זאָלסט מיר פאַרגעבען אויף אַלע מײַנע עבירות וואָס איך האָב געטהאָן מיט דיא רייד פון מײַן מויל אין דעם זכות וואָס איך האָב הײנט גענומען אין מײַן האַנד די עֲרָבָה, וואָס איהרע בלעטלאַך זײַנען געקאַרבט און זײַנען גלײַך צו דעם מויל פון דעם מענשען:

אַ נײַע תְּחִנָּה נאָך אֶתְרוֹג בענשען.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דערבאַרמיגער גאָט, וואָס דו ביסט אַ דערבאַר־מיגער און אַ לײַטזעליגער צוא אַלע מענשען. געדענק צוא

משלי סומר

דער אויפזעהער האָט מיר געגעבען די שמיטץ האָב איך געשריהען און געוויינט, הלוואי וואָלט ער מיר גע־

ווען געבען נאָך צוואַנציג ריטער. וואָלטען מיר איצט געהאַט דעם גאַנצען מויער.

דיין ליעב פאלק ישראל, וואס זייא האלטען דיין געבאט און לויבען דיך מיט די פיער מינים אתרוג און לולב און הדס און ערבה, אז דוא זאלסט זיין אין אונזער הילף צוא היטען אונז פון אלע פיער זייטען. בזכות וואס מיר האבען קיין הנאה ניט פון דעם אתרוג אלע זיעבען טעג פון יום טוב אזוי וויא דו האסט צו אונז געבאטען, זאלסטו אפ־מעקען דיא זינד פון אדם און חוה וואס זייא האבען געגעסען פון עץ הדעת אײדער דוא האסט זיי מתיר געווען צוא עסען און זיי האבען געבראכט דעם טוידט אויף דער וועלט. בענטש אונז, ליעבער גאט, צום נייעם יאהר מיט א גוט קוויטעל, מיר זאלען גע׳חתמ׳עט ווערען צו לאנגע יאהרען און א גוט לעבען און משיח זאהל קומען, במהרה בימינו, אמן:

תחנה שלש עשרה מדות לשלש רגלים.

אום פסח ושבועות וסוכות, ווען מען נעהמט ארויס די ספרי תורה, זאל מען פריהער זאגען דיא שלש עשרה מדות דריי מאהל נאך אנאנד און דערנאך זאל מען זאגען דעם רבש״ע:

יי יי אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נושא עון ופשע וחטאה ונקה:

רבונו של עולם, הערר פון דער גאנצער וועלט, עס זאהל זיין דער ווילען פאר דיר דו זאלסט ערפיהלען דעם באגער פון מיין הארצען צוא גוטען און בענשונג און זאלסט מזכה זיין מיך (פכ״ב) און מיין הויז־געזינד צו טהאן דיין ווילען

משלי מוסר

אט דאס זאגען מיר: „נואקים אליך", ווען עס איז דיא אידען שלעכט שבייען זיי, אבער „סמכם ריב ריבם", אבער נאכהער לעוה״ב זאלסטו זיי גוט באצאהלען פאר זייערע יסורים און זיי זאלען בארפען בעדויערען וואס זייא האבען אויף דיזער וועלט ניט געליטען מעהר.

מִיטְ'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען און זָאלְסְט אוּנְז מַאכֶען אַנְטְרִינֶען פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע און דוּא זָאלְסְט גֶעבֶּען אוּנְזֶער חֵלֶק אִין דַיין לֶיעבֶּע הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וּמִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים, כְּדֵי דֶער־מִיט זָאלְסְטוּ מַאכֶען רוּהֶען דַיין שְׁכִינָה אוֹיף אוּנְז און זָאלְסְט מַאכֶען רוּהֶען אוֹיף אוּנְז דֶעם שֵׂכֶל פוּן דַיין הֵיילִיגֶער שְׁכִינָה און דוּא זָאלְסְט אוּנְז מְזַכֶּה זַיין דָאס מִיר זָאלֶען גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערֶען מִיט חָכְמָה וּבִינָה, -מִיט קְלוּגְהַייט און פַארְשְׁטֶענְדִיגְ־קַייט, אַז עֶס זָאל אָן אוּנְז מְקוּיָם וֶוערֶען דֶער פָּסוּק וָואס גֶע־שְׁרִיעבֶּען שְׁטֶעהְט: און עֶס וֶועט רוּהֶען אוֹיף דִיר דִיא נְבוּאָה פוּן פַארְשְׁטֶענְדִיגְקַייט און פוּן שְׁטַארְקַייט אִין דֶער תּוֹרָה און דִיא גְבוּרָה פוּן וִויסֶענְשַׁאפְט דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת און פוּן גָאטְס פָארְכְט. און דַארוּם זָאהְל זַיין דֶער וִוילֶען פַאר דִיר גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶען דָאס דוּא זָאלְסְט מִיךְ מְזַכֶּה זַיין צוּא טְהָאן מַעֲשִׂים טוֹבִים אִין דַיינֶע אוֹיגֶען און צוּ גֶעהְן אִין רֶעכְטְפַארְ־טִיגֶען וֶועג פַאר דִיר. און דוּא זָאלְסְט אוּנְז גֶעבֶּען דָאס מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא צוּ אַ לַאנְג לֶעבֶּען און צוּ אַ גוּט לֶעבֶּען און דוּ זָאלְסְט מִיךְ הִיטֶען פַאר אַלֶע מַעֲשִׂים רָעִים און פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע און פוּן אַלֶע בֵּייזֶע וֶועגֶען. און וֶוער עֶס פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אִין דִיר גָאט, דֶער אִיז פַארְזִיכֶערְט, און זָאלְסְט מִיךְ אַרוּמְרִינְגְלֶען מִיט חֶסֶד, אָמֵן, כֵּן יְהִי רָצוֹן:

דַאן זָאגְט מֶען „בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ״.

משלי מוסר

ווען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶע־שְׁטַאנֶען פְלֶעגְט מֶען סוּכּוֹת פַרַאוֶוען שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי שֶׁעהְנְסְטֶע צֶערֶעמָא־נִיע אִין דֶער וֶועלְט. הִלֵּל הַזָּקֵן אִיז דַאמָאלְסְט גֶעוֶוען דֶער גָדוֹל הַדּוֹר בַּיי אִידֶען. דֶערְצֶעהְלְט דִי גְמָרָא, אַז בַּיי שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה פְלֶעגְט עֶר זָאגֶען: „אִם אֲנִי כָּאן הַכֹּל כָּאן, וּכְשֶׁאֵין אֲנִי כָּאן, מִי כָּאן?״—אַז אִיךְ

תְּחִנָּה לְהוֹשַׁעְנָא רַבָּה פַאר הַלֵּל.

די תְּחִנָּה זָאגְט מֶען אוּם הוֹשַׁעְנָא רַבָּה פַאר הַלֵּל:

אָנָּא יְיָ הָאֵל הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא. אִיךְ בֶּעט דִיךְ גָאט דֶער גְרוֹיסֶער אוּן שְׁטַארְקֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער, אִיךְ קוּם פַאר דִיר מִיט גְרוֹיס פַּחַד אוּן צִיטֶערְנֶעשׁ אוּן אִיךְ טוּה צוּא דִיר תְּפִלָּה טְהָאן מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה, הַיינְט אִין דֶעם טָאג וָואס אִיז דֶער לֶעצְטֶער טָאג פוּן דֶעם גְּמַר פוּן דֶער חֲתִימָה, הַיינְט אִין דֶעם טָאג טוּהֶען גֶע׳חַתְמֶ׳עט וֶוערֶען דִי קְוִויטְלַאךְ פוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירֶען מִיט אִיהְם אַ גַאנְץ יָאהְר, צוּ עֶר זָאל זַיינֶע יָאהְרֶען אוֹיסְלֶעבֶּען אָזֶ ער עֶר זָאל זַיי חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אוֹיסְלֶעבֶּען, עֶר זָאל שְׁטַארְבֶּען אִין וַואסֶער אָדֶער אִין פַייעֶר, דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערְד אָדֶער דוּרְךְ אַ חַיָּה, פַאר הוּנְגֶער אָדֶער פַאר דָארְשְׁט, אִין שְׁטוּרֶעם אָדֶער אִין מָארְד, עֶר זָאהְל דֶערְוָארְגֶען וֶוערֶען אָדֶער עֶר זָאהְל פַארְשְׁטֵיינְט וֶוערֶען. עֶר זָאהְל רוּהֶען אָדֶער עֶר זָאל זַיין נָע וָנָד, עֶר זָאל זַיין רוּהִיג אוּן זִיכֶער אָדֶער פְרֶעמְדֶע זָאלֶען אַוועקְנֶעהְמֶען זַיין גֶעלְד בִּגְזֵילָה, עֶר זָאל הָאבֶּען שָׁלוֹם אוּן גֶעזוּנְד אוּן שְׁטַארְק זַיין אָדֶער עֶר זָאל גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערֶען מִיט יִסּוּרִים. עֶר זָאהְל פַארָארֶעמְט וֶוערֶען אָדֶער עֶר זָאהְל רַייךְ וֶוערֶען, עֶר זָאהְל אַרָאפּ פוּן זַיין גְּדוּלָּה אָדֶער עֶר זָאהְל דֶערְהוֹיבֶּען וֶוערֶען. וְהַיּוֹם הַזֶּה, אוּן הַיינְטִיגֶען טָאג הוֹשַׁעְנָא רַבָּה וֶוערְט גֶעגֶעבֶּען דָאס קְוִויטֶעל מִיט דֶעם גְּזַר דִּין צוּם מֶענְטְשֶׁען, סַיי אוֹיף גוּטְס אוּן סַיי אוֹיף שְׁלֶעכְטְס. דַארוּם בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, צוּא בֶּעטֶען פַאר דִיר, דוּא זָאלְסְט גֶעבֶּען דָאס גוּטֶע קְוִויטֶעל מִיר אוּן מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער, לֶעבֶּען, גֶעזוּנְד אוּן פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד, אוֹיךְ גָאר דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל

משלי מוסר

בִּין דָא אִיז אַלֶעס דָא אוּן אַז אִיךְ בִּין נִיטָא. טָא וֶוער אִיז דָא? אִיז דָאךְ דִיא קַשְׁיָא: הִלֵּל, ווייסֶען מִיר בַאךְ. אִיז גֶעוֶועזֶען אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו.

הַיינְט וִוי קוּמְט עֶס עֶר זָאל רֵיידֶען מִיט אַזַא גַאוָה? וֶועלֶען מִיר דָאס פַארְשְׁטֶעהֶן מִיט אַ מָשָׁל:

אַ קְלֵיינְשְׁטֶעטְלְדִיגֶער אָרֶע-

זאָלסטו געבען קוויטלאַך פֿון אַ גוט לעבען און פּרנסה מיט שפע און הצלחה און אַלעם גוטען:

רבונו של עולם, געדענק אונז מיט אַ גוט געדעכעניש פֿאַר דיר:

רבונו של עולם, גיעב אונז דאָס קוויטעל פֿון גוט לעבען:

רבונו של עולם, גיעב אונז דאָס קוויטעל פֿון גוטע פּרנסה:

רבונו של עולם, דערבאַרעם דיך אויף אונז און אויף אונזערע קליינע קינדערלאַך:

אַ נײַע תחנה הושענא רבה פֿאַר הושענות.

רבונו של עולם, דו גאָט פֿון גענאַד און ערבאַרמונג, וואָס דיין האַנד איז אויסגעשטרעקט מקבל צו זיין אַלעמען וועלכע קעהרען זיך צו דיר מיט'ן גאַנצען האַרצען. הער צו. גרויסער גאָט, די געבעט פֿון דיין דיענסט, וועלכע קומט יעצט פֿאַר דיר אין דיין היילינע הויז מיט אַ צוריסענע האַרץ צו בעטען בײַ דיר מחילה סליחה אין דעם היילינען טאָג הושענא רבה. מיט אַן אײַנגעבויגענע קאָפּ וויא אַ שוועררע זינדערין, מיט הייסע טרעהרען אין דיא אויגען שטעה איך אַצונד פֿאַר דיר אויסצובעטען בײַ דיר גאָט פֿון ערבאַרמונג אַ גוטען צעטעל פֿאַר מיר, פֿאַר מײַן מאַן, פֿאַר מײַנע קינדערלאַך און פֿאַר כל ישראל. רבונו של עולם, דוא פֿאָטער פֿון אַלע צובראָכענע הערצער, הער צו מײַן געבעט, פֿאַרנעהם מײַנע זיפֿצען. זאַמעל צוזאַמען מײַנע הייסע טרעהרען, וועלכע איך פֿאַרגיעס פֿאַר דיר אין דײַן היילינע הויז. מײַן

משלי מוסר

מאַן איז אַוועקגעפֿאָהרען אין אַ גרויסע שטאָדט און האָט דאָרט געקראָגע אַ משרת שטעלע בײַ אײַנעם זעהר אַ רײַכען קרוב. אין אַ צײַט אַרום איז ער געקומען אַהײם און האָט מיטגעבראַכט שעהנע

געבעט זאל ארויפגעהן צו דיר, צו דיין כסא הכבוד און זיא זאל דארטען געפינען אן ארט צווישען אלע תפלות ובקשות פון דיין פאלק ישראל, וועלכע עס קומען פאר דיר היינט פאר אין דיעזען הייליגען טאג. און דער זכות פון די הושענות וואס מיר זיינען מקיים דעם מנהג פון די הייליגע נביאים זאל מיר היינט ביישטעהען פאר דיין הייליגען שטוהל, אז דוא זאלסט דערמאהנען דיין דיענסט צו גוטען אויפ'ן נייעם יאהר, דו זאלסט זיך דערבארמען אויף מיר, אויף מיין מאן און אונז צושיקען א גרינגע חיונה. דו זאלסט היטען אלע מיינע קינדער צוזאמען מיט אלע קינדער פון דיין פאלק ישראל, פון אלעם בייז און פון שווערע קראנקהייטען. דו זאלסט זיי געבען א ריינע הארץ אז זייא זאלען געהען אין דיינע וועגען, לערנען דיין הייליגע תורה און היטען דיינע מצוות. קעהר אונז אום אין אונזער הייליגע שטאדט ירושלים און בוי אויף צוריק דיין הייליגען בית המקדש וואו דיין שכינה האט שטענדיג גערוהט, און דארטען וועלען מיר אונזערע הערצער דיר ברייגגען אפפער, און דיך דינען בקדושה ובטהרה, אמן, כן יהי רצון:

סדר הקפות פון הושענא רבה.

צו דער ערשטער הקפה זאגט מען דאס:

רחמנא, דערבארעמדיגער גאט, געדענק אונז דעם זכות פון אברהם דיין געליעבטער, וואס דוא האסט

משלי מוסר

לאמפען און אנדערע טייערע כלים וואס זיין קרוב האט איהם געגעבען א מתנה. ווען זיינע פריינד זיינען איהם געקומען בעזוכען און האבען געזעהן דיא שעהנע לאמפען און כלים, האבען זיי איהם אנגענומען

אִיהְם גֶעפְּרוּבְט מִיט צֶעהֶען פְּרוּבוּנְג אוּן עֶר אִיז בַּאשְׁטַאנֶען אוּן הָאט אִין דִיר גֶעגְלוֹיבְּט. זַיין זְכוּת אִין דֶער בְּרִית, וָואס דוּ הָאסְט מִיט אִיהְם כּוֹרֵת בְּרִית גֶעוֶועזְן, זָאל אוּנְז בַּיישְׁטֶעהְן הַיינְט אִין הוֹשַׁעְנָא רַבָּה צוּ דֶער גְמַר חֲתִימָה אַז דוּא זָאלְסְט קְנִיגֶען אִיבֶּער אוּנְז, דַיין לִיעבּ הֵיילִיג פָאלְק יִשְׂרָאֵל:

כִּי אָמַרְתִּי עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה:

צוּ דֶער אַנְדֶערֶער הַקָּפָה זָאגְט מֶען דָאס:

רַחֲמָנָא, דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער גָאט, גֶעדֶענְק אוּנְז דֶעם זְכוּת פוּן יִצְחָק וָוס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט זַיין הַאלְז אוּן הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט לָאזֶען מַקְרִיב זַיין פַאר אַ קָרְבָּן עוֹלָה פוּן דַיין לִיעבֶּען הֵיילִיגֶען נָאמֶען וֶועגֶען. זַיין זְכוּת זָאלְסְט דוּ אוּנְז גֶעדֶענְקֶען, לִיעבֶּער גָאט, הַיינְט אִין הוֹשַׁעְנָא רַבָּה צוּא דֶעם גְמַר חֲתִימָה אַז דוּ זָאלְסְט קְנִיגֶען אִיבֶּער אוּנְז, דַיין לִיבּ הֵיילִיג פָאלְק יִשְׂרָאֵל:

לְךָ זְרוֹעַ עִם גְּבוּרָה תָּעֹז יָדְךָ תָּרוּם יְמִינֶךָ:

צוּ דֶער דְרִיטֶער הַקָּפָה זָאגְט מֶען דָאס:

רַחֲמָנָא, דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער פָאטֶער, גֶעדֶענְק אוּנְז דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער פָאטֶער יַעֲקֹב, זַיין זְכוּת זָאהְל אוּנְז בַּיישְׁטֶעהְן הַיינְט אִין הוֹשַׁעְנָא רַבָּה צוּ דֶעם גְמַר חֲתִימָה

משלי מוסר

פַאר אַ גְרוֹיסֶען גְבִיר, הָאט דֶער גַאסְט צוּא זַייא גֶעזָאגְט: „מַיינֶע פְרַיינְד, אִיהְר הָאט אַ טָעוּת. דָאס גֶעהֶמְט מֶען מִיךְ אָן פַאר אַ גְבִיר דָא אִין קְלֵיין שְׁטֶעדְטֶעל. דָארְט אָבֶּער אִין דֶער כְּרַךְ בַּיי מַיין קָרוֹב בִּין אִיךְ גָאר נִיט. וֶוען אִיךְ קְלַאפּ אָן אִין זַיין טְהִיר אוּן עֶר פְרֶעגְט ׳וֶוער אִיז דָאס?׳ וֶוער אִיךְ אַ דֶער־שְׁרָאקֶענֶער״.

אָט דָאס הָאט הִלֵּל הַזָּקֵן גֶע־מֵיינְט: „אִם אֲנִי כָּאן״, אַז אִיךְ בִּין.

אז דוא זאלסט קיניגען איבער אונז, דיין ליעב היילינ פאלק ישראל:

תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב חֶסֶד לְאַבְרָהָם:

צו דער פערטער הקפה זאגט מען דאס:

רחמנא, דערבארעמדיגער פאטער, געדענק אונז דעם זכות פון משה רבינו דער באגלויבטער מאן, וואס דו האסט מיט איהם גערעדט פנים בפנים. זיין זכות זאל אונז בייששטעהן היינט אין הושענא רבה צו דעם גמר חתימה, אז דו זאלסט קיניגען איבער אונז דיין ליב היילינ פאלק ישראל:

נְעִימוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

צו דער פינפטער הקפה זאגט מען דאס:

רחמנא, דערבארעמדיגער גאט, געדענק אונז דעם זכות פון אהרן הכהן דער היילינער מאן, וואס איז גע־וועזן געקליידעט אין אכט בגדי כהונה צו מכפר זיין אויף די עבירות פון ישראל. זיין זכות זאל אונז ביישטעהן היינט אין הושענא רבה צו דעם גמר חתימה אז דו זאלסט גיך קיניגען איבער אונז, דיין ליעב היילינ פאלק ישראל:

יְיָ אֲדוֹנֵינוּ מָה אַדִּיר שִׁמְךָ בְּכָל הָאָרֶץ אֲשֶׁר תְּנָה הוֹדְךָ עַל הַשָּׁמָיִם:

משלי מוסר

דא אויף דער זינדיגער וועלט, איז „הכל כאן", מיינט איהר אז איך בין אלעם. „וכשאין אני כאן", און אז איך וועל דא ניט זיין, נור בעוה"ב ביים טיהר פון גן עדן. וואו עס גע־פינען זיך דיא אבות און אנדערע גרויסע צדיקים, און איך וועל אויך וועלען אבייַנגעהן, וועט מען פרע־

צו דֶער זֶעקְסְטֶער הַקָפָה זָאגְט מֶען דָאס:

רַחֲמָנָא, דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער גָאט, גֶעדֶענְק אוּנְז דֶעם זְכוּת פוּן יוֹסֵף הַצַדִיק דֶער גְרֶעסְטֶער מַאן אוּן זָאלְסְט קִינִיגֶען גִיךְ אוּן בַּאלְד אוֹיף אוּנְז דַיין לִיבּ הֵיילִיג פָאלְק יִשְׂרָאֵל:

צַדִיק יְיָ בְּכָל דְרָכָיו וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו:

צו דֶער זִיבֶּעטֶער הַקָפָה זָאגְט מֶען דָאס:

רַחֲמָנָא, דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער גָאט, גֶעדֶענְק אוּנְז דָאס זִיסֶע גֶעזַאנְג פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ עָלָיו הַשָׁלוֹם. מִיט טְרוּמֵייטֶען אוּן פִידְלֶען הָאט עֶר דֶערְוֶועקְט דֶעם מָארְגֶען־שְׁטֶערְן, צוּ לוֹיבֶּען דִיךְ מִיט זַיינֶע שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת. זַיין זְכוּת זָאל אוּנְז בַּיישְׁטֶעהְן הַיינְט אִין הוֹשַׁעְנָא רַבָּה צוּ דֶער גְמַר חֲתִימָה, בִּמְהֵרָה, גִיךְ אוּן בַּאלְד זָאל קוּמֶען דֶער מְבַשֵׂר צֶדֶק אוּן מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד, מִיר זָאלֶען קוּמֶען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנְזֶער הֵיילִיג לַאנְד, אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶעהְט אִין פָּסוּק: וּבָא לְצִיוֹן גוֹאֵל, אָמֵן:

לְךָ יְיָ הַגְדוּלָה וְהַגְבוּרָה וְהַתִּפְאֶרֶת וְהַנֵּצַח וְהַהוֹד כִּי כֹל בַּשָׁמַיִם וּבָאָרֶץ לְךָ יְיָ הַמַמְלָכָה וְהַמִתְנַשֵׂא לְכֹל לְרֹאשׁ: וְהָיָה יְיָ לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ בַּיוֹם הַהוּא יִהְיֶה יְיָ אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד: בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד:

משלי מוסר

קֹהֶלֶת זָאגְט: „וְשַׁבְתִּי אֲנִי וָאֶרְאֶה אֶת כָּל הָעֲשׁוּקִים תַּחַת הַשָׁמֶשׁ וְהִנֵה דִמְעוֹת הָעֲשׁוּקִים וְאֵין

גֶען: „מִי כַּאן?" — וֶוער אִיז דָאס דָארְט? וַוייל גֶעגֶען זֵי בִּין אִיךְ גָאר נִיט גֶעאַכְטֶעט.

תחנה פון ליכט צינדען לשמיני עצרת ולשמחת תורה.

שמיני עצרת און שמחת תורה דארף מען ביי ליכט צינדען מאכען שהחיינו:

שמע תפלתי יי והאזינה לקול תחנוני:

הער צו, ליעבער גאט, מיין תפלה, וואס איך וויל טהאן פר דיר און פארנעהם דאס קול פון מיין געבעט און בקשות וואס איך וויל פאר דיר יעצט זאגען:

שערי שמים פתח ויתעוררו עלי רחמיך:

מאך אויף די טהיערען פון דעם הימעל אריינצולאזען מיינע רייד וואס איך וועל פארגיעסען און עס זאל דערוועקט ווערען אויף מיר דיינע פיעל דערבארעמקייט:

שפתי תפתח ורעיונותי לא יהיו נבוכים:

מיינע לעפצען זאלסט דו עפענען, דערבארעמדיגער גאט, איך זאהל זאגען פאר דיר מיינע רייד, אזוי וויא מען געהער צוא זאגען פאר דיר וואס דוא ביסט א מלך מלכי המלכים, און מיינע געדאנקען זאלען ניט צומישט ווערען:

ואל יבא עצב ויגון בבתינו לעולם:

און עס זאהל ניט קומען קיין שום טרויערקייט און קיין שום קלאג און קיין שום זארג אין אונזערע הייזער ביז אויי־

משלי מוסר

להם מנחם״, איך האב מיך ארומ־ געקוקט און געזעהן די גוואלד־ טהאטען וואס ווערען געטהאן אונ־ טער דער זון און די טרעהרען פון

די געדריקטע און זיי האבען נימ קיין טרייסטער. מיר וועלען פאר־ שטעהן דעם מאמר דורך א משל: עטליכע סוחרים זיינען געקו־

ביג. מיר זאלען אויסלעבען אונזערע יאהרען אין נחת און אין פרייד:

ונהיה חשובים בעיניך ואל תפרד מאתנו:

און מיר זאלען זיין חשוב אין דיינע אויגען און זאלסט זיך קיינמאהל ניט אפשיידען פון אונז, אין דעם זכות, וואס מיר היטען דעם היילינגען יום טוב שמיני עצרת, וואס ער ווערט גערופען מיט דעם דאזיגען נאמען, וואס באדייט אז עס איז דיר זיך שווער אפצושיידען פון אונז דיין געליעבטע פאלק ישראל:

ראה עם אהובך ששים ושמחים בתורתך:

קוק און זעה, ליעבער גאט, וויא דיין געליעבטע טהייערע פאלק טוען זיך היינטיגען טאג פרעהען מיט דיין תורה אין אלע בתי מדרשים און אין אלע שוהלען:

קבל ברצון ברכתי על נרותי שהדלקתי:

נעהם אן, ליעבער גאט, מיט'ן גוטען ווילען מיין ברכה, וואס איך האב געמאכט אויף דיא ליכט וואס איך האב אנגעצונדען לכבוד דעם היילינגען יום טוב:

וחדש עלינו את השנה הזאת לטובה ולברכה:

און בענייע אויף אונז דאס יאהר צו פיעל גוטס און בענטשונג, מיר זאלען געבענטשט ווערען צוא א גוט לעבען

משלי מוסר

מען אין אן איינפאהר הויז צו געב־טיגען. זייא האבען זיך געהייסען געבען א גוטען מאהלצייט פון פיש, פלייש און טייערע משקאות. אין

דער צייט ווען דיא סוחרים זיינען דארט געוועזען איז געקומען אן ארע־מאן. ער האט אבגעגעסען א שטי־קעל פערדבארט ברויט און זיך גע־

און גוטע פרנסה און מיר זאלען מגדל זיין אונזערע קינדער צו דיין הייליגע תורה ומצוות ומעשים טובים, אמן:

ועיני בעלי ובני בתורתך הקדושה תאיר:

און אזוי וויא איך האב דערלייכט די ליכט לכבוד דעם יום טוב אזוי זאלסטו ליעבער גאט דערלייכטען דיא אויגען פון מיין מאן און מיינע קינדער אין דיין הייליגע תורה:

ונזכה לקיים כל תרי"ג מצות הכתובות בתורתך אמן:

און בזכות, וואס מיר ווייבער געהען היינטיגען יום טוב אין דיא שוהלען צו קושען דיין הייליגע תורה זאלסטו אונז מזכה זיין מיר זאלען מקיים זיין אלע תרי"ג מצוות וואס זיינען געשריעבען אין דער תורה, אמן סלה:

א תחנה פאר מוסף צו תפלת גשם.

איך פארבינד מיך מיט כל ישראל צוזאמען, וואס שטעהען יעצט פאר דיר גאט און בעטען רעגען אין ארץ ישראל, כדי דיא פעלדער זאלען וואקסען, די תבואה זאל זיין געראטען, די פירות זאלען זיין זיס, די בלומען זאלען ארויסגעבען אגעשמאקען ריח, די גראז זאל זיין גרין און שאף און רינדער זאלען זיך מיט דעם זעטיגען, די רעגענס זאלען געהען אין דער צייט, אהן א שטורם ווינד, אהן האגעל, ניט צו פיעל ניט צו ווייניג, די דארטיגע יודען וועלען זאט זיין מיט ברויט וועלען זיי קאנען לעהרנען און דאווענען. דיא השפעה פון ארץ ישראל וועט זיך ציהען צו אונז אין חוץ לארץ וועלען מיר ניט

משלי מוסר

ליגט שלאפען. אין מיטען נאכט
זיינען דיא סוחרים אנטלאפען און
דער ארעמאן איז פארבליעבען.
דער בעל הבית איז אויפגעשטאנען

אין דער פריה און איז געגאנגען צו
דיא סוחרים מאהנען געלד פאר'ן
מאהלצייט, אבער ער האט בלויז
געפונען דעם ארעמאן. ער האט

דארפֿען אָנקומען איינער צום אַנדערען בעטען חלילה ברויט, מיר וועלען זאט זיין פון דיין האנד, וויא דער פסוק זאגט: פּותח את ידך ומשביע לכל חי רצון, עפֿען אויף דיין האנד און מאך זאט אלע לעבעדיגע מיט דיין גוטען ווילען, געלויבט ביסטו גאט, וואס דו ביסט א זן ומפרנס מקרני ראמים עד ביצי כנים. הער צו אונזער תפלה און זיי ממלא אונזער רצון, אמן:

אַלֶיעז״ פון אלף בית אויף שמחת תורה.

ליעבער גאט, לאזען מיר געניעסען דעם זכות פון אונזער מוטער חנה, וואס זיא איז געגאנגען אין בית המקדש אריין תפלה טהאן:

א אנפאנגען וועלען מיר צוא זינגען מיט א הויכע שטימע, לכבוד אונזער תורה וואס האט קיין פגימה, און אונזער היילינען גאט, וואס האט אונז געגעבען די היילינע תורה מיט איהרע צעהן געבאט:

ב באשיידען וועל איך דיא זאך קלאהר, אונזער תורה איז געוועזען פארבארגען פון בריאת עולם אן, צוויי טויזענד יאהר, דערנאך איז זי אונז געגעבען געווארען גאנץ אין גאר:

ג גאט דער אלמעכטיגער האט געטהאן זיינע מלאכים אין הימעל פרעגען: זאל איך די תורה צוא די לייט וואס

משלי מוסר

איהם אנגענומען אלס איינער פון די סוחרים, און ער האט איהם גענומען שלאגען פאר ניט באצאהלען פאר'ן עסען און טרינקען פון איהם און זיינע חברים. דער אָרעמאן האט אנגעהויבען צו וויינען: „וואס האט איהר צו מיר? יענע האבען זיך געלאזט וואויל געהן און איך

אוֹיף דֶער עֶרד גֶעבֶּען? אַזוֹי בַּאלְד עֶנְטְפֶּערֶן אַלֶע גְלַייךְ:
גָאט, לָאז דָאךְ דַיין שֶׁעהְנְהַייט אִין הִימֶעל־רַייךְ:

ד דָא זָאגְט גָאט צוּ דִי מַלְאָכִים: אִיהְר עֶנְגֶעל, דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַייךְ צוּ גֶעבֶּען, דָאס קָאן נִיט זַיין, אִיךְ וֶועל פוּן דִי וָואס אוֹיף דֶער עֶרְד אוֹיךְ גֶעלוֹיבְּט זַיין, לָאזֶען זֵיי וִויסֶען אַז קֵיינֶער אִיז קֵיין גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט מֵיין, נָאר אִיךְ אַלֵיין:

ה הוֹיבֶּען אָן דִיא מַלְאָכִים צוּ זָאגֶען צוּ גָאט: דוּ הַאַרְר פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, וִוי זָאלְסְטוּ גֶעבֶּען אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגְ־קַייט צוּ לַייט וָואס זַיינֶען פוּן דֶער עֶרְד גֶעשְׁטֶעלְט? גִיעבּ עֶם אוּנְז עֶנְגֶעל נָאר מִיר וֶועלֶען זִיךְ בַּאמִיהֶען אִין אִיהְר גַאנְץ אוּן גָאר:

ו וִויא בַּאלְד דֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט טְהוּט דָאס פוּן זֵייא הֶערֶען, אַזוֹי בַּאלְד עֶנְטְפֶערְט עֶר צוּא דִיא מַלְאָכִים: אִיךְ זָאג אַייךְ דִיא זַאךְ גַאנְץ קְלָאהְר, אִיהְר קֶענְט נִיט הָאבֶּען דִיא תּוֹרָה מִן הַשָּׁמַיִם, וַוייל אִיהְר זַייט נִישְׁט גֶעוֶועז אִין מִצְרַיִם:

ז זָא בַּאלְד זָאגֶען דִי מַלְאָכִים: נוּ, הָאבֶּען מִיר קַיין בְּרֵירָה, אוּן מִיר קָאנֶען נִיט הָאבֶּען דִיא תּוֹרָה, וַוייל דִי צֶעהְן גֶע־בָּאט מִיט „אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מִמִּצְרַיִם״ פַאנְגְט זִיךְ אָן, אוּן מִיר הָאבֶּען קַיין עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ גֶעטְהָאן:

משלי מוסר

וְזָאב בְּלוֹיז גֶעגֶעסֶען אַ שְׁטִיקֶעל טְרוּ־קֶען בְּרוֹיט, לְסוֹף שְׁטְרָאפְט אִיהְר מִיר פַאר זֵיי!״ כָּךְ, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט דִיא רְשָׁעִים אוּן צַדִיקִים. דִיא רְשָׁעִים לֶעבֶּען אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ גוּטֶען טָאג אוּן דִיא צַדִיקִים זַיינֶען גָאר נִיט נֶהְנֶה פוּן דֶער וֶועלְט, לְסוֹף וֶוערֶען דִי צַדִיקִים גֶעשְׁטְרָאפְט פַאר דִי זִינְד פוּן דִיא רְשָׁעִים. אָט דָאס זָאגְט קֹהֶלֶת: אִיךְ זֶעה דִיא גְוַואלְד־

ח ווי ווכים, הייסט דיא מלאכים געהן פארט, און טהוט רו-
פען צו משה צו זיין הייליג ארט, און זאגט צו איהם, מיט
זיין הייליגע שמים:

ט טהו ניט זאמען, מיין געטרייער קנעכט, און געה צו מיין
פאלק ישראל גיך און געשווינד, און גיעב זיי דיא תורה
אצונד:

י ישראל מיין פאלק, דיא קינדער פון אברהם יצחק ויעקב,
זאלסטו פרעגען, אויב זיי זיינען ניט דאגעגען, צוא נעה-
מען די תורה, וואס איז די בעסטע סחורה:

כ כל ישראל נעהמען אויף משה׳ן גאנץ פיין, זיי זאגען צוא
אז זיי ווענען בלב אחד זיין, זיי האבען קיין זאך דאגע-
גען, און ווילען גאר ניט פרעגען:

ל יעבער משה, וואהרהאפטיגער מאן, וואס דער לעבע-
דיגער גאט ועט דיר באפוילען וועלען מיר אלץ טהאן,
ער איז דער איינציגער גאט איבער אלע באשעפענעש,
ער האט אונז געפיהרט איבער דעם ים אין דער טרי-
קענעש:

מ משה רבינו איז געקומען צוא גאט, און געזאגט אז ער
האט ערפיהלט זיין געבאט, און „נעשה ונשמע" האבען
געזאגט די אידען, און זיינען צופריעדען:

משלי מוסר

טהאטען. די אונרעכטען וואס ווער-
רען געטהאן אונטער דער זון וויא
דיא צדיקים פארגיסען טרעהרען
וואס זייא ווערען געשטראפט פאר
פרעמדע זינד. דעריבער פיהרט ער
אוים: „ושבח אני את המתים"—איך
שעטץ גליקליך דיא מתים, די גע-
שטארבענע צדיקים, ווייל אויף יע-
נער וועלט קריגען זיי גוט אבגע-
צאהלט פאר די קריוודעס וואס זיי
האבען געהאט אויף דער וועלט.

נ ניט ערגעץ איז קיין פאלק פארהאנדען נור ישראל אליין,
וואס איז אזוי אונטערטעהעניג פון גרויס ביז קליין, און
פאלגען, ליעבער גאט, דיין היילינע געבאט:

ס סומך זיין וועלען זיי זיך אויף מיינע רייד, און אהן אן אונ־
טערשייד, וועלען זיי מקבל זיין, גאנץ שעהן און גאנץ פיין:

ע ענטפערט גאט צו משה: קום אהער מיין היילינער קנעכט,
רוף מיר צו אהרן און די זקנים און כל ישראל גאנץ גע־
שלעכט, איידער זיי געהן צום בארג סיני, זאג זיי באצייי־
טען, אז זיי זאלען שטעהן פון ווייטען:

פ פארכט און מורא באפאלט דיא זקנים, מיט אלע אידען
אין איינעם, זיי שרעקען זיך וויא פאר'ן טוידט, ווען מען
הייסט זיי זיין צום דריטען טאג גרייט:

צ ציהען טהוען דיא ישראל צום הר סיני, דעם אויסדער־
וועהלטען בארג, זעהען זייא דיא גרויסע וואונדער גאר
שטארק, היילינע זיך דריי טעג און דריי נעכט, וויא עס
האט געהייסען משה גאט'ס קנעכט:

ק קליין און גרויס און אלע היילינע נשמות קומען דארט,
און מיט גרויס מורא און פארכט, זיי אנטפאנגען פון דעם
אלמעכטיגען גאט זיין גאב, און פארנעהמען זיין זאג:

ר ריכטיג צוא דער באשטימטער צייט, האבען זיך פארזא־

משלי מוסר

קהלת זאגט ווייטער: „ויום המות מיום הולדו“, דער טאג פון טוידט איז חשוב'ער וויא דער טאג יוען מען ווערט געבוירען למשל: אין א האפען שטעהען צוייא

שיפען. איינע איז נור וואס געקו־מען פון איהר רייזע און די צווייטע געהט אפ נאך א ווייטע רייזע. פיע־לע מענשען זיינען פערזאמעלט ביים ברעג ים און מיט פריידען געשריי־

מֶעלְט אַלֶע לַייט, דֶעם זֶעקְסְטֶען אִין סִיוָן אִיז דָאס גֶעוֶוען, דַאמָאלְס זַיינֶען גְרוֹיסֶע ווּאוּנְדֶער גֶעשֶׁעהְן:

ש שְׁרֶעקְלִיכֶע דוּנֶערֶן אוּן בְּלִיצֶען הָאבֶּען אָנְגֶעפַאנְגֶען, דֶער בַּארְג סִינַי מִיט אַ וָואלְקֶען פַארְהַאנְגֶען, דִי אִידֶען הָאבֶּען זִיךְ דֶערְשְׁרָאקֶען פַאר גָאטְ׳ס קוֹל, אוּן זַיינֶען אַנְטְלָאפֶען מִיט אַ מָאהְל:

ת תֵּיכֶף הָאבֶּען זַייא דִיא מַלְאָכִים אוּנְגֶעקֶעהְרְט אוֹיף זַייעֶר אָרְט, אַרוּם בַּארְג סִינַי דָארְט, אוּן גֶעבֶּעטֶען מֹשֶׁה׳ן עֶר זָאל זֵיי זָאגֶען דִי גֶעבָּאט, וַוייל זֵיי הָאבֶּען מוֹרָא פַאר דֶר שְׁטִימֶע פוּן גָאט:

תְּחִנָּה לְשִׂמְחַת תּוֹרָה.

דִי תְּחִנָּה זָאגְט מֶען שִׂמְחַת תּוֹרָה וֶוען מֶען קוּמְט אִין שוּהְל דִי תּוֹרָה קוּשֶׁען:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, עֶס זָאהְל זַיין דֶער וִוילֶען פַאר דִיר גָאט אוּנְזֶער גָאט, דֶער גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען, דָאס עֶס זָאל זַיין דִיא שָׁעָה וָואס מִיר עֶפֶענֶען דֶעם אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ אוּן מִיר קוּמֶען קוּשֶׁען דַיין לִיעבֶּע הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַ שָׁעָה פוּן דֶער־

משלי מוסר

עֶן בַּאגְלֵייטֶען זֵיי דִי שִׁיף וָואס גֶעהְט אָפּ, וֶועהְרֶענְד וֶוענֶען דֶער אָנְגֶעקוּמֶענֶער שִׁיף אִיז קֵיינֶער בֶּעגַייסְטֶערְט. אַ קְלוּגֶער וָואס אִיז דֶערְבַּיי גֶעוֶוען הָאט בַּאמֶערְקְט: „שׁוֹטִים וָואס אִיהְר זַיינְט! פַאר דֶער שִׁיף וָואס אִיז גֶעקוּמֶען דַארְף מֶען זַיין מֶעהְר בֶּעגַייסְטֶערְט וִויא פַאר דֶער שִׁיף וָואס גֶעהְט אָפּ. דֶען וָואס קֶען מֶען וִויסֶען וָואס מִיט דִיעזֶער שִׁיף קָאן פַּאסִירֶען אוֹיפְ׳ן וֶועג? זִי קֶען זִיךְ אָנְקְלַאפֶּען אָן אַ פֶעלְז אוּן אוּנְטֶערְגֶעהְן. זִי קֶען בֶּעפַאלֶען וֶוערֶען פוּן יַם־רוֹיבֶּערְס אוּן פֶערְשִׁידֶענֶע סִבּוֹת אוּן אוּמְגְלִיקֶען קֶענֶען מִיט אִיהְר טְרֶעפֶען. דִי שִׁיף אָבֶּער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם מִיט דִי פַּאסַאזְשִׁירֶען אוּן אָנְגֶעלָאדֶען מִיט כָּל טוּב

בארמקייט, א שעה פון גענאד, א שעה פון באוויליגונג. עס זאל געזעהען ווערען פאר דיר דער זכות וואס מיר קומען יעצט דיין ליעבע הייליגע תורה קושען און זאלסט אונז עפענען טהויערען פון לעבען, טהויערען פון געזונד, טהויערען פון גוטע פרנסה, טהויערען פון גוטען מזל, טהויערען פון גליק, און זאלסט אונז באגליקען אין אלע אונזערע וועגען וואו מיר וועלען זיך קעהרען און ווענדען מיר זאלען קענען דערהאלטען דיין ליעבע הייליגע תורה און איהרע מצוות מיט אלע זייערע פרטים און דקדוקים אזוי וויא דיין ווילען איז און מיר זאלען זוכה זיין צו מגדל זיין אונזערע קינדער צו גאט'ס דינסט. און אין דעם זכות וואס מיר פרעהען זיך אין דעם ליעבען הייליגען יום טוב מיט דיין תורה זאלסטו אונז דערפרעהען אונזער הארץ מיט אלעם גוטען, עס זאהל ניט געשעהן צו אונז אין אלע אונזערע לעבטעג קיין טרויערקייט און קיין קלאג און קיין זיפצען און זאלסט אונז באשירמען פון אונזערע לייד:

משלי

בארף מען נארעם בעגריסען און אויפנעהמען מיט גרויס שמחה".

כך, אזוי איז מיט'ן מענשען. ווען א קינד ווערט געבארען ווייס מען דאך ניט וואס ער וועט זיין. אפשר וועט ער גאר, חס ושלום, אויסוואקסען א רשע. דאריבער איז דער געבורטס טאג גאר ניט אזא חשיבות. ווען אבער א מענטש געהט אוועק פון דער וועלט פול מיט תורה ומעשים טובים דארף מען צופריעדען זיין און דאנקען גאט. אט דאס זאגט שלמה המלך: "ויום המות מיום הולדו".

מוסר

שמחת תורה זיינען זיך אלע משמח. אפילו פראסטע מענשען, וואס קענען ניט לערנען און פארזוכען ניט א גאנץ יאהר עטוואס לערנען די תורה, טרינקען אויך א פאאר שנעפסלאך און געהען א טענצעל. פארקעהרט, פראסטע מענשען וואס לערנען ניט הוליען אפטמאהל מעהר ווי די בני תורה, וויא לומדים וואס לערנען דורכין יאהר זעהר פיעל. אין פלוג איז דאך דאס זעהר ניט גלייך און דאס זעהט גאר אויס א חילול התורה.

תורה תורה, קוק אן דיינע ליעבע קינדער, וואס קומען צו קושען דיר מחמת גרוים ליעבשאפט וואס אין זייער הארצען איז צוא דיר און טהוען זיך אן מיט שעהנע טהייערע קליידער פון דיין כבוד וועגען. דארום זאלסט דו אויף אונז א גוטען זכות זאגען פאר השם יתברך, דאס ער זאל אונז געבען א גוט יאהר מיט פיעל ברכות מיט עושר און כבוד און מיר זאלען זוכה זיין צוא געהען קושען דיא היילינע תורה אין בית המקדש, במהרה בימינו:

בשעת מען קושט די תורה זאגט מען דעם פסוק דריי מאהל:

ישקני מנשיקות פיהו כי טובים דודיך מיין:

די תחנה זאגט מען ווען מען געהט ארויס פון שוהל:

רבונו של עולם, הערר פון דער גאנצער וועלט, זאלסט אננעהמען אלע אונזערע תפלות ובקשות וואס מיר האבען דיך גע־טהאן בעטען אין דער היילינער שוהל און מיר זאלען חס ושלום ניט פארשעהמט ווערען, דען מיר געהען שוין יעצט אוועק פון דיין היי־לינער שוהל און מיר פרעהען זיך דערמיט וואס מיר זיינען דא אין שוהל געוועזען און מיר האבען געקושט דיין ליעבע היילינע תורה ווס

משלי מוסר

וואס האבען דיעזע מענטשען צוא הוליען?

א איד א למדן, וועלכער האט א גאנץ יאהר געלערענט תורה בהתמדה האט געזעהן וויא א וואסער־טרעגער, א גרויסער פראסטאק, האט שמחת תורה געזונגען און געטאנצט. „וואס איז מיט דיר דיא שמחה" — האט ער איהם גע־פרעגט - „דוא האסט דען דורכ'ן יאהר עפעס געלערענט וואס דוא הוליעסט אזוי?" דער פראסטאק האט איהם דערויף געענטפערט:

„בארף איך זיך ניט פרעהען אין דעם טאג פון מיין ברודער'ס חתונה? דוא ביזט דאך מיינער א ברודער, ווייל מיר זיינען ביידע קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב. ביי דיר איז היינט חתונה. דו ביזט דער „חתן תורה", ווייל דו האסט א

זִיא וֶוערְט אָנְגֶערוּפֶען תּוֹרַת משֶׁה. אוּן אִין דֶעם זְכוּת פוּן משֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם זָאלְסְטוּ אוּנְז שְׁטַארְקֶען אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער, אַז מִיר זָאלֶען חַס וְשָׁלוֹם קֵיינְמָאהְל נִיט אַוֶעק נוֹיגֶען פוּן דֶעם וֶועג וָואס דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט אוּנְז גֶעשַׁאפֶען, נָאר מִיר זָאלֶען קָאנֶען מְקַיֵים זַיין אַלֶע מִצְוֹות וָואס אִין דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה שְׁטֶעהְט, אוּן בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים אוּן אַלֶע פְרוּמֶע לַייט זָאלֶען מִיר זוֹכֶה זַיין צוּא הָאבֶען גוּטֶע קִינְדֶער וָואס זָאלֶען זִיךְ מִיהֶען אִין דֶער תּוֹרָה, טָאג אוּן נַאכְט, אוּן מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין אִיבֶּער אַ יָאהְר אִין דֶער הֵיילִיגֶער שׁוּהְל וִוידֶער צוּ גֶעהְן, אָמֵן סֶלָה:

אַ נַייעֶ תְּחִנָּה לַחֲנוּכָּה.

צוּ לֵייעֶנֶען אַלֶע אַבֶענְד פַאר חֲנוּכָּה לִיכְט בֶּענְשֶׁען:

אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, אוּנְזֶער גָאט אוּן דֶער גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶן. מִיר פַייעֶרֶען הַיינְט דֶם גְרוֹיסֶען יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה. מִיר בֶּענְטְשֶׁען לִיכְט אַכְט טָאג כְּסֵדֶר אַלְס אַנְדֶענְקוּנְג פוּן דֶעם קְרִיעגֶעלֶע בּוֹימֶעל מִיט וֶועלְכֶען עֶס אִיז גֶעשֶׁעהְן אַנֵס אוּן אָנְשְׁטָאט אֵיין טָאג הָאט עֶר גֶעבְּרֶענְט אַכְט טֶעג. מִיר זָאגֶען „הַלֵּל“ אוּן „עַל הַנִּסִּים“ אוּן מִיר דַאנְקֶען דִיר פַאר דִּי נִסִּים, גְבוּרוֹת, תְּשׁוּעוֹת וּמִלְחָמוֹת וָואס דוּ הָאסְט אַ מָאהְל אִין דִיעזֶע טֶעג גֶעטְהָאן צוּ אוּנְזֶערֶע אוּר־עֶלְטֶערֶן. אָבֶּער מִיר זַיינֶען נִיט אִימְשְׁטַאנְד אָפְּצוּדַאנְקֶען דִיר פַאר דִיא גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דוּא הָאסְט דַאמָאלְס גֶעטְהָאן מִיט דַיין

משלי מוסר

גַאנְץ יָאהְר גֶעלֶערֶענְט, דֶעריבֶּער בִּין אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ מְשַׂמֵחַ נָאךְ מֶעהְר פוּן דִיר, ווייל דַיין שִׂמְחָה אִיז אַן אֵיינֶערְלֵיבֶע אוּן דוּא צֵייגְסְט זִיא נִיט פִיעל אַרוֹיס פוּנְקְט וִוי אַ חָתָן וָואס טַאנְצְט ווייניגֶער פוּן דִיא מְחוּתָּנִים. אִיךְ אָבֶער בִּין אַ מְחוּתָּן צוּא דֶער חֲתוּנָה, הוּלֶיע אִיךְ מֶעהְר“.

פאלק ישראל, ווייל וויפיעל מיר זאלען דיר דאנקען און וויפיעל מיר זאלען דיר לויבען זיינען מיר אלץ נישט יוצא. איך בעט דיך דאריבער, הארציגער פאטער אין הימעל, אז דוא זאלסט מיר ניט רעכענען פאר א זינד אויב איך האב אדער אויב איך וועל היינטיגען חנוכה עפעס פוגם זיין און ניט אפּ־היטען דעם יום טוב ווי געהעריג איז. אפשר האב איך פאר־געסען און געטהאן א מלאכה וואס נשים טהארען ניט טהאן אום חנוכה, אדער אפשר וועל איך פארגעסען און טהאן אזא מלאכה, זאלסטו מיר מוחל זיין און ניט פארשרייבען עס אין ספר הזכרונות פאר א חטא, ווייל איך בין דאך נישט מעהר ווי א זינדיגע אשה מיט א שוואכען זכרון און איך קען מיך ניט איינהיטען פון צו טהאן אזעלכעס וואס מען דארף נישט טהאן. העלף מיר, אבינו שבשמים, אז איך זאהל זיך נישט פארגעסען און ניט טהאן קיין מלאכה ביי דער שיין פון דיא חנוכה ליכט, וואס דאס איז פאר זיי א בזיון און אן ערניע־דרונג. העלף מיך, מיין מאן, מיינע קינדער און כל ישראל אז אונזערע מזלות זאלען לייכטען אזוי וויא דיא פייערען אין דער הייליגער מנורה פון בית המקדש. געדענק אונז שטענ־דיג דעם זכות פון דער צדקת חנה און איהרע זיעבען זיהן, וועלכע האבען זיך מקריב געווען על קידוש השם, און טהו מיט אונז שטענדיג נסים, כדי להודות ולהלל לשמך הגדול:

א נייע תחנה לפורים.

צו לייענען אין דער פריה צום דאווענען און פאר דער סעודה:

אתה האל עושה פלא, דוא ביסט דער גאט, וואס טהוט וואונדער. מיר פייערען היינט דעם יום טוב פורים אלס אנדענקונג אן דעם גרויסען נס וואס דוא האסט אונז א

מאהל געטהאן, ווען המן הרשע האט געוואלט אומברייגגען און אויסראטען אלע אידען, און דער סוף איז געווען, אז דיא אידען האבען געהאט נקמה אן זייערע פיינד און המן און זיינע קינדער זיינען אויפגעהאנגען געווארען. מיר זיינען זיך דאריבער משמח אין דיזען טאג און מיר זאגען על הנסים און מיר דאנקען דיר פאר די גרויסע חסדים, גבורות, תשועות ומלחמות וואס דו האסט א מאהל געטהאן צו אונזערע על־טערען אין דיזע טעג. אבער דו גאט ביסט דאך א חכם לבב ואמיץ כח און דוא העלפסט אונז שטענדיג דורך נסים. ווען ניט דיינע גרויסע וואונדער און נסים וואס דוא טהוסט מיט אונז יעדען טאג, יעדע שעה און יעדע רגע, וואלטען מיר ניט געקאנט עקזיסטירען אויף דער וועלט. אבער אונזערע מחות זיינען צו קליין צו פארשטעהן דיא חסדים וואס דוא טהוסט מיט אונז, און אונזערע אויגען זיינען צו שוואך צו זעהן דיינע טאג טעגליכע נסים, אזוי ווי די גמרא הקדושה זאגט: „אין בעל הנס מכיר בנסו", דער מיט וועמען עס פאסירט א נס זעהט עס גאר נישט און באגרייפט עס גאר נישט. דאריבער בעט איך דיר, הארציגער פאטער אין הימעל, אפשר האב איך דיר א גאנץ יאהר ניט געדאנקט פאר די פארבארגענע נסים וואס דו האסט מיט מיר געטהאן, זאל דער על הנסים וואס איך זאג היינט אנגענומען ווערען פאר דיר אלס א דאנק פאר אלע נסים, וואס דו האסט געטהאן מיט מיר, מיט מיין מאן, מיט מיינע קינדער און מיט כל ישראל דיזען יאהר און אלע יאהרען. און דוא זאלסט אונז, רבונו של עולם, ניט רעכענען פאר א זינד, אויב איך, מיין מאן, מיינע קינדער, אדער וועלכע אידיש קינד דאס איז, האט היינט פון גרויס שמחה גערעדט אדער געטהאן אזעלכעס וואס איז דיר ניט

לְרָצוֹן און הֶעלְף אוּנְז אַז מִיר זָאלֶען זוכֶה זַיין לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ און מִיר זָאלֶען פַייעֶרֶען דֶעם יום טוב פוּרִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלֶען אַלֶע יָמִים טוֹבִים בָּטֵל ווערֶען, אָבֶּער פוּרִים וֶועט נִישְׁט בָּטֵל וֶוערֶען. יִרְאוּ עֵינֵינוּ וְיִשְׂמַח לִבֵּנוּ, זָאלֶען אוּנְזֶערֶע אויגֶען זֶעהֶן און אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער זָאלֶען זיך פְרֶעהֶען מִיט דֶעם לֶעצְטֶען גְרויסֶען נֵס וָואס דוּ וֶועסְט מִיט אוּנְז טְהָאן, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן:

תְּחִנָּה לְפֶּסַח נָאךְ לִיכְט צִינְדֶען.

דיא תְּחִנָּה זָאגְט מֶען דִיא עֶרְשְׁטֶע און דִיא אַנְדֶערֶע טֶעג פֶּסַח נָאךְ לִיכְט בֶּענְשֶׁען:

דִי אַנְדֶערֶע טֶעג פון פֶּסַח בַּיי לִיכְט צִינְדֶען דארף מֶען נִיט זָאגֶען שֶׁהֶחֱיָנוּ:

אַתָּה הוּא יְיָ הָאֱלֹהִים בּוֹרֵא שָׁמַיִם וָאָרֶץ:

דוּ בִּיסְט גָאט, דֶער גָאט, וָואס דוּ הָאסְט בֶּאשַׁאפֶען דִי הוֹיכֶע הִימְלֶען און דִי עֶרד מִיט אַלֶע בֶּאשֶׁעפֶענִעשׁ וָואס עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט:

הַאֲזִינָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ אֶת שְׁפִיכַת תְּפִלָּתִי:

פַארְנֶעמְעהם פון דַיין הֵיילִיג וָואהְנוּנְג מַיין גֶעבֶּעט וָואס אִיךְ וויל יֶעצְט פַאר דִיר בֶּעטֶען און זָאלְסְט בוֹיגֶען דַיין אוֹיעֶר צוּ הֶערֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס וֶועלֶען אַרוֹיסְגֶעהְן פון דַיין מוֹיל:

משלי מוסר

שַׁבָּת שֶׁל פֶּסַח לֵייעֶנְט מֶען דיא שִׁירַת אָז יָשִׁיר. וֶועלְכֶע פַאנְגְט זִיךְ אָן מִיטְ'ן פָּסוּק: „אָשִׁירָה לַה' כִּי גָאֹה גָּאָה" אִיךְ וֶועל זִינְגֶען צוּ גָאט וַוייל עֶר אִיז גְרוֹיס גֶעוָוא־רֶען. און אַזוֹיא גֶעהְט דִיא גַאנְצֶע שִׁירָה. אַלְץ שְׁבָחִים וֶועגֶען גָאטְ'ס גְרוֹיסְקַייט. אִיז דָאךְ דִיא קַשְׁיָא:

כִּי אַתָּה עוֹשֶׂה נִפְלָאוֹת בְּכָל עֵת:

דֶען דוּא גָאט, טְהוּסְט דָאךְ מִיט אוּנְז וואוּנְדֶער אוּן נִסִּים יֶעדֶער צַייט, דַארוּם טְהוּ מִיט מִיר אוֹיךְ וואוּנְדֶער צוּא פַאר־נֶעהְמֶען מַיינֶע רֵייד, חָאטְשׁ אִיךְ וֵויים אַז אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְטְה דֶער צוּ:

הוֹצֵאתָנוּ מִמִּצְרַיִם לִהְיוֹת לְךָ עַם סְגֻלָּה:

דוּא הָאסְט אוּנְז אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען פוּן מִצְרַיִם אוּן הָאסְט גֶער־בְּרַאכְט אוֹיף דִיא מִצְרַיִם גְרוֹיסֶע מַכּוֹת אוּן שְׁלֶעק, אוּן אוּנְז הָאסְטוּ אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט צוּ זַיין צוּ דִיר אַ גֶעלִיעבְּטְ פָאלְק:

לָכֵן אֲבַקֵּשׁ מִלְּפָנֶיךָ שֶׁתֶּעֱרַב לְפָנֶיךָ עֲתִירָתֵנוּ:

דַארוּם בֶּעט אִיךְ דִיר דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער גָאט, אַז עֶס זָאל זַיין פַאר דִיר זִיעס אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת וָואס מִיר טְהוּעֶן בֶּעטֶען פוּן דַיין לִיעבֶּען הֵיילִיגֶען גֶעאַכְפֶּערְטֶען נָאמֶען:

וְעָלַי אֲמָתְךָ הַדּוֹפֶקֶת בְּשַׁעֲרֵי הָרַחֲמִים יֶהֱמוּ רַחֲמֶיךָ:

אוּן אוֹיף מִיר דַיין דִיענְסְט (פלונית בת פלונית) וָואס אִיךְ קוּם יֶעצְט צוּ קְלַאפֶּען אִין דִי טְהוֹיעֶרֶען פוּן רַחֲמִים זָאלֶען זִיךְ עֶר־וֶועקֶען דַיינֶע דֶערְבַּארֶעמְקַייט צוּ דֶערְבַּארֶעמֶען זִיךְ אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף מַיין מַאן אוּן אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער:

שֶׁתְּבַעֵר מֵעָלֵינוּ כָּל מִינֵי קָשׁוֹת וְרָעוֹת:

אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיסְרַאמֶען פוּן אוּנְז אוּן פוּן גָאר דַיין לִיעבּ

משלי מוסר

וָוארוּם וֶוערְט נִיט דֶערְמָאהְנְט אִין דֶער שִׁירָה דָאס וָואס דִי אִידֶען זַיי־נֶען גֶעוֶועזֶען קְנֶעכְט אִין מִצְרַיִם אוּן זַיינֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארֶען, וָואס עַל פִּי הַשֵּׂכֶל הָאבֶּען זֵיי דָאךְ בַּארוּיף גֶעבַּארְפְט זִינְגֶען? זָאגְט דֶער דוּבְּ־נֶער מַגִּיד ז״ל דַארוּיף אַ מָשָׁל:

אוֹיף אַ חֲתוּנָה הָאבֶּען זִיךְ דִיא

פֿאלק יִשְׂרָאֵל אַלֶעם בֵּייז אַזוי וִויא מִיר הָאבֶּען אויסְגֶערַאמְט דֶעם חָמֵץ פון אונזֶערֶע הַייזֶער אַזוי וִויא דוּא הָאסְט צוּ אוּנְז גֶעבָּאטֶען׃

וּבִזְכוּת אֲכִילָתֵנוּ הַמַּצוֹת תִּשְׁמְרֵנוּ מִלֶּחֶם עוֹנִי׃

און אִין דֶעם זְכוּת וָואס מִיר הַאלְטֶען דַיין הֵיילִיג גֶעבָּאט צוּא עֶסֶען מַצוֹת אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב וָואס דִי מַצוֹת וֶוערֶען אָנְגֶערוּפֶען אָרֶעם בְּרוֹיט זָאלְסְט דוּ אוּנְז אָפְּהִיטֶען גָאר אוּנְזֶער לֶעבֶּען פון אָרֶעמְקַייט אִין אוּנְזֶער בְּרוֹיט.

וּתְבָרְכֵנוּ לְפַרְנָסָה וְכַלְכָּלָה לְשׂוֹבַע וְלֹא לְרָזוֹן׃

און זָאלְסְט אוּנְז בֶּענְטְשֶׁען, לִיעבֶּער גָאט, מִיר זָאלֶען הָאבֶּען אוּנְזֶער פַּרְנָסָה און אוּנְזֶער שְׁפַּייז צוּא זַאט, נִיט צוּא קַיין הוּנְגֶער׃

וְתִשְׁמְרֵנוּ מִכָּל מִינֵי מַשְׁחִיתִים וּמַזִיקִים׃

און זָאלְסְט אוּנְז הִיטֶען, לִיעבֶּער דֶערְבַּארְמְדִיגֶער גָאט, פון אַלֶע בֵּייזֶע מַלְאָכִים וָואס זֵיי פַארְדַארְבֶּען און טְהוּעֶן שַׁאדֶען אַזוי וִוי דוּ הָאסְט גֶעהִיט צוּ דַיין פאלק יִשְׂרָאֵל אִין מִצְרַיִם׃

וְאַל תַּשְׁלוֹט אַסְכָּרָה בְּיַלְדֵי עַמֶּךָ׃

און אַזוי וִוי עֶס הָאט נִיט גֶעוָועלְטִיגְט קַיין מַשְׁחִית אִין דִי בְּכוֹרִים פון דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל וֶוען דוּא הָאסְט גֶעטוֹידְט דִיא בְּכוֹרִים פון דִי מִצְרַיִם אַזוי זָאל נִיט גֶעוָועלְטִיגֶען אִין אוּנְזֶע־

משלי מוסר

מְחוּתָּנִים מְשַׂמֵחַ גֶעוֶוען און אויך דֶער שַׁדְכָן הָאט זִיךְ גֶעפְרֶעהְט. הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט: וֶועמֶעס שִׂמְחָה אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע. דִי שִׂמְחָה פון דִי מְחוּתָּנִים אָדֶער פון שַׁדְכָן? אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ הָאט דַארוֹיף גֶעעֶנְטְפֶערְט. אַז דֶעם שַׁדְכָנְ'ס שִׂמְחָה אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע ווייל עֶר הָאט שוֹין דִי

רֶע קִינְדֶער דָאס קְרַאנְקְהַייט וָואס הֵייסְט אַסְכָּרָה און אוֹיךְ קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט:

זְכוֹר זְכוּת דְגָלֶיךָ הַבָּאִים בַּיָם סוּף:

גֶעדֶענְק אוּנְז, לִיעבֶּער גָאט, דֶעם זְכוּת פוּן דַיינֶע הַיָלוֹת יִשְׂרָאֵל וָואס זַיינֶען זֶעלְבְּסְט גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער טִיעפֶּענֶעשׁ פוּן דֶעם יַם און הָאבֶּען בִּטָחוֹן גֶעהַאט אוֹיף דִיר אַז דוּ וֶועסְט זֵיי מַצִיל זַיין זֵיי זָאלֶען נִיט דֶערְטְרוּנְקֶען וֶוערֶען:

וְשָׁמְרֵנוּ שֶׁלֹא נִטְבַּע בְּמַעֲמַקֵי מַיִם:

און הִיט אוּנְז און אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיר זָאלֶען חָלִילָה נִיט דֶערְטְרוּנְקֶען וֶוערֶען אִין דִי טִיעפֶּענֶעשׁ פוּן וַואסֶער:

וְכָל יְמֵי הַקַיִץ הַבָּא אַל יֶחֶרְבוּ הַנְהָרוֹת:

און הֶעלְף אוּנְז, לִיעבֶּער גָאט, אַז עֶס זָאהְל גֶעהְן רֶעגֶען אִין דֶער צַייט, עֶס זָאהְל פוּן דִיא הִיצֶען פוּן הַיינְטִיגֶען זוּמֶער וָואס קוּמְט נִיט גֶעמִינֶערְט וֶוערֶען דִי וַואסֶערְן פוּן דִי טַייכֶען וָואס דָאס בְּרֵיינְגְט מִיט עֶס זָאל זַיין אַ יַקְרוּת:

אָנָא קַבֵּל בְּרָצוֹן אֶת בִּרְכָתִי עַל הַנֵרוֹת:

אִיךְ בֶּעט דִיךְ, לִיעבֶּער דֶערְבַּארְמִיגֶער גָאט, זָאלְסְט אָנְ־ גֶעהְמֶען מִיטְ'ן גוּטֶען ווִילֶען דִיא בְּרָכָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶע־

משלי מוסר

שַׁדְכָנוּת גֶעלְד אָפְּגֶענוּמֶען און עֶר אִיז דֶערְמִיט זִיכֶער, וֶועהְרֶענְד דִיא מְחוּתָנִים וַוייסֶען נִיט אוֹיבּ דֶער זִיווּג וֶועט עוֹלֶה לְיָפֶה זַיין און עֶס קֶען דָאךְ פַּאסִירֶען אַז זֵיי וֶועלֶען שְׁפֶּע־ טֶער חַס וְשָׁלוֹם הָאבֶּען צַעַר פוּן דִי פָּאאר פָּאלְק.

דִי אִידֶען וֶוען זֵיי זַיינֶען אוֹיפְ־ גֶעלֵייזְט גֶעוָוארֶען פוּן מִצְרַיִם, הָא־ בֶּען פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִיא גְאוּלָה אִיז נִיט אוֹיף תָּמִיד, אַז זֵייא וֶועלֶען נָאךְ שְׁפֶּעטֶער הָאבֶּען אַ גָלוּת בָּבֶל, דַא־ רִיבֶּער אִיז דִי שִׂמְחָה פוּן דֶער גְאוּלָה נִיט גֶעוֶוען קֵיין פוּלֶע שִׂמְחָה, אָבֶּער

בענטשט אויף דיא ליכט וואס איך האב אָנגעצונדען לכבוד דעם הייליגען יום טוב:

וְתָאִיר אֶת מַזָּלִי שֶׁיִּרְאוּ שׂוֹנְאַי וְיֵבוֹשׁוּ:

און אזוי ווי איך האב געטהאן דערלייכטען גאר מיין הויז מיט דיא ליכט זאלסטו, דערבארמיגער פאטער, דערלייכטען מיין מזל צוא אלעם גוטען אז מיינע שונאים זאלען זעהן און זאלען זיך שעהמען אזוי ווי די מצרים האבען זיך געשעהמט אנטקעגען די ישראל:

וְאֶת עֵינֵי בַּעֲלִי וְזַרְעִי תָּאִיר בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה:

און דו זאלסט דערלייכטען דיא אויגען פון מיין מאן און מיינע קינדער אין דיין הייליגער תורה אין דעם זכות וואס איך האב געטהאן דערלייכטען מיין שטוב מיט דיא ליכט לכבוד יום טוב:

וְתָאִיר אֶת חֶשְׁכַּת יְרוּשָׁלַיִם וּבֵית מִקְדָּשְׁךָ:

און זאלסט דערלייכטען דאס פינצטערנעש פון ירושלים און דעם בית המקדש וואס זיי זיינען פינצטער שוין פון אזוי א לאנגע צייט:

וְנַקְרִיב קָרְבַּן הַפֶּסַח בַּמִּזְבֵּחַ עַל הָאֵשׁ:

און מיר זאלען זוכה זיין צוא מקריב זיין דעם קרבן אויף דעם פייער פון דעם מזבח, במהרה בימינו. אמן ואמן. כן יהי רצון:

משלי מוסר

דאס וואס גאט איז מפורסם געוואָרען דורך דיא נסים וואס ער האט געטאהן, האבען זיי געוואוסט, וועט פערבלייבען אויף עוויג און באריי־
בער האבען זיי זיך דערמיט מעהר געפרעהט און געזונגען וועגען גאט'ס גרויסקייט.

אַ תְּחִנָה פַאר טַל.

(דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג פֶּסַח פַאר מוּסָף)

בּוֹרֵא שָׁמַיִם וָאָרֶץ! דוּא בַּאשֶׁעפֶער וָואס דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפֶען הִימֶעל אוּן עֶרְד אוּן אַלֶץ וָואס אוֹיף זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ. אֵיינֶע פוּן דַיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע בַּאשֶׁעפֶענֶעשׁ אִיז דִי טְהוֹי, דִי וֶועלְט דַארְף דָאס זֶעהְר נוֹיטְהִיג הָאבֶּען, וּבִפְרַט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס דָארְטֶען רֶעגֶענְט וֵוייְנִיג, בֶּעטֶען מִיר דִיךְ גָאט, דוּא זָאלְסְט זֵיי זֶעטִיגֶען מִיט טְהוֹי כְּדֵי דִי תְּבוּאוֹת אוּן פֵּירוֹת זָאלֶען זַיין זִיעס אוּן גֶעשְׁמַאק. דֶער וָואס וֶועט עֶסֶען אֲפִילוּ וֵוייְנִיג זָאהְל אַרַיין אִין זַיינֶע גֶעדֶערֶעם, אַלֶע גְלִיעדֶער זָאלֶען דֶערְפוּן וֶוערֶען שְׁטַארְק, גֶעזוּנְד אוּן קְרֶעפְטִיג, וֶועלֶען זֵיי הָאבֶּען כֹּחַ דִיר וָואס מֶעהְר צוּ דִינֶען, וֶועלֶען זֵיי מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף אוּנְז אַז מִיר זָאלֶען אוֹיךְ זַיין גֶעזוּנְד אוּן פְרִישׁ, מִיר זָאלֶען פוּן קֵיין קְרַאנְקְהַייט חָלִילָה נִיט וִויסֶען, מִיר זָאלֶען עֶסֶען אָהְן דַאֲגָה, אָהְן קָאפּ דְרֶעהֶענִישׁ, אָהְן הַארְץ־וֶועהְטָאג, נָאר מִיט שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן, מִיט אַ פְרֶעהְלִיכֶען גֶעמִיטְה, אָמֵן סֶלָה וָעֶד:

תְּחִנָה לְשָׁבוּעוֹת.

דִיא תְּחִנָה זָאגְט מֶען בֵּיידֶע טֶעג שָׁבוּעוֹת נָאךְ לִיכְט בֶּענְשֶׁען מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה!

אַתָּה נִגְלֵיתָ בַּעֲנַן כְּבוֹדְךָ עַל הַר סִינָי:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ בִּיסְט אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארֶען מִיט דֶעם וָואלְקֶען פוּן דַיין כָּבוֹד אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי צוּ דַיין לִיעבּ פָאלְק יִשְׂרָאֵל צוּ גֶעבֶּען זֵיי דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הַיינְטִיגֶען טָאג:

בְּקוֹלוֹת וּבְרָקִים וְקוֹל שׁוֹפָר חָזָק מְאֹד:

מִיט דוּנֶערְן אוּן בְּלִיצֶען בִּיסְטוּ צוּ זֵיי אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוא־

רֶען און אַ שְׁטַארְק קוֹל פוּן שׁוֹפָר הָאסטוּ גֶעלָאזְט הֶערֶען אִין דֶער צַייט וָואס דוּ הָאסְט גֶעטָאן נִידֶערֶען אויף דֶעם הַר סִינַי:

הֶרְאֵיתָ אֶת גְּבוּרָתְךָ וְהוֹדְךָ לְעַם סְגֻלָּתֶךָ:

דוּא הָאסְט בַּאוִויזֶען דַיין גְרוֹיסֶע שְׁטַארְקַייט אוּן דַיין שֶׁעהֶנְקַייט צוּ דַיין לִיעבּ פָאלְק יִשְׂרָאֵל:

אָנָּא יְיָ זַכֵּנִי שֶׁאֶשְׁמְרָה אֶת תּוֹרָתֶךָ:

אִיךְ בֶּעט דִיךְ, דֶערְבַּארֶעמִיגֶער גָאט, זַיי מִיךְ מְזַכֶּה אִיךְ זָאל הִיטֶען דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דִיא תרי״ג מִצְוֹת וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז גֶעבָּאטֶען:

הַצִּילֵנִי מִיֵּצֶר הָרָע וְאַל יִשְׁלוֹט בִּי כָּל אָוֶן:

בַּאשִׁירֶעם מִיךְ, לִיעבֶּער גָאט, פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע אִיךְ זָאל נִיט נָאכְגֶעהְן נָאךְ זַיין רַאטְה אוּן עֶס זָאל אִין מִיר נִישְׁט גֶעוועלְטִיגֶען קַיין שׁוּם אוּמְרֶעכְט אִין גָאר מַיין לֶעבֶּען:

אֵל רַחוּם עוֹרְרָה רַחֲמֶיךָ עַל עַם שׁוֹמְרֵי תוֹרָתֶךָ:

דֶערְבַּארְמִיגֶער גָאט, דֶערְוֶועק דַיין פִיעל דֶערְבַּארְמַקייט אויף דַיין לִיעבּ פָאלְק יִשְׂרָאֵל אוּן גֶעדֶענְק זַיי דֶעם זְכוּת וָואס זַיי הָאבֶּען מְקַבֵּל גֶעוֶועזֶען דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה:

יִשְׁמָעֵאל וְעֵשָׂו מֵאֲנוּ לְקַבְּלָהּ וְהֵם קִבְּלוּהָ:

אַז דוּא בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען צוּ דִיא קִינְדֶער פוּן יִשְׁמָעֵאל אוּן

משלי מוסר

שָׁבוּעוֹת לֵייעֶנְט מֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן מַתַּן תּוֹרָה. זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ, אַז וֶוען מַלְאָכִים וָואלְטֶען זִיךְ נִיט גֶעוֶוען פַארְשְׁטֶעלְט פַאר מֶענְשֶׁען אוּן קוּמֶען צוּ אַבְרָהָם, וָואלְט מֹשֶׁה נִיט גֶעקֶענְט גֶעהְמֶען דִי תּוֹרָה. ווייל וֶוען מֹשֶׁה אִיז אַרויף אויפְ'ן הִימֶעל מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, הָאבֶּען דִיא מַלְאָכִים גֶעזָאגְט: „וִויא קוּמְט אַ מֶענְשׁ צְווִישֶׁען אוּנְז?" אוּן זַיי הָאבֶּען אִיהְם גֶעוָואלְט מַזִּיק זַיין. הָאט גָאט גֶעמַאכְט דִיא צוּרָה פוּן

עֶשֶׂר צוּ גֶעבֶּען זֵיי דִי תּוֹרָה הָאבֶּען זֵיי זֵי נִיט גֶעוָואלְט נֶעהְ־מֶען, נוּר דַיין לִיעבּ פָאלְק יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען זֵי גֶענוּמֶען:

מָסְרוּ אֶת נַפְשָׁם וְחַיָּתָם עַל קְדוּשַׁת תּוֹרָתֶךָ:

גֶעדֶענְק אוּנְז, לִיעבֶּער גָאט, וָואס פִיעל פוּן דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען זֵייעֶר לֵייבּ אוּן זֵייעֶר לֶעבֶּען וֶועגֶען דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן דַיין תּוֹרָה אוּן דַיינֶע מִצְוֹת זֵיי זָאלֶען זֵיי חָלִילָה נִיט פַארְשֶׁועכֶען:

נִשְׁפַּךְ דָמָם כַּמַּיִם בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת:

עֶס אִיז פַארְגָאסֶען גֶעוָוארֶען זֵייעֶר בְּלוּט אִין יֶענֶע צַייטֶען אַזוֹי וִוי וַואסֶער אִין אַלֶע גַאסֶען דוּרְךְ דִי אוּמוֹת וָואס הָאבֶּען גֶעוָואלְט מַאכֶען אִיבֶּערְפָאהְרֶען זֵיי אוֹיף דִיא גֶעזֶעץ פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה:

לָכֵן קַבֵּל שְׁפִיכַת תְּפִלָּתִי וְזַעֲקָתִי רְצֵה:

דַארוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ, דֶערְבַּארֶעמִיגֶער גָאט, דוּ זָאלְסְט אָנְנֶעהְמֶען מַיין תְּפִלָּה וָואס אִיךְ טְהוּ פַאר דִיר פַארְגִיסֶען אוּן מַיין גֶעשְׁרֵיי פוּן מַיין מוֹיל זָאלְסְטוּ בַּאוִוילִיגֶען:

וְתַעֲלֶה לְפָנֶיךָ לְרָצוֹן בִּרְכָתִי עַל נֵרוֹתַי:

אוּן עֶס זָאהְל פַאר דִיר אוֹיפְגֶעהְן צוּם גוּטֶען ווִילֶען מַיין בְּרָכָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אוֹיף דִי לִיכְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּענְטְשְׁט לִכְבוֹד דֶעם הֵיילִיגֶען יוֹם טוֹב:

משלי מוסר

מֹשֶׁה גְלַייךְ צוּא דֶער צוּרָה פוּן אַבְרָהָם אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּא דִיא מַלְאָכִים: „שֶׁעהְמְט אִיהְר זִיךְ נִיט פַאר דֶעם מֶענְשֶׁען? אִיהְר זַייט דָאךְ בַּיי אִיהם גֶעוֶועןָ אוּן בַּיי אִיהְם גֶעגֶעסֶען“. דִיא מַלְאָכִים זַיינֶען אַרָאפְּגֶעפַאלֶען בַּייא זִיךְ אוּן הָאבֶּען מֹשֶׁהן גָאר נִיט גֶעטְהָאן. דֶער דוּבְּנֶער מַגִּיד זָאגְט דַארוֹיף אַ מָשָׁל:

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שַׂר וָואס אִיז

וְתָאִיר אֶת עֵינֵי בַּעֲלִי וְזַרְעִי בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה:

און דו זאלסט דערלייכטען דיא אויגען פון מיין מאן און מיינע קינדער אין דיין היילינע תורה אזוי וויא איך האב גע־טהאן דערלייכטען מיט די ליכט גאר מיין הויז:

וְתַצִּילֵנוּ מִמִּיתָה עַל יְדֵי קוֹלוֹת וּבְרָקִים:

און בזכות וואס זיי האבען מקבל געווען דיין היילינע תורה וואס זיא איז געגעבען געווארען מיט דונערען און בליצען זאלסטו אונז באשירמען עס זאל חלילה אונז ניט שאדען קיין דונער און בליץ:

וּתְבָרְכֵנוּ לְפַרְנָסָה וְכַלְכָּלָה מִיָּדְךָ הַמְּלֵאָה:

און זאלסט אונז בענטשען צוא פרנסה און שפייז פון דיין פולע געבענשטע האנד מיר זאלען חלילה ניט דארפען אנ־קומען צו קיין פרעמדען טיש. צו דער גאב פון א בשר ודם:

וּתְבָרֵךְ אֶת פֵּירוֹת הָאִילָנוֹת לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה:

און זאלסט בענשען, ליעבער גאט, די פירות פון די בוי־מער וואס דו טהוסט היינטיגען טאג משפט'ן צו גוטם און צו בענשונג אז די בוימער זאלען אויסציהען פיעל פרוכט:

וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים:

און אונזערע אויגען זאלען זוכה זיין צוא זעהען אין דיין אומקעהרען זיך קיין ציון מיט גרויס דערבארמקייט:

משלי מוסר

געוועזן א גרויסער חשוב ביים מלך. דער מלך האט געהאט א בן יחיד און דעם שר האט אויסגעוויזען אז ער איז מעהר באליעבט ביים מלך ווי זיין איינציג קינד און ער האט זיך אזוי בעריהמט פאר לייטען. דער בן מלך האט זיך דערוואוסט, אז דער שר בעריהמט זיך אזוי און ער

תּוֹרָה תּוֹרָה עִמְדִי נָא לִפְנֵי אֵל שׁוֹכֵן מְרוֹמִים:

תּוֹרָה תּוֹרָה, שְׁטֶעל זִיךְ אַ נִידֶער פַאר גָאט וָואס עֶר רוּהְט אִין דִי הוֹיכֶע הִימְלֶען אוּן זַיי אַ גוּטֶע מְלִיצָה פַאר גָאט אוּנְז אוֹיסְצוּלֵייזֶען:

וְהַעֲלִי אֶת תְּחִנּוֹתֵינוּ לִפְנֵי כִּסֵּא כְבוֹדוֹ:

אוּן בְּרֵיינְג אוֹיף אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת פַאר זַיין כִּסֵּא הַכָּבוֹד עֶר זָאל זֵיי מְקַבֵּל זַיין בְּרָצוֹן אוּן זָאל מְמַלֵּא זַיין אוּנְזֶערֶע בַּקָּשׁוֹת וָואס מִיר טְהוּעֶן אִיהְם תָּמִיד בֶּעטֶען:

שֶׁיָּאִיר אֶת מַזָּלֵנוּ לִישׁוּעָה וְלִרְוָחָה:

אַז עֶר זָאהל דֶערְלֵייכְטֶען אוּנְזֶער מַזָּל צוּא אַ גוּטֶע הִילְף אוּן צוּא בְּרֵייטְקַייט. אוּנְזֶער פַּרְנָסָה זָאל אוּנְז גְרֵיינְג אָנְקוּמֶען אוּן אִיךְ אוּן מַיין מַאן זָאלֶען מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְגַדֵּל זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צוּא דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה בִּזְכוּת אֲבוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, אָמֵן וְאָמֵן, כֵּן יְהִי רָצוֹן:

אַ תּוֹרָה לִיעֶד פוּן שָׁבוּעוֹת.

זָאגְט דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה: צְוֵויי טוֹיזֶענְד יָאהְר אֵיידֶער דִיא וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען, הָאט מִיךְ מַיין בַּאשֶׁעפֶער בַּאשַׁאפֶען אוּן מַאכֶען גֶעבָּארֶען, פַאר צְוֵויי אוּן

משלי מוסר

אִיז פוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ גֶעוָוארֶען זֶעהְר מָרָה שְׁחוֹרָה. מֶען הָאט גֶעבְּרַאכְט גְרוֹיסֶע רוֹפְאִים אוּן זֵיי הָאבֶּען גֶעזָאגְט, אַז דִיא אֵיינְצִיגֶע רְפוּאָה צוּא זַיין קְרַאנְקְהַייט אִיז, מֶען זָאל אִיהְם מַאכֶען צוּם לַאכֶען. דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעהַאלְטֶען מִיט זַיינֶע מְקוֹרָבִים אוּן זֵיי הָאבֶּען אִיהְם גֶעבֶּעטֶען, אַז עֶר זָאל הֵייסֶען יֶענֶעם שַׂר דֶעם בֶּערִיהְמְטֶער עֶר זָאל זִיךְ פַארְשְׁטֶעלֶען פַאר אַ בֶּער אוּן מַאכֶען הוּנְצֶען פַאר'ן בֶּן הַמֶּלֶךְ אוּן יֶענְ

צְוַואנְצִיג דוֹרוֹת, אוּן פַאר דִי שְׁנֵי מְאוֹרוֹת. אִיךְ הָאבּ אִין מִיר צֶעהְן גֶעבָּאט, וָוער עֶס וֶועט דָאס הַאלְטֶען וֶועט נִיט קוּמֶען צוּא שַׁאנְד אוּן שְׁפָּאט. אוֹיךְ וֶוער דָאס וֶועט וִויסֶען וָואס אִין מִיר אִיז גֶעשְׁלָאסֶען, זַיין אוֹיבִּיג לֶעבֶּען וֶועט עֶר דוּרְךְ מִיר גֶענִיסֶען. אִיךְ לָאז אַייךְ מַיינֶע צֶעהְן גֶעבָּאט פַארְשְׁטֶעהְן גֶעבֶּען, וֶועט אִיהְר וִויסֶען דֶעם וֶועג וָואס פִיהְרְט צוּא לַאנְגֶעם לֶעבֶּען:

דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז:

אָנֹכִי, אִיךְ בִּין גָאט אַלֵיין, אוּן אוֹיס מִצְרַיִם הָאבּ אִיךְ אַייךְ אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען דוּרְךְ גֶעשְׁרֵיי אוּן דוּרְךְ גֶעוֵויין. דַארוּם גֶעהֶערְסְטוּ דֶעם אֵיינֶעם גָאט צוּא הַאלְטֶען, דֶען פוּן דַיינֶעט וֶועגֶען יִשְׂרָאֵל הָאבּ אִיךְ דֶעם יַם גֶעשְׁפָּאלְטֶען:

דָאס צְווֵייטֶע אִיז:

לֹא יִהְיֶה, זָאלְסְט נִיט מַאכֶען קַיין פִיגוּר אוּן קַיין בִּילְד, נָאר אִיךְ אַלֵיין זָאל זַיין דַיין צִיערוּנְג אוּן דַיין שִׁילְד, דוּ זָאלְסְט זִיךְ פַאר זֵיי נִישְׁט בּוּקֶען וִויא אַ קְנֶעכְט, דֶען בָּרוּךְ הוּא וֶועט דַיין פִיערְטֶען גֶעבוּרְט מְהָאן רֶעכְט:

דָאס דְרִיטֶע אִיז:

לֹא תִשָּׂא, דוּ זָאלְסְט בַּיי גָאטְ'ס נָאמֶען נִיט פַאלְשׁ שְׁווֶערֶען, זָאלְסְט גָאטְ'ס גֶעבָּאט הַאלְטֶען אוּן צוּהֶערֶען, דֶען וֶוען

משלי מוסר

עֶר וֶועט דֶעם שַׂר דֶערְקֶענֶען וֶועט עֶר גֶעוִויס לַאכֶען. דִיעזֶער מִיטֶעל אִיז גֶעטְהָאן גֶעוָוארֶען. דֶער בֶּן יָחִיד הָאט אוֹיס נְקָמָה שְׁטַארְק גֶעלַאכְט אוּן עֶר אִיז גֶעהֵיילְט גֶעוָוארֶען. וֶוען דֶער שַׂר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּא אַנְדֶערֶע שָׂרִים: אַצִינְד בִּין אִיךְ מוֹדֶה אַז דֶער מֶלֶךְ לִיעבְּט זַיין זוּהְן בֶּעסֶער וִויא מִיר, וַוייל צוּלִיעבּ זַיין גֶעזוּנְדְהַייט, הָאבּ

ניט װעסטו האבען א שלעכטען סוף, און באקומען א שװע־
רע שטראף:

דאס פירטע איז:

זכור, דעם שבת זאלסטו געדענקען און היטען, דען דאס איז איינע פון דיא גוטע זיטען, זעקס טעג זאלסט דו טהאן דיין מלאכה, װעסטו האבען מזל און ברכה:

דאס פינפטע איז:

כבד, זאלסט עהרליך האלטען דיין פאטער און מוטער, װעט דיר גאט דער גוטער, שענקען לאנג לעבען, און אל־דאס גוטס געבען:

דאס זעקסטע איז:

לא תרצח, דו זאלסט ניט מארדען קיין מענשען, װעט דיך דער גרויסער גאט בענשען, װען אבער דו װעסט פאר־גיסען בלוט, װעט דיר זיין אויף ביידע װעלטען ניט גוט:

דאס זיעבעטע איז:

לא תנאף, דו זאלסט ניט מזנה זיין, דיין גוף און נשמה זא־לען זיין ריין, לאז זיך ניט פון שטן פארפיהרען, װעט מיט דיר קיינע שלעכטעס פאסירען:

משלי מוסר

איך זיך געמוזט באריש מאכען און זיך פארשטעלען פאר א בער:

כך. אזויא איז געװען מיט דיא מלאכים, זיי האבען געדענקט אז זיי זיינען ביים רבונו של עולם גרע־סערע יחסנים װי די מענשען, אפילו דיא צדיקים, האט גאט זיי געצייגט אברהם'ס צורה און געזאגט: „זעהט איהר צוליב דעם װאס דיעזער האט זיך מצער געװען װאס קיין אורחים קומען ניט, האט איהר זיך געמוזט פארשטעלען פאר מענשען און עסען ביי איהם“. די מלאכים האבען דאן איינגעזעהן, אז א צדיק איז מעהר יחסן װי זיי און זיי האבען דרך ארץ באקומען פאר משה'ן:

דאס אכטע איז:

לא תגנב, דו זאלסט ניט גנב'ענען און נארען יענעם, וועסט דו נצול ווערען פון גהינום, פאלג וואס איך זאג און גיב קיין פאלשע מאס און וואג:

דאס ניינטע איז:

לא תענה, דוא זאלסט קיין פאלש עדות ניט זאגען, וועסטו זיך נאכהער נישט האבען צוא באקלאגען, דוא זאלסט שטענדיג זיין עהרליך און באשיידען, און אויף קיינעם קיין שלעכטס ניט ריידען:

דאס צעהנטע איז:

לא תחמד, צו גלוסטען דיין חבר'ס הויז און ווייב האסט דו קיין רעכט, אויך ניט זיין דיענסט און זיין קנעכט, אלעס וואס באלאנגט צו דיין געזעלען, טהארסטו ניט וועלען:

זעהר אשעהנע נייע תחנה פאר דיא וואס האבען קינדער אדער קרובים אין מלחמה.

מלך מלכים, רם על רמים, קעניג איבער אלע קעניגע און העכסטער איבער אלע העכסטע. דוא גרויסער גאט, אלמעכטיגער גאט, וואס דוא ביסט בעטיטולט מיט פיעלע טיטולען און מיט שלש עשרה מדות, ביזט אויך בעטיטולט מיט'ן נאמען „איש מלחמה", דער האדר, דער פיהרער פון מלחמה. קיין מלחמה ווערט ניט אהן דיין היילינגען רצון און קיין מלחמה ווערט נישט געוואונען אדער פארלארען סיידען עס ווערט אזוי נגזר פון דיין היילינגען נאמען. אתה הוא ה'

אֲשֶׁר בְּיָדְךָ נֶפֶשׁ כָּל חָי, דוּא בִּיסט דֶער גָאט, וָואס אִין דַיין האַנד אִיז דָאס לֶעבֶּען, דִיא נְשָׁמָה פוּן יֶעדֶע לֶעבֶּעדִיגֶע בַּאַשֶׁעפֶענִישׁ. קַיין מֶענְשׁ שְׁטַארְבְּט נִיט, וֶוערְט נִיט בַּאשֶׁעדִיגְט אִין גוּף אוּן צוּקְרַאפְּט אֲפִילוּ נִיט אַ פִינְגֶער סַיידֶען עֶס וֶוערְט אוֹיף אִיהם אַזוֹי נִגְזַר פוּן הִימֶעל. וֶוען אַ סָאלְדַאט וֶוערְט גֶע־הַרְגֶ'עט אָדֶער פַארְווֹאוּנְדֶעט אִין אַ מִלְחָמָה אִיז עֶס אַזוֹי אָנְגֶעשְׁרִיעבֶּען אוּן גֶע'חַתְמֶ'עט גֶעוָוארֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּפּוּר, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגֶען אִין וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף: „מִי בַּחֶרֶב״, וֶוער עֶס זָאל גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערֶען מִיטְ'ן שְׁוֶוערְד אוּן וֶוער דוּרְךְ אַן אַנְדֶער זַאךְ, וַוייל הַרְבֵּה שְׁלוּחִים לַמָּקוֹם, גָאט בָּרוּךְ הוּא הָט אַ סַךְ שְׁלוּחִים, אַ סַךְ וֶועגֶען וִויא אַזוֹי צוּ שְׁטְרָאפֶען דֶעם זִינְדִיגֶען מֶענְשֶׁען:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַיין דִיענְסְט, וָואס שְׁטֶעה אִיצְט אוּן בֶּעט פַאר דִיר, הָאבּ קִינְדֶער (קְרוֹבִים) אִין דֶער אִיצְטִיגֶער מִלְחָמָה. מִיט זֵייעֶר גֶעהְן אִין מִלְחָמָה הָאבֶּען זֵיי מְקַיֵּם גֶעוֶוען אַמִצְוָה, וַוייל ־־י גְמָרָא הַקְּדוֹשָׁה זָאגְט: „דִינָא דְמַלְכוּתָא דִינָא״, דֶער דִין פוּן דֶער מְלוּכָה, דִיא גְזֵירַת הַמֶּלֶךְ אִיז אַ דִין וָואס מֶען אִיז מְחוּיָב אוֹיסְצוּפָאלְגֶען אַקוּרַאט אַזוֹי וִויא אַ דִין פוּן דֶער תּוֹרָ ה, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען וֵויים אִיךְ, אַז דָאס הָאבֶּען זֵייעֶרֶע זִינְד גוֹרֵם גֶעוֶוען, אַז זֵייא זָאלֶען גֶעשִׁיקְט וֶוערֶען אִין מִלְחָמָה א־ זֵיי זָאלֶען דַארְפֶען ווִילֶענְדִיג אָדֶער נִיט וִוילֶענְדִיג שִׁיעסֶען אוּן טוֹידְטֶען אָדֶער פַארְווֹאוּנְדֶען מֶענְשֶׁען, אַזוֹי וִויא דִי גְמָרָא הַקְּדוֹשָׁה זָאגְט: „מְגַלְגְּלִין זְכוּת עַל יְדֵי זַכָּאי, וְחוֹבָה עַל יְדֵי חַיָּב״, דִיא הֵיילִיגֶע הַשְׁגָּחָה פוּן הִימֶעל בְּרֵיינְגְט גוּטֶעס דוּרְךְ אַ גֶערֶעכְטֶען אוּן שְׁלֶעכְטֶעס דוּרְךְ אַ שׁוּלְדִיגֶען. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיךְ, לִיעבֶּער גָאט, מְחַל וּסְלַח, זַיי מוֹחֵל אוּן פַארְגִיעבּ דִי זִינְד פוּן מַיינֶע קִינְדֶער (מַיינֶע קְרוֹבִים) וָואס זֵיי־

נען איצט אין מלחמה און זאל קיינער ניט געטוידטעט אדער פארוואונדעט ווערען דורך זייערע הענד. שיק אויך דיינע גוטע מלאכים אז זיי זאלען זיי באשיצען פון דיא קוילען און פון שווערד פון שונא. העלף זיי, טאטע זיעסער, אז זיי זאלען קומען פון דער מלחמה בשלום אהן א מום און אהן א פלעק פון זינד אויף זייערע נשמות.

ואם נגזר עליהם, און אויב עס איז חס וחלילה אויף זיי נגזר געווארען פון בית דין של מעלה אז זיי זאלען געטוידטעט אדער פארוואונדעט ווערען, איז דאך תשובה, תפלה וצדקה מעבירין את רע הגזירה, און היות אזוי ווי מיינע קינדער (מיינע קרובים) און אלע אידישע קינדער האבען דאך ביי אזא קריטישע צייט געווים א הרהור תשובה, און איך, דיין דיענסט, טהו איצט תפלה פאר זייא, און בין זיך מתחייב צו געבען צדקה פון זייערטוועגן. דעריבער זאלסטו, גאטעניו, מבטל זיין דיא גזירה רעה און דו זאלסט מיינע אייגענע און אלע אידישע קינדער וואס זיינען אין דער מלחמה פארשרייבען לחיים ולא למות, לברכה ולא לקללה, און זייערע ווייבער זאלען ניט פארבלייבען אלמנות און די קינדער יתומים. מאך וואס שנעלער שלום צווישען די שטרייטענדע פעלקער און קיין מענשען־בלוט זאהל מעהר נישט פארגאסען ווערען, ווייל דו איינער און מעהר קיינער קאן דאס באווייזען, ווארום אזוי וויא דו ביסט אן „איש מלחמה”, אזוי ביסטו אן „עושה שלום”. זאהל דעריבער, רבונו של עולם, אנגענומען ווערען מיין תפלה און דיא תפלה פון אלע אידען, וואס מיר בעטען עטליכע מאהל אין טאג: „עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן”.

תחנה חדשה פאר א פרוי וואס האלט זיך אויף ביי קינדער.

רבון העולמים, האר פון אלע וועלטען. מיר אלע מענשען פון דער וועלט, זיינען דיינע קינדער, אזוי ווי מיר רופען דיך אין אונזערע היילינע תפלות „אבינו מלכנו", אונזער פאטער און אונזער קעניג. מיר זיינען דעריבער אלע פערפליכטעט צו פאלגען דיך, מורא האבען פאר דיר, אפגעבען דיר כבוד און טהאן דיינע געבאטען, אזוי ווי דו האסט אונז אנגעזאגט אין דיין היילינע תורה. דיין היילינער רצון איז אויך, אז מיר זאלען עהרליך האלטען אונזערע מענשליכע עלטערען, וועלכע האבען אונז געבראכט אויף דער וועלט דורך דיינע גרויסע גנאדען, אזוי ווי דו האסט אנגעזאגט אין דיינע היילינע צעהן געבאט „כבד את אביך ואת אמך". דו זאלסט עהרליך האלטען דיין פאטער און מוטער. איך וויים ניט, אויב איך בין שטענדיג יוצא געווען פאר דיר, הימעלשער פאטער, און פאר מיין פאטער און מוטער, וואס האבען מיך אויף דער וועלט געבראכט, ערצויגען, געזארגט פאר מיר און געמאכט מיך פאר א מענשען. איך בין דאך ניט מעהר ווי א זינדיגער מענש מיט א יצר־הרע, וואס פיהרט ארויף אויף אלעם בייזען. אפשר בין איך געשטרויכעלט געווארען און ניט מקים געווען די מצוה פון כבוד אב ואם ווי געהעריג איז. אפשר האב איך געטהאן זאכען וואס איז זיי ניט געווען לרצון, אפשר האב איך מיינע עלטערן פערשאפט עגמת־נפש, אפשר האב איך זיי אום־כבוד פערשאפט, בעט איך דיך, אב הרחמים, דערבארעמדיגער פאטער, שטראף מיך ניט איצט מיט מדה כנגד מדה.

איך, דיין דינסט, וואס שטעה דא איצט פאר דיר, דארף איצט אנקומען צו די חסדים פון מיינע קינדער. איך דארף זיך ביי זיי אויפהאלטען און אן זיי איז אפהענגיג מיין לעבען און עקזיסטענץ. בעט איך דיר, גוטער פאטער אין הימעל, חזקם ואמצם, שטארק זיי און פעסטיג זיי, שטארק זיי אין כח, אז זיי זאלען זיין געזונד און זיי זאלען קענען פערדינען גענוג אויף זייערע אייגענע הצטרכות און אויף מיינע הצטרכות, און שטארק אויך זייערע הערצער, אז זיי זאלען מיך האלטען עהרליך, אז זיי זאלען מיר געבען ברויט, א שוך און א קלייד בסבר פנים יפות, מיט א פרעהליך פנים און מיט'ן גאנצען הארצען און איך זאל חלילה ניט זיין אויף זיי א לאסט. מיר לעבען אין אזא צייט וואס מאנכע קינדער האלטען ניט עהרליך זייערע עלטערען. אפשר איז עס דער־[illegible] גורם, בעט איך דיך גאט, גיב מיינע קינדער און אייניקלאך א זינען, אז זיי זאלען מיך ליעב האבען, אז איך זאל ביי זיי האבען אזא חן, אזוי ווי זיי האבען ביי מיר, אז זיי זאלען זיך חלילה ניט שעהמען מיט מיר און איך זאל זיך ניט דארפען שעהמען מיט זיי. תן בלבם להבין ולהשכיל גיב אריין אין זייערע הערצער שכל צו פערשטעהן און צו קלוג זיין, אז זיי זאלען מיך האלטען בכבוד, אז זיי זאלען ניט טהאן אזעלכעס וואס איז געגען מיין רצון און דיין הייליגען רצון. איך זאל, רבונו של עולם, ניט זיין אנגעווארפען אויף זיי און זיי זאלען מיך ניט האלטען פאר איבעריג ביי זייער טיש, אזוי ווי זיי זיינען קיינמאל ניט געווען איבריג ביי מיין טיש. העלף דערבארימדיגער פאטער, אז זיי זאלען אלע געהן אין דיינע דרכים און איך זאל ביי זיי האבען מיין שפייז בנחת ולא

בְּצַעַר. אִיךְ זָאל חָלִילָה נִיט הָאבֶּען קַיין עַגְמַת־נֶפֶשׁ פוּן זֵיי אוּן זֵיי פוּן מִיר אוּן נוּר שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה זָאל הֶערְשֶׁען אִין זֵייעֶרֶע הַייזֶער אוּן קַיין בֵּייז זָאל זֵיי קֵיינְמָאל גֶעשֶׁעהֶן.

אוּן טָאמֶער וֶועלֶען זֵיי חַס־וְשָׁלוֹם גֶעשְׁטְרוֹיכֶעלְט וֶוערֶען אוּן מִיךְ נִיט הַאלְטֶען וִוי גֶעהֶערִיג אִיז, אָדֶער נִיט נוֹהֵג־כָּבוֹד זַיין מִיךְ וִוי מֶען דַארְף, בֶּעט אִיךְ דִיר, אַב הָרַחֲמִים וְהַסְלִיחוֹת אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי פֶערְגֶעבֶּען זֵייעֶר זִינְד אוּן חַס־וְשָׁלוֹם נִיט שְׁטְרָאפֶען זֵיי צוּלִיעבּ מִיר. אוֹיבּ חָלִילָה, דִי שָׁעָה זָאל קַיין שָׁעָה נִיט זַיין, עֶס וֶועט נִגְזַר וֶוערֶען בַּיי דַיין בֵּית־דִין שֶׁל מַעְלָה, אַז מַיינֶע קִינְדֶער אָדֶער אֵיינִיקְלַאךְ זָאלֶען גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערֶען צוּלִיעבּ מִיר, בֶּעט אִיךְ דִיךְ, הַארְצִיגֶער פָאטֶער אִין הִימֶעל, אַז דוּ זָאלְסְט בֶּעסֶער מִיךְ שְׁטְרָאפֶען פַאר זֵייעֶר זִינְד אוּן זֵיי זָאל קַיין בֵּייזֶעס גֶעשֶׁעהֶן, אָמֵן וְאָמֵן.

אַ נַייעֶ תְּחִנָּה פַאר אַן עֲגוּנָה וֶועמֶען דֶער מַאן הָאט פֶערְלָאזֶען.

אַב הָרַחֲמִים שׁוֹכֵן בַּמְּרוֹמִים, דֶערְבַּארִימְדִיגֶער פָאטֶער וָואס רוּהְט אִין דִי הִימְלֶען. דַיינֶע אוֹיגֶען זַיינֶען דָאךְ שְׁטֶענְדִיג אָפֶען אוּן דוּ קוּקְסְט אוּן דוּ גִיבְּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף אַלֶע דַיינֶע בֶּעשֶׁעפֶענִיסֶען אוּן מִכָּל־שֶׁכֵּן אוֹיפ'ן מֶענְשֶׁען וָואס אִיז בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען אִין דַיין גֶעשְׁטַאלְט, גִיבּ אוֹיךְ אַכְטוּנְג אוֹיף מִיר דַיין דִיעֶנְסְט אוּן זֶעה מַיין פַּיין. הֶעלְף מִיךְ, גָאטֶעניוּ, אִין מַיין נוֹיט אוּן טְהוּ נִיט אָפּ דַיין חֶסֶד פוּן מִיר, אַזוֹי וִוי דוּ טוּסְט נִיט אָפּ דַיין חֶסֶד פוּן אַלֶע דַיינֶע בְּרוּאִים. וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו, דַיין רַחֲמָנוּת אִיז אוֹיף אַלֶעם וָואס דוּ הָאסְט בֶּעשַׁאפֶען, הָאבּ־זְשֶׁע אוֹיף מִיר אוֹיךְ רַחֲמָנוּת אוּן פֶערְנֶעהְם מַיין תְּפִלָּה אוּן עֶנְטְפֶער מִיר וֶוען אִיךְ רוּף דִיךְ.

דוּ הָאסְט, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אָנְגֶעזָאגְט אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

אַז מֶענְשֶׁען זָאלֶען חֲתוּנָה הָאבֶּן אוּן בְּרֵיינְגֶען דוֹרוֹת אוֹיף דֶר וֶועלְט.
אִיךְ הָאבּ עֶרְפִילְט דַיין הֵיילִיגֶען ווִילֶען אוּן אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט
כְּדַת משֶׁה וְיִשְׂרָאֵל אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעבָּאטֶען. מַיין זִיווּג אִיז אָבֶּער
נִיט עוֹלֶה לְיָפֶה גֶעווֶען אוּן מַיין מַאן אִיז פוּן מִיר אַוֶועק אוּן מִיךְ אִי־
בֶּערְגֶעלָאזְט אַ לֶעבֶּעדִיגֶע אַלְמָנָה אָדֶער אַן עֲגוּנָה. אִיךְ וֵויים, גוּטֶער
גָאט, אַז דוּ אַלֵיין בִּיזְט דֶער אֱמֶת׳ער מְזַוֵוג זִיווּגִים, אַז אָהן דַיין הֵיי־
לִיגֶען ווִילֶען וֶוערְט קֵיין שִׁידוּךְ גֶעשְׁלָאסֶען, אָבֶּער מִסְתָּמָא בִּין אִיךְ
בַּיי דִיר נִיט וֶוערְטְה גֶעוֶועזֶען, מִסְתָּמָא הָאבֶּען מַיינֶע זִינְד גוֹרֵם גֶעוֶוען
אַז אִיךְ זָאל פֶערְלִירֶען דֶעם חֵן אִין מַיין מַאן׳ס אוֹיגֶען אוּן עֶר זָאל מִיךְ
אִיבֶּערְלָאזֶען אַן עֶלֶענְדֶע אוּן אַן אוּמְגְלִיקְלִיכֶע. אִיךְ בִּין אִיצְט אַזוֹי
ווִי אַ צוּבְּרָאכֶענֶע שִׁיף אִין מִיטֶען יַם. אִיךְ הָאבּ נִיט צוּ וֶועמֶען צוּ
קֶעהְרֶען זִיךְ אוּן וֶוענְדֶען זִיךְ. אִיךְ הָאבּ נִיט פַאר וֶועמֶען מַיין בִּיטֶער
הַארְץ אוֹיסְצוּרֶעדֶען, נוּר פַאר דִיר אֵל טוֹב וְסַלָּח, גוּטֶער גָאט אוּן
פֶערְגֶעבֶּער.

אַב הָרַחֲמִים וְהַסְלִיחוֹת, פָאטֶער פוּן עֶרְבַּארְמוּנְג אוּן פֶערְצַיי־
הוּנְג. אֶפְשַׁר הָאבּ אִיךְ פַאר דִיר עֶפֶּעס גֶעזִינְדִיגְט פַאר מַיין חֲתוּנָה,
אֶפְשַׁר הָאבּ אִיךְ זִיךְ נָאךְ מַיין חֲתוּנָה נִיט אוֹיפְגֶעפִיהְרְט פִּינְקְטְלִיךְ וִוי
אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִיהְרֶען, אֶפְשַׁר הָאבּ אִיךְ נִיט
רִיכְטִיג אָפְּגֶעהִיט דִי אַלֶע מִצְוֹת אוּן דִינִים וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז
פְרוֹיעֶן גֶעגֶעבֶּען, אֶפְשַׁר הָאבּ אִיךְ גֶעזִינְדִיגְט גֶעגֶען דִיר אוּן גֶעגֶען
מַיין מַאן מִיט אַ בֵּייזֶע מַחֲשָׁבָה, חַס־וְשָׁלוֹם, אוּן דֶערְפַאר הָאסְטוּ
מִיךְ גֶעשְׁטְרָאפְט, בֶּעט אִיךְ דִיךְ אֵל רַחוּם וְחַנוּן, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוּן
פֶערְגִיבּ מַיינֶע זִינְד אוּן קֶעהְר אוּם דָאס הַארְץ פוּן מַיין מַאן צוּרִיק צוּ
מִיר. טָאמֶער הָאבּ אִיךְ גֶעגֶען אִיהם עֶפֶּעס פֶערְזִינְדִיגְט, טָאמֶער הָאבּ
אִיךְ אִיהם נִיט גֶעהַאלְטֶען בְּכָבוֹד אַזוֹי וִוי אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער דַארְף
הַאלְטֶען אִיהר מַאן, מַאךְ אִיהם, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פֶערְגֶעסֶען דִי עַוְלוֹת
וָואס אִיךְ בִּין גֶעגֶען אִיהם בֶּעגַאנְגֶען אוּן זֶעה אַז אִיךְ זָאל צוּרִיק גֶע־
פִינֶען לַייטְזֶעלִיגְקֵייט אִין זַיינֶע אוֹיגֶען אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט

לייטזעליגקייט אין זייגע אויגען אין דעם טאג פון אונזער חופה. קעהר צוריק אום זיין ליעבשאפט צו מיר און זאל אויף אונז מקוים ווערען ווי עס שטעהט געשריבען אין דיין היילינע תורה: „והיו לבשר אחד", מאן און ווייב זאלען זיין אזוי ווי איין גוף, און נור שלום ושלוה זאל ביי אונז הערשען כל־זמן מיר וועלען לעבען.

אויב אימיצער איז שולדיג אין מיין אונגליק, אויב שלעכטע מענשען האבען מיין מאן אראפגעפיהרט פון דרך הישר, אויב בייזע צינגער האבען איהם אפגערעדט פון מיר, פערלאנג איך ניט חלילה אז דו, פאטער אין הימעל, זאלסט זיי דערפאר שטראפען. אבער איך בעט דיר, אז דו זאלסט אומקעהרען זייערע הערצער צו גוטען און זיי זאלען מיר מעהר ניט שטעהן אין וועג און ניט שטערען מיין מאן צו קומען צוריק צו מיר. שטארק, רבונו של עולם, זיין הארץ און די הערצער פון מיינע שונאים, אז זיי זאלען וועגען מיר קיינע שלעכטעס ניט דענקען און איך זאל אויסלעבען מיינע יאהרען מיט מיין מאן אין גליק און אין פריעדען, אמן סלה.

א נייע תחנה פיר אמעריקא ווען מען הערט שלעכטע בשורות פון דער אלטער היים.

רבונו של עולם, דו ביסט דאך א דין אמת און דו טהוסט משפטן די וועלט מיט גערעכטיגקייט. דו שטראפסט די זינדיגע פאר זייערע זינד און דו באצאהלסט מיט גוטעס צו דיא וואס טהוען דיין ווילען, קיין זאך געשעהט נישט אהן דיין היילינען רצון און אי גוטעס אי שלעכטעס קומט פון דיין האנד, דעריבער האט אונז די גמרא הקדושה אנגעזאגט, אז מען דארף דאנקען און לויבען גאט פאר שלעכטעס אזוי ווי פאר גוטעס. אונזערע חכמים האבען אויך באשטימט דיא ברכה „ברוך דין אמת" וואס מען דארף מאכען ווען מען הערט חלילה א שלעכטע בשורה. מיר הערען איצט דא אין

אַמֶעריַקא נִיט קֵיין גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת פוּן דֶער אַלְטֶער הֵיים אוּן אִיךְ גִיעבּ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַ שֶׁבַח וְהוֹדָיָה וַויִיל דוּ בִּיזְט דָאךְ אַ שׁוֹפֵט צֶדֶק אוּן דוּא וֵוייסְט וָואס דוּא טְהוּסְט אוּן מֶען טְהָאר נִיט נָאכְקְלֶעהְרֶען נָאךְ דַיינֶע מִדוֹת:

אָבֶּער אַב הָרַחֲמִים וְהַסְלִיחוֹת, אוֹיבּ זֵייעֶרֶע זִינְד דָארְט הָאבֶּען גוֹרֵם גֶעוֶועזֶען אַז דוּא זָאלְסְט זֵיי שְׁטְרָאפֶען, זָאלְסְטוּ זֵיי מוֹחֵל זַיין אוּן זֵיי מִשְׁפָּטְ'ן בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים צוּלִיעבּ דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים, וֶועמֶעס נְשָׁמוֹת עֶס זַיינֶען שׁוֹין לַאנְג אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט אוּן צוּלִיעבּ דֶעם זְכוּת פוּן דִיא צַדִיקִים אוּן חֲסִידִים פוּן אִיצְטִיגֶען דוֹר. אוֹיבּ וִויעדֶער זֵיי וֶוערֶען דָארְט גֶעשְׁטְרָאפְט פַאר אוּנְזֶערֶע זִינְד דָא אִין אַמֶע־רִיקַא, בֶּעט אִיךְ דִיר גָאט, סְלַח לָנוּ, מְחַל לָנוּ, כַּפֵּר לָנוּ, פַארְ־גִיעבּ אוּנְז אוּן זַיי אוּנְז מוֹחֵל אוּן זָאלֶען אוּנְשׁוּלְדִיגֶע נִיט לַייְ־דֶען פַאר אוּנְזֶערֶע חֲטָאִים. בַּאהִיט אוּן בַּאשִׁיְרְם, הַארְצִיגֶער פָאטֶער אִין הִימֶעל, מַיינֶע אֵייגֶענֶע קְרוֹבִים, בֶּעקַאנְטֶע אוּן כָּל יִשְׂרָאֵל, פוּן אַל דָאס בֵּייז. בַּאשִׁיץ דָארְט אַלֶעמֶען אוּנְ־טֶער דַיינֶע פְלִיגֶעל אוּן זָאלֶען זֵיי נִיט וִויסֶען פוּן קֵיינֶע רְדִיפוֹת, פוּן גֵירוּשִׁים, פוּן הוּנְגֶער נוֹיטְה, פוּן קְרַאנְקְהַייט אוּן פוּן קֵיינֶע צָרוֹת. בַּאהִיט אוּן בַּאשִׁיְרְם אַלֶע אוּנְזֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער אוּן בְּרִידֶער אוֹיף יֶענֶער זַייט יַם פוּן פָּאגְרָאמֶען, גֵירוּשִׁים, פֶּערְ־פָאלְגוּנְגֶען, שְׂרֵפוֹת אוּן מַגֵפוֹת. גִיעבּ אַרַיין אִין דִיא הֶערְצֶער פוּן דִי מְלָכִים אוּן שָׂרִים אַ גֶעדַאנְק אַז זֵיי זָאלֶען זִיךְ בַּאגֶעהְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט גוּטֶען אוּן טְהוּ אָפּ דִי שִׂנְאַת חִנָם פוּן פֶעלְקֶער צוּ אוּנְז. שְׁטֶעמְפֶּעל דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל מִיט דַיין הֵיילִיגֶער חֲתִימָה אוּן זָאהְל אוֹיף אוּנְז אַלֶעמֶען מְקוּיָם וֶוערֶען דֶער פָּסוּק: „וְרָאוּ כִּי שֵׁם ה׳ נִקְרָא עָלֶיךָ וְיִרְאוּ מִמֶךָ“ אוּן מִיר זָאלֶען נָאר הֶערֶען בְּשׂוּרוֹת טוֹבוֹת מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם:

תְּחִנָּה פִֿיר אַ פְרוֹי וָואס זַאמֶעלְט צְדָקָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַתָּה צִוִּיתָנוּ, דוּ הָאסְט אוּנְז פַֿארְזָאגְט אִין
דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה: „פָּתֹחַ תִּפְתַּח" אוּן „נָתֹן תִּתֵּן", דוּ
זָאלְסְט עֶפֶֿענֶען דַיין הַאנְד אוּן דוּ זָאלְסְט גֶעבֶּען דֶעם אָרֶעמ־
מַאן וָואס אִיהְם פֶֿעהְלְט. צְדָקָה גֶעבֶּען, רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף
אָרִימֶע אוּנְגְלִיקְלִיכֶע אִיז אֵיינֶע פֿוּן דַיינֶע הֵיילִיגֶע מִדּוֹת, וַוייל
דוּ בִּיזְט דָאךְ אַ רַחוּם וְחַנּוּן אוּן דוּ הָאסְט רַחֲמָנוּת אוֹיף אַלֶע
דַיינֶע בַּאשֶׁעפֶֿענֶעשׁ. דָאס וָואס דוּא שְׁטְרָאפְֿסְט אֵיינֶעם מִיט
אָרֶעמְקַייט טְהוּסְט דוּ עֶס נִיט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיס שְׁלֶעכְטְס, אוֹיס
אַכְזָרִיּוּת, נָאר אוֹיס לִיעבְּשַׁאפְֿט, אַזוֹי וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֶעהְט:
„אֵת אֲשֶׁר יֶאֱהַב ה׳ יוֹכִיחַ", וֶועמֶען גָאט הָאט לִיעבּ יֶענֶעם
שְׁטְרָאפְֿט עֶר. אוּן דֶערִיבֶּער, וַוייל דוּא הָאסְט דֶעם אָרֶעמַאן
לִיעבּ דַארְפֶֿען מִיר אִיהְם אוֹיךְ לִיעבּ הָאבֶּען אוּן אִיהְם הֶעלְ־
פֶֿען אוּן שְׁטִיצֶען מִיט אַלֶע מֶעגְלִיכְקַייטֶען. צְדָקָה אִיז אֵיינֶע
פֿוּן דִיא דְרַיי זַאכֶען, וָואס מַעֲבִירִין אֶת רוֹעַ הַגְּזֵרָה, וֶוען עֶס
וֶוערְט חַס וְחָלִילָה נִגְזַר אוֹיף אַ מֶענְשֶׁען שְׁלֶעכְטֶעס, קָאן עֶר
זִיךְ אוֹיסְקוֹיפֶֿען מִיט צְדָקָה. דֶערִיבֶּער אֶפְשַׁר זַיינֶען שְׁטֶענְדִיג
פַֿארַאן אָרִימֶע לַייט, אַזוֹי וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֶעהְט: כִּי לֹא יֶחְדַּל
אֶבְיוֹן מִקֶּרֶב הָאָרֶץ", כְּדֵי מְזַכֶּה זַיין אַנְדֶערֶע מִיט דֶער מִצְוָה
פֿוּן צְדָקָה. אָבֶּער אַזוֹי וִוי נִיט אַלֶע זַיינֶען פַֿארְמֶעגְלִיךְ צוּ גֶע־
בֶּען גֶענוּג צְדָקָה, אִיז זַאמְלֶען צְדָקָה, מַאכֶען אַנְדֶערֶע צוּ גֶע־
בֶּען צְדָקָה אַזוֹי גוּט אוּן נָאךְ בֶּעסֶער וִויא אַלֵיין גֶעבֶּען, אַזוֹי
וִוי דִי גְמָרָא הַקְּדוֹשָׁה זָאגְט: „גָּדוֹל הַמְעַשֶּׂה יוֹתֵר מִן הָעוֹשֶׂה",
דֶער וָואס מַאכְט אִימִיצֶען צוּ טְהָאן אַ מִצְוָה אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער
וִויא דֶער וָואס טְהוּט אַלֵיין דִי מִצְוָה. אִיךְ, דַיין דִיענְסְט, וָואס

שְׁטֶעהְט יֶעצְט פַאר דִיר, הָאבּ אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען אַזוֹי וִויא אַ נֶדֶר צוּ זַאמְלֶען צְדָקָה אוּן הֶעלְפֶען אָרִימֶע אוּן נוֹיטְלַיידֶענְדֶע אוּן דוּ גָאט בִּיזְט מַיין עֵדוּת, אַז אִיךְ טְהוּ דָאס מִיטְ'ן גַאנְצֶען הַארְצֶען לְשֵׁם מִצְוָה אוּן נִיט לְשֵׁם כָּבוֹד חַס וְשָׁלוֹם. בֶּעט אִיךְ דִיךְ, הָאֵל הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, אַז דוּ זָאלְסְט מִיט מִיר טְהָאן חֶסֶד אוּן שְׁטַארְקֶען מַיין הַארְץ, אַז אִיךְ זָאהְל אוֹיךְ אַזוֹי וִויא דוּא, שְׁטֶענְדִיג זַיין אַלֵיין גוּט אוּן טָאן גוּטֶעס מִיט אַנְדֶערֶע. חַזְּקֵנִי וְאַמְּצֵנִי, שְׁטַארְק מִיךְ אוּן פֶעסְטִיג מִיךְ, אַז אִיךְ זָאל זִיךְ קָאנֶען עוֹסֵק זַיין אִין דִיעזֶער מִצְוָה כָּל זְמַן אִיךְ וֶועל לֶעבֶּען:

הִנְנִי מַפֶּלֶת תְּחִנָּתִי לְפָנֶיךָ, אִיךְ מַאךְ פַאלֶען מַיין גֶעבֶּעט פַאר דִיר, הַארְצִיגֶער פָאטֶער אִין הִימֶעל, אַז דַיינֶער אַ גוּטֶער מַלְאָךְ זָאל מִיךְ בַּאגְלֵייטֶען, וֶוען אִיךְ גֶעה זַאמְלֶען צְדָקָה אוּן אִיךְ זָאהְל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אַזֶעלְכֶע מֶענְשֶׁען, וָואס הָאבֶּען נִיט צוּא גֶעבֶּען אוּן זֵיי זָאלֶען דוּרְךְ מִיר פַארְשֶׁעהְמְט וֶוערֶען. אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז עֶס זָאהְל אוֹיף מִיר נִיט פַאלֶען קֵיין חְשַׁד, אַז אִיךְ פֶעלְשׁ מַיין הֵיילִיגֶע שְׁלִיחוּת אוּן וואוּ אִיךְ וֶועל קוּמֶען זָאל מֶען מִיךְ אוֹיפְנֶעהְמֶען בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, אָהְן שׁוּם פַארְדַאכְט אוּן אָהְן שׁוּם סָפֵק. אַז אִיךְ טְהוּ מַיין אַרְבַּייט בֶּאֱמוּנָה. שָׁמְרֵנִי וְהַצִּלֵנִי, הִיט מִיךְ אוּן בַּאשִׁירְם מִיךְ, אַז אִיךְ זָאל חַס וְחָלִילָה דוּרְךְ אַ טָעוּת מִיסְבְּרוֹיכֶען דִיא צְדָקָה־גֶעלְד אוּן הֶעלְף מִיר אוֹיךְ, אַז דִי מְקַבְּלֵי צְדָקָה זָאלֶען דוּרְךְ מִיר נִיט פַארְשֶׁעהְמְט וֶוערֶען. זָאל, גוּטֶער גָאט, אוֹיף מִיר מְקוּיָים וֶוערֶען דֶער פָּסוּק: „וְהָיָה מַעֲשֵׂה הַצְּדָקָה שָׁלוֹם" אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ וֶועל טְהָאן אִין דֶעם עִנְיָן פוּן צְדָקָה, זָאל אִיךְ טְהָאן בְּלֵב שָׁלֵם, מִיט אַ גַאנְצֶע הַארְץ אוּן רֵיינֶעם גֶעוּויסֶען. בָּרוּךְ אַתָּה, אוֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט: